STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00472

KINDER-MARTIROLOGYE

Permanent preservation of this book was made possible
by Mark Lee Smith
in honor of
his loving mother and Jewish poet, Selma Moidel Smith

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קינדער-מאַרטיראָלאָגיע

זאמלונג פון דאָקומענטן

די הכנסה פונעם בוך איז באשטימט פאר
דער הילפס־ארבעט פונעם פוילישן יידנטום.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן – י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון אַ רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון וואַרשעווער געטאָ
16) קינדער־מאַרטירלאָגיע (זאַמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

פרידע זרובבל: נע־ונד (פאַרצייכנונגען פון אַ פּליטה)
מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
יאָנאַס טורקאָוו: אַזוי איז עס געשען... (חורבן־וואַרשע)
יוסף אָקרוטני: אין קלעם
אברהם טייטעלבוים: מיין וואַרשע
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון ייִדן אין פּוילן
ד"ר יצחק שיפּער: קאַפּיטלען געשיכטע
צפּורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן.

קינדער-מארטיראלאגיע

זאמלונג פון דאָקומענטן

צוזאמענגעשטעלט דורך

נח גריס

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
פארלאגס-לייטונג: אברהם מיטלבערג
בוענאָס איירעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

KINDER MARTYROLOGIE

(El martirio de los niños)

DOCUMENTOS

Buenos Aires, 1947

Hecho el depósito de marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאלט

זייט

יידישע קינדער אין דער צייט פון דער נאצי־אָקופּאציע — פון נח גריס — — — — — — — — — — — — 7

I. דערוואקסענע דערציילן

1) קינדער פון פּרוזשאנער געטאָ — — — — — — — 69
2) ליקווידאציע פון יתומים־הויז אין לובלין — — — — 75
3) די געשיכטע פון דעם קינדערהיים אין פּזשעמישל — 77
4) וואָס איז געשען מיט די קינדער פון ביאַליסטאָק — — 80
5) „באנדיטן, שיסט!" — — — — — — — — — — — 82
6) מיתות משונות — — — — — — — — — — — — 84
7) א מוטער דערציילט — — — — — — — — — — 86
8) פּארקליידט פאר א מיידל — — — — — — — — — 88
9) א פּוילישע פרוי דערציילט — — — — — — — — 91
10) פרוי מיכאלינא דערציט א יידיש קינד — — — — — 95
11) ווינטערצייט אין וואלד מיט דריי קינדער — — — — 97
12) עפּיזאָדן און פראגמענטן — — — — — — — — — 101
13) די קליינע העלדן פון קאָוונער געטאָ — — — — — — 104

II. קינדער דערציילן

א. געטאָ:

1) זכרונות פון ווארשעווער געטאָ — פון מיעטעק אייכעל 109
2) מיינע איבערלעבונגען — פון נינא באניאוואקא — — 126
3) אנטלויף, זון מיינער! — פון לאלעק ראָזענבלום — — 130
4) אין פּזשעמישלער געטאָ — — — — — — — — — 133

ב. אַקציעס:

5) דער 12טער אויגוסט 1942 אין בענדין — — — — — 137
6) אויגוסט 1942 אין לעמבערג — — — — — — — — 141

זייט

7) „איך באשולדיק דאָס דייטשע פאָלק" — — — — — — 143

8) „לאָזט מיר דאָס קינד" — — — — — — — — — — — 146

9) האראדענקע און טלוסטע — — — — — — — — — 148

10) די „אקציעס" אין באָריסלאוו — — — — — — — — 151

11) „זאָל מען שיסן" — — — — — — — — — — — — — 166

12) שאנטאזש און מסירה — — — — — — — — — — 173

13) מענטשן האָבן נישט געוואָלט גלויבן — — — — — 179

14) „כ'האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווי מיין מאמע האָט געהייסן" — — — — — — — — — — — 186

ג. לאגערם:

15) טאָגבוך פון ק. ל. — מאטהאוזען — — — — — — — 195

16) אן אכטיאָריק קינד דערציילט — — — — — — — — — 198

17) מיר האָבן געמוזט ארבעטן פאר די שונאים — — — — 201

18) טראווניקי — — — — — — — — — — — — — 203

19) זאָנדערקאָמאנדאָ — בירקענאו — — — — — — — — 204

20) „די דייטשן טאָר מען נישט גלויבן" — — — — — — — 215

21) יידישע ספעציאליסטן אין לאגער — — — — — — — 220

22) שטוטהאָף — — — — — — — — — — — — — — 224

23) „אלץ האָב איך געהאט, אויסער עלטערן" — — — — — 226

24) א לאגער־קינד — — — — — — — — — — — — 229

25) קינדער־סעלעקציע אין פלאשאוו — — — — — — — — 234

26) די קליינע „מאמע" — — — — — — — — — — — 236

27) „קיין לעבן" — — — — — — — — — — — — — 239

28) פון איין לאגער צום אנדערן — — — — — — — — — 248

29) „ס'איז געפערלעך געווען קראנק צו זיין" — — — — — 258

ד. תפיסות:

30) אמאָן געט ביי דער ארבעט — — — — — — — — — 267

31) אין צוועלף תפיסות — — — — — — — — — — — 271

נ ח   ג ר י ם

יידישע קינדער אין דער צייט פון דער נאצי-אָקופּאַציע

I

די היטלער־פּאָליטיק לגבי יידישע קינדער

דער פּעריאָד פון דער יידן־פארניכטונג פאלט זיך צונויף מיט דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס היטלער האָט געפירט אויף צוויי פראָנטן. דער עיקר האָט די מלחמה מיטן ראטנפארבאנד אבסאָרבירט מיליאָנען דייטשע זעלנער. באפרידיקן זייערע באדערפענישן האָבן די דייטשן מיט אייגענע ארבעטס־הענט נישט געקאָנט. אויך די געפאנגענע און די ציווילע באפעלקערונג פון די פארכאפּטע לענדער האָבן נישט אויסגעפילט די בלויזן, וואָס זענען אנטשטאנען אין דער מלחמה־פּראָדוקציע, מחמת די צעשטערונגען מצד דעם לופטוועזן פון די פארבינדעטע דעמאָקראטישע מלוכות.

אין די באדינגונגען האָבן זיך די דייטשן נישט געקאָנט דערלויבן מיטאמאָל אויסצומאָרדן די גאנצע יידישע באפעלקערונג. זיי האָבן דאָס געמאכט בהדרגה, אָפּרוקנדיק דעם טויט פאר ארבעטספעאיקע אויף א געוויסער צייט.

קלאָר, אז די ערשטע קרבנות זענען געווען קראנקע, זקנים און קינדער, ד״ה די, וואָס האָבן נישט געקאָנט ארויסהעלפן דער דייטשער קריגס־מאשין און זענען דערצו נאָך געווען, לויט דער נאצישער אויפפאסונג,

א באַלאַסט. דאָס איז אויך געווען אין הסכם מיט דער היטלער־„אידעאָ־לאָגיע" און מ'האָט פאַרשפּאָרט איינצוגיין אויף פּשרות.

דער דייטשער פּאשיזם האָט אויף דעם אָפּשניט אַרויסגעוויזן זיין ברוטאַלע איבערמאַכט און ראַפינירטן סאַדיזם.

לכתחילה האָט קיינער נישט געגלויבט אין א מעגלעכקייט פון הרגע־נען קינדער. צום וויניקסטן האָבן אין דעם געגלויבט די קינדער אַליין. דער דרייצניאָריקער גערטנער שרייבט, אַז ער האָט צוטרוי צו די דייטשן, ווייל א קינד וועלן זיי נישט באַוואלהן (פּראָטאָקאָל נום. 348 פון דער צענט. ייד. היסט. קאָמ. אין פּוילן). אָבער ער האָט זיך אַנטוישט און זיין אַנטוישונג האָבן מיט אים געטיילט אַלע, וואָס האָבן אין יאָר 1942 זיך נאָך געמאַכט אילוזיעס בנוגע דער „מענטשלעכקייט" פון די דייטשע חיות. ס'איז געקומען צום אויסדרוק דער אמתער פּרצוף פון זיגרייכן דייטש אין זיין גאַנצער אַנטבלויזטער שווידערלעכקייט.

אויף צו הרגענען קינדער איז געווען א שאָד אפילו א קויל פאַר אַכצן פעניג (פּראָט. 239) *).

אין מערץ 1942 איז דערשינען א באַפעל פון הימלערן, מ'זאָל אויפהערן צו שיסן קינדער. דער באַפעל איז געווען א צווייטייטיקער און אַזוי האָבן אים די דייטשן פאַרשטאַנען: זיי האָבן קיין קינדער מער נישט געשאָסן. זיי האָבן זיי באַגראָבן לעבעדיקערהייט, צוגעוואָרפן ווילדע חיות אין צירק אָדער הינט (פּראָט. 636, 826, 840), צעריסן מיט די הענט, צעשמעטערט אָןביימער אָדער מויערן, געשפּאָלטן די קעפּלעך מיט העק אאַ"וו.

דייטשע הענט אָדער הענט פון אויסוואורפן פון אַנדערע פעלקער האָבן געמאָרדעט קינדער ביי כלערליי געלעגנהייטן: אין די געטאָס, אין די לאַגערן, בשעת „אַקציעס" און אַבלאַוועס. זיי האָבן געמאָרדעט איינ־ציקווייז און מאַסנווייז. ביי די עלטערן האָט מען צוגערויבט קינדער און אַוועקגעפירט אין די טויט־פאַבריקן.

---

*) אלע נומערן פון פּראָטאָקאָלן באַציען זיך צו דער נומעראַציע פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן.

דייטשע קינדער לייענען שטרייכערס „שטירמער"
(א זייטל פון דער אנטיסעמיטישער קינדער־ליטעראטור) פון די ייוואָ־זאמלונגען אין בוענאָס־איירעס

מיר וועלן זיך דאָ פאַררופן בלויז אויף א פּאָר פון א גאַנצער מאַסע אָפּגעדרוקטע מאַטעריאַלן, וואָס וועלן אונדז בולטער מאַכן די דייטשע פּאָליטיק לגבי קינדער און דאָס בילד פון די „מענטשן", וואָס האָבן אזא פּאָליטיק רעאַליזירט.

ד"ר מ. פרידמאַן 1) האָט איין קאַפּיטל פון זיין בוך איבער אָשוויענטשים געווידמעט די קינדער. מיר דערוויסן זיך, אז אין אָשוויענטשים פלעגן די קינדער בכלל נישט פיגורירן אין דער רשימה פון די לאַגעריסטן, ווייל זיי זענען פון באַן געפירט געוואָרן גלייך אין די גאַז־קאַמערן. געווען פאַלן, ווען מ'האָט קינדער געממיתט מיט די קאָלבעס פון די ביקסן. זומער 1944 זענען זיי לעבעדיקערהייט געוואָרפן געוואָרן אין פייער אריין. זעלטן ווען האָט מען די קינדער געשאָנקען א „גנאַדענשוס", ד"ה א קויל, וואָס זאָל מקצר זיין זייערע ליידן.

די דאָזיקע באַשרייבונג איז באַשטעטיקט געוואָרן דורך דער פּוילישער שרייבערין ס. שמאַגלעווסקאַ, וועלכע האָט פאַרן נירנבערגער טריבונאַל אָפּגעגעבן גבית־עדות 2).

שמאַגלעווסקאַ דערציילט וועגן קינדער, וואָס האָבן די ליכטיקע שיין דערזען אין אָשוויענטשים, וועגן יידישע קינדער, וואָס מ'האָט געפירט גלייך אין קרעמאַטאָריום און צום סוף וועגן קינדער־לאַגעריסטן. דער עדות דערציילט:

„אין דעצעמבער 1942 האָב איך גייענדיק צום אַרבעטס־פּלאַץ, צען קילאָמעטער פון לאַגער „בירקענאַו", באַמערקט א פרוי אין לעצטן חודש שוואַנגערשאַפט. צוזאַמען מיט אונדז האָט זי דורכגעמאַכט דעם צען־קילאָמעטער־מאַרש צו דער אַרבעט מיט א לאָפּעטע אין די הענט און צוזאַמען מיט אונדז האָט זי געגראָבן גריבער. זי איז שוין געווען קראַנק. זי האָט זיך געווענדט צום מייסטער, א ציווילן דייטש, ער זאָל איר דערלויבן זיך אָפּרוען. ווייניק וואָס ער האָט נישט דערלויבט, האָט ער

1) די נומערן באַציען זיך צו דער ביבליאָגראַפישער רשימה, וואָס מיר ברענגען צום סוף פון דער איינלייטונג.

נאָך צוזאַמען מיטן ס. ס.־מאַן זי גענומען שלאָגן, שטופּן און אָפּשפּעטן. ער האָט שוין געהאַט אויף איר אַן אויג און געזאָרגט, זי זאָל נישט אָפּלאָזן פון אַרבעטס־טעמפּ.

דאָס איז געווען דער גורל פון אַלע שוואַנגערנדיקע פרויען. פון דער אַרבעט פלעגט מען באַפרייען נאָר אין דער לעצטער רגע. איז דאָס קינד געווען פון יידישע עלטערן — האָט מען עס גלייך צוגענומען ביי דער מוטער און מער האָט זי עס שוין נישט געזען..."

ביזן יאָר 1942 זענען קיין באַזונדערע קינדער־בלאָקן נישט געווען. אָנפאַנג 1943 האָט מען אָנגעהויבן צו טאַטואירן מיט נומערן אויף דער האַנט. קינדער האָט מען אָנגעצייכנט אַ נומער אויפן פיס *). אין די יאָרן 1943 און 1944 זענען כסדר אָפּגעגאַנגען קינדער־טראַנספּאָרטן. דער לעצטער איז אַוועק אין יאַנואַר 1945... וווהין מ'האָט זיי געפירט און צי זיי לעבן — איז נישט באַוווּסט. בעתן פאַרהער זאָגט דער עדות:

„אין נאָמען פון אַלע מוטערס, וואָס זענען געווען אין לאַגער, פרעג איך די דייטשן: ווו זענען אונדזערע קינדער?"

אויף דער פראַגע פון פּראָקוראָר סמירנאָוו, צי זי איז געווען אַן עדות פון גאַזירן, ענטפערט שמאַגלעווסקאַ:

איך האָב געאַרבעט נאָענט פון אַ באַן־אָפּצווייג, וואָס האָט געפירט צום קרעמאַטאָריום. אינדערפרי פלעג איך פון הינטער דער אָוביקאַציע אָבסערווירן די אָנקומענדיקע טראַנספּאָרטן. יידן פלעגט מען ברענגען גלייך אין די גאַז־קאַמערן. אין די יידישע טראַנספּאָרטן זענען געווען זייער פיל קינדער.

פאַרן קרעמאַטאָריום פלעגן די ס. ס.־לייט דורכפירן סעלעקציעס, גאַנץ אָפט אין אַן אָנוועזנהייט פון אַ דייטשן דאָקטאָר. בלויז אַ קליינער פּראָצענט פון די אָנגעקומענע, און דאָס די יינגסטע און די סאַמע געזונטע, האָט דערווייל אויסגעמיטן דעם אויוון און אַריין אין לאַגער. פרויען מיט קינדער אויף די הענט, פרויען פירנדיקע די קינדער פאַר די הענטלעך

---

*) דאָס איז נוגע נישט יידישע קינדער.

אָדער אין קינדער־וועגעלעך זענען געגאַנגען גלייך אין די גאַז־קאַמערן. פאַר די קאַמערן האָט מען זיי אָפּגעטיילט פון די קינדער און באַזונדער אַריינגעשטויסן די קינדער אין די קאַמערן און באַזונדער די פרויען.

אין יאָר 1943, אין פּעריאָד פון גרעסטער גאַזירונג פון יידן, איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ פאַראָרדענונג: קינדער אין די קרעמאַטאָריע־אויוונס אָדער אין די גריבער, נ י ש ט ג אַ ז י ר נ ד י ק ז י י פ ר י ע ר.

— לעבעדיקערהייט? — פרעגט, חצי נישט גלויבנדיק, דער באַשולדיקער.

— יאָ! ענטפערט דער עדות שמאַגלעווסקאַ.

קינדער האָט מען אַריינגעוואָרפן לעבעדיקערהייט. לעבעדיקערהייט פאַרברענט און לעבעדיקערהייט באַגראָבן. די יללות האָט מען געקאָנט הערן אין גאַנצן לאַגער.

שווער צו רעדן וועגן דער צאָל דערמאָרדעטע קינדער. ס'איז אויך אוממעגלעך צו ענטפערן, וואָס איז געווען די סיבה פון אַזאַ אומגעהערטן אין דער מענטשלעכער געשיכטע אופן פון האַנדלונג: צי האָט אויסגעפעלט גאַז, צי האָט פאַרפעלט אָרט אין די גאַז־קאַמערן.

אויפן ערשטן פּראָצעס קעגן די מיידאַנעקער פאַרברעכער, אין לובלין 1944, האָט אַן עדות (דאָרא מינץ) דערציילט וועגן פאַקטן פון וואַרפן קינדער דרעסירטע הינט, וועלכע פלעגן זיי אין די פּיסקעס אַוועקטראָגן צו די גאַז־קאַמערן 3).

אַ שרייבערין, זאָפיאַ פּעטערס 4), דערציילט אַ פאַקט פון דייטשער חיהשקייט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן דורך אַ דייטשן אָפיציר. ער האָט געכאַפּט צוויי יידישע קינדער אין אַ וואַרשעווער גאַס, אָפּגעשטעלט עטלעכע מענטשן און געהייסן עפענען דעם קאַנאַל־לאָך.

„ס'איז געווען אַ שווערע אויפגאַבע. דאָס אייזן איז צוגעפרוירן צום ברוק און לאָזט זיך נישט באַוועגן פון אָרט. מ'האָט געבראַכט פאַרשידענע מכשירים און זיך געפּאָרעט. די אָפיצירן האָבן געוואַרט און דערווייל געריכערט פּאַפּיראָסן. די קינדער האָבן זיך צוגעטוליעט איינע צו דער צווייטער און אויך גע־

ווארט, באטראכטנדיק מיט איבערגעשראָקענע אויגן די צוגריי־
טונגען.

א שווארץ לאָך האָט זיך געעפנט.

— „פאָרווערטס!"

אָבער קיינער פון די מענער רירט זיך נישט פון אָרט. זיי
זענען געשטאנען מיט קעפּ אריינגעצויגענע צווישן די אקסלען
און ס'האָט זיך דערהערט א שטילער אויסגעשריי:

ס'איז אוממעגלעך!

ס'איז אָבער יאָ געווען מעגלעך. איין אומגעדולדיקער אָפי־
ציר האָט אָפּגעריסן דאָס מיידעלע פון איר ברודערל, מיטביידע
הענט זי אויפגעהויבן אין דער הויך און מיט א שטארקן אימ־
פּעט אריינגעשליידערט אין דער טיף. זי האָט אפילו קיין געשריי
נישט געגעבן. דאָס יינגעלע איז געלעגן אויף דער ערד און ווי
נישט ביי די געדאנקען גערופן: „מאמע! מאמע!"
און מיט די ווערטער איז ער אויך פארשוונדן אין דעם אָפענעם
אָפּגרונט".

דער דאָזיקער פאקט איז נישט קיין אָפּגעריסענער פון דער דייטשער
יידן־פּאָליטיק ווי א גאנצקייט, נייערט ער איז א בולטע אָפּשפּיגלונג פון
איר.

אַן אָפּשפּיגלונג פון דער דאָזיקער פּאָליטיק איז א פאקט, וועלכער
איז באַרירט געוואָרן אין נירנבערג. א דייטשער אָפיציר אין ווילנע „האָט
איינגעשמירט די ליפּן פון א ניי־געבוירן קינד מיט סם" 5).

א דערשיטערנדיקע באשרייבונג פון דייטשער חיהשקייט געפינען
מיר אין פּאָלגנדיקן בריוו פון צוויי אומגעקומענע ווילנער יידן (לויטן
כתב־יד פון ש. קאַטשערגינסקיס בוך „די שטאָט פּאָנאר" *):

---

*) פּאָנאר — א פּאָר קילאָמעטער פון ווילנע. אהין פלעגן די דייטשן ארויס־
פירן יידן און דאָרט אומברענגען. אין פּאָנאר האָבן געפונען דעם טויט כמעט
אלע ווילנער יידן.

דער גירוש פון יידן...

יידן זענען אומגעוווּנטשן...

(א זייטל פון דער אנטיסעמיטישער קינדער־ליטעראטור)
פון די ייווא־זאמלונגען אין בוענאָס־איירעס

26סטן יוני.

אַ בקשה צו די ברידער און שוועסטער יידן

טייערע שוועסטער און ברידער. מיר ווענדן זיך צו אייך מיט א גרויסער בקשה. ראשית זייט אונדז מוחל אויב מיר האָבן אייך אין לעבן עפּעס שלעכטס געטון. מיר ווייסן נישט פאַרוואָס סיאיז אויף אונדז געקומען אזא גרויסע שטראָף וואָס מינעמט אונדז צו דעם לעבן. נאָר אונדזער לעבן איז נאָך גאָרנישט, אָבער אונדזערע קינדער האָט מען אויף א בעסטיאַלישן אופן געפּייניקט: אכט־יאָריקע מיידעלעך האָט מען גענייט צו געשלעכטלעכע באַציאונגען, מיהאָט זיי געהייסן נעמען אין מויל דעם מענלעכן אָרגאַן און זויגן אזוי ווי דער מאַמעס ברוסט און די פּליסעכץ אַראָפּשלינגען זאָגנדיק: שטעלט אייך פאָר, אז סיאיז האָניק אָדער מילך. אָדער מיהאָט א צוועלף־יאָריק מיידעלע צוגעבונדן צו א טאַבורעטקע און ביז 6 דייטשן און 5 ליטווינער האָבן איר נישט צו צוויי מאָל פאַרגוואַלדיקט האָט מען איר נישט אָפּגעלאָזן. די מוטער האָט געמוזט שטיין דאַביי און אכט געבן, דאָס קינד זאָל נישט שרייען. שפּעטער האָט מען די מוטער אויסגעטון נאַקעט, אָוועקגעשטעלט ביי א וואַנט, די הענט צוגעבונדן פון אויבן און פון נאַקעטן קערפּער געצופּט האָר איינציקווייז. די ארויסגעשטעלטע צונג האָט מען געשטאָכן מיט שפּילקעס, דערליידיקט אויף איר די נאַטירלעכע באַדערפעניש און די אויגן אויסגעשמירט מיט צאה.

די מענער האָט מען געהייסן ארויסנעמען די געשלעכט־אָרגאַנען, דורכגעשטאָכן זיי מיט צעגליטע דראָטן און געהאַלטן אזוי לאַנג ביז זיי זענען נישט שוואַרץ געוואָרן. „שוין — האָבן די דייטשן געזאָגט — א סוף צו אייך. מיר וועלן אלע פאַרניכטן. סיאיז אָבער נישט קיין קונץ צו הרגענען, מידאַרף זיי א ביסל פּייניקן, סיזאָל זיי נמאס ווערן צו לעבן און וואַרטן אויף סטאַלינען".

זיי האָבן אונדז אָפּגעשניטן די פינגער פון הענט און פיס און נישט געלאָזט צובינדן די ווונדן, אזוי אז בלוט האָט געהאַלטן אין איין רינען. פיר טעג האָט מען אונדז אזוי געמאַטערט און דערנאָך אין אויטאָס אָפּגעשיקט קיין פּאָנאַר.

נ ח ג ר י ם

45 מאן זענען מיר געווען אין איין באהעלטעניש און דורך א טו־נעל האָבן מיר געהאט א פארבינדונג מיט א צווייטער גרופע פון 67 פער־זאָן, דערוואקסענע און קינדער. מיר האָבן געהאט א קאָנטאקט מיט א פוילישער פרוי, א געוויסער מאריסיא, אן אלמנה מיט דריי קינדער. די דאָזיקע פרוי פלעגט ביי אונדז נעמען זאכן און ברענגען פראָדוקטן. מיר האָבן געהאט פוטערס און זיידענע וועש. ווען זי איז רייך געוואָרן, געהאט 60.000 מארק, האָט זי גענומען פאָרן קיין שירווינט, ברענגען חזירים, פודנווייז שפעק, גאנצע צענטנערס מעל, פוטער, אייער — אלץ פאר אונ־דזער גוטס. פאר אונדזער געלט האָט זי געגעבן צו זויפן די דייטשן און אונדז האָט זי געהייסן געבן פינף קילאָ גאָלד, דראָענדיק אז זי וועט אונדז ארויסגעבן דער געשטאפּאָ. זי האָט אונדז באַשטימט א טערמין.

מיר האָבן צו איר געשיקט א יידיש מיידעלע פלאט מיט א ביטע צו פארלענגערן דעם טערמין און צוווארטן. דאָס מיידעלע איז שוין נישט צוריקגעקומען. מיהאָט ביי איר צוגענומען אלץ, וואָס מיר האָבן געשיקט און עס געהרגעט און פארברענט. נאָך צוויי טעג האָבן אונדז אנטדעקט די ליטווינער מיט די דייטשן און פינף טעג געפייניקט, אזוי ווי מיר האָבן באשריבן און צוגענומען אויף פּאָנאר.

די דאָזיקע בריוו ווארפן מיר ארויס אויפן וועג צו פּאָנאר, כדי גוטע מענטשן זאָלן אָפּגעבן די יידן. ווען סיוועט צוריק הערשן א געזעץ, זאָל מען פאר אונדז, 112 פּערזאָן, אוועקלייגן כאָטש איינעם, וועט דאָס זיין א גרויסע מצוה לגבי דעם יידישן פאָלק.

מיט טרערן אין די אויגן בעטן מיר: נקמה, נקמה!

מיר שרייבן אויף פויליש, ווייל אויף יידיש וועט דער געפינער אוודאי פארברענען, און אויב פויליש, וועט א גוטער און איידעלער מענטש איבערלייענען און איבערגעבן דער יידישער פּאָליציי, זי זאָל עפּעס טון מיט דער שרעקלעכער פרוי, וואָס האָט אויף איר געוויסן אזוי פיל בלוט..

... זי וווינט גרויס פּאָהולאנקע נר. 34... אין הויף לינקס...

מיר געזעגענען זיך מיט אייך, מיט דער גאנצער וועלט, מיר פאר־לאנגען נ ק מ ה !

עס שרייבן גורוויטש און אַס".

די קינדער האָבן באַנומען די גרויסקייט פון געפאַר און האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות ארויסצודרייען פון דער געפאַר. די עלטערן און באַקאַנטע האָבן געזוכט באַהעלטענישן צווישן דער נישט יידישער באַ־פעלקערונג, אויף דער א.ג. „ארישער" זייט, פאַר זיך און בפרט פאַר די קינדער. געווען אויך פאַלן, וואָס קינדער זענען אַליין פאַרקראָכן אַהין און מיט נסים זיך אויסבאַהאַלטן.

די געשטאַפּאָ האָט אָבער נאָכגעשפּירט. דורך באַלוינונגען פאַר ארויסגעבן באַהאַלטענע, מיט דראָאונגען צו פאַרניכטן די הייזער און דער־שיסן די באַלעבאַטים האָט זי זיך דערשלאָגן געוויסע רעזולטאַטן.

דאָס זוכן יידן און איבערגעבן זיי אין געטאָ־תפיסה איז געווען א נאָרמאַלע און א גאַנץ אָפטע דערשיינונג.

צווישן די בלומרשטע „פאַרברעכער" זענען אויך געווען 4־יעריקע קינדער. די דייטשן האָבן געשטעלט אויף די פיס זייער גאַנצן מלוכה־אַפּאַ־ראַט, בכדי אויסצוואָרצלען דאָס יידישע פאָלק.

אַלס בולטע אילוסטראַציע קענען דינען פאָלגנדיקע דאָקומענטן, פון וועלכע מיר ברענגען אויסצוגן אין דער יידישער איבערזעצונג *):

ערשטער דאָקומענט

ליצמאַנשטאַט, 21. אויגוסט 1942.

געהיימע שטאַאַטספּאָליציי
שטאַאַטס פּאָליציישטעללע
ליצמאַנשטאַט
B. Nr. II B. 4

צום עלטעסטען דער יודען
אין ליצמאַנשטאַט.

בנוגע אַנטלאָפענע יידן פון זעלאָוו

די וויטער אויסגערעכנטע יידן דאַרפן פאַרהאַלטן ווערן

*) מיר ברענגען די דייטשע נעמען פון אמטן אין זייער אָריגינעלן קלאַנג. ס'וועט פאַרן יידישן לייענער נישט זיין שווער צו פאַרשטיין און די אויטענטישקייט פון דאָקומענט וועט אָפּגעהיט ווערן.

נ ח ג ר י ס

איז צענטראלער־תפיסה צו דער דיספּאָזיציע פון דער היגער דינסטשטעללע.

....

3) בראון הנוך, 11 יאָר אלט
4) בראון צבי, 7 יאָר אלט
5) בראון דוד, 5 יאָר אלט.

(אונטערשריפט)

צ ו ו י י ט ע ר ד אָ ק ו מ ע נ ט

ליצמאנשטאט, 17. אָקטאָבער 1942.

געהיימע שטאאטספּאָליציי
שטאאטס פּאָליציישטעללע
ליצמאנשטאט
B. Nr. II B. 4

צום עלטעסטען דער יודען
אין ליצמאנשטאט.

ב נ ו ג ע ד ע ם א י ב ע ר ו ו י י ז ן פ ו ן פ ל ע נ ק י נ ד ע ד ו ו א ר ד ב י א ל ק אָ ו ס ק י, ג ע ב. ד ע ם 5 ט ן פ ע ב ר ו א ר 1 9 3 6

דאָס אויבנדערמאָנטע קינד איז געפונען און לויט דער מעדיצינישער אמטלעכער מיינונג געהערט עס צו דער יידישער ראסע. דעריבער ווערט ב. „איבערגעשטעלט" פון יוגנטאמט אין ליצמאנשטאט צום היגן געטאָ.

(אונטערשריפט)

פ ו ק ס

ק י נ ד ע ר - מ א ר ט י ר אָ ל אָ ג י ע

ד ר י ט ע ר   ד אָ ק ו מ ע נ ט

ליצמאנשטאט, 12. מאי 1944.

געהיימע שטאאטספּאָליציי
שטאאטס פּאָליציישטעללע
ליצמאנשטאט
B. Nr. II 4 b.

צום עלטעסטען דער יודען
אין ליצמאנשטאט.

ב נ ו ג ע   ז ו ז א נ נ א   ל ע ווע נ ז אָ ן
ג ע ב.   1937   א י ן   ז ע ל אָ וו

ל. ווערט איבערגעוויזן אין דער צענטראלער תפיסה. מען דארף זי האלטן צו מיין דיספּאָזיציע.

(אונטערשריפט)

פ ע ר ט ע ר   ד אָ ק ו מ ע נ ט

(אויסצוג)

ליצמאנשטאט, 8. דעצעמבער 1942.

געהיימע שטאאטספּאָליציי
שטאאטס פּאָליציישטעללע
ליצמאנשטאט. — 39301/1942

צום עלטעסטען דער יודען
אין ליצמאנשטאט.

....
....

יודענקינד פוקס, 4 יאָר אלט
האלטן צו מיין דיספּאָזיציע אין דער צענטראלער תפיסה.

(אונטערשריפט)

זיי האָבן זיך אָבער נישט באַנוגנט מיט אַרעסטירן און מאָרדן. זייער ציל איז געווען דערפירן דערצו, אַז די קינדער זאָלן אַליין שטאַרבן, פאַרקריפּלט ווערן אאַ״וו די דייטשע ציוויל־מאַכט האָט פעסטגעשטעלט דערנערונגס־נאָרמעס פאַר קינדער אין די געטאָס און די לאַגערן. פון דעם בייגעלייגטן דאָקומענט איז צו זען, וואָס די דייטשן זענען אויסן געווען: צו פאַרניכטן די יידן אָן אַ שאָס און אָן אַ טראַנספּאָרט אין די גאַז־קאַמערן. אַנדערש איז נישט צו פאַרשטיין די פאַראָרדענונג וועגן יידן־דערנערונג פון 30סטן נאָוועמבער 1943. דעמאָלס זענען שוין כמעט קיין יידן נישט געווען און די עקאָנאָמיע אין פּראָדוקטן האָט אויף דער אַפּראָוויזאַציע־לאַגע פון דייטשלאַנד קיין ווירקונג נישט געקאָנט האָבן.

אויסצוגן פון דער באַשפּייזונגס־פאַראָרדענונג

דער רייכסשטאַטהאַלטער
אים רייכסגאו וואַרטעלאַנד
לאַנדעס־ערנערונגסאַמט אַבט. B

פּויזן, 30. נאָוועמבער 1943.
ווילהעלמפּלאַץ 14
טעלעפאָן 8271

רונדשרייבן BI/596

פאַרטיילער I און II

איז נוגע: פערפּפלעגונג דער יודען.

דאָס באַזאָרגן מיט שפּייז־פּראָדוקטן די יידן, וואָס געפינען זיך אין די לאַגערס און געטאָס אין רייכסגאו וואַרטעלאַנד *) ווערט פון 15טן פעברואַר אויף אַזאַ אופן רעגולירט:

....

....

*) וואַרטעלאַנד האָט אַרומגענומען די מערב געביטן פון פּוילן מיט לאָדזש (ליצמאַנשטאַט) און האָט געהערט צום רייך אין קעגנזאַץ צו אַנדערע פּוילישע שטעט, וועלכע האָבן געבילדעט די א.ג. גענעראַל גוווערנעמענט מיטן צענטער אין קראָקע.

B.

יידישע קינדער און יוגנטלעכע (ביז 14 יאָר), אויף וויפל זיי זענען נישט אין ארבעטס-איינזאַץ:

פלייש	אויף א וואָך	––– גראם
מארגארין	"	75 "
קאָרנברויט	"	1110 "
צוקער	"	225 "
מארמעלאדע	"	175 "
קאָרן פלאָקן	"	75 "
קווארק	אויף א חודש	125 "
קארטאָפל	אויף א וואָך	3000 "

D.

אלגעמיינע באמערקונג:

פון באזונדערע פּראָדוקטן-צוטיילונגען זענען די יידן אין גאנצן אויסגעשלאָסן.

E.

די ביז איצטיקע באשטימונגען ווערן אנולירט.

אונטערשריפט

(ד"ר וואָלקאָוויץ)

II

די מערדער פון יידישן קינד

אין פאַריקן קאַפּיטל האָבן מיר באַרירט די היטלער-פּאָליטיק לגבי קינדער. ס'פארשטייט זיך, אז צו דער אָנווענדונג פון פּאָליטישע פּרינציפּן אין דער פּראַקטיק מוז מען האָבן מענטשן, וואָס זענען איינשטימיק מיט די דאָזיקע פּרינציפּן און קאָנען ווירקן אין זייער גייסט.

דאָס דאָזיקע בוך איז אויסן צו אילוסטרירן די היטלער-מעטאָדן, וואָס זענען אָנגעווענדט געוואָרן לגבי די יידישע קינדער.

אלגעמיינע לאָזונגען און „טעאָרעטישע" אָפּהאנדלונגען פון היט-

לערן, ראָזענבערגן און א גאַנצער ריי אַנדערע פּראָמינענטע נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע פירער זענען געוואָרן די באַגרינדער פון פּראָגראַמען, אינסטרוקציעס און וועגווייזער פאַר באַזונדערע איינסן פון דער נאַצי־מלוכה.

דאָס דערציִערישע גרונדקעמערל איז די שול. צופּאַסן זי צום „לעבן" האָבן זיך די דייטשע פּעדאַגאָגן שטאַרק באַמיט. „לעבן" דאָס מיינט מען נאַצי־„אידעאָלאָגיע".

די פּעדאַגאָגיק איז געווען א גאַנץ איינפאַכע. אין דער אָפּהאַנדלונג פון בוימלער 6), דעם פּראָפעסאָר פון פילאָסאָפיע און פּ אָ ל י ט י ש ע ר פּעדאַגאָגיק אין בערלינער אוניווערסיטעט, לייענען מיר אַז

> „אחוץ דערציִאונג ד ו ר כ ן פירער אַליין איז נאָך פאַראַן אַן אַנדערע דערציִאונג, וואָס דער לערער דאַרף דורך זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט, ד"ה דורך ל ע ר נ ע ן רעאַליזירן נעמלעך דערציִאונג פּ א ר דעם פירער" (זייט 24, די אונטערשטרייכונ־גען פון בוימלער).

קיין אַנדערע צילן האָבן נישט געקאָנט און נישט געטאָרט זיין.

צו דעם ציל איז צוגעפּאַסט געוואָרן דער לימוד פון יעטווידן קעגנ־שטאַנד. דער שילער מעג וויסן נאָר דאָס, וואָס איז אין געגעבענעם מאָ־מענט נויטיק פאַר דער מלוכה; למשל, דעם ענין „לעבנסרוים", אָבער

> ס'איז פאַרווערט, אַז דער שילער זאָל זיך, אָן א באַזונדערער נויטווענדיקייט, דערוויסן וועגן די קאָרדיליערן אָדער א טונדרע נאָר מחמת דעם, ווייל זיי זענען פאַראַן אויף אונדזער ערד" (זייט 31).

גאַנץ באַוווסטזיניק האָט מען זיך דעריבער באַגרענעצט בלויז צו פּאָליטישע און אַקטועלע ענינים.

ס'האָט זיך אָבער דערוועקט א פּראָבלעם פון אויסבילדן א דור מענ־טשן, וואָס זאָלן פאַרווירקלעכן די דאָזיקע פּאָליטישע צילן. אָן גוואַלט און טעראָר וואָלט דאָס געווען אוממעגלעך, ווייל אויף דיביידע עלעמענטן שטיצט זיך דער היטלעריסטישער סיסטעם.

דאָס איז צו זען פון אַן אַרבעט, וואָס אַ פּרייסישער טעאָרעטיקער און וועסטפּאַלישער גאַוליטער, וואַגנער ד), האָט פאַרעפנטלעכט. ער האַלט, אַז דער תמצית פון לעבן פון אַ דייטש איז דער קאַמף מיט דער עמפּירישער ווירקלעכקייט פון דער וועלט. אַ דייטש דאַרף זיגן אָדער שטאַרבן, אָבער כסדר קעמפן און נישט דערלאָזן צו אַ סטאַביליזירונג פון אינערלעכן לעבן פון אַ יחיד אָדער פון גייסטיקן לעבן פון פאָלק (זייט 48).

אָבער ווי אַזוי דערציט מען אַזעלכע מענטשן?

מיר ווייסן, אַז ביכער האָבן אַ דערציערישן באַדייט. לאָמיר דערי־בער כאַפּן אַ בליק אויף אַ בוך, וואָס איז באַשטימט פאַר די קלענסטע, פאַר קינדער.

אין נירנבערגער פאַרלאַג פון „שטירמער" איז דערשינען אַ בוך פאַר „קליין און גרויס". דער מחבר איז אַ פרוי — עלווירא באַוער 8).

דער טיטל פון בוך זאָגט שוין זייער אַ סך. אויפן שערבלאַט האָבן מיר צוויי אילוסטראַציעס. איינע שטעלט פאָר אַ פוקס מיט שאַרפע, אויס־געשטשירעטע ציין און גרויסע אויגן. די צווייטע — אַ קאַריקאַטור פון אַ יידן, סטיליזירט אויף אַ פוקס. די פינגער זענען אויפגעהויבן צו אַ שבועה און דערמאָנען אָן די אויערן פון פוקס. אויף יעדן פאַל איז אָבער געוויזן אַ מגן־דוד, כדי מ'זאָל קיין טעות נישט האָבן און נישט מיינען, אַז דאָס איז חלילה... געבעלס אָדער אפשר שטרייכער. כאָטש שטרייכערן זעען מיר אויף אַן אַנדער בילד אין ברוינעם מונדיר מיט אַן אייזערנעם קרייץ, מיט אַ דרייאיקן פּעטן קאַרק. ער באַקומט בלומען פון די דייטשע גרעטכענס און הענזלס. אונטערן בילד אַן אויפשריפט: „דאָס איז שטריי־כער!" ער איז וואַרשיינלעך געווען געגנוג פּאָפּולער צווישן קינדער, אויב אַזאַ לאַקאָנישער קאָמענטאַר צום בילד איז געווען אַ גענוגנדיקער.

וואָס איז דער אינהאַלט פון דעם פיל פאַרשפּרעכנדיקן בוך?

ס'הייבט זיך אָן פון מעשה־בראשית. דער רבונו של עולם האָט גלייך נאָכן באַשאַפן די וועלט זיך גענומען צו די ראַסן. צווישן די ראַסן זענען געווען אויך די דייטשע און די יידישע. די יידן האָבן באַלד זיך פאַראיי־ניקט מיטן טייוול, זיך אויסגעלערנט ליגן־זאָגן און... אָנגעשריבן דעם תלמוד. די פּרעהס האָבן געזען, אַז די יידן זענען פוילע, — האָבן זיי מיט כוח זיי געצוואונגען אַרבעטן.

די יידן איז דאָס נמאס געוואָרן, האָט זיי דער טייוול אריבערגע־טראָגן קיין דייטשלאַנד און געהאַט בדעה צו באַזייטיקן פון דאָרט די דייטשן.

דאָס איז דער אינהאַלט פון דער ערשטער געגראַמטער מעשה. זי איז געשריבן מיט שוואַרצע און רויטע אותיות און פאַרמאָגט זייער פיל צייכענונגען.

דער ניווא פון די איבעריקע מעשיות איז הן אין „וויסנשאַפטלעכן" זין, הן אין „עטישן" זין נישט העכער.

א ביסל פּאָרנאָגראַפיע גיט נאָך צו „חן" דעם בוך, למשל ווי אזוי א ייד האַלט אין זיינע אָרעמס אַן „אומגליקלעכע" דייטשקע.

פאַראַן אין בוך אַן אַפּאָטעאָז פון שטרייכערן, דעם פראַנקאָנישן גאַולייטער, וועלכער האָט געוויזן די יידן, וואָס אזוינס ס'איז א געזונט פאָלק און זיי געלאָזט פילן (בפועל ממש) דעם דייטשן גייסט.

אַן אַנדער געדיכט מיט אַן אילוסטראַציע באַלערנט, אַז ביי יידן דאַרף מען נישט קויפן.

די לעצטע „געדיכטן" און אילוסטראַציעס ווערן ערשט קלאָר אין אַספּעקט פון די יאָרן 1939־1945. זיי זענען געווען די אָנזאָגער און וועג־וויַיזער פון די שווערסטע קאָשמאַר־יאָרן אין אונדזער געשיכטע.

א שול־בנין. א יידישער לערער און שול־קינדער פאַרלאָזן א שול און בשעת־מעשה שטייען דייטשע שילער און לאַכן אויס, שפּעטן־אָפּ און דערלאַנגען פון צייט צו צייט א זעץ די יידישע קינדער.

א זומער־פּייזאַזש. גרינע פעלדער, אַן אָזיערע, בלומען, קינדער שפּילן זיך אויפן פעלד. אויפן שאָסיי א טאָוול מיט אַן אויפשריפט: „יידן זענען דאָ נישט געוווּנטשן". די אויפשריפט איז אונדז אזוי גוט באַקאַנט פון די טאָוולען ביי די געטאָ־טויערן.

„דעם פירערס יוגענד" הייסט איין געדיכט. די דייטשע יוגנט האָט ליב דעם פירער, לעבט צוליב אים און האָט פיינט די יידן. ווייל די יידן זענען נישט גלייכע מיט די דייטשן, מוזן זיי אָפּטרעטן.

די לעצטע אילוסטראַציע שטעלט פאָר א גרופּע יידן מיט וואַליזעס אין די הענט. זיי פאַרלאָזן א שטאָט ביים אויסגעלאַסענעם אַקאָמפּאַניאַ־מענט פון א גאַרמאָשקע. א דייטש ייִנגל מיט א נאַהייקע אין דער האַנט

יידישע לערער און יידישע קינדער ווערן פארטריבן פון דער „ארישער" שולע

(א זייטל פון דער אנטיסעמיטישער קינדער־ליטעראטור) פון די ייווא־זאמלונגען אין בוענאס־איירעס

באטראכט דעם „ויצא". אויף א טאָוול אַן אויפשריפט: „טעמפּאָ, טעמפּאָ, די יידן זענען אונדזער אומגליק".

די דייטשע יוגנט האָט געלייענט אזעלכע ביכער און זיך מיט זיי פארכלינעט. זי האָט אויך געהערט דערציילונגען.

ס'איז באוווסט, אז די דייטשן זענען א דיסציפּלינירט פאָלק. איז ממילא אויך קלאָר, אז איין וועג פירט פון מוטנע „אידעאָלאָגישע" פראזעס איבער אָנשוילעכע אילוסטראציעס און דערציילונגען אין ביכער ביז צו דער פ א ר ווירקלעכונג פון דער „אידעאָלאָגיע".

די דייטשע דערציער האָבן זיך אָבער נישט פארלאָזט בלויז אויף די ביכער. שפּילצייג האָבן אויך א סוגעסטיוון דערציערישן ווערט. אויף א צוגעגנגלעכן און אנגענעמען אופן פלאנצן זיי איין ביי די קינדער גער ווינהייטן, וואָס דארפן אין לעבן צונוץ קומען. דעריבער שפּילן זיך דאָך מיידלעך מיט ליאלקעס!

„וועלכע „שפּילצייג" האָבן געהאט דייטשע קינדער?
אויף דער פראגע ענטפערט אונדז פרוי בודזינסקא 3):

„דאָס שפּילעכל האָט מען געפונען אין לאָדזש אין הויז אויף וואָלטשאנסקא־גאס 31/33, וווּ ס'האָבן פריער געוווינט דייטשן. אין דער וווינונג איז נאָך פארבליבן א קינדער־צימער. אין דער אָקופּאציע־צייט האָבן אים פארנומען צוויי 4־5 יאָריקע קינדער. דאָס איז צו זען פון דער מעבלירונג און די פּאָרטרעטן.

אין אָט דעם צימער האָט מען געפונען א גאנץ גרוים שאכטל מיט צונויפגעלייגטע האָלץ־טיילן, וואָס האָבן אויסגעזען זייער אומשולדיק. כ'האָב געטראכט, אז דאָס שפּילעכל וועט צונוץ קומען פארן קינדער־גאָרטן, וואָס מיר האָבן זיך געגרייט עפענען אין דעם זעלביקן הויז און זיך גענומען עס צונויפשטעלן.

צונויפגעשטעלט און כ'האָב אויפגעציטערט.

פאר מיר איז געשטאנען א קליינינקע תליה, א האק מיט א לייטער פארן פארמשפּטן, דערנעבן אויף סלופּעס א פּאַפּערעטשנע דראָנג, כדי אויפצוהענגען דעם טויטן קערפּער נאָכן אראָפּנעמען פון דער תליה.

דאָס „שפּילעכל" איז געווען שיין פאַרענדיקט, געמאָלן און באַצייכנט מיט אַ פאַבריק־מאַרקע".

אויף אַזאַ אופן האָט מען געגרייט די קינדער פון די יינגסטע יאָרן צו ליבשאַפט פאַר מאָרדן.

אויך יוגנט־אָרגאַניזאַציעס האָבן געהאַט אַ חלק אין דערציען און אויספורעמען דעם „מענטשלעכן" פּרצוף פון אַ היטלעריסט.

נאָך פאַר היטלערס קומען צו דער מאַכט האָבן עקזיסטירט יוגנט־גרופּעס, וועלכע האָבן מיטגעהאָלפן צו באַקעמפן די פּאָליטישע קעגנער פון היטלעריזם.

וועגן אַזאַ „קאַמעראַדשאַפט" אויפן נאָמען פון אַ יוגנטלעכן נאַצי־קעמפער שרייבט זיך אין אַ בראָשור לכבוד דעם געפאַלענעם „העלד" הער־בערט נאָרקוס 15).

„צוערשט האָט מען זיך אַדורכגעזידלט, דערנאָך זענען אַרויס־געקומען דראָאונגען און שטויסן, ווייטער האָט מען זיך נישט אָפּגעזאָגט פון שטיינער און צום סוף זענען געווען אין שפּיל שאַרפע מעסערס. און ווען דאָס האָט נישט געהאָלפן, האָט מען געמוזט פון אַ באַהעלטעניש אוועקלייגן דעם קעגנער. ס'איז קלאָר, אַז אין אַזעלכע אומשטענדן זענען יינגלעך זייער שנעל געוואָרן מענער".

דאָ האָבן מיר שוין אַ פּראַקטישן ביישפּיל פון היטלער־דערציאונג. דער פירער איז אַלץ, קיין אַנדערע צילן זענען נישט פאַראַן. די יוגנט איז געווען צוגעגרייט צום „לעבן" און גרייט אויף אַלץ.

דאָס האָבן מיר געהאַט די געלעגנהייט זיך צו איבערצייגן אין די לעצטע פּאָר יאָר.

III

קינדער מיט עלטערן

די טראַגעדיע פון יידישן קינד האָט זיך נישט באַגרענעצט בלויז צום מאָמענט פון שטאַרבן. אויך דאָס לעבן, אין כלערליי באַדינגונגען און אומשטענדן, איז געווען טראַגיש.

דייטשע קינדער באגריסן יוליוס שטרייכערן

פראָפּאַגאַנדע נישט צו קויפן ביי יידן...

(א זייטל פון דער אנטיסעמיטישער קינדער־ליטעראַטור)
פון די ייוואָ־זאמלונגען אין בּוענאָס-איירעס

ס'איז נאָך פּריציייטיק צו געבן אַן אויספירלעכע מאָראַלישע אָפּ־שאַצונג וועגן דער באַציאונג פון דער יידישער געזעלשאַפט צו קינדער.

איך האָב ספקות, צי מיר, דער טראַגישער דור פון היטלער־קרבנות, זענען באַרופן דערצו. ס'זענען געווען נישט ווייניק פאַקטן פון נישט געניגנדיקער פאַרטיידיקונג פון די קינדער.

פון דער צווייטער זייט אָבער האָבן מיר פאַקטן פון איבערמענטשלעכער איבערגעבנקייט און אויפריכטיקער זאָרגעוודיקייט פאַר די קינדער. ווי א סימבאָל קאָן דינען די ליכטיקע געשטאַלט פון יאַנוש קאָרטשאַק, וועלכער האָט ביז צום לעצטן מאָמענט נישט פאַרלאָזן די, וועמען ער האָט מקריב געווען זיין גאַנץ לעבן.

איבעריקנס, אין פאַרשידענע ערטער און פּעריאָדן האָבן זיך געשאַפן פאַרשידענע באַציאונגען.

אויפן סמך פון די אָנגעזאַמלטע אין דעם בוך מאַטעריאַלן וועלן מיר אין קורצע שטריכן בלויז פאַרצייכענען געוויסע דערשיינונגען, וואָס האָבן אַן אַלגעמיינעם באַדייט.

אין די געטאָס האָבן די קינדער געליטן צוזאַמען מיט די עלטערן. בעת די אומצאָליקע אַקציעס און כאַפּערייען פלעגן זיי זיך צוזאַמען אויסבאַהאַלטן. ס'זענען אָבער געווען פאַלן, בפרט מיט די קלענערע קינדער, אַז זיי האָבן נישט געקאָנט אָפּהאַלטן זיך פון וויינען און גורם געווען אומגליקן פאַר גרעסערע גרופּעס פון אויסבאַהאַלטענע. כדי אויסצומיידן אַזעלכע פּאַסירונגען, פלעגט מען זיי אָדער אין גאַנצן איזאָלירן אָדער אָפּסמען. צווישן אַנדערע שרייבט אויך וועגן דעם א. סוצקעווער ¹¹).

נישט איינמאָל האָט פּאַסירט, אַז אין מאָמענט פון ענדגילטיקער סכנה האָבן די מוטערס ליבער אַליין געטויט זייערע קינדער, איידער זיי לאָזן אַריינפאַלן אין די הענט פון די דייטשע רוצחים. „אין א געוויסן מאָמענט האָב איך געזען ווי צוויי קינדער, צונויפגעבונדענע, זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון א פענסטער אויפן דריטן שטאָק, וואַרשיינלעך דורך עמעצן פון דער משפחה. באַלד נאָך דעם האָב איך באַמערקט, ווי א פרוי פון א יאָר 35 מיט א קינד ביי דער ברוסט, שפּרינגט פון דריטן שטאָק (פּראָט. 839).

נ ח ג ר י ס

ס'מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אז פיל יידישע מוטערס זענען פרייוויליק געגאנגען צום טויט, נישט וועלנדיק זיך צעשיידן מיט די קינדער. און די קינדער זייערע האבן זיי נישט געוואלט לעבן.

אויך אין די ארבעט־לאגערס זענען געווען קינדער. זיי זענען דארט געווען: לעגאל, אויב זיי האבן געקאנט ארבעטן, און אומלעגאל, אויסבאהאלטנדיק זיך פאר די דייטשע מאכט־פארשטייער.

אין וואס איז באשטאנען אזא אויסבאהאלטן זיך? ס'איז געווען אפהענגיק פון די באדינגונגען. קינדער פלעגן גאנצענע ארבעטסטעג אפזיצן אין אלמערס, קוילנקאסטנס, קעמערלעך אא"וו.

סוצקעווער דערציילט וועגן פאלן פון ראטעווען קינדער דורך אריבערטראגן זיי אין מלינות. ס'איז געווען א גאנץ געפערלעכע פראצעדור, ווייל די קינדער, וועלכע מ'האט געטראגן אין זעק, האבן זיך געקאנט פאראטן דורך א געוויין און די לאגער־שמירה וואלט זיי אנטדעקט. דעריבער פלעגט מען די קינדער כלאראפארמירן און ארויסטראגן אין א באוווסטלאזן צושטאנד. סוצקעווער אליין האט געקענט צען אזעלכע פאלן.

אין די זאמלונגען פון דער ווארשעווער היסטארישער קאמיסיע געפינט זיך א גבית־עדות פון א געוויסן יעזשי ראס א.ד.ט. „דער טויט־וועג", פון וועלכן מיר גיבן דא א פראגמענט, וואס כאראקטעריזירט די ליידן פון עלטערן, וואס האבן מיט מסירת־נפש און איבערמענטשלעכער געדולד חדשים לאנג געליטן צוליב זייערע קינדער אויסבאהאלטנדיק זיי, אבער צום סוף נישט בכוח געווען זיי ארויסצורייסן פון די רוצחישע הענט.

„אין דעם מאמענט גייט דעם טויער פון טויט פארביי א הויכער, הדרת־פנימדיקער מאנספארשוין מיט שווארצע, פלאמיקע אויגן און שווארצע, מאדיארישע וואנסעס. אויף די פלייצעס טראגט ער א פולן זאק מיטן ביסל ארימקייט. זיין פנים דריקט אויס א געוויסע אנשטרענגונג. ווי אלע אנדערע באקומט אויך ער א קאפ מיט א פוס אונטער די קריזשעס. מ'שיקט אים אויף רעכטס, אויפן וועג פון לעבן. א, ער וועט נאך געווים גוט קאנען אפארבעטן!

אין דעם מאמענט האט עפעס פאראינטערעסירט איינעם פון

דער גענעראַליציע. מיט א ווונק רופט ער צו איינעם פון די אָפיצירן און ווייזט מיטן פינגער אויפן זאק. מי יודע סאַראַ אוצר דער ייד האָט דאָ, אויב ער טראָגט אים מיט אזא זאָרג. דער ס.ס.־מאַן לויפט פלינק צו צום יידן (געוואָלט זיך אויספיי־נען פאַר די עלטסטע זיינע), כאַפּט אַראָפּ דעם זאק און דרייט אים אויס מיטן קאָפּ אַראָפּ.

פון זאק שיט זיך ארויס, פלאי פלאים, א קליין, שווארצהנעווי־דיק מיידעלע פון א יאָר זעקס אָדער זיבן.

אירע אויסגעשראָקענע גרויסע אייגעלעך קוקן זיך פארווירט ארום. איר מיילעכל בייגט זיך אויס צום וויינען. די טאָג־שיין פארבלענדט זי און ס׳דויערט א ווײלע, ביז זי דערקאָנט דעם פאָטער. זי נעמט ארום זיין פוס און טוליעט צו איר פנים צו זיינע הויזן.

און ער? א גרויסער און שטארקער מאנספארשוין שטייט אומ־באהאָלפן קוקנדיק אויף דער גענעראַלן סוויטע, אויף זייער משרת און אויף דעם קינד, וואָס האָט זיך פארצווייפלט געקלאַ־מערט אָן אים, אויף זיין אייגן בלוט און ביין.

ס׳האָט אויסגעזען ווי אין דער נאַטור איז אַלץ אָפּגעשטאָרבן...

איין האַנט־באַוועגונג און די קליינע ווערט אוועקגעריסן פון פאָטער און געטריבן אויף לינקס. אויף לינקס, סטאַווקי, מאַל־קיניא און ווייטער „דער טויטוועג" *).

דער פאָטער דרייט זיך אויס צום אויטאָ. ער איז פארצוויי־פלט און לויפט נאָך דער קליינער. א ס.ס.־מאַן שטויסט אים אָפּ און האַקט אים מיט א בייטש איבערן קאַרק.

נאָך א זשעסט מיט דער האַנט. מ׳לאָזט דעם פאָטער צום קינד. ער נעמט עס ארום און קושט דאָס פון טרערן פייכטע פנימל. די קליינע נעמט אים ארום און טוליעט זיך צו אים מיט פארטרויען. זיי גייען צוזאמען אויף סטאַווקי, מאַלקיניע, „טויטוועג"...

---

*) טרעבלינקע.

צוזאמען מיט די עלטערן זענען די קינדער אויך געווען אין די פאר־טיזאנישע אָפּטיילן. זיי האָבן דאָרט אויסגעפירט פאַרשידענע אויפגאַבן און זיך אפילו אקטיוו באטייליקט אין די קאמפן.

די פּאַרטיזאַנער־גרופּעס, בפרט די סאָוויעטישע, פלעגן אָפּגעבן קלע־נערע קינדער צו פּויערים אין דערפער, מאַכנדיק זיי פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן לעבן פון די קינדער.

אויף דעם אופן איז א גרויסע צאָל יידישע קינדער אָפּגעראַטעוועט געוואָרן.

IV

גאַסן־קינדער

די לאַגע פון יתומים, אָדער פון קינדער, וואָס האָבן געמוזט צוהעלפן זייערע עלטערן, איז געווען הונדערטפאַך אַן ערגערע. קראַנקע עלטערן, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען נישט געווען ענלעך צו „אַריער״, האָבן זיך נישט געקאָנט פריי באַוועגן צווישן נישט־יידן. נישט האָבנדיק נאָך דערצו קיין קאַפּיטאַלן, זענען זיי געווען פאַרמשפּט צום הונגער־טויט אין געטאָ.

דעמאָלט האָט זיך אויסגעבילדעט א טיפּ פון א „שמוגלער״ *).

דאָס זענען געווען אונטערנעמונגס פעאיקע, נישט איבערגעשראָקענע קינ־דער, וועלכע האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און אדורך די געטאָ־מוירן, לאָזנדיק זיך אויף ווייטע רייזעס, אפילו אין די גרענעצן פון „רייך״ (פּראָט. 259, 273, 274 א״א).

די דאָזיקע קינדער, דאָס רוב יינגלעך, האָבן געהאַנדלט מיט אַלע־מען. נישט איינמאָל זענען זיי פאַרהאַלטן געוואָרן דורך דער פּאָליציי, ביי וועלכער זיי פלעגן זיך מוזן אויסקויפן. גאַנץ אָפט האָט מען ביי זיי צו־גענומען זייער סחורה. גענעכטיקט האָבן זיי, ווו ס׳האָט זיך געלאָזט. יאָרנ־לאַנג פלעגן קינדער נעכטיקן אויף די וואָקזאַלן, באַשטימטע שעהן פלעגן זיי זיצן אין די קינאָס, ווו ס׳איז געווען וואַרעם, קיינער האָט זיי נישט געטשעפּעט און זיי האָבן געקאָנט כאַפּן א דרעמל.

---

*) פאַראַן א ליד, וואָס כאַראַקטעריזירט טרעפלעך די שמוגלערס.

פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך אומגעקערט אויף א ווייל אין געטאָ, זיך אָנפרייען מיט די אייגענע און געזעגענען זיך... אויף אייביק. מ׳האָט דאָך קיינמאָל נישט געוווסט, ווער ס׳וועט פאלן דער ערשטער קרבן.

שווער איז געווען די לאגע פון קינדער אויף דער א.ג. „ארישער" זייט. נישט אלע האָבן דאָך געהאט מזל אָנצוטרעפן אויף אנשטענדיקע מענטשן, וואָס זאָלן איינשטעלן זייער לעבן און אויסהאלטן די געיאָגטע און געטריבענע קינדער. די מערהייט האָט זיך אויסגעפונען „דירות" אין קעלערס פון איינגעפאלענע הייזער, נאָרעס, סקלאדעס און פארבראכט דאָרט די נעכט אין די גרעסטע פרעסט.

אויך אין פּאָליציי־ארעסטן זענען די יינגלעך געווען, אָבער ווי „אריער", גיבן זיי צו מיט שטאָלץ. און וויפל הארצקלאפעניש האָבן זיי געמוזט האָבן, ס׳זאָל זיך עמעץ נישט ווערן איבערצייגן, צי זיי זענען יידן! ס׳האָט דאָך געקאָנט פּאָרקומען אפילו אין שפּאס אָדער ביי מעדיציינישע אונטערזוכונגען, אין פאל פון א קראנקהייט.

נישט אלע קינדער אָבער האָבן געהאט א „גוטן אויסזען", ד"ה האָבן נישט געהאט קיין ספּעציפיש יידישע שטריכן. אויך די אויסשפּראך האָט דאָ געהאט וואָס צו זאָגן. פארשטייט זיך, אז אזעלכע קינדער האָבן נישט געקאָנט פארלאָזן די געטאָ־מויערן. אין געטאָ ווידער גופא איז שווער געווען צו פארדינען. דאָס האָט געשטויסן צו בעטלעריי, וואָס איז גע־וואָרן א פּלאָג פון געטאָ.

די בעטלעריי איז אָבער אויך געווען גאנץ אָפט דער איינציקער קוואל פון „חיונה" פאר גאנצע משפחות.

דער פּוילישער שרייבער ראָמאן קאָלאָניעצקי 12) שילדערט סצע־נעס פון גאסן־בעטלעריי אין ווארשעווער געטאָ, ווהין ער פלעגט קומען באזוכן זיינע יידישע פריינט:

„דאָס זענען צוויי קינדער. זיי זינגען א מאָדנע לידל. ס׳הייבט זיך אָן פון די ווערטער „טשטערי מיליע זא ווארשאוואָן" *),

*) „פיר מייל הינטער ווארשע", א באקאנט פאָלקסליד וואָס ווערט גע־זונגען אין פארשידענע ווואריאנטן.

אָבער ווייטער זינגט זיך שוין נישט וועגן דער חתונה פון א דודעק מיט א פּאווע, נאָר וועגן א שלעכטן פּאָטער, וועמען די קינדער לייגן פאַר פארשידענע אופנים פון זעלבסטמאָרד. די עלטסטע טאָכטער ברענגט אים א מעסער, א האק, א שטריק: „טאַטע, הענג זיך אויף!"

די זינגער זענען צו צען יאָר אלט.

... א יינגל שרייט שעהנווייז „האָט רחמנות", א מיידעלע — „האָט מיטלייד" און עפּעס א באשעפעניש, וואָס ס'איז שווער צו אונטערשיידן, צי ס'איז א יינגל, צי א מיידל, האלט אין איין רופן: „ווארפט אראָפּ א שטיקעלע ברויט".

... און אז מ'קערט זיך אום „קיין ווארשע", דארף מען באַזוכן אויך די גאס... ווו לענגאוים די מויערן און באיאָרעם פון אייגענער השתנה זיצט —לויט דער קהילה־סטאטיסטיק— א מחנה פון צוויי און א האלבן טויזנט בעטלענדיקע קינדער".

א בולטע אילוסטראציע צום דערמאָנטן ענין איז דער מעמאָראנדום פון פרוי אסתר פּיני־רעכטערמאַן צו דער לאָדזשער קהילה־פארוואלטונג (יידנראַט), אין וועלכן זי בארירט די עקספּלואטאציע פון קינדער און דאָס צווינגען זיי זיך פארנעמען מיט בעטלעריי.

זי שרייבט צווישן אנדערן:

„מיר האָבן בדעה צו בארירן אַן ענין, וואָס יעדער איינער וועט אים אנערקענען פאר א ברענענדיקן. מיר ווילן זיך ארויסזאָגן אין דער פראגע, וואָס מוז דרינגענד געלייזט ווערן. ס'גייט דאָ וועגן דער בעטלעריי צווישן קינדער אין די גאסן פון יידישן וווין־קווארטאל (געטאָ — נ. ג.). מיר קאָנען די קינדער, מיר טרעפן זיך מיט זיי יעדן טאָג און גייען פארביי מיט אַן אָנגעווייטיקט געפיל פון ראטלאָזיקייט.

אָנגעטון אין שמאטעס, זיצן זיי אָדער ליגן אין שמוץ, פאַרשפּרייטן א שלעכטן ריח, און פוילנדיק לעבעדיקערהייט, איינציקווייז אָדער אין גרופּן, בילדן זיי שפּאלירן לענגאוים די גאסן. שעהנלאנג פארגייען זיי זיך אין אויסגעלערנטן געוויין, קרומען

אוים ביז ווייטיק די אויסגעדארטע גופים, כדי ארויסצורופן אַ גרעסער רחמנות.

זיי קאָנען זיך מאכן ווי פארחלשטע אָדער טויטע, זיי קאָנען פארגליווערט ווערן אין קינסטלעכע קאָנוולסיעס. נאָך עטלעכע שעה באווייזן זיך זייערע „אפוטרופסים", קאָנטראָלירן די „אר־בעט" און נעמען צו דעם „פארדינסט".

און פארדינסט איז פאראן. ווייכהארציקע פארבייגייער ווארפן אָפּ צו אַ מטבע צו אַ מטבע, מאכט זיך, אז עמעצער ווארפט אריין אַ האלבן זלאָטי.

די דאָזיקע בעלי־רחמים שטויסן זיך אפילו נישט אָן, אז דורך זייערע נדבות אונטערשטיצן זיי די נבזהדיקסטע מלאכה: די עקספּלואטאציע פון קינדער צוליב פּראָפעסיאָנעלער בעטלעריי. זיי זעען נישט, ווי זיי געווינען צו די קינדער צו דויערהאפטיקער בעט־לעריי און העלפן צו עס אראָפּצושטויסן אין אָפּגרונט פון פיזישער און מאָראלישער פארווילדונג.

די גרעסערע און שטארקערע קינדער זענען אַ פּחד פאר די בעקערייען, געשעפטן. זיי גנבענען ווו זיי קאָנען און וואָס עס לאָזט זיך, רייסן ארוים ביי דורכגייער פּעקלעך און בילדן אָר־גאניזירטע באנדעס פון יוגנטלעכע פארברעכער".

ווי מעלאנכאָליש פארקלונגען זענען די ווערטער פון אַ יידישער פרוי, וואָס האָט געזאָרגט פארן קינד און נישט געזען די סיבה פון זיין דערנידערונג: „זיי זעען נישט, ווי זיי געווינען צו די קינדער צו דויער־האפטיקער בעטלעריי".

די דויערהאפטיקייט האָט זיך גיך געענדיקט. די געזעלשאפטלעכע קינדערשוץ האָט געטון פארן קינד אַלץ, וואָס זי האָט געקאָנט, זי האָט אָבער נישט געקאָנט טון דאָס וויכטיקסטע:

אָפּראטעווען דאָס לעבן.

V

געזעלשאפטלעכע קינדערשוץ

מיט קינדערשוץ אין דעם גענעראל־גוווערנעמענט האָט זיך פאַרנו־מען די „יידישע סאָציאַלע זעלבסטהילף״ (Juss) און אין וואַרשע די צענטראַלע פון געזעלשאַפטן פאַר שוץ איבער יתומים (צענטאָס), וועלכע האָט שוין געהאַט איר לאַנגע טראַדיציע אויף דעם געביט.

אין א ריי שטעט האָט מען בכיוון נישט אָרגאַניזירט קיין קינדער־היימען, כדי נישט צו פאַרלייכטערן די דייטשן די מאַסנהאַפטע „אַרויס־שיקונג״ פון די קינדער. אמת, אז דאָס רוב קינדער האָט עס נישט אָפּ־געראַטעוועט, אָבער אין קלענערע ישובים האָט עס געהאַט א געוויסע השפּעה אויפן פאַרקלענערן די צאָל געכאַפּטע קינדער.

איינער פון די אָנפירער פון „צענטאָס״ אין וואַרשע איז געווען דער אַמאָליקער סעקרעטאַר פון „צענטאָס״ יוסף גיטלער־באַרסקי. ער האָט געהאַט דאָס גליק איבערצולעבן די מלחמה אין לאַגער בערגען־בעלזען און האָט זיך אומגעקערט צו דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט („דזשאָינט״).

די טעטיקייט פון „צענטאָס״ אין וואַרשעווער געטאָ

ער האָט מיר געגעבן פאָלגנדיקן אינטערוויו, וועלכער איז דורך מיר פאַרפּראָטאָקאָלירט געוואָרן:

> די טעטיקייט פון „צענטאָס״ האָט אַרומגענומען וואַרשע און די געזונטהייטס־אַנשטאַלטן פון די גאָר נאָענטע ישובים. פאַרן שטח פון גאַנצן לאַנד איז אָרגאַניזירט געווען א קינדערשוץ־אָפּטיילונג ביים יוסס אין קראָקע. דירעקטאָרן פון „צענטאָס״ אין וואַרשע זענען געווען: י. גיטלער־באַרסקי און ד״ר אַדאָלף בערמאַן.
>
> אין שייכות מיטן פאַרגרעסערן זיך פון דער צאָל יידישע איינ־וווינער אין וואַרשע צוליב דער טענדענץ זיך צו קאָנצענטרירן אין א גרויסן ישוב, האָט זיך אויך פאַרגרעסערט די צאָל יידי־

שע קינדער. אין די יאָרן 1942־1941 האָט זייער צאָל באַטראָפן בערך 50.000.

די לאַגע פון די קינדער איז געווען א שרעקלעכע. די פאַר־מעגלעכע משפחות האָבן קיינמאָל קיין סך קינדער נישט געהאַט. די אָרימקייט דערפאַר און בפרט די אָנגעפּאָרענע פון דער פּראָ־ווינץ איז געווען געבענטשט מיט פיל קינדער־משפחות.

א גרויסע צאָל קינדער איז געווען אין גאַנצן פאַרוואָרלאָזטע, ווייל מ׳האָט זייערע עלטערן צוגענומען אין די א.ג. „ארבעט־לאַגערס״, פון וואַנען זיי זענען שוין קיינמאָל נישט צוריקגע־קומען, אָדער צוליב דער גרויסער שטערבלעכקייט אין שייכות מיט די טיפוס־עפּידעמיעס צווישן די דערוואַקסענע.

דער מצב פון די קינדער איז געווען א טראַגישער. זיי זענען געווען צונויפגעדריקט אין די שמאָלע געסלעך פון געטאָ. פיל קינדער, פון דער פּראָווינץ בפרט, זענען געווען היימלאָזע, גע־שוואָלענע און אויסגעהונגערטע. אומזיסט האָבן זיי ארויסגע־קוקט אויף הילף פון די דערוואַקסענע.

אין דער לאַגע האָט דער „צענטאָס״ אונטערגענומען אַן אַק־ציע אונטערן לאָזונג „ראַטעווען קינדער״.

מ׳האָט מאָביליזירט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פאַק־טאָרן פון געטאָ, סוהרישע און פאַבריקאַנטישע קרייזן, ווי אויך די ברייטסטע מאַסן פון באַפעלקערונג. אַלע האָבן ארויסגעוויזן אַן אומגעהויער ברייט הארץ און אָפענע האַנט. אין משך פון א יאָר צייט האָט דער „צענטאָס״ געהאַט: קינדערהיימען אָדער א״ג אינטערנאַטן, האַלב־אינטערנאַטן, קינדער־קיכן, און אפילו קינדער־גערטנער און זומער־קאָלאָניעס אויף די פּעריפעריעס פון געטאָ.

אין די 20 אינטערנאַטן, וואָס זענען אויפגעבויט געוואָרן מיט דער הילף פון געזעלשאַפטלעכן פאַקטאָר, האָבן 5000 קינ־דער געפונען זייער היים.

דער „צענטאָס״ האָט אָרגאַניזירט אזא גרויס נעץ אינטער־

נאטן א דאנק דעם פּאַטראָנאַט פון באזונדערע בראנזשעס (בעקערס, בערשטן־מאכעריי או״וו) איבער געוויסע אינטערנאטן, לטובת וועלכע זיי האָבן אריינגעלייגט מיליאָנען געלט.

די האַלב־אינטערנאטן און קיכן האָבן באַדינט א 30.000 קינדער בערך.

די קינדער־קיכן זענען געווען למעשה מאַסקירטע שולן פון די פאַראייניקטע יידישע שול־אָרגאַניזאַציעס (תרבות, צישאָ, רעליגיעזע שול־אָרגאַניזאַציעס), וועלכע האָבן געטראָגן דעם נאָמען: „קאָמיטעט פאַר קינדער־דערנערונג״ ביים „צענטאָס״.

די קיכן זענען געווען אין די שול־לאָקאַלן פון די דערמאָנטע אָרגאַניזאַציעס און דער באַדינענדיקער פּערסאָנאַל איז באַשטאַנען פון אַמאָליקע לערער, וועלכע האָבן אין דער פרייער צייט ווייטער געלערנט מיט די קינדער (די פּוילישע שול־מאכט אנערקענט היינט די דאָזיקע שולן באַגלייך מיט אַלע אנדערע געהיימע לערנאנשטאַלטן).

ביי די „קיכן״ האָט מען אָרגאַניזירט קינדער־כאָרן און בכלל האָט זיך געפירט א דערציערישע ארבעט. 60% פון אַלע קינדער אין געטאָ האָבן געגאַנגען פון די קיכן־שולן.

א נייע אינסטיטוציע, וואָס איז ביי אונדז קיינמאָל נישט געווען, איז געשאַפן געוואָרן אין געטאָ. דאָס זענען געווען די א״ג פאַרהאַלטונגס־צימערן (izby zatrzymań), וווהין מ׳פלעגט ברענגען פון די גאַסן קינדער־בעטלער און נאָך א געוויסער קאַראַנטין איבערגעבן אין די אינטערנאַטן.

אין „צענטאָס״־אינסטיטוציעס האָבן געאַרבעט 1000 געצאָלטע אָנגעשטעלטע און 2000 מאַן אַקטיוויסטן. כדאַי צוצוגעבן, אז געזעלשאַפטלעך אַקטיווע ארבעט איז געווען מעגלעך צו פירן נאָר אין א קליינער צאָל אָרגאַניזאַציעס ווי „טאָז״, „יוסס״, „זשיטאָס״ און בפרט אין „צענטאָס״.

עס קלינגט ווי א פּאַראַדאָקס, אָבער די קינדערשוץ איז אין געטאָ געווען מער צוגעפּאַסט צום לעבן, ווי פאַר דער מלחמה.

נישט קוקנדיק אויף דער ברייט פאַרצווייגטער טעטיקייט, זע־נען דאָך געווען א סך קינדער־שלעפּער.

דער באַשריבענער צושטאַנד האָט געדויערט ביז יולי 1942. אין דעם חודש האָט זיך אָנגעהויבן די א"ג אויסזידלונגס־אַקציע פון וואַרשעווער געטאָ. די יידישע אָרדענונגס־דינסט האָט גע־מוזט צושטעלן די דייטשן „קאָנטינגענטן" אויף אַרויסצופירן.

לכתחילה איז דער „צענטאָס" באַפרייט געוואָרן פון די „קאָנ־טינגענטן". נאָך 8־10 טעג האָבן די דייטשן אליין איבערגענו־מען די לייטונג איבער די „קאָנטינגענטן" און דעמאָלט זענען נעגאַנגען אויפן „אומשלאַגפּלאַץ" איין קינדער־אַנשטאַלט נאָכן צווייטן.

מען מוז אונטערשטרייכן די העלדישקייט פון די דערציער, וואָס זענען פרייוויליק געגאַנגען מיט די קינדער, הגם זיי האָבן געהאַט מעגלעכקייטן זיך אויסצובאַהאַלטן.

דער פאַל פון ד"ר יאַנוש קאָרטשאַק איז אַלגעמיין באַוווּסט. איך וויל דערציילן וועגן א צווייטן פאַל פון אינטערנאַט אויף דזשעלנע־גאַס.

די לייטערין פון אינטערנאַט, פרוי יאַנאָווסקאַ, האָט צונויפ־גערופן די דערציער און דערקלערט, אז זי האָט באַמערקט א טענדענץ צווישן די דערציער זיך אויסצובאַהאַלטן. זי האָט גע־פאָדערט דורכצופירן א באַשלוס וועגן נישט פאַרלאָזן די קינ־דער, צוגעבנדיק אז ווער ס'איז נישט גרייט צו גיין צוזאַמען, זאָל גלייך פאַרלאָזן די אַרבעט.

קיינער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. ביי דער נאָענטסטער בלאָקאַדע האָבן אַלע דערפילט זייער דערציערישן חוב.

די ליקווידאַציע פון קינדער האָבן די דייטשן דורכגעפירט מיט גרויסער ציניזם. זיי האָבן פאַרזיכערט די קינדער, אז מ'פירט זיי אַוועק אין אן אַנדערער שטאָט און געהייסן מיטנע־מען קאָלדרעס, רוקזעק אא"וו.

די ערשטע ליקווידאַציע־פאַזע האָט זיך פאַרענדיקט אין דער העלפט פון חודש סעפּטעמבער. אין דער זעלבער צייט זענען

אויך ליקווידירט געוואָרן די אנשטאַלטן אין אָטוואָצק און אין אנדערע ערטער אויף די וואַרשעווער ליניעס.

אין פאַרגלייך מיט דערוואַקסענע איז געבליבן אַ קליינע צאָל קינדער. מ'האָט זיי אויסבאַהאַלטן אין די אויוונס, שאַפעס און אנדערע באַהעלטענישן. ס'האָט זיך אויסגעוויזן, אַז די ראָל פון „צענטאָס" האָט זיך געענדיקט.

ד"ר בערמאַן איז אריבער צו קאָנספּיראַטיווער אַרבעט. אין געטאָ איז געבליבן באַרסקי.

ארויסגעוויזן האָט זיך, אַז קינדער זענען נאָך פאַראַן. זיי האָבן אָנגעהויבן קומען פון די בונקערס, פון דער אַרישער זייט און פון כל מיני פאַרשטעקטע מקומות.

די פּאָליציי און די דייטשן האָבן געהאַלטן אין איין מאַכן אָבלאַוועס און זיי גענומען שיקן אין קליינעם געטאָ.

ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט אַ 1200 קינדער און פאַר זיי האָט מען אָרגאַניזירט נייע אנשטאַלטן אין דער פאָרם פון קלובן און קליינע אינטערנאַטן פאַר אַ פופצן קינדער אין יעדן. לייטער פון דער קינדערשוץ-אַקציע איז געווען דער דירעקטאָר פון „דזשוינט" דוד גוזיק *).

אַ סך מי האָט מען אָפּגעגעבן צו באַפרייען די קינדער פון „אומשלאַגפּלאַץ".

איינמאָל האָט פרוי מאַרי, די לייטערין פון דער בורסע אויף טוואַרדע, געשיקט אַ בריוועלע מיט אַ פאָדערונג צו באַפרייען 60 מיידלעך פון אומשלאַגפּלאַץ. גיטלער איז גלייך צוגעפאָרן אַהין און נאָך פיל באַמיאונגען און אונטערהאַנדלונגען מיט ס. ס. און דעם קאָמענדאַנט פון דער מיליץ שמערלינג האָט זיך אים איינגעגעבן אָפּצוראַטעווען די מיידלעך. ביי דער געלעגנהייט האָט מען געקאָנט ארויספירן מער קינדער, נאָר שמערלינג האָט נישט דערלויבט.

---

*) אומגעקומען פון אַ פלי-קאַטאַסטראָפע אין מערץ 1946.

אינטערעסאַנט איז, אַז קליינע, 5-6 יאָריקע, קינדער האָבן זיך אין מאָמענט אָריענטירט אין דער לאַגע און אויפגעהויבן די לעגיטימאַציעס, וואָס האָבן זיי, ווי קינדער פון עלטערן מיט אַנטשפּרעכנדיקע „אויסווייזן", געגעבן דאָס רעכט צו פאַרלאָזן דעם „אומשלאַגפּלאַץ". איבער צען קינדער האָבן זיך אויף דעם אופן אָפּגעראַטעוועט.

דער „צענטאָס" האָט געאַרבעט ביזן 18טן יאַנואַר 1943. דע־מאָלס האָבן די דייטשן אויך ליקווידירט די האַלב־אינטערנאַטן.

איין בילד פון דער לעצטער אַקציע באַשרייבט י. גיטלער־באַרסקי, וואָס האָט זיך אים איינגעקריצט אין זכרון.

„איין נאַכט, צווישן 18טן און 20סטן יאַנואַר, בין איך גע־גאַנגען אויף זאַמענהאָף־גאַס 56 זען, וואָס ס'הערט זיך מיט די קינדער.

די צימערן האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַ פּאָגראָם. די איינריכ־טונג איז געווען דעמאָלירט, דאָס געשיר צעבראָכן, פּעדערן האָבן זיך געטראָגן אין דער לופט און אין די ווענט זענען געווען לע־כער פון קוילן.

קיין שיין איז נישט געווען.

אין לעצטן צימער האָב איך באַמערקט אַן איינגעוויקלטע קאָלדרע. אין דער קאָלדרע איז געלעגן אַ 5-יאָריק יינגעלע און קיין סימן פון לעבן האָב איך אין אים נישט באַמערקט. כ'האָב געמיינט, אַז ער איז טויט.

מיטאַמאָל, נישט עפענענדיק די אויגן, רופט ער זיך אָן שטיל אָבער גאַנץ דייטלעך: „איך וויל נישט שטאַרבן".

ער האָט פאַרלוירן דאָס באַוווסטזיין. כ'האָב אים אריבערגע־טראָגן אין בונקער און אים אויפגעמונטערט.

שפּעטער, ביי אַ צווייטער אַקציע, איז ער אומגעקומען".

נאָכן 18טן יאַנואַר איז די אַרבעט פון „צענטאָס" געוואָרן ציללאָז. אויסער יחידים, זענען קיין יידישע קינדער שוין נישט געווען.

נ ח ג ר י ס

ס'איז צו זען, ווי עלאסטיש ס'איז געווען דער אפאראט פון קינדער־שוץ, ווי די נויט האט דיקטירט נייע פארמען פון שוץ און קאנספּיראטיווע אופנים פון לערנען.

די ארבעט אוממיטלבאר מיט די קינדער איז נישט געווען פון די לייכטע. ס'האבן געארבעט לערער, ס'האבן געארבעט אקטיוויסטן.

די שווערע צייט האט דערוועקט ביי א גרויסן טייל פון דער יידישער געזעלשאפט די בעסטע מידות און די דערהויבנסטע אינסטיקטן.

שרה מונק איז א לערערין פון ווארשע, וואס האט אין די יארן 1939־1942 געארבעט אין די דערנערונגס־פּונקטן פאר קינדער ביים „טאז" און „צענטאס". איצט ארבעט זי אין דער צ.יי.ה.ק. אין לאדזש.

אויף אונזער ביטע האט זי ספּעציעל פאר דעם דאזיקן בוך אנגעשריבן פאלגנדיקע אבסערוואציעס איבער קינדער אין געטא:

„באלד נאכן פארנעמען ווארשע דורך די דייטשן איז דער ענין פון יידישער קינדערשוץ געווארן א ברענענדיקער. א סך, אפילו פארמעגלעכע יידישע משפחות זענען מיטאמאל אריינגעפאלן אין א קריטישער לאגע. צוליבן מאנגל און ממילא שווין יקרות אויף פּראדוקטן איז ארויפגעשווומען די פראגע פון צו דערנערן די קינדער. מיט דעם האבן זיך פארנומען „טאז" און „צענטאס".

ס'זענען ארגאניזירט געווארן קינדער־קיכן, וועלכע מ'האט שפּעטער א נאמען געגעבן „דערנערונגס־פּונקטן", ווו דער באדינונגס־פּערסאנאל איז באשטאנען פון לערער פון יידישע שולן.

ווייל די דייטשע מאכט האט נישט דערלויבט צו עפענען שולן פאר יידישע קינדער, האבן די לערער באשלאסן ווייטער צו לערנען אין די קיכן אונטערן מאנטעלע פון דערנערונגס־ארבעט.

די קינדער האט מען פארשריבן אין די קיכן לויט גרופּעס, וואס אנטשפּרעכן באזונדערע קלאסן.

דער דוחק אין ביכער, העפטן און אנדערע שול־מכשירים האט פארשאפט שוועריקייטן, אבער די קינדער האבן זיך געריסן צום לערנען און ארויסגעוויזן א סך איניציאטיוו אויף פארשידענע

געביטן. זיי האָבן געצייכנט, געמאכט אויסשניטן און מיט דעם דעקאָרירט די עפּצימערן.

אויסערן לערנען אין די קיכן זענען נאָך געווען קאָמפּלעטן, ווו ס'האָבן זיך געלערנט קינדער פון מער פאַרמעגלעכע עלטערן. יעדן טאָג האָט מען געלערנט אין אן אנדערער וווינונג פון א שילער, כדי נישט צו ציען אויף זיך דעם אויפמערקזאַם פון דער דייטשער מאכט.

פּראָדוקטן פאר די קיכן פלעגן מיר באקומען דירעקט פון „טאָז". ביז צו דער ערשטער העלפט פון יאָר 1941 זענען פּראָדוקטן געווען אין א גענוגנדיקער מאָס. אויף פסח האָבן מיר אפילו מצות, שמאַלץ און אייער.

אין הארבסט 1941 ווערט געשאפן דאָס געטאָ. דאָס אריינפּרעסן פון דער יידישער באפעלקערונג אויף א באשטימטן, באגרענעצטן שטח, דאָס אָפּטיילן זי פון דער ארומיקער וועלט מיט א מויער און שטעכיקע דראָטן און דער צופלוס פון יידן פון קלענערע שטעט און שטעטלעך — דאָס זענען די סיבות, וואָס האָבן געהאט א קאטאסטראָפאַלע ווירקונג אויף דעם יידישן קבוץ און ממילא אויך אויף די קינדער.

זיי האָבן נישט געהאט גענוג אָרט אין די דירות, מ'האָט נישט געהאט גענוג צייט און געדולד זיך אָפּצוגעבן מיט זיי, זיי זענען אָפט געווען אָנגעוויזן אויף אייגענע כוחות, זיך געמוזט אן עצה געבן און נישט זעלטן ווערן די פרנסה-געבער פון דער גאנצער משפחה.

קינדער מיט א „גוטן אויסזען" פלעגן זיך ארויסגליטשן דורך לעכער אין די מויערן אָדער צווישן די דראָטן אויף דער „ארישער זייט". דאָרט האָבן זיי איינגעהאנדלט שפּייז-פּראָדוקטן און אריינגעבראכט אין געטאָ.

זייער פיל קינדער זענען געפאלן פון די דייטשע קוילן ביים אדורכקריכן די דראָטן.

אויסגעדארטע, ווייל נאָר אזעלכע האָבן זיך געקאָנט ארויסבאקומען דורך די לעכער, 8-7 יאָריקע יינגלעך און מיידלעך

פלעגן די „סחורה״ (ברויט, קאַרטאָפל) אריבערוואַרפן אויף דער צווייטער זייט, ווו עמעץ האָט שוין געוואַרט, און אליין, ווי א קאַץ פלינק, דורכגליטשן זיך.

אנדערע האָבן געהאַנדלט אין געטאָ גופא: מיט פּאַפּיראָסן, צוקערלעך.

די אַמווייניקסטנס אונטערנעמונגספּעאיקע זענען ארויס אין די גאַסן — בעטלען.

אין יענער צייט וואַקסט די צאָל קינדער, וואָס קומט אין די קיכן עסן, גלייכצייטיק אָבער פאַלט די צאָל באַטייליקטע אין די לימודים. שילער, וואָס האָבן ביז איצט סיסטעמאַטיש באַזוכט די לימודים, האָבן מיט טרערן אין די אויגן זיך פאַרענטפערט, אז זיי האָבן נישט קיין צייט צו לערנען, ווייל זיי מוזן העלפן די עלטערן פאַרדינען. לרוב זענען דאָס געווען קינדער פון „איבער־געזידלטע״, וואָס האָבן שוין געהאַט אלץ פון שטוב אויספאַר־קויפט און האָבן זיך געפונען אין א לאַגע אָן אַן אויסוועג.

ס׳שאַפן זיך א״ג „פּונקטן פאַר אויסגעזידלטע״, געוועגלעך לאָקאַלן ווו ס׳זענען געווען בתי מדרשים. די היגיענישע באַ־דינגונגען זענען דאָ געווען אומבאַשרייבלעכע. אין א מוראדיקער ענגשאַפט זענען אויף שטרוי־זעק געלעגן גרויס און קליין. אין אזא לאָקאַל איז געוועגלעך געווען נאָר איין אויוועלע, וואָס האָט געדינט ווי א קיך פאַר עטלעכע משפחות.

קינדער פון די דאָזיקע „פּונקטן״ פלעגן מאַסנווייז קומען אין די קיכן, ווו א הייסער טעלער זופּ איז געווען כמעט די איינציקע שפּייז זייערע.

צו ווינטער צו פאַרקלענערט זיך די צאָל קינדער אין די קיכן מחמת דוחק אין מלבושים, שיך אָדער צוליב קראַנקהייטן. דאָס עסן פלעגט מען זיי אהיים שיקן.

בעת די מאָלצייטן פלעגן מיר פירן שמועסן מיט די קינדער אויף פאַרשידענע טעמעס, אָפּהענגיק פון דער גרופּע. מיר האָבן זיך באַמיט צו באַרירן טעמעס, וואָס זענען ווייט פון דער מרה שחורהדיקערווירקלעכקייט.

די שווערע איבערלעבונגען האָבן געלאָזט טיפע שפּורן אין דער פּסיכיק פון די קינדער.

אויף די אַפּאַטישע קינדער־פּנימער האָט מען זייער זעלטן געקאָנט באַמערקן אַ שמייכל.

ס׳זענען אָבער געווען אַנדערע קינדער, בפרט אונדזערע „שמוג־לער״. זיי פלעגן זיך בונטעווען קעגן באַגרענעצן זייער פרייהייט און זיך געריסן צו נעמען נקמה פאַר די געליטענע עוולות.

די ביז גאָרע שווערע באַדינגונגען האָבן צוגעאײַלט די פאַר־פריטע גייסטיקע אַנטוויקלונג. פון יענער זייט מויערן האָבן זיי איבערגעלאָזט זייער פרײדיקע קינדהייט און אין אַ פאַרמאַכטער שטייג — אין געטאָ האָבן זיי אָנגעווירן דעם קינדערשן שמייכל און מיט זקנישער רעזיגנאַציע געשלעפּט זייער גורל.

אין די שמועסן אויף כלערליי טעמעס האָבן זיי גענומען אַ לעבעדיקן אָנטייל, גרויסע און קליינע. ס׳האָט גערעדט דער קליי־נער העניאָ מיטן רענצעלע פּאַפּיראָסן, מאַרעק, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון דער „אַרישער״ זייט מיט אַ זאַק קאַרטאָפליעס, און האַנקאַ, די בעטלערין פון לעשנאָ־גאַס און אַ סך אַנדערע.

שטאַרק פאַראינטערעסירט האָט די קינדער אילינס בוך: „הונדערט טויזנט פאַרוואָס?״, פון וועלכן באַזונדערע קאַפּיטלען זענען אַרומגערעדט געוואָרן.

אין די „צודערנערונגס פּונקטן״ האָבן מיר אויך געפירט גימ־נאַסטיק, שפּילן און אַ כאָר. וויפל פרייד און פריילעכן טומל האָבן אַרויסגערופן די שפּילן! אין זיי איז געקומען צום אויסדרוק די קינדער־ענערגיע.

ווינטער 1941 אָרגאַניזירט דער „צענטאָס״ אַ מאַריאָנעטן־קורס פאַר לערער און דערציער, כדי צו העלפן זיי אין אָרגאַני־זירן פאָרשטעלונגען און געבן פאַר די אויפפירונגען שטאָף. דער „צענטאָס״ אָרדנט אויך איין פּרעכטיקע מאַריאָנעטן־פאָרשטע־לונגען פאַר קינדער.

זומער 1941 הערשט אַן עפּידעמיע פון פלעק־טיפוס. די שרעק־לעכע וווינונגס־באַדינגונגען, שמוץ און הונגער, דער דוחק אין מעדיקאַמענטן באַווירקן די גרויסע שטערבלעכקייט. ווען מ׳האָט נאָך אין הארבסט עטלעכע גאַסן אויסגעטיילט פון געטאָ, איז דאָס לעבן פון דער יידישער באַפעלקערונג געוואָרן אַן אמתער גיהנום.

אין די „פּונקטן” ווערט כסדר באַרירט די פראַגע פון ריינ־קייט. אַ דאָקטאָר און היגיעניסטקעס אונטערזוכן סיסטעמאַטיש די קינדער. צום באַדויערן אָבער איז דער פּראָצענט פאַרלייזיקטע קינדער אַ גרויסער. די קינדער האָבן געטון אַלץ צו בייטן דעם צושטאַנד, אָבער וואָס האָבן למשל געקאָנט העלפן די אָפּטע באַזוכן די בעדער, אַז ס׳האָט געפעלט זייף, וועש און... דירות.

אויף די גאַסן וואַקסט די צאָל אָפּגעריסענע, אָפּגעשליסענע קינדער. ס׳באַווייזן זיך „כאַפּערס”. דאָס זענען געווען יונגע, שמוציקע, אָפּגעריסענע ייִנגלעך, וועלכע האָבן פון אַ באַהעלטע־ניש אָבסערווירט די פאַרבייגייער. זיי פלעגן זיך ספּעציעל אַרומ־דרייען ביי צוקערניעס, שפּייז־קראָמען אא״וו. דערזען אַ מענטשן מיט אַ פּעקל אין האַנט, פלעגן זיי עס אויסכאַפּן און אַנטלויפנ־דיק אַריינלייגן אין מויל וואָס מער. מ׳איז זיי נאָכגעלאָפן און גוט צעמזיקט.

אויסגעמאָגערטע קינדער מיט געשוואָלענע פיס און פּנימער פלעגן אָנפולן די גאַסן און בעטלען. מ׳האָט זיי געקאָנט זען ליגן אָדער זיצן אונטער די מויערן, בפרט נעבן געריכט אויף לעשנאָ, איינער ביים צווייטן. דאָס זענען געווען סקעלעטן אין שמאַטעס. די דאָזיקע קאָשמאַרן פלעגט מען רופן „די בלומענטעפּ פון געטאָ”. ס׳וועט אָבער פון די „בלומענטעפּ” גאָרנישט אויסוואַקסן.

די יידישע געזעלשאַפט איז בדרך כלל נישט געווען גלייכגיל־טיק צו דער קינדער־נויט. מ׳האָט געטון אַלץ אויף צו ראַטעווען די קינדער, אָבער אין פאַרגלייך מיט דער צאָל קינדער און זייערע באַדערפענישן איז מען געווען הילפלאָז.

מ׳האָט געשאַפן אינטערנאַטן און האַלב־אינטערנאַטן. די הויז־

קאָמיטעטן האָבן אין יעדן הויז געגרינדעט „קינדער־ווינקלען". מ'האָט געדונגען א צימער, ווו אלע קינדער פון געגעבענעם הויז פלעגן אונטער דער אויפזיכט פון א דערציער פארברענגען א פאָר שעה אויף שפּילן און לערנען. נישט פארמעגלעכע קינדער פלעגן אויך באקומען א מאָלצייט אין א פארמעגלעכער שטוב.

ס'זענען אָבער געווען הייזער, און טאקע די מערהייט, ווו אלע קינדער האָבן געמוזט אָנקומען נאָך הילף. די קאָמיטעטן פון רייכערע הייזער פלעגן העלפן מיט געלט אָדער מיטאָגן.

אלץ איז אָבער געווען נישט גענוגנדיק.

אין די קיכן איז געווען וואָס אַמאָל ווייניקער פּראָדוקטן. דער הונגער האָט זיך געשטארקט און ארומגענומען אלץ גרעסערע מאסן. די קינדער האָבן אָנגעהויבן שלעכט אויסזען און ענלעך געוואָרן צו סקעלעטן. די ענדערונג האָט זיך געלאָזט מערקן פון טאָג צו טאָג, ביז זיי האָבן אויפגעהערט צו קומען און א שטוב־מענטש האָט זיך געמאָלדן נאָך זייער עסן. די קינדער האָבן שוין קיין כוח נישט געהאט צו גיין. נאָך א וואָך־צוויי דערוויסן מיר זיך וועגן טויט.

זייער פיל לערער זענען דעמאָלס, ד"ה זומער 1941, אומגע־קומען פון פלעקטיפוס.

די קינדער האָבן ליב געהאט צו רעדן וועגן דעם, וואָס זיי וועלן טון נאָך דער מלחמה. א כאראקטעריסטישער ענטפער פאר א סך קינדער איז געווען: כ'וועל זיך קויפן א וואָגן ברויט און זיך אָנעסן ביז זאטקייט.

זיי האָבן אויך ארויסגעוויזן קינסטלערישן טאלאנט אין פאר־שידענע אימפּרעזעס. אומפארגעסלעך איז די סצענע, ווי דער קליינער הנוך שטעלט פאָר אין וואָרט, מימיק און זשעסט, ווי אזוי ער גנבעט זיך ארויס אויף דער ארישער זייט, ווערט פאר־האלטן אין דעם שומרס בודע און אנטלויפט פון דאָרטן. אפילו די אפּאטישסטע קינדער האָבן געשמייכלט.

נישט נאָר צוליבן עסן זענען קינדער געגאנגען אין די קיכן. זיי האָבן זיך אויך געוואָלט אויף א מאָמענט אָפּרייסן פון דער

טרויעריקער ווירקלעכקייט, טיילן זיך מיט זייערע זאָרגן, לייענען, א כאַפּן שמועס.

א 9־יאָריק מיידעלע, באשע, האָט געפרעגט אן עצה, צי זאָל זי פאַרבלייבן אויף דער „ארישער” זייט, ווו א פּוילישע פרוי וויל זי אויסבאהאלטן און איבערלאָזן די עלטערן אין געטאָ? ס׳איז איר געגאנגען אין דער עטישער זייט פון פּראָבלעם. אזעלכע פּראגן האָט מען אונדז געשטעלט א סך.

געווען קינדער פּרנסה־געבער, וואָס האָבן רעזיגנירט פון אייגענער זיכערקייט, כדי נישט צו לאָזן פאלן די עלטערן און זענען דערנאָך צוזאמען מיט זיי אומגעקומען.

די דאָזיקע פראגן באווייזן, סארא באציאונג די קינדער האָבן געהאט צו זייערע לערער.

די פּאָרשולן זענען געווען איינגעריכטעט פיל בעסער און שענער, ווי פאר דער מלחמה. דאָ זענען געווען די מאָדערנסטע גימנאסטישע מכשירים; ס׳איז געווען אַן אויסגעחלומט אָרט פאר אָפּרו און שפּילן. אלע טאָג איז געקומען אַן אנדערע גרופּע. ס׳איז געווען די איינציקע אָאזע אין דעם גרויסן מדבר.

אויך אין די אינטערנאטן האָבן זיך די קינדער גוט געפילט. פון דעק פון עלנט האָט מען זיי ארויסגענומען און געגעבן ריינע זאכן, געהאלטן ציכטיק און געשפּייזט. אונטער דער אויפזיכט פון דערציער האָבן זיי זיך שנעל איינגעלעבט אין דער אטמאָספער פון קינדערהיים.

פרילינג צייט 1942 האָט דער אינטערנאט אויף דזשעלנא אָרגאניזירט אַן אויסשטעלונג, ווי א באווייז פון זייער ארבעט אין משך פון חדשים אונטער דער זאָרגעוודיקער לייטונג פון די דערציער. עס זענען געוויזן געוואָרן צייכענונגען, זאכן פון טעגלעכן געברויך אוים האָלץ, שפּילצייג, פּלאסטעלין־פיגורן, שניידערישע אויסארבעטונגען, שטריקעריי. אויסער דעם שריפטלעכע ארבעטן, רעפעראטן אא״וו.

מ׳פלעגט מאכן פארשידענע אימפּרעזעס לטובת די אנשטאלטן.

לײדער האָט דער גוטער ווילן נישט אָפּגעראַטעוועט די קינדער.
אין יולי האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע.
די הבטחות, אז דעם „טאָז" און „צענטאָס" וועט מען נישט טשעפּען, האָבן זיך ארויסגעוויזן פאר געוועלנלעכער דײַטשער אָפּנארעריי.
די קיכן האָבן געארבעט ביזן לעצטן מאָמענט און די לערער זענען געבליבן אויף זייערע פּאָסטנס.

די פאָרמען פון קינדערשוץ זענען געווען אָפּהענגיק פון אָרטיקע באַדינגונגען. כדי בולטער צו מאַכן דאָס בילד, ברענגען מיר א פּראָטאָקאָל — גבית עדות איבער דער ארבעט אויף דעם געביט אין טשענסטאָכאָוו, וואָס מיר האָבן פארשריבן לויט דער שילדערונג פון ל. ברענער, פאָרזיצער פון וואָיעוואָדישן קאָמיטעט אין טשענסטאָכאָוו, אין דער צייט פון אָקופּאַציע דער לייטער פון „טאָז".

„א חודש נאָכן פארנעמען טשענסטאָכאָוו דורך די דייטשן, ד"ה אין אָקטאָבער 1939, איז דער „טאָז" צוגעטראָטן צו א טעטיקייט אין א ברייטערן פארנעם ווי ביז דער מלחמה. ס'איז נויטיק געווען צו דערגאַנצן די בלויזן, וואָס זענען אנטשטאַנען צוליבן איבעררייסן די טעטיקייט דורך אנדערע אינסטיטוציעס, בפרט דורך די שולן.
אין יאנואר 1940 איז צו דער דערנערונגס־טעטיקייט צוגעקומען נאָך קלוב־ארבעט. אין די קלובן האָבן 2000 קינדער דורכגעמאַכט א סיסטעמאַטישן שול־קורס.
פון מערץ 1940 זענען די קלובן געווען טעטיק דעם גאַנצן טאָג. פארשפּייזונג איז געגעבן געוואָרן דריי מאָל א טאָג.
דער סדר היום איז געווען א פאָלגנדיקער: פאר מיטאָג — לימודים, נאָך מיטאָג — ארבעט. ס'זענען געמאַכט געוואָרן פּאַנטאָפל, טאָרבעס, קוישלעך, וועלכע מ'פלעגט פארקויפן און די הכנסה פארווענדן לטובת די קלובן.
דריי זענען געווען אזעלכע פונקטן.
דער לייטער איז געווען ברענער. קיין פּעדאגאָגישע כוחות

זענען נישט געווען אין א גענוגענדער צאָל, אָבער א דאנק דער איבערגעבענער ארבעט פון דערוואקסענער יוגנט, וועלכע האָט דורכגעמאכט פראקטישע קורסן, האָט זיך איינגעגעבן צו דער־גרייכן גוטע רעזולטאטן אין די לימודים און דערציאונג.

יעדן חודש זענען פאָרגעקומען פאָרשטעלונגען, וועלכע האָבן אריינגעבראכט הכנסות. אין רעפּערטואר איז צ״א אויך געווען די קינדער־אָפּערע: „ליאלקעס״.

לטובת די קינדער־אנשטאלטן האָבן געגעבן קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען דער דראמאטישער קרייז און דער 60־פּערזאָ־ניקער כאָר.

די אימפּרעזעס זענען געווען א לעבנסנויטווענדיקייט, ווייל פון יאָר 1941 האָבן אויפגעהערט אריינצופליסן די הכנסות פון ווארשעווער צענטראלע און פון „דזשוינט״.

דער „טאָז״ האָט אויך אויסגעהאלטן א קאָנסולטאציע פאר מוטערס און א „טראָפּן־מילך״־סטאנציע פאר קינדער.

נאָך דעם 22סטן סעפּטעמבער 1942 — א גרויסער „אויס־זידלונג״— איז געלונגען אויסצובאהאלטן 73 קינדער מיט זייערע מוטערס אין פון פאָראויס צוגעגרייטע בונקערס אויפן שטח פון ארבעטסלאגער (מעבל לאגער). מ׳האָט זיי דאָרט אויסבאהאלטן אין משך פון 6 וואָכן, ד״ה ביזן איבערפאָרן אין קליינעם געטאָ.

דאָ האָט מען אויפגעבויט פיר בונקערס, פון וועלכע צוויי זענען באשטימט געוואָרן פאר קינדער, וועלכע מ׳האָט אריבער־געטראָגן אהער אין זעקלעך, רוקזעק און אנדערע ענלעכע אופ־נים. ווען א קינד פלעגט בעת אזא טראנספּאָרטירן אים וויינען, האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן הויך צו זינגען, כדי צו פאר־טויבן דעם געוויין. מיט די דאָזיקע ארבעטער־גרופּעס האָט אָנ־געפירט מאכל בירענצווייג, וועלכער האָט געהאט אויפן וואָגן אָנגעלאָדן פּעקלעך. בעת די דייטשן האָבן רעווידירט דעם וואָגן, זענען די ארבעטער דורכגעגאנגען מיט די קינדער אויף די פּלייצעס.

לכתחילה האָבן די זשאנדארן נישט געמאכט זיך ווייסנדיק, וואָס אין לאַגער זענען פאַראן קינדער. דאָס האָט צוגעגעבן חשק צו שאַפן א שול פאַר 120 קינדער. ווען די זשאנדארן האָבן זיך וועגן דעם דערוווסט, זענען זיי געקומען אין שול און אויסגע־דריקט זייער צופרידנקייט, געהייסן אפילו ארויסגעבן מארמע־לאַד פאַר די קינדער.

אין יאנואר 1943 האָט מען ארומגערינגלט דאָס געטאָ. די לייטונג פון דער שול האָט זיך באַלד געכאַפּט, וואָס דאָ קומט פאָר און פונאנדערגעלאָזט די שילער. א דאנק דעם האָבן זיך פיל קינדער אָפּגעראַטעוועט.

נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ אין יוני 1943 האָט מען א טייל קינדער געגעבן צו פּאָליאַקן.

אין יולי 1943 האָט מען ליקווידירט די קינדער, וואָס זענען ביז דעמאָלט געווען לעגאַל אין „ה א ס א ג"-לאַגער.

די באַפרייאונג האָבן דערלעבט 40 קינדער.

אנדערש ווי אין גענעראַל-גוווערנעמענט האָט אויסגעזען אין לאָדזש, ווו דאָס געטאָ האָט געזאָלט זיין א מוסטער פון א „יידישער מלוכה".

דער גאַנצער כמעט ארכיוו פון לאָדזשער געטאָ געפינט זיך אין דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש, ווייל די דייטשן האָבן אים נישט באַוויזן צו פאַרניכטן. פאַראן דאָרט אמטלעכע סטאַ־טיסטיקן, פון וועלכע מיר ווילן זיך אָפּשטעלן אויף דער פראַגע, וואָס אינטערעסירט אונדז.

דעם 12טן יוני 1940 זענען אין לאָדזש געווען קינדער ביז 14 יאָר — 39.559. דערפון 20.318 יינגלעך און 19.241 מיידלעך. אין משך דעם 1941סטן יאָר זענען צוגעקומען 2538 קינדער. נישט חלילה פון נאַטירלעכן צוּוואוקס! דאָס זענען געווען, וואָס מ'האָט צוזאמען מיט די עלטערן „איבערגעזידלט" פון רייך, עסטרייך, טשעכאָסלאָוואַקיי, לוקס־סענבורג און פון אנדערע מערב שטעט פון „וואַרטעגאַו" ווי פון וולאָצ־לאַוועק אא"וו.

אין ערשטן האַלבן יאָר 1942 זענען געשטאָרבן 589 קינדער, גע־

בוירן געוואָרן — 347. אָבער אז מיר קוקן דורך די סטאַטיסטיק פאַרן יאָר 1942, זעען מיר, אז ס'זענען דאָ:

ייִנגלעך — — —	11.329
מיידלעך — — —	10.598
צוזאַמען —	21.927

מיר מאַכן א פּשוטן חשבון:

אין יאָר	1940 — — —	39.559
צוגעפאָרענע	1941 — — —	2.538
געבוירענע	1942 — — —	347
	צוזאַמען —	42.444
געשטאָרבן	1942 — — —	589
	דאַרף זיין —	41.855
פאַראַן יוני	1942 — — —	21.927
	פעלן —	19.928

ווו זענען אהינגעקומען קנאַפּע 20.000 קינדער?

דעם ענטפער געפינען מיר אין דער רובריק "Ausgesiedelte" פון געטאָ.

אָבער כל זמן די קינדער זענען געווען, האָט מען פאַר זיי געזאָרגט, נישט אוודאי אין דער מאָס, ווי זיי האָבן זיך גענויטיקט, נאָר אין די ראַמען פון די מעגלעכקייטן.

אָט דערווייזן מיר זיך למשל פון דער טובערקולאָז פּרעווענטאָריע־סטאַטיסטיק, אז אין די יאָרן 1941-1942 *) האָבן זיך געהיילט כסדר 60-80 קינדער ביז 5 יאָר. אַרום 100 קינדער פון 4 יאָר האָבן סטאַביל גענאָסן פון אן אַפּרו־הויז. אזוי פיל אומגעפער קינדער האָבן זיך געהיילט

*) פון יוני 1941 ביז יוני 1942.

אין שפּיטאָל אויף דריי אָפּטיילונגען. אין יאָר 1941 האָבן זיך געהיילט אויף דער קינדער־אָפּטיילונג 800 קינדער, אין יאָר 1942 — 207.

די סיבה איז א קלאָרע און פאָדערט נישט קיין קאָמענטארן.

מיר האָבן נישט אויסגעשעפּט דעם ענין קינדערשוץ. ביים היינטיקן מצב פון די היסטאָרישע מקורים איז עס נאָך צו פריצייטיק. עס איז אומ־מעגלעך צו מאכן אפילו פאראלגעמיינערונגען. יעדע שטאָט האָט זיך גע־האט אירע באזונדערקייטן, וואָס זענען געווען אָפּהענגיק פון כלערליי פאקטאָרן און נישט פון אלע ערטער זענען פאראן אָדער וועלן זיך קאָנען געפינען מאטעריאלן.

דעריבער האָב איך זיך באמיט דעם מאטעריאל פון ערשטע מקורים געבן אין ביילאגעס, ווייל צו מאכן אויספירן איז ער נישט גענוגנדיק, אָבער ער איז גענוג וויכטיק, מ'זאָל אים פארעפנטלעכן.

דאָס דאָזיקע קאפּיטל דארף זיין אַן אָנדענק, געווידמעט דעם לעבן און ליידן פון די הייפעלעך קינדער, וואָס זענען געווען א פרייד פאר דער געזעלשאפט און וועלכע האָבן, אין הונגער און קעלט, מיט די לעצטע כוחות געשעפּטשעט: „איך וויל נישט שטארבן".

VI

דאָס „שולוועזן"

יידישע קינדער האָבן נישט שטענדיק געהאט די מעגלעכקייט צו באזוכן א שול. דער דייטשער אָקופּאנט האָט געהאלטן, אז זיי קאָנען זיך אָן איר באגיין.

וועגן דעם ווי אזוי די יידישע קינדער האָבן זיך געלערנט אין וואר־שע און אין טשענסטאָכאָוו, האָבן מיר זיך באמיט צו אינפאָרמירן אויפן סמך פון קאָמפּעטענטע עדות.

אין אנדערע שטעט האָט עס אומגעפער אויך אזוי אויסגעזען.

זייער אָנגענומען איז געווען די פאָרם פון „קאָמפּלעטן", ד"ה גרופּעס שילער פון א גלייכן ניווא. זיי פלעגן זיך צונויפקומען אין פּריוואטע הייזער.

נ ח ג ר י ם

אָפיציעל האָט עקזיסטירט א שולוועזן אין לאָדזש און וועגן דעם וועלן מיר געבן געוויסע אינפאָרמאציעס אויפן סמך פון סטאטיסטישע געגעבענע, וועלכע ס'האָט פארעפנטלעכט דער עלטסטער פון דער יידישער קהילה אין לאָדזש פארן יאָר 1940-1941.

לערנאנשטאלטן זענען געווען פאָלגנדיקע:

פאָרשולן	2	
וועלטלעכע פאָלקשולן	34	42
רעליגיעזע פאָלקשולן	6	
ספעציעלע	2	
גימנאזיעס	2	
ליציייען	5	
וועבעריי־פאכשול	1	
	52	

שול־צימערן זענען געווען 209, אָבער מער ווי העלפט האָבן געהאט א קלענערע קובאטור ווי 100 מ"ק. אין וועלכע היגיענישע באדינגונגען ס'האָבן געלערנט 14.000 שילער, איז צו זען פון פאקט, אז פון די 52 שולן איז בלויז איינע געווען אין א שול־בנין, ניין אין אדאָפטירטע הייזער און די איבעריקע אין קליינע הייזעלעך אויף דער לאָדזשער פאָרשטאָט מאריסין.

אין אָט די שולן האָבן געארבעט מיט גרויס איבערגעבנקייט 500 קוואליפיצירטע און באגאבטע פעדאגאָגן.

אויך די שילער זענען נישט אָפגעשטאנען פון די פעדאגאָגן און ארויסגעוויזן פיל פלייס און פעאיקייטן. איידער מיר וועלן אָנגעבן גע־וויסע ציפערן, מוזן מיר נעמען אין אכט עטלעכע פאקטאָרן, וואָס האָבן זיך געמוזט אָפּרופן אויף די דערגרייכונגען און דער פרעקווענץ פון די

שילער. אין ערשטער ריי די אַלגעמיינע שטימונג, ווייטער די עקאָנאָמישע לאַגע און דריטנס די וווינונגס־ענגשאַפט *).

שולטיפ	אַלגעמיינע צאָל שילער	נעגאַטיווע רעזולטאַטן אַבסאָלוט	נעגאַטיווע רעזולטאַטן אין פּראָצ.
פאָלקשולן	12.679	2.499	19
גימנאַזיעס	1.148	90	7
ליציייען	218	8	3
צוזאַמען	14.045	2.597	29

דאָס איז א נאָרמאַלער פּראָצענט אָפּגעשטאַנענע שילער פון פאַר דער מלחמה. אין די נידעריקערע קלאַסן איז ער העכער, ווייל דער שילער־קאָנטינגענט שטאַמט דאָ פון די אָרימסטע שיכטן. זיי זענען אָפט געווען נאַקעט און באָרוועס און הונגעריק דערצו.

א ביז גאָר באַלערנדיקע איז די סטאַטיסטיק פון די אָפּוועזנהייטן אין שול לויט די סיבות.

אַזוי למשל נעמען מיר די סטאַטיסטיק פאַרן חודש יאַנואַר 1941.

סיבה פון אָפּוועזנהייט	צאָל אָפּוועזנדיקע קינדער/טעג
קראַנקהייט פון קינד — — — — — —	4.587
קראַנקהייט פון א משפחה־גליד — — —	702
שטוב־באַשעפטיקונג — — — — — —	273
פאַך־אַרבעט — — — — — — — —	190
דוחק אין א מלבוש — — — — — —	2.747
שלעכטער וועטער — — — — — — —	4.513
הונגער — — — — — — — — — —	161
נישט באַהייצטער שול־צימער — — — —	2.555
צוריקגעשיקט מחמת אומריינקייט —	59
אַנדערע סיבות — — — — — — — —	48
נישט פעסטגעשטעלט — — — — — —	811
	16.646

*) אויפן שטח פון 3,82 קוו. קמ. האָבן געוווינט 162.681 איינוווינער, ד״ה אויף איין קוו. קמ. 42.587.
אין יאָר 1943 איז שוין אויסגעקומען בלויז 10.248 מענטשן אויף א קוואדראט קילאָמעטער.

אויב מיר ווילן נעמען פארגלייכן דעם רעזולטאט מיט דער צאָל שי־לער איבער 14.000, ווילן מיר קומען צו דער איבערצייגונג, אז עפּעס מער ווי איין אָפּוועזנהייט א חודש אויף יעדן שילער איז א גלענצנדיקער רעזול־טאט. מיר דארפן אויך נישט דערשאצן די סיבות, פון וועלכע קראנק־הייטן, שלעכטער וועטער און דער דוחק אין מלבושים בילדן ביי 80%.

דער פּועל יוצא איז א קלאָרער: אונדזערע קינדער האָבן זיך גע־שארט צום לערנען און אין די פינסטערע טעג פון אונדזער געשיכטע האָבן זיי וווייטער געוועבט די יידישע טראדיציע פון „עם הספר", וואָס שטעקט מיט די וואָרצלען אין דער תקופה פון חורבן בית שני — אין יבנה.

א פּאָר ווערטער נאָך וועגן די געטרייסטע דערציער און באשיידנ־סטע מענטשן: וועגן די לערער. אין די מוראדיקסטע באדינגונגען פון הונ־גער און נויט, אין פארשלאָסענע געטאָס אָן אויסזיכטן אויף א בעסערן מאָרגן האָבן די ל"וניקעס אונדזערע געארבעט און פארמאָגט צו געבן די קינדער פרייד און פארגעסונג. קיין וווּנדער נישט, וואָס די קינדער האָבן אזוי ליב געהאט די שול. זיי האָבן דאָרט באקומען וויסן, טרייסט און האָ־פענונג, זאכן וואָס די לערער האָבן אליין נישט געהאט פאר זיך, אָבער נישט געטאָרט דאָס צורויבן פון די קינדער.

אין דעם איז באשטאנען די שווערקייט פון זיין א פּעדאגאָג אין געטאָ. דעריבער מוזן מיר האָבן פאר זייער ארבעט די גרעסטע אנערקע־נונג און זייערע נעמען אריינשרייבן מיט גאָלדענע אותיות אין אונדזער געשיכטע נעבן די נעמען פון ר' יוחנן בן זכאי און ר' עקיבא.

VII

קינדער ארבעטן

אונדזערע קינדער האָבן זיך גאָר גיך אָריענטירט אין דער לאגע און געוווסט, אויף וועלכע סכנות זיי זענען אויסגעשטעלט, ווי א נישט אר־בעטנדיקער עלעמענט. זיי האָבן זיך דעריבער באמיט צו קריגן ארבעט. בעת סעלעקציעס פלעגן זיי זיך אויסשטרעקן, שטעלן אויף די פינגער, מיידלעך פלעגן פארקעמען די האָר ווי דערוואקסענע פרויען אא"וו. אבי

זיך אויסצוווייזן פאַר עלטער און אַרבעטספעאיק. בשעת דער אַרבעט האָבן זיי געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אויסצופילן די נאָרמע און נישט אַריינפאַלן אין אויג פון דייטשן אויפזעער (פּראָט. 209 א״א).

אפילו קראַנקהייטן האָבן נישט געקאָנט צווינגען פיל פון אונדזערע קינדער נישט קומען צו דער אַרבעט. ס'איז פאַר זיי געווען קלאָר, אַז זיין אין דער רשימה פון אָפּוועזנדיקע, ד״ה זיך אַליין פאַרמשפּטן צום טויט ביי דער נאָענטסטער אַקציע אָדער סעלעקציע.

די דערוואַקסענע האָבן זיך באַצויגן מיט מיטלייד צו די קלענערע און גאַנץ אָפט זיי אַרויסגעהאָלפן. נישט זעלטן פלעגט אַ דערוואַקסענער פון זיין פּראָדוקציע צווואַרפן אַ ביסל דעם קינד־אַרבעטער, כדי ער זאָל זיך אויסגלייכן מיט דער נאָרמע.

נישט ווייניקער אַרבעטזאַמקייט האָבן אַרויסגעוויזן די קינדער אויף דער „אַרישער״ זייט, ווו אַ טייל פון זיי האָט זיך געפונען אָן מיטלען צום לעבן. זיי פלעגן זיך אָנדינגען פאַר פּאַראָבקעס, פּאַסטעכער, דינסטן אין דערפער און מיט גרויס פליים אויסגעפירט אַלע אַרבעטן, וואָס מ'האָט אויף זיי אַרויפגעלייגט. די קריסטלעכע באַלעבאַטים האָבן צומיינסט געהאַט גרויסע אַכטונג פאַר זייערע לייסטונגען, זיך צוגעבונדן צו זיי און געוועזן פאַלן, ווען זיי האָבן איינגעשטעלט זייער לעבן און נישט אַרויסגעגעבן זיי צו די דייטשן.

די ליבשאַפט צו אַרבעט אין פריערישער ווירטשאַפט איז אויך אויפצוקלערן אין אַ געוויסער מאָס מיט אַ בענקשאַפט צו דער נאַטור, פון וועלכער די קינדער אין געטאָ זענען געווען אינגאַנצן אָפּגעריסן.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש דער פּראָטאָקאָל (נר. 138), אין וועלכן אַ דאָקטאָרין דערציילט, ווי אַזוי קינדער פלעגן זי אָפּוואַרטן בעת איר אומקערן זיך פון דער „אַרישער״ זייט, ווו זי איז געווען אין אַן אָפיציעלער שליחות און זיך נאָכפרעגן, צי זי האָט געזען שטוב־חיות און עופות.

איין מיידעלע דערציילט, אַז זייענדיק אין לאַגער, פלעגט זי אָפט באַטראַכטן אַ שטיקל הימל־בלויקייט און בענקען נאָך זון און פרייהייט.

פאַרשטייט זיך, אַז די בענקשאַפט נאָך דער נאַטור איז נישט געווען די איינציקע טרייבקראַפט, וואָס האָט געשטויסן די קינדער צו פּראָדוקטיווער אַרבעט.

דאָ האָט אויך געשפּילט אַ ראָל דער פּראַקטישער חוש, וועלכער האָט אין אַנטשפּרעכנדיקן מאָמענט דיקטירט אַזאַ אָדער אַן אַנדערע האַנדלונג.

דעם דאָזיקן פּראַקטישן חוש האָבן די קינדער אין זיך אַנטוויקלט בהדרגהדיק, צוהערנדיק זיך צו די שמועסן פון די דערוואַקסענע און אָבסערווירנדיק אַלץ, וואָס געשעט אַרום זיי.

אַ געוויסן באַטייט אין דעם צופּאַסונגס־פּראָצעס האָבן געהאַט די קינדערשפּילן, וועלכע זענען, ווי געוועהנלעך שפּילן, געווען אַ רעזולטאַט פון נאָכמאַכונג די גרויסע. „שפּילנדיק" האָבן די קינדער זיך אויסגעלערנט פאַרשטיין די „גרויסע" און זיך באַקאַנט מיט די באַדינגונגען.

אין אַ טאָגבוך פון אַ געוויסן ליטנער פון זבאַראַזש (אַרכיוו פון דער צ.יי.ה.ק.) לייענען מיר:

„שעהנוויז האָב איך געקאָנט אָבסערווירן, ווי די קינדער אין גאָרטן שפּילן זיך — הויפּטזעכלעך אין אַקציעס. פון קאַסטנס און ברעטער האָבן זיי זיך געמאַכט בונקערס, געשניצט געווער, כדי זיך צו שיסן. זיי פּלעגן זיך אויך שפּילן אין לאַגער־אַקציעס".

צום באַדויערן איז די דאָזיקע „מיליטערישע צוגרייטונג" נישט אַלע קינדער צונוץ געקומען.

אויך אין אַנדערע פּראָטאָקאָלן (נר. 966) ווערן באַשריבן ענלעכע שפּילן. אָבער, שפּילן אין געטאָ איז נאָך אַ באַזונדערע טעמע צום באַהאַנדלען. מיר האָבן וועגן זיי דערמאָנט אין דעם קאַפּיטל, מחמת זיי האָבן געשפּילט אַ געוויסע ראָל אין אויספאָרעמען זיך פון פּראַקטישן חוש, וועלכער האָט מיטגעווירקט אָפּצוראַטעווען אַ גרויסן טייל פון די לעבנגעבליבענע קינדער און ווייל פאַר קינדער אין אַ געוויסן עלטער איז אַ שפּיל אויך אַן אַרבעט.

VIII

די מאָראַל פון אונדזערע קינדער

דער היטלעריזם האָט געשטרעבט אויסצוקרומען די כאַראַקטערן, איידער ער וועט פיזיש פאַרניכטן. פּייניקונג, חוזק, דערנידערונג — דאָס

זענען די מיטלען, דורך וועלכע מ'האָט זיך באמיט צו בארויבן דעם מענ־טשן פון זיין מענשטלעכער ווערדע און שטאָלץ און פארוואנדלען אים אין א נעבעכדיק באשעפעניש, אויף וועמען ס'ציטערט די הויט און איז גרייט אויף יעדער נבלה, אבי זיך אָפּראטעווען דעם לעבן.

אָבער דער שטורעמווינט פון דער געשיכטע האָט פארהארטעוועט דאָס יידישע קינד און דערוועקט אין אים דעם גייסט פון ווידערשפעניקן. די סכנות האָבן פארשארפט זיין לעבענס־אינסטיקט, זיין שכל איז רייף געוואָרן. די קינדער האָבן דעראָבערט א גלייכגעוויכט אין לעבן און פאר־אכטונג פארן טויט.

אין די זכרונות פון 10־15 יאָריקע קינדער טרעפן מיר אזעלכע זאצן ווי: „ס'איז מיר געווען אלץ איינס און איך בין רואיק געגאנגען אויף דער מיליץ" (א מיידעלע פון 11 יאָר). „איך האָב בכלל קיין מורא נישט גע־האט, ס'איז מיר געווען אלץ איינס" (א יינגל פון 10 יאָר). „מיר האָבן זיך צוגעוווינט צום געדאנק וועגן טויט" (א מיידעלע פון 11 יאָר).

פייגע האמער דערציילט (פּראָט. נר. 1174), אז בעת זי האָט גע־בלאָנדזשעט אין וואלד מיט די קינדער, האָט איר 10־יאָריקע טאָכטער גע־זאָגט צו איר: „מאמע, נאָך וואָס מאטערסטו זיך אזוי צוליב אונדז. לאָז אונדז איבער און ראטעווע זיך אליין". זי האָט געהאט געהערט, ווי די פּויערים פלעגן זאָגן צו דער מוטער, אז די מוטער אליין וואָלטן זיי אויס־באהאלטן, מיט קינדער האָבן זיי מורא.

דאָס זעלבע מיידעלע פלעגט נאָך זאָגן: „מאמע, בעט גאָט, מיר זאָלן האָבן א לייכטן טויט".

אין דעם זעלבן גייסט האָבן זיך ארויסגעזאָגט א סך קינדער. זיי האָבן נישט מורא געהאט פארן טויט. אנדערע ווידער האָבן נישט גע־וואָלט שטארבן ווי שעפעלעך. דער 15־יאָריקער לאנדעסבערג שרייבט: „איך האָב נישט געוואָלט שטארבן, און אויב שוין יאָ שטארבן, איז נישט אין בעלזשיץ, נישט אין גאז־קאמער". און ווינטערצייט, נאקעט און באָר־וועס שפרינגט ער אראָפּ פון א לויפנדיקן צוג און דערלאנגט זיך דורך וועלדער צו א יידישן ישוב.

דער 14־יאָריקער שלעגער גייט דרייסט ארויס פון א באלאגערטער

שטוב, טראכטנדיק „זאָלן מיך די פאשיסטן גלייכער דערשיסן, איידער איך זאָל ווארטן, ביז כ'וועל פארברענט ווערן אין פלאמען. זיי וועלן דאָך די שטוב געווים אונטערצינדן".

דינה איז אלט געווען עלף יאָר, גאנץ רואיק האָט זי באשלאָסן צו באגיין זעלבסטמאָרד. דאָס איז געווען אין מיידאנעק. מ'האָט זי אָפּגע־ראטעוועט. זי האָט נישט געוואָלט זיין אין מיידאנעק און איז אנטלאָפן. צוליב איר אנטלויפן האָט מען עטלעכע טעג נאָכאנאנד געמאָרדעט יידן, ביז מ'האָט זי געכאפּט. מיט אן אויפגעהויבענעם קאָפּ איז זי געגאנגען צו דער תליה און דורך דעם נאָך מער צערייצט די דייטשע חיות.

נישט נאָר גלייכגילטיקייט צום טויט האָבן ארויסגעוויזן אונדזערע קליינע העלדן. זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט נאָך א מעלה: צוגעבונדנקייט צו דער משפּחה.

די 14־יאָריקע שיע ווערט מערדערלעך געפּייניקט אין דער געשטאַ־פּאָ, זי גיט אָבער נישט ארויס דעם אדרעס, ווו אירע עלטערן באהאלטן זיך אויס (פּראָט. נר. 329).

די דערמאָנטע פרוי האמער באשרייבט א סצענע, ווי אזוי אן אוקראַי־נער שפּירט נאָך איר טאָכטער, כדי זיך דערוויסן, ווו זיי באהאלטן זיך אויס. מיט כוח איז אים נישט געלונגען פון איר עפּעס ארויסצובאקומען. זי איז אוועק מיט אנדערע וועגן און נישט וויסנדק, אז ער גייט איר נאָך, איז זי געקומען צום באהעלטעניש. איך בין גראָד געווען ארויסגעגאנגען. ער האָט געמיינט, אז זי האָט אים אָפּגענארט, גענומען זי ווארגן, אויס־דרייען די הענט און פארשלעפּט אין גמינע. זי האָט נישט אויסגעזאָגט. זי האָט נאָר געזאָגט, ווי עדות האָבן שפּעטער נאָכדערציילט, אז צוליב איין נפש קאָנען נישט אומקומען פיר מענטשן. מ'האָט זי באשטימט צו א טראנספּאָרט, אָבער לויט איר אייגענעם פארלאנג האָט מען זי באלד דערשאָסן (פּראָט. נר. 1174).

די דרייצניאָריקע סאלקעוויטש איז פארבליבן אליין מיט א יינגערער שוועסטער. זי זאָרגט פאר איר ווי א מאמע און ווייזט ארויס א סך פּע־דאגאָגישע איינפאלן און דרייסטקייט, אז ס'איז איר געלונגען צו בארואיקן די קליינינקע און אין שווערסטע באדינגונגען צו ברענגען אין א זיכער אָרט (פּראָט. נר. 15).

די קליינע ליבאָוויטש וויל זיך נישט צעשיידן מיט דער מוטער, הגם זי ווייסט, אַז דאָס וועט זי אָפּראַטעווען. זי ווייסט שוין פון דערפאַרונג, אַז „אַ דייטש טאָר מען נישט גלויבן. איך בין דאָך נישט ווי אַנדערע קינדער. איך בין דאָך אַ יידישע און אַ קינד און די דייטשן האָבן פיינט יידן און קינדער" (פּראָט. נר. 23).

ערנער איז אַלט געווען 14 יאָר. זיינע עלטערן זענען געווען קראַנק. ער האָט אָנגעהויבן שמוגלען, כדי צו פאַרדינען אויף וויס ברויט און רפואות. אַ דאַנק זיין „גוטן" אויסזען, פּלעגט ער זיך אַריינלאָזן טיף אין דייטשלאַנד קויפן סחורה. און כאָטש ס'האָט אים אַליין גערדראָט אַ געפאַר, האָט ער זיך אָנגענומען די עוולה פון אַ יידיש מיידל און איר נישט געלאָזט קיין שלעכטס טון. אַ האַלב יאָר האָט ער געלעבט אויסערן געטאָ. „כ'האָב נישט געקאָנט נישט עסן, נישט שלאָפן. כ'האָב געבענקט נאָך די עלטערן. גאַנצע נעכט פלעג איך וויינען". צום סוף האָט ער זיך אומגעקערט אין געטאָ (פּראָט. נר. 259). ווען ער איז שפּעטער געווען אין אַ לאַגער, האָט ער צוזאַמען מיט אַנדערע אָרגאַניזירט הילף פאַר פרויען און „פון אונדזער ברויט האָבן מיר געגעבן פאַר די פרויען 20 ברייטלעך".

קינדער, גלייך ווי דערוואַקסענע, האָבן געטראַכט וועגן דעם, אַז מ'דאַרף דערציילן דער וועלט וועגן די דייטשע רציחות און רוצחים. אַ טייל האָבן אפילו געשריבן טאָגביכער און האָבן זיי געבראַכט צו טראָגן אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע.

די קינדער האָבן געהאַט אַ גרונד מורא צו האָבן פאַר מענטשן, ווייל זיי האָבן געהאַט ווייניק גוטע פריינט צווישן זיי. האָבן זיך אָבער שוין יאָ געפונען מ ע נ ט ש ן, איז די דאַנקבאַרקייט פון די קינדער און איבערגעבנקייט געווען אַן אויסערגעוועגלעכע. זיי האָבן באַנומען, וויפל סכנות ס'ליערן אויף אַזאַ אַנשטענדיקן נישט יידן, וואָס האַלט און באַהאַלט זיי אויס. עס האָט זיי געקאָנט אומברענגען אַ דייטש, אָבער נאָך ערגער האָט מען באַדאַרפט מורא האָבן פאַר אַ שכן, ביי וועלכן ס'האָט געקאָנט דערוועקן אַ חשד אַן איבעריקער עמער וואַסער, וואָס מ'טראָגט אַריין אין שטוב, אָדער אַן איבעריקע הוצאה אויף פּראָדוקטן.

דער אַכטיאָריקער וויינרעב פאַרלאָזט אַ זיכערע פּויערישע שטוב

פריוויליק, ווייל ער האָט זיך דערוווּסט, אַז אין דאָרף רעדט מען וועגן אַן אויסבאַהאַלטענעם ייִדן (פּראָט. נר. 406).

דער קליינער יאַנקעלע רירט ביז טרערן מיט זיין דערציילונג, וויפל ער האָט איבערגעלעבט און ווי אַזוי ער האָט זיך געחברט מיט עטלעכע פּוילישע קינדער. „אַז איך וועל געזונט ווערן, וועל איך זיך אומקערן אין דאָרף צו מיינע חברים, קויפן געווער און זיך נ ו ק ם זיין" (פּראָט. נר. 22).

סאַלע וואַרשאַוויאַק איז אַלט ניין יאָר און וויל זיך נישט צעשיידן מיט אירע נייע עלטערן, וועלכע האָבן איר אַרויסגעוויזן אין די שווער־סטע יאָרן אַ סך האַרץ (פּראָט. נר. 431).

צוויי ברידער אייזען זענען נאָך מיט דריי יאָר צוריק פאַריתומט געוואָרן. דער עלטערער איז אַוועק צו די פּאַרטיזאַנער, דעם ייִנגערן האָט ער אָפּגעגעבן צו אַ פּויער, צוזאָגנדיק אים אַלע זאַכן, וואָס זענען איצט פאַרגראָבן. נאָך דער באַפרייאונג האָט ער ווירקלעך אויסגעגראָבן און „כאָטש מיר האָבן אַליין גאָרנישט, האָבן מיר אים אַלץ אָפּגעגעבן. אויב ער האָט געהאַלטן וואָרט, מוזן מיר אויך" — גיט ער צו מיט שטאָלץ (פּראָט. נר. 197).

שטאַרק געליטן האָבן דרייסיק קינדער פון ספּעציאַליסטן אין אַ לאַגער. זיי האָט מען איבערגעלאָזט און אַלע אַנדערע קינדער אַוועקגע־פירט. איינער פון די דרייסיק דערציילט: „צוויי וואָכן זענען מיר נישט אַרויסגעגאַנגען אויפן הויף, ווייל יענע עלטערן האָבן נישט געקאָנט קוקן אויף אונדז און האָבן געוויינט, ווען זיי פלעגן אונדז זען" (פּראָט. נר. 410).

אַזעלכע טענער קלינגען אין דערציילונגען פון זייער פיל קינדער: זיי האָבן געהאַט אָפענע אויגן און ריינע הערצער. זיי האָבן געליטן צוליב דעם, וואָס אין געטאָ זענען געווען מענטשן, וואָס האָבן זיך געלאָזט וויל־גיין און זיך נישט אַרומגעקוקט אויף דער אַרומיקער נויט. אַנדערע באַ־דויערן ווידער, וואָס מענטשן זענען געווען חיות, גנבענען, נאַרן אָפּ, שלאָגן זיך...

שווער צו ציטירן אַלע פּראָטאָקאָלן און דערציילונגען. אָבער שוין

די ציטירטע זאַצן זאָגן עדות וועגן מאָראַלישן פּרצוף פון אַ סך אַנדערע קינדער, וואָס האָבן זיך אין די שרעקלעכע יאָרן נישט איינגעבראָכן.

XI

ענד וואָרט

געוויסע ווערטער און באַצייכענונגען זענען ענג פאַרבונדן מיט פאַקטן און געשעענישן, פון וועלכע זיי האָבן באַקומען דעם נאָמען. אויף אַזאַ אופן האָט דאָס וואָרט „וואַנדאַל" זיך גענומען פון דעם שבט וואַנדאַלן, וואָס האָבן זיך גראָד „וואַנדאַליש" אויפגעפירט אין דער רוימישער אימפּעריע. „פּונישע פערפידיע" פאַרדאַנקען מיר ליוויוסן, דעם רוימישן היסטאָריקער, וועלכער האָט באַשריבן די פּונישע מלחמות און דעם כאַראַקטער שטריך פון די פּוניער נישט האַלטן וואָרט, אָפּנאַרן.

ווען מ'האָט זיך באַקאַנט מיט דאַנטעס ווערק „גיהנום", האָט מען גענומען באַנוצן דעם אויסדרוק „דאַנטישע סצענעס" אויף צו באַצייכענען שרעקלעכע ליידן.

אויך אַנדערע באַגריפן ווי „קין" — אַ ברודער־מערדער, „העראָסטראַטעס" — אַ מענטש, וואָס פאַרברענט אַ טעמפּל, כדי צו ווערן באַרימט, „הונען" —ווילדע האָרדעס— האָבן זייער מקור.

קיין ווייטע פאַנטאַזיע פון אַ מענטשן איז אָבער נישט געווען אין שטאַנד אויסצוטראַכטן אַזעלכע פאַרברעכן, ווי ס'איז באַגאַנגען דער היטלעריזם. דעריבער פעלן אונדז נאָך די פּאַסיקע באַצייכענונגען פאַר די אומגעהויערע פיזישע אויסראָטונגען און מאָראַלישע פאַרוויסטונגען, ראַפינירטע בעסטיאַלישקייטן און סאַדיסטישע פייניקונגען, וואָס די האַקנקרייץ־העלדן האָבן פאַראורזאַכט.

אויב עלטערע מענטשן זענען נאָך אין שטאַנד אויסצודריקן זייערע איבערלעבונגען דורך געוויסע פאַרגלייכן, זענען די קינדער נישט ביכולת דאָס צו מאַכן. זייערע זכרונות און גבית־עדות זענען אָבער אויפטרייסלענדיקע אַ דאַנק זייער פּרימיטיווקייט און פּשטות.

מיר דערוויסן זיך וועגן טאָגטעגלעכן לעבן פון אַ קינד, וואָס באַ־

האלט זיך אוים. און טעג האָט אזא קינד איבערגעלעבט אמאָל טויזנט און אמאָל נאָך מער. אזוי פיל צייט און זיך נישט פאראטן!

קינדער שרייבן, ווי מ'האָט זיי געיאָגט און זיך אויף זיי אָנגעזעצט. אזוי ווי אויף ווילדע חיות. זומערס און ווינטערן פלעגן זיי לעבן אין די היילן. א גליק איז געווען צו געפינען א שווערע ארבעט, וואָס אין נאָרמאלע באדינגונגען, וואלט זי קיינער אויף זיך נישט גענומען.

זיי האָבן געזען א סך, צופיל. זיי האָבן געזען ווי מ'איז מאנס מיידלעך, ווי מ'הענגט מענטשן. זיי האָבן איבערגעלעבט דערנידערונג און פאלשקייט, חרפּה און פאראט, הונגער און מענטשן־פרעסעריי.

זיי האָבן געזען היטלער־דייטשן און אָנגעוווירן די קינדער־פרייד און די זאָרגלאָזיקייט פון די קינדער־יאָרן. די געזעענע בילדער האָבן זיך איינגעקריצט טיף אין זייערע מוחות און נשמות.

די העלדישקייט פון די איבערגעבליבענע קינדער מוזן מיר מעסטן מיט דער מאָס פון די איבערלעבונגען און ליידן. מיר דארפן באוווּנדערן זייער גייסטיקע גלייכוואָג און סטאָאישע רואיקייט אויג אויף אויג מיטן טויט, זייער קאמף פארן לעבן און בטול־באציאונג צום טויט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין די ווערטער: „ס'איז מיר געווען אלץ איינס".

מיר מיידן אוים אנדערע פּאָזיטיווע כאראקטער שטריכן, וואָס אונדזערע קינדער האָבן ארויסגעוויזן און מיר פרעגן זיך, אין וואָס באשטייט דער חטא פון אונדזער „ראסע" און מיט וואָס שטייט העכער די „נאָרדישע" ראסע?

אָבער גענוג. איין בקשה נאָך צום לייענער, איידער ער הייבט אָן צו לייענען די דאָקומענטן.

לאָמיר זיך צוריקציען אויף א פּאָר יאָר און זיך דערמאָנען, ווי אזוי מיר האָבן אָפּגעשאצט פארברעכנס.

אויב א מאָרד איבער א דערוואקסענעם האָבן מיר נאָך אמאָל געקאָנט פארשטיין (ליבע, אייפערזוכט, קנאה), האָט א קינדער־מאָרד ארויסגערופן א גרויל, ווייל אין דעם פאל איז באליידיקט געוואָרן דאָס עלעמענטארסטע מענטשן־געפיל.

וויפל טרערן און מיטגעפיל האָבן ביי אונדז ארויסגערופן „דוד קאָ־

פערפילד" פון דיקענס, „דאָס הארץ" פון אמיטשיס און דינעזאָנס „יאָ־סעלע"!

ווי אזוי זענען מיר געווען גערירט, ווען מאָטל פייסי דעם חזנס האָט געזאָגט „מיר איז גוט, איך בין א יתום".

מיר האָבן געלעבט אין א הומאניטארישער פארהיטלער־תקופה.

די פינף א האלב יאָרן אָקופאציע האָבן אונדז פארהארטעוועט. מ'האָט זיך צוגעוווינט צו א סך שלעכטס און אויפגעהערט צו רעאגירן אויף מענטשלעכע ליידן.

דאָס איז די ירושה, וואָס היטלער האָט אונדז איבערגעלאָזט און וויל אונדז נאָך אויפפרעסן.

מיר האָבן גובר געווען דעם היטלעריזם פיזיש, מיר מוזן אים אויך אויסברענען פון אונדזערע הערצער און מחות. קיין שפור פון אים טאָר נישט בלייבן אין אונדזער באוווסטזיין.

נאָך די בזיונדיקע צייטן דארפן מיר ווערן מער עמפינדלעך אויף מענטשלעכע נויטן און העלפן שאפן א נייעם מענטשן.

מיט באזונדערער ליבשאפט ארומרינגלען די קינדער, וואָס האָבן אמיינסטן געליטן, איז אונדזער הייליקער חוב. מיר מוזן זיי אומקערן דעם קינדערשן שמייכל.

נח גרים

לאָדזש־פאריז

ביבליאָגראַפֿישע רשימה

1) Dr. F. Friedman: To jest Oświęcim. Warszawa 1945. Państwowe Wydawnictwo Literatury Politycznej.

2) "Polska Zbrojna" Nr. 59 (343) 9 marca 1946. (אַ טאָג צייטונג)

3) Piotr Sobolewski i Teresa Zagórowska: Majdanek. "Za drutami zagłady". Nakładem Państw. Muzeum na Majdanku.

4) "Głos Ludu" Nr. 125 (165) 28 maja 1945: Jak nazwać?

5) "Głos Robotniczy" Nr. 66 (258) 7 marca 1945: Łódź.

6) Dr. Alfred Baumler: Bildung und Gemeinschaft, Junker und Dunnhaupt Verlag, Berlin 1943.

7) Josef Wagner: Hochschule der Politik der NSDAP. Ein Leitfaden. J. F. Lehmanns Verlag 1934.

8) Frau Keinem Fuchs
Auf grüner Heid
Und Keinem Jud
Bei seinem Eid!
Ein Bilderbuch für Gross und Klein von Elwire Bauer.
4 Auflage, 51-60.000, Nürnberg 1936.

9) Zabawka dla dzieci niemieckich. "Głos Robotniczy" Nr. 166, 2 grudnia 1945.

10) Kameradschaft Herbert Norkus, (Wolfgang Schwarz), Heinrich Hendels Verlag, Breslau 1940.
פון דער סעריע "Schriften zu Deutschlands Erneuerung" nr. 24

11) א. סוצקעווער: ווילנער געטאָ, פּאריז 1946.

12) Roman Kołoniecki: Wspominam ghetto. "Odrodzenie" Nr. 26, Kraków 27 maja 1945.

13) a) Hanna Mortkowicz-Olczak: Wspomnienie o Januszu Korczaku, "Odrodzenie" Nr. 35, 29 lipca 1945, Kraków.

b) Hanna Mortkowicz-Olczak: Janusz Korczak. "Nowa Epoka" Nr. 4, Warszawa, 9 czerwca 1945.

c) Edward Gadomski: Kres wędrówki Janusza Korczaka. "Robotnik" Nr. 197 (27), Łódź, 2 sierpnia 1945.

ביים באארבעטן דעם ארײַנפּיר, ווי בכלל צום פּאַרטיפן זיך און באַקאָנען מיטן באַרירטן ענין האָב איך זיך באַנוצט מיט נישט געדרוקטע ווי אויך געדרוקטע מאַטעריאַלן פון דער צענטראַלער ייִדישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן און פון איר קראָקעווער אָפּטיילונג.

I

דערוואקסענע דערציילן

.1

קינדער אין פרושאנער געטאָ

דער דאָזיקער פראגמענט פון גבית־עדות אילוסטרירט גענוי דעם אומגעהויערן ים פון געדאנקען און איבערלעבונגען, וואָס האָט ארומגערינגלט אונדזערע קינדער. נישט פארלירנדיק זייערע קינדישע געוווינהייטן, וואָס דריקן זיך אויס אין שפּילן זיך, האָבן זיי אָבער ארויסגעוויזן א פולשטענדיקע רייפקייט אין אָנבליק פון די נייגעשאפענע סיטואציעס. אגב, אפילו זייערע שפּילן זענען געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון די נייע אומשטענדן; אין שפּיל האָבן זיי אויסגעדריקט די גרייטקייט צו קעמפן. די אָפּגעריסנקייט פון דער פרייער נאטור האָט אין זיי געשטייגערט די ליבשאפט און בענקשאפט צו איר, צו געוויקסן, בהמות...

די פרוי ד״ר גאָלדפיין מאכט נאָך א סך אייגנארטיקע אָבסערוואציעס. ווי אן אינטעליגענטער מענטש, וואָס האָט געהאט צו טון מיט קינדער, פארדינט זי, אירע אָבסערוואציעס זאָלן גענומען ווערן אין באטראכט דורך די, וואָס וועלן פאָרשן די קינדער פון פּסיכאָלאָגישן און סאָציאָלאָגישן שטאנדפּונקט.

די קינדער האָבן געפילט א פּאנישע שרעק פאר די דייטשן. ווען א יידיש קינד פלעגט נאָר דערזען א דייטש, איז עס אנטלאָפן אהיים און דאָרט ערשט גענומען בעטן דער מאמען מיט א געוויין, אז זי זאָל אים אויסבאַהאלטן פארן דייטש. ס׳האָבן נישט געהאָלפן קיין טענות, אז דער דייטש איז שוין אוועק און וועט זיך נישט אומקערן. דאָס קינד האָט נישט גע־

לאָזט צורו, נאָר מ׳זאָל מיט אים אויסזוכן א באהעלטעניש, א בוידעם, א קעלער, א שטאַל — אבי נישט זען קיין דייטש.

מיר האָבן געהאט א בירגערמייסטער, א נאצי, מיטן נאָמען שומאַ־כער. ער האָט אויפן ארבל און היטל געהאט א האקנקרייץ. צוויי מאָל א וואָך פלעגט ער קומען אין געטאָ און מיט א גרויסער בייטש שלאָגן וועמען ער האָט באגעגנט, בפרט קינדער, ביז באוווסטלאָזיקייט.

ער האָט געהאט א ווייסרוסישע פרוי אלס זיין געליבטע. מ׳האָט זי נישט איינמאָל געבעטן, זי זאָל אויף אים ווירקן, אז ער זאָל נישט קומען אין געטאָ און בפרט נישט שלאָגן קיין קינדער. איר ענטפער איז געווען:

— ראשית, דאָ אין דער פראָווינץ, איז דאָס זיין איינציק פארגעניגן, והשנית, דערפילט ער זיין פארטייאישע שליחות.

ווען איך האָב זי ביי א געלעגנהייט געפרעגט, פארוואָס איר גע־ליבטער שלאָגט יידישע קינדער, האָט זי אים פארענטפערט און אויסגעפו־נען, אז ער איז א צדיק. ער שלאָגט טאקע א פאָר מאָל אין וואָך, אָבער ער גיט זיי ברויט, הגם ס׳איז פאראן א בפירושער באפעל צו פארפייניקן די קינדער דורך הונגער.

די קינדער זענען געווען בלייך, אויסגעשעפט, אָנגעשראָקענע. פון די מאמעס האָבן זיי קיינמאָל קיין עסן נישט פארלאנגט, נאָר גאנץ פרי גע־פרעגט ביי זיי, צי די דייטשן וועלן קומען אין געטאָ. זיי האָבן זיך באנוגנט מיט א שטיקל שווארץ „יודענבראָט" און אז זיי האָבן באקומען א ביסל „מאגערמילך" זענען זיי געווען גליקלעך. מיט סארא קנאה פלעגן די יידישע קינדער באטראכטן די „ארישע" קינדער, וואָס זענען פון יענער זייט שטע־ביקן דראָט ארומגעגאנגען און געהאלטן אין די הענט וורשט, קאָנסערוון, זעמל. די שקצימלעך זענען טיילמאָל צוגעלאָפן צו דער פארצאמונג און ווייזנדיק מיט די פינגער אויפן האלדז, געשריען: „יודע קאפוט!"

אונדזערע קינדער פלעגן זיך אויסבאהאלטן אין די סאמע ווייטע געטאָ־טיילן, כדי נישט צו רייצן דאָס געפיל פון קנאה. נישט איינמאָל האָבן זיי מיט געוויין געשאָלטן היטלערן פאר זיין שלעכטקייט צו קינדער, ווייל ער האָט נישט קיין אייגענע. זיי האָבן אויך פארשטאנען דעם מצב, אין וועלכן זיי געפינען זיך און אויסגעפירט אלע ארבעטן, וואָס מ׳האָט זיי געהייסן.

ס׳איז ביי אונדז געווען א ברייהויז, וואָס די דייטשן האָבן צענומען און אויפן אָרט פון פאַרלאָדונגסקלאַד איז געווען א גרוב ווי פון אַן אויפ־רייס פון א טאָניקער באָמבע. דער אייגנטימער פון ברייהויז האָט געזאָגט, אז ווען מ׳האָט בשעתו געלייגט פונדאמענטן פארן קעלער, האָט מען ארויס־געפירט 3000 פורן זאמד. באַרשיטן דעם דאָזיקן גרוב האָבן די דייטשן געהייסן קינדער ביז 12 יאָר.

די אומגליקלעכע קינדער זענען אויפגעשטאַנען פינף פארטאָג. דער בירגערמייסטער איז פינף דעם זייגער דורכגעגאַנגען אַלע יידישע הייזער און אָך און וויי איז געווען צו דעם, וועמען ער האָט געטראָפן אין בעט.

די מאמעס פלעגן וועקן זייערע קינדער, וועלכע זענען הונגעריקע און פארשלאָפענע געגאַנגען צו דער ארבעט און דעם גאַנצן טאָג געטראָגן זאמד אין קוישלעך און פארטעכלעך. אין משך פון צוויי חדשים האָבן די קינדער פארשאָטן דעם גרוב און פארפלאַנצט דאָ בלומען. אויף אזא אופן האָבן זיי געוואָלט ווייכער מאכן דעם בירגערמייסטער, אויף וועמענס בויך מ׳וואָלט געקאָנט אוועקשטעלן א טאַץ מיט א סערוויס פאַר זעקס מענטשן.

אין געטאָ איז געווען א יינגעלע א פידלער, אַן אמתער ווירטואָז. פאַר דער מלחמה האָט ער געפלעגט אויפטרעטן אויף קינדער־קאָנצערטן אין דער ווארשעווער „פילהארמאָניע". איצט איז ער דעם גאַנצן טאָג ארומ־געגאַנגען מיט בערשטלעך און געפוצט די דייטשן זייערע שטיוול. פאַר א באַלוינונג האָט ער באַקומען שטויסן. ווען מ׳האָט אין אָוונט פארמאכט דאָס געטאָ און אַלע ארבעטער האָבן זיך צוריקגעקערט א היים, פלעגט ער נעמען זיין פידעלע און אויסשפּילן טרויעריקע מעלאָדיעס. די עלטערע זענען גאַנץ אָפט צוגעקומען צו די דראָטן זיך איינהערן אין זיין געשפּיל און וויינען, זיי האָבן אים צוגעוואָרפן עפּעס צום עסן. גערופן האָט מען אים „וווּנדערקינד". ווען מ׳האָט ארויסגעפירט די יידן צום טויט, האָבן א טייל „אריער" געמיינט, אז ס׳לוינט דאָס קינד אויסצובאהאלטן און נאָך דער מלחמה וועט מען א גוטע מטבע אָפּנעמען, אָבער ביז מ׳האָט דאָס באַשלאָסן, איז דאָס קינד אומגעקומען.

כ׳האָב געהאַט א שיינע צוועלפיאָריקע פּלימעניצע דודזיא כייקין. זי האָט געזונגען און געטאַנצט ווי א קינסטלערין. גוט גערעדט פּויליש,

רוסיש און ווייסרוסיש. כ'האָב זי געוואָלט ארויסנעמען פון וואַגאָן, נאָר זי האָט מיר מיט שטאָלץ געענטפערט:

— „אויף צו זיין אן עדות בין איך צו קליין. כ'וויל טיילן דעם גורל פון מיין שוועסטער און עלטערן".

כ'בין געווען ארומגערינגלט מיט קינדער. זיי האָבן געפילט מיין איבערגעבנקייט צו זיי און זענען געווען צוגעבונדן צו מיר. זיי פלעגן נאָכפאָרשן דעם אויסדרוק פון פּנים און אז זיי האָבן דערזען א שמייכל, פלעגן זיי אויך לאכן און זאָגן: „אייך, פרוי דאָקטאָר, וועט געוויס זיין גוט און היטלער וועט ברעכן האלדז און נאקן".

אין אלע ארבעטן האָבן די קינדער געהאָלפן. ווען די דייטשן זענען איינמאָל אריין אין געטאָ און פארלאנגט א טאָנע קאפע, דראָענדיק צו הרגענען דעם „יודענראט", אויב מ'וועט נישט אויספירן זייער באַפעל, זענען די קינדער, פון אייגענעם ווילן, ארומגעגאנגען אין אלע שטובן און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן: „גיט קאפע פאר די דייטשן, אז נישט וועלן זיי דערשיסן דעם „יודענראט".

ווען כ'בין אין ענינים פון „יודענראט" ארויסגעגאנגען אויף דער „ארישער" זייט, האָבן די קינדער געהאט א געוווינהייט צו זאָגן: „מיר ווינטשן אייך דערפאָלג, ס'זאָל זיך אייך איינגעבן צו בארואיקן די שאקאלן" און מיך באגלייט ביזן טויער בעטנדיק, כ'זאָל זיי ברענגען אן איי, מייערן אא"וו. כ'האָב זיי געזאָגט, ווען כ'וועל זיך אומקערן און זיי פלעגן מיך אָפּוואַרטן און זיך ווארפן צו מיין טאָרבע און מיט גרויס פרייד ארויסשלעפּן אן איי, מייערן, עפּל, „אריש" ברויט אא"וו.

מיר האָבן אין געטאָ נישט געהאט קיין בהמות נישט קיין עופות אָדער הינט. ווען דעם זענען געווען ספּעציעלע אפישן. מיר האָבן בלויז געהאט א רעכט צו קעז און שטשורעס. אומקערנדיק אהיים, בין איך פארוואָרפן געוואָרן מיט פראגעס, צי כ'האָב געזען א קו, קאטשקעס, און מיט בענקשאפט האָבן די קינדער דערמאָנט נישט לאנג פארגאנגענע צייטן.

ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן קינדער אָן א שמייכל, אָן לידער און אָן שפּילן.

אָבער ביי אונדז אין געטאָ איז אזוי געווען. כ'דערמאָן זיך אן עפּי־

זאַד. איינמאָל גיי איך אין שפּיטאָל מיט זייטיקע געסלעך, כדי אויסצו־מיידן א באַגעגעניש מיט דייטשן, און שטויס זיך אָן אויף א גרופּע יינגלעך מיט געוועזער פון האַלדז, וואָס זינגט לידער קעגן „פּירער". אין איין לידל האָבן זיי אים אָנגערופן „אַלטער בחור" אָדער „דריי גראָשן מיט נאָך איי־נעם איז א פּירער". כ'האָב זיי אויסגעמוסרט זאָגנדיק, אז אין אָנבליק פון טויט דאַרף מען נישט זינגען. זיי האָבן מיר געוויזן דאָס געווער מיט טשוועקעס אין עק און געזאָגט, אז זיי האָבן קיין מורא נישט פאַרן טויט און יעדן דייטש וועלן זיי אויסשטעכן די אויגן. אפילו קליינע קינדער זענען געווען גוט אָריענטירט אין דער לאַגע און האָבן זיך פאַרהאַלטן שטיל און ערנסט. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו די רייד פון דערוואַקסענע און זיך נישט באַקלאָגט אויף זייער גורל. איך וועל געבן א ביישפּיל: דעם 10טן דעצעמבער איז דעם שעף פון געשטאַפּאָ געקומען אין קאָפּ א געדאַנק איבערצוציילן אַלע יידן אין מיטן גאַס. ביי א פראָסט פון 15־18 גראַד האָט מען זיבן אינדערפרי אונדז ארויסגעטריבן אין גאַס. ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט א 12.000 יידן. מ'האָט אונדז אויסגעשטעלט אין רייען, ס'זאָל אונדז לייכטער זיין איבערצוציילן. מיר האָבן געמיינט, אז ס'וועט זיין אן עקזעקוציע. פון א האַרצשלאַג זענען זיבן מענטשן גע־שטאָרבן. די קינדער זענען געשטאַנען רואיק פון זיבן פרי ביז צוויי נאָכ־מיטאָג.

די לעצטע נאַכט פון 27סטן אויפן 28סטן יאַנואַר 1943 זענען די קליי־נע קינדער נישט געשלאָפן, נאָר געבעטן די עלטערן, מ'זאָל זיי נישט איבער־לאָזן אויף גאָטס באַראָט. זיי האָבן געוואָלט שטאַרבן מיט די עלטערן.

קינדער האָבן געזען, ווי מוטערס האָבן איבערגעלאָזט זייער קליינ־וואַרג און וואָס די דייטשן האָבן געטון. ס'איז שווער איבערצוגעבן, וואָס אונדזערע קינדער האָבן דורכגעלעבט. מיט אייגענע הענט האָבן די מו־טערס דערשטיקט די קינדער, אַראָפּגעוואָרפן פון דריטן־פערטן שטאָק. אין דער נאַכט, ווען מיר האָבן זיך געסמט, האָט יעדער דאָקטאָר איינגע־שפּריצט זיין קינד סם.

איך וועל באַשרייבן א סצענע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט ביי מיינע פריינט ד"ר ראָזענקראַנץ און ד"ר פּיק. ד"ר ראָזענקראַנץ האָט איינגע־

שפּריצט פריער זיך, דערנאָך זיין זון א טויט־דאָזע פון מאָרפין, געגומען דעם זון אין די אָרעמס און געזאָגט: „סארא גליק צו שטארבן פון סם און נישט פון די ווילדע היטלעריסטישע הענט!".

ד"ר פּיק האָט אויך אזוי געטון מיט זיין זון. ער איז אָבער שפּע־טער צוגעקראָכן צו מיר, געוואלגערט זיך ביי מיינע פיס און זיך באשול־דיקט: „וואָס פאר א פאָטער בין איך, אויב כ'האָב מיט מיינע אייגענע הענט דערמאָרדעט מיין קינד?".

ווי דורך א חלום, וואָס האָט מיך ארומגענומען, האָב איך אלץ פאר־שטאנען פון זיינע קרעכצן.

א דערוואקסענער יינגל פון פרוי אדעלסאָן האָט זיך נישט געלאָזט סמען און די גאנצע צייט געשאָלטן די מוטער און געמאכט איר פאָרווורפן, אז זי איז נישט קיין מאמע נאָר א היטלעריסטקע, וואָס וויל טויטן איר קינד.

מיין פלימעניצע האָט זיך געמוזט דריי מאָל אָפּערירן אויף צו גע־בוירן א קינד. דאָס קינד איז געווען א געראָטנס, מיר האָבן עס אלע ליב געהאט און איך האָב עס נישט געקאָנט טויטן. אויף גיך האָב איך גע־מאכט אלע איינשפּריצונגען, זיך אין ערשטער ריי און נאָך 10־15 מינוט בין איך געפאלן אויף דער קאנאפּע און אריינגעפאלן אין טיפן שלאָף. די פלימעניצע האָט מיך געמונטערט און מיט א וואנזיניקער שטימע גע־רופן: „מומע, האָב רחמנות, שטיי אויף און מאך מיין קינד אן איינ־שפּריצונג! שפּאָר אים איין די ליידן פון די היטלעריסטישע מערדער־הענט".

כ'האָב געקאָנט א פאקט פון א פאָטער, וואָס האָט נאָכן פארלירן זיין פרוי און זעקס קינדער זיך מיטן זיבנטן קוים דערשלעפּט צו אונדזער געטאָ און הערנדיק, אז מיר געפינען זיך ערב אן אקציע — דאָס קינד אליין אויפגעהאָנגען.

כ'האָב געזען ווי אזוי די דייטשן מאָרדן אונדזערע קינדער: פּע־דאנטיש און רוצחיש; ווי אזוי זיי צעקלאַפּן די שארבנס און לאָזן ארויס דעם מוח, אָדער שטעקן זיי ארויף אויף באגנעטן; ווי אזוי זיי צעקנאקן צו צוויי קעפּלעך ווי נים.

ווען איך פארבלייב אליין, הער איך די ערד־קרעכצן און די קולות

פון אונדזערע קינדער, וואָס רופן צו נקמה פאַר דעם אומשולדיק פאַרגאָ־סענעם בלוט.

(פּראָטאָקאָל נומ. 138 פון ד״ר גאָלדפיין. פּראָטאָקאָ־לירט דורך פרוי קלאַראַ מירסקאַ, פון דער צענטראַ־לער יידיש היסטאָרישער קאָמיסיע אין לאָדזש).

2.

ליקווידאַציע פון יתומים-הויז אין לובלין

די דייטשן האָבן זיך אליין אָפּגעגעבן אַ דין וחשבון, אַז זיי באַגייען פאַרברעכנס און דעריבער פאָרזיכטיק מאַסקירט זייערע מעשים.

די ציווילע באַפעלקערונג האָט זיך אָריענטירט אין דער וויכ־טיקייט פון דעם, וואָס זיי זעען און ריזיקירנדיק טיילמאָל מיטן לעבן, אָבסערווירט, פאָטאָגראַפירט, נאָטירט, כדי עדות זאָגן, ווען סיוועט קומען די צייט. אַ דאַנק די דאָזיקע מענטשן זענען מיר ביכולת צו רעקאָנסטרואירן געוויסע בלעטלעך פון אונדזער גרוי־ליקער געשיכטע.

די מיטאַרבעטערין פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע ב. לעווין האָט באַזוכט דעם עדות מוליאַק און אויך געפירט שמועסן מיט אַנדערע שכנים און אויפן סמך פון דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל זיך איבערצייגט, אַז מוליאַקס דערציילונג איז אַ ריכטיקע. אַגב, אַ באַשטעטיקונג דערויף געפינען מיר אויך אין אַ פּראָטאָקאָל (נומ. 815), וווּ סיוועט איבערגעגעבן אַ דערציילונג פון דעם יידישן מיליציאַנט מושקאַטענבליט, אַז מיהאָט קינדער באַגראָבן לעבעדיקערהייט און לייכט פאַרשאָטן מיט ערד און „פון ווייטן האָט מען געזען ווי הענטלעך באַוועגן זיך".

אויף דעם וואַרשעווער שליאַך, אין הויז נומער 122 פון דערפל טאַ־טאַרי, וווינט אַן אַלטער מענטש, וואָס פירט אַ רואיק לעבן אויף זיין שטיקל באַלעבאַטישקייט צוזאַמען מיט זיין משפחה. דער דאָזיקער פויער, קאַראָל

מוליאק, האָט דורך די שפּאַרונעס פון זיין שייער געהאַט אַ ברייטן אויס־בליק אויף די ארומיקע פעלדער. פון דאַנען האָט ער געזען זאַכן, וואָס מ׳האָט געוואָלט פאַרהוילן פאַר מענטשלעכע אויגן — ער האָט געזען מאַסן־מאָרדן איבער קינדער, איבער עופהלעך. ער דערציילט:

פ ר י ל י נ ג 1942. כ׳געדענק, אַז די ערד איז נאָך געווען גע־פרוירן. אין אַ געוויסן שבת האָט מען אַראָפּגעבראַכט אַרעסטאַנטן צו גראָבן גריבער. ס׳איז געווען אויפן פעלד פון מאַראַוואָסקין, אַ 50־100 מעטער פון מיר. דעם גאַנצן שבת און אַ האַלבן זונטיק האָט מען געגראָבן אָן אָפּרו, מאַטערנדיק זיך ביים אָננעמען די געפרוירענע ערד.

נישט געקוקט אויף אַלע פאַרבאָטן און דער שמירה פון ס.ד. *), פלעג איך פון מיין שייער אָבסערווירן די סודותדיקע צוגרייטונגען. דער גרוב איז געווען פינף מעטער די לענג און ביז צוויי מעטער די טיף. נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט זענען די אַרעסטאַנטן אַוועקגענאַנגען.

אַ טויטע שטילקייט האָט זיך אַרומגעטראָגן איבער די פעלדער. אין דער לופט האָט זיך געשפּירט אַן אָנקום פון עפּעס שרעקלעכעס, דער הימל האָט זיך באַדעקט מיט גרויע וואָלקנס.

כ׳האָב געוואַרט.

אַרום 2 דעם זייגער קומט צו לויפן מיין טאָכטער און דערציילט מיר, אַז די באַוועגונג אויפן שאָסיי איז אָפּגעשטעלט סיי פאַר פוסגייער, סיי פאַר פורן. אַפילו מיליטערישע אויטאָס לאָזט מען נישט דורך. עס דרייען זיך אַרום געשטאַפּאָליט אין הויכע היטלען, שעלטן און שיסן, כדי אָפּצושרעקן די נייגעריקע. זיי לאָזן אויך נישט צו קיין דייטשע זעל־נער פון ווערמאַכט **), וואָס געפינען זיך אין שכנותדיקן שפּיטאָל. איי־נער פון דער געשטאַפּאָ געפינט זיך מיט אַ מאַשין־ביקס אויפן בערגל, כדי צו שיסן אויף די אַרבעטער פון דער גלאָז־הוטע, אויב זיי וועלן זיך צו פיל אינטערעסירן מיט דעם, וואָס דאַרף דאָ פאָרקומען.

מיטאַמאָל באַווייזט זיך אַ גרויסער לאַסט־אויטאָ, צוגעדעקט מיט אַ שוואַרצן ברעזענט און פאָרט אַרויף אויפן פעלד, וווּ ס׳איז געווען דער־

---

*) „זיכערהייטס־דינסט״—אָדער געוועהנלעך פלעגט מען זיי רופן געשטאַפּאָ.
**) די רעגולערע דייטשע אַרמיי.

גרוב — א 100 מעטער פון שאָסיי, אויף א זאמדיקן באָדן. דער וואָגן פאָרט צו מיט דעם הינטערשטן טייל צום גרוב. מ'הויבט אויף דעם ברעט זענט און מ'דערזעט א סך קינדער, ס'רוב אין וויקעלעך. צווישן זיי געפינען זיך אויך צוויי עלטערע יידן. די אוקראַינער לייגן אוים די קינדער אויפן זאמדבערגל, א געשטאַפּאָוויעץ שיסט צו זיי פון א מאשין־ביקס. דערנאָך ווארפט זיי איין ייד אריין אין גרוב און דער צווייטער שטייט אונטן און לייגט זיי אוים, אלץ אין די וויקעלעך, צאַפּלענדיק, איינס איבער איינס אזוי, זיי זאָלן פארנעמען וואָס ווייניקער אָרט.

ביידע יידן האָבן העגט איינגעריכט אין בלוט, בלאָנקען זיך אָרום אויפן פעלד, ווי נישט פון דער וועלט, און א צווייטער געשטאַפּאָוויעץ באַשיט די קינדער מיט א האָגל קוילן, וועלנדיק דערשטיקן די אימהדיקע קולות, וואָס דערטראָגן זיך פון די נישט דערשאָסענע עופהלעך. די קרעכצן ווערן שטילער, אָבער הערן נישט אויף אינגאנצן, גלייך די ערד וואָלט אליין אויפגעציטערט פון די קרעכצן.

די שווידערלעכע ארבעט איז פארענדיקט. דער גרוב ווערט נישט פארשאָטן; מ'ווארט אויף ווייטערע טראַנספּאָרטן.

ס'דויערט נישט מער ווי א שעה און ס'קומט אָן א גרופּע עלטערע קינדער. זיי גייען צום טויט צו פיר אין א רייע האלטנדיק זיך פאר די הענטלעך. זיי בלייבן שטיין פארן גרוב. דער דייטש שיסט פון א רעוואָלווער. די גופימלעך פאלן אריין אין גרוב און ס'חזרט זיך איבער די זעלבע פּראָצעדור וואָס פריער...

(פּראָט. נומ. 636. בלאנקא לעווין, פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין לובלין).

.3

די געשיכטע פון דער קינדערהיים אין פּשעמישל

יתומים־ און קינדער־הייזער האָבן אין א געווויסער מאָס פארלייכטערט די דייטשן די „אויסראָטונג"־ארבעט, ווייל אין זיי זענען געווען קאָנצענטרירט די קינדער־מאסן. ס'איז גענוג געווען ארויסצוגעבן א באפעל, בכדי צו האָבן די קרבנות. דערמיט לאָזט

זיך אויפקלערן די פּאַרנאַכלעסיקונג פון קינדערשוץ אין אַ טייל ישובים.

די צביעות פון די דייטשן קומט דאָ בולט צום אויסדרוק אין דער האַנדלונג פון דיזעלמאַנען. די דייטשן האָבן אָנגעשטרענגט זייער „שאַרפזין" און „דערפינדערישקייט", כדי צו וואַרן, פאַרפירן, איבערלאָזן אַ האָפענונג און אומרחמנותדיק געטון זייער מלאך־המות־אַרבעט.

ביז דעם 2טן נאָוועמבער 1943 בין איך געווען אין פּושעמישלער געטאָ. ביז דער ליקווידאַציע פון קינדערהיים (אַכראַנקאַ) אין נאָוועמבער 1942 האָב איך דאָרט געאַרבעט, שפּעטער — אין שפּיטאָל.

די קינדערהיים צוזאַמען מיטן מושב זקנים זענען געווען אין די קאַזאַרמעס אויף טשאַרניעצקי גאַס. די לייטונג האָט איבערגענומען די פרוי רעבען און שפּעטער די פרוי נאַגלער. דערציערינס זענען געווען העלאַ רייך, פרידאַ זייפערט און סאַבינאַ לאַוב.

די געשיכטע פון דער קינדערהיים איז אפשר דאָס טראַגישסטע בילד פון דער געטאָ־געשיכטע. ס'איז נישט געווען קיין איין אַקציע, וואָס זאָל זיך אין ערשטער ריי נישט אָפּשלאָגן אויף די קינדער.

לכתחילה איז די צאָל קינדער, דערונטער עופהלעך, געווען אַ דריי הונדערט. זקנים איז געווען אַ 40. נאָך דער ערשטער אַקציע אין אויגוסט 1942 איז די צאָל קינדער אויסגעוואַקסן ביז 400. דאָס קלערט זיך אויף דערמיט, וואָס די מוטערס האָבן אין לעצטן מאָמענט אָפּגעגעבן די קינדער אין קינדערהיים, וועלנדיק זיי ראַטעווען פון טויט, און אַז ס'איז שוין קיין צייט נישט געווען, פלעגן זיי זיי איבערלאָזן אָדער אונטערוואַרפן מיט דער האָפענונג, אַז עמעצער וועט זיך אויף די קינדער מרחם זיין.

25 קינדער זענען אומגעקומען ביי דער ערשטער „אַקציע" און די זקנים — אַלע.

לויטן באַפעל פון די געשטאַפּאַליט: בענעוויץ, שטעגעמאַן און רייזנער, האָבן מיר געמוזט אַרויספירן די עלטסטע קינדער און ברענגען ביז צום זאַמלפּונקט.

די „אַקציע" אין סעפּטעמבער 1942 האָט געמאַכט אַ סוף צו דער קינדערהיים. מיר האָבן געמוזט קומען מיט די קינדער צום „פּלאַץ". די זויג־

קינדער האָבן מיר געטראָגן אויף די הענט ביז צו די וואַגאָנען. צוזאמען מיט אַלע יידן האָבן זיי פארלאָזט פּשעמישל.

ס'איז געווען א שוידערלעך בילד. א היים פאר קינדער אָן קינדער. איין קינד איז צוליב א פארזען איבערגעבליבן און אויף אזא אופן זיך אויף א געוויסער צייט אָפּגעראטעוועט. צומאָרגנס זענען געקומען געשטאַפּאָליט און צוגענומען די גאנצע וועש. צוגעהאָלפן האָבן זיי יונגע אוקראַינער, וועלכע האָבן פאר זיך צוגערויבט אַלץ, וואָס האָט נאָר געהאט עפּעס א ווערט.

מיט דריי וואָכן שפּעטער איז מען צוגעטראָטן צו אָרגאניזירן א נייע קינדערהיים, אין וועלכער ס'זענען געווען א 50 קינדער. אָבער נישט אויף לאנג. ס'איז געקומען א פאראָרדענונג פון נ.ס.ד.א.פּ. *) שטאָט־הויפּטמאַן דיזעלמאן, אָפּצוּרוימען דעם לאָקאל און אָפּגעבן די קינדער צו באזונדערע משפּחות. כאראקטעריסטיש איז (פאר דער דייטשער צביעות — נ. ג.), אז די פאראָרדענונג האָט ער ארויסגעגעבן צומאָרגנס נאָכן באזוך אין קינדערהיים, בעת וועלכן ער האָט מיט גרויס אנערקענונג גערעדט וועגן דער איינריכטונג און אָרגאניזאציע פון היים.

נאָכן באזייטיקן אונדז פון לאָקאל אויף טשארניעצקי־גאַס זענען מיר אריבער אין א קליין צימערל מיט א קיך ביים יידישן שפּיטאָל. די געשטאַפּאָ האָט דערלויבט צו האלטן דאָרט נישט מער ווי 25 קינדער. געווען, אָבער נישט אָפיציעל, איז עטוואָס מער ביז נאָוועמבער 1942. דער פּרעזידענט פון שפּיטאָל האָט געהייסן אָננעמען אַלע קינדער, וואָס וועלן זיך נאָר מעלדן און נישט קוקן אויף דער געשטאַפּאָ־פאראָרדענונג. בעת דער נאָוועמבער־„אקציע" האָט מען אַלע קינדער אויפגעלאָדן אויף אויטאָס און ארויסגעפירט אויפן בית עולם אָדער קיין גראָכאָוויצע און דאָרט זיי דערשאָסן.

(פּראָט. 690 פון אננא מאאס. פּראָטאָקאָלירט דורך ד״ר דוד הויפּט, פון דער ייד. היסט. קאָמיסיע אין פּשעמישל).

---

*) NSDAP, ראשי תיבות פון דער היטלער־פארטיי Nationalsozialistische Deutsche Arbeiter Partei.

נ ח   ג ר י ס

4.

וואָס איז געשען מיט די קינדער פון ביאַליסטאָק?

העלא וואָלקענבערג, א לערערין פון פאך, 30 יאָר אלט, האָט די גאנצע צייט פון אָקופּאציע געלעבט אין ביאליסטאָק. איר יונגער, קרעפטיקער אָרגאניזם האָט אויסגעהאלטן דעם לאגער. ווען די דייטשן האָבן עוואקואירט אָשוויענטשים, האָבן זיי די לעבנגעבליבענע לאגערניקעס געטריבן קיין דייטשלאנד. זיי האָבן נישט באוויזן צו דערפירן זייערע פלענער ביז צום סוף.

ה. וואָלקענבערג האָט זיך אומגעקערט קיין פוילן, געארבעט ווי א לערערין אין יידישן קינדערהיים אין כאָזשאָוו. בעת א באזוך אין ביאליסטאָק האָט זי אָפּגעגעבן א גבית־עדות אין דער ביאליסטאָקער וואָיעוואָדישער אָפּטיילונג פון דער צענטראלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע.

דעם 15טן אויגוסט 1943 האָט זיך אָנגעהויבן די לעצטע ליקווי־דאציע פון ביאליסטאָקער געטאָ. אין הסכם מיט די פאראָרדענונגען פון די דייטשן האָבן אלע יידן געדארפט דעם 16טן אינדערפרי פארלאָזן זיי־ערע וווינונגען און זיך צונויפזאמלען אויף א באשטימטן אָרט (אין די גאסן יוראָוויעצקא און פאבריטשנא). אין די אויסגעקלעפּטע פאראָרדע־נונגען איז געווען א וואָרענונג, אז ווען מען מ'וועט טרעפן אין א וווינונג, וועט מען שיסן.

ארום מיטאָגצייט פון זעלביקן טאָג האָט זיך אָנגעהויבן די יציאת־ביאליסטאָק, צו פיר אין א ריי אונטער א שטארקער שמירה. אלעמען האָט מען צונויפגעזאמלט אויף א פעלד הינטערן שטאָט — צוזאמען א 30.000 נפשות. ס'איז געווען א הייסער זומערטאָג, די זון האָט אומברחמנותדיק געברענט און אונטער דער דראָאונג פון באגנעטן האָט מען אזא מאסע מענטשן צונויפגעדריקט אויף א גאנץ קליינעם שטח. עטלעכע טעג דורכ־אנאנד האָט מען נישט צוגעלאָזט אפילו קיין טראָפּן וואסער. ווער ס'האָט געוואגט צו בעטן פאר א וויינענדיק קינד א ביסל וואסער, האָט ווי אן

ענטפער באקומען פון א מיטגליד פון דעם „הערנפאלק“ א קויל, וואס האט אים אויסגעלייזט פון פיין.

צומארגנס, דעם 17טן, האט די יידישע „ארדענונגסדינסט“ מודיע געווען, אז די דייטשן האבן באשלאסן אריינצופירן צוריק אין געטא אלע קינדער און זיי דארט אינסטאלירן אונטער א זארגעוודיקער אויפזיכט. די דאזיקע פאראָרדענונג האבן זיי אויפגעקלערט אויף אזא אופן, אז די על־טערע מענטשן פארן אויף ארבעט און ביז זיי וועלן זיך אומקערן, וועלן די קינדער פארבלייבן אין געטא.

א טייל מוטערס האבן אפגעגעבן די קינדער, ווייל זיי זענען געווען רעזיגנירטע און אפאטישע, ביי דער מערהייט האט מען אבער געמוזט אויסרייסן די קינדער מיט כוח.

מ'האט צונויפגענומען 1200 קינדער. צוזאמען מיט זיי האבן פאר־לאזט דעם פלאץ א 40 פערזאן: דאקטוירים, דערציער און פלעגערינס. צווישן די 40 בין איך אויך געווען.

מ'האט אונדז צוריקגעפירט אין געטא און איינלאזשירט אין א לאָ־קאל אויף פאבריטשנא גאס 10.

ביי א וואך צייט זענען מיר דארט געווען מיט די קינדער אין רע־לאטיוו נישט שלעכטע באדינגונגען.

ארום 22סטן, דאס הייסט נאכן אפטראנספארטירן אלע ביאליסטאָ־קער איינוווינער, איז געקומען די רייע אויף אונדז. אונטער דער אנפירונג פון א געשטאפאמאן פרידל, וועלכער האט אנגעפירט מיט דער אקציע, זענען געקומען געשטאפא לייט מיט אוקראינער און דערקלערט, אז די קינדער פארן קיין אויסלאנד, וו מ'וועט זיי אויסטוישן פאר דייטשע גע־פאנגענע.

מ'האט אונדז אפגעפירט צו דער באן־סטאנציע, וו ס'האט געווארט א ספעציעלער צוג. מיר האבן זיך אריינגעזעצט, מ'האט אונדז געטיילט ברויט און דער צוג האט גערירט פון ארט. נאך צוויי מעת־לעת איז דער צוג אנגעקומען קיין טערעזיענשטאט *). די קינדער זענען פארבליבן אין

*) טערעזיענשטאט (טשעכיש טערעזין), א קליין שטעטל, — א פעסטונג 60 קילאמעטער פון פראג, וו ס'איז געווען דאס אייגציקע געטא א. ג. יודענשטאט

די וואַגאָנען און די דערוואַקסענע האָט מען איבערגעפירט אין א צווייטן צוג מיטן אויסרייד, אז מיר פאָרן צוגרייטן א לאַגער פאַר די קינדער.

מיר זענען פאַרפאָרן ביז אָשוויענטשים. מיט אונדז זענען געווען דריי פרויען, וואָס האָבן געהאַט אויסלענדישע פּעסער (איינע פון זיי, פרוי סוכאָוואָלסקא, מיט א קינד פון פינף יאָר). גלייך נאָכן אָנקומען איז געווען א סעלעקציע און די דריי פרויען מיט פיל אנדערע, וואָס האָבן געהאַלטן קינדער אין די אָרעמס, זענען געגאַנגען אין דער גאַז־קאַמער.

מיך מיט נאָך 17 פרויען און 4 מענער האָט מען באַשטימט צו אַרבעט אין לאַגער.

נאָך עטלעכע טעג האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז אונדזערע קינדער זענען אויך אָנגעקומען קיין אָשוויענטשים, ווו מ׳האָט זיי פאַרגאַזירט און פאַרברענט.

(פּראָט. 552־2 פון העלא וואָלקענבערג. פּראָטאָקאָליִרט דורכן מאַגיסטער מ. טורעק, פון דער ביאַליסטאָקער היסטאָרישער קאָמיסיע).

5.

„באַנדיטן, שיסט!"

פאַר די מיטאַרבעטער פון דער צ. יי. ה. ק. אין לובלין האָט אָפּגעגעבן א גבית־עדות דער סוחר פון קאַמינקע ביי לעמבערג אלויזי יעזיערסקי. ער האָט דערציילט א סך פּרטים פון דער „אַקציע" אין קאַמינקע. מיר נעמען אַרויס א פראַגמענט וועגן די לעצטע מינוטן פון הענריקא גאָלדשטיין, וועלכע איז אומגעקומען דעם 10טן נאָוועמבער 1941 אין אָבידאָווער וואַלד.

אין מערב־אייראָפּע. ס׳איז געווען אן אַרבעטסלאַגער. פון דאָרט זענען אָפּגעגאַנגען פיל טראַנספּאָרטן קיין אָשוויענטשים.

הענריקא גאָלדשטיין, די טאָכטער פון אַפּטייקער פון קאַמיאָנקאַ סטרומילאָווא, נישט ווייט פון לעמבערג, א מיידל פון 16 יאָר, רעדט צו די מוטערס און פרויען:

„מוטערס און שוועסטער! מיר שטייען איבער אן אָפּגרונט, פון וועלכן ס'לויערט אויף אונדז דער שרעקלעכער טויט, איבער א גרוב, פון וואנען ס'דערגייען צו אונדז די יללות פון די צעריסענע קינדער. טוט זיך אוים און לאָזט זיך נישט שלאָגן. גייט רואיק צום קבר און העלפט די אומשולדיקע עופהלעך שטארבן (די קולות פון די נישט דערשלאָגענע יידישע קינדער האָט מען געקענט הערן אין דאָרף. — באמערקונג פון א. יעזיערסקי). דער דאָזיקער אָבידאָווער וואלד וועט עדות זאָגן וועגן שרעקלעכע פארברעכנס פון אוקראַינישע און היטלעריסטישע באנדיטן. דער דאָזיקער, פון קוילן דורכגעלעכערטער בוים וועט דערציילן דער גאנצער וועלט... באנדיטן, שיסט! איר באדעקט זיך מיט אייביקער שאנד, איר האָט אונדז אין שטאל געשענדט (ס'זענען געווען עדות דערפון — א. י.). מאטערט נישט, קאטעוועט נישט די נאקעטע מיידלעך"... (זי האָט זיך צו־געדעקט די ווייבלעכע אָרגאנען מיט א קאשנע — א. י.).

דער אוקראַינער שטעכט אדורך איר לינקע ברוסט מיט א באגנעט, בלוט האָט א שפּריץ געטון אויף א שטאם פון אן אָפּגעהאקטן בוים. הענריקא האָט דעמאָלט אָנגעכאפּט דעם מערדער פאר דער האנט און אויס־געשריגן אויף דייטש: היטלער־באנדיטן, שיסט!

ס'האָט זיך דערהערט א זאלפּ און זי איז געפאלן נעבן בוים. יידישע פרויען האָבן אריינגעוואָרפן איר קערפּער אין גרוב אויף די גופים פון אנדערע מוטערס און טעכטער, וואָס האָבן נאָך געלעבט.

פון אויטאָמאטן האָט מען שפּעטער אלע דערשאָסן.

(פּראָט. נומ. 45. פון א. יעזיערסקי. פּראָטאָקולאנטן: ד״ר ר. פעלדשו און נחמן בלומענטאל. לובלין, 1945).

6.

מיתות משונות

דער מחבר פון די באריכטן, פ׳ לידאָווסקי, איז געווען אַן אַק־טיווער און פאַרדינסטפולער פּאַרטיזאַן אין ווייסרוסלאַנד און וואָלין.

די טראַגעדיע פון אונדזער פאָלק האָט באַוויזן דעם פּראָסטן מענטשן צו פאַראייביקן, לויט זיינע מעגלעכקייטן, די איבערלע־בונגען פון דער שארית הפליטה. ער האָט גענומען נאָטירן אַלץ, וואָס איז געווען פון באַטייט. ער איז געווען איינער פון די ערשטע מיטאַרבעטער פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע. זיינע באַריכטן שטיצן זיך אָדער אויף איבערלעבונגען אָדער אויף גבית־עדות פון באַגלויבטע מענטשן און פאַרדינען דעם פולסטן צוטרוי.

א. ראָוונע

דערציילט דער עדות חוה וואָסקאָבויניק:

זומער 1942 האָט מען אין די באַראַקן אויף פּערלאָווע גאַס צונויפ־געזאַמלט יידישע קינדער ביז 10 יאָר. אַרום און אַרום איז געשטאַנען אַ שמירה פון געשטאַפּאָליים און מיליציאָנערן. זיבן טעג האָט מען געהאַלטן די קינדער, נישט צולאָזנדיק צו זיי קיינעם. יללות און געוויינען האָבן זיך דערטראָגן ביז אין דער גאַס, פון די דערציילונגען פון די געשטאַפּאָליים האָבן מיר זיך שפּעטער דערוווסט, אַז מ׳האָט די קינדער נישט דערלויבט אַרויסצוגיין פון באַראַק אפילו פאַר אייגענעם געברויך, נישט געגעבן זיי עסן און נישט טרינקען.

די געשטאַפּאָ און אוקראַינער פּלעגן פּייניקן די קינדער, איינאָרדע־נענדיק אין זייער אַנוועזנהייט סעודות אויף צעזעצט צו ווערן און אַז אַ קינד האָט געבעטן אַ ביסן, האָט מען עס געשאָסן.

איינער פון געשטאַפּאָ האָט זיך באַרימט, אַז זיי האָבן אויסגעלערנט די קינדער גאָרנישט צו בעטן.

אויף אַ באַראַטונג ביים גענעראַל קאָך האָבן די געשטאַפּאָוצעס

באַשלאָסן: אויסשטעלן די קינדער צו פינף אין א רייע, אויף דער ברוסט און פּלייצע יעדערן אויפהענגען א טאָוול מיט דער אויפשריפט: „מיר גייען צו סטאַלינען, ער זאָל אונדז אָנהאָדעווען", אויפהענגען יעדערן אויף א שנור א פלאַש מילך און ברויט, אָבער פאַרווערן צו געניסן דערפון, פירן זיי דורך די גאַסן ביז זשאַלטאַ-גאַס און דאָרט זיי הרגענען.

דעם באַשלוס האָבן די דייטשן אויסגעפירט מיט א גרויסער פּינקט־לעכקייט. די קינדער זענען אומגעקומען אין שרעקלעכע ווייען.

ב. נאָוואָגרודעק

אין עדות דערציילט: די געשטאַפּאָלייט האָבן צונויפגעטריבן א 6000 יידן פון נאַנצן ראַיאָן און פאַרמאַכט זיי אין לאָקאַל פון געריכט. מ'האָט זיי צוגעזאָגט צו שיקן אויף אַרבעט. פיר טעג האָט מען זיי דאָרט געפּייניקט. קינדער ביז זיבן יאָר האָט מען צוגענומען ביי די עלטערן און אַרויסגעפירט הינטערן שטאָט אויף א פּלאַץ, וווּ ס'איז געווען אויסגעגראָבן א לאַנגער און טיפער קבר.

א 300 קינדער האָט מען צוגעבונדן מיט א שנור איינס צום אַנדערן און אַזוי געטריבן צום אָרט פון שחיטה, שלאָגנדיק זיי אויפן וועג מכות־רצח. אויפן פּלאַץ האָט מען זיי געשלאָגן מיט ווילעס, שטעקנס, מעסערס און אַריינגעוואָרפן אין קבר, טויטע און די צוגעבונדענע צו זיי לעבעדיקע. אוממענטשלעכע קולות האָט מען געקאָנט הערן עד לב השמים. די געשטאַפּאָווצעס האָבן זיך אַוועקגעשטעלט אויפן ראַנד פון גרוב און געצילט פון רעוואָלווערס אין די קעפּלעך פון די לעבעדיקע קינדער. שפּעטער האָט מען געבראַכט צו פירן די מוטערס, זיי זאָלן זיך אָפּנעמען די קינדער.

דאָס רוב מוטערס זענען אַראָפּ פון זינען. מ'האָט זיי דערשאָסן און באַגראָבן צוזאַמען מיט די קינדער.

ג. סערניק (א שטעטל 40 ק"מ פון פּינסק. 1000 יידישע איינוווינער)

אין סעפּטעמבער 1942 קומען צו פאָרן געשטאַפּאָווצעס און רינגלען אַרום דאָס שטעטל. די יוגנט אַנטלויפט אין וואַלד. געבליבן זענען זקנים, פרויען און קינדער. די דייטשן האָבן זיי געשלאָגן און געפּייניקט. זיי

האָבן צונויפגעקליבן א 40 קינדער אין עלטער ביז צוויי יאָר. דער קאָ־מענדאנט האָט ארויסגעגעבן א באפעל צו דערטרינקען די קינדער אין ברונעם. די זעלנער האָבן גענומען כאפּן די קינדער, ווער פאר די פיסלעך, ווער פאר די האָר און ווער מיט ווילעס און אריינשליידערן אין וואסער.

נישט שנעל האָבן זיך איינגעשטילט די קרעכצן, וואָס האָבן זיך דערטראָגן פון ברונעם.

(פּראָטאָקאָל נומ. 753)

7.

א מוטער דערציילט...

פרוי אמאליא בערטגראם, געבוירן דטן אָקטאָבער 1906 אין קראָקע. פון פאך א פּידלערין, איצט פארנעמט זי זיך מיט שניי־דעריי. וווינט אין קאטאָוויץ. זי האָט דערציילט פיל ברייטער וועגן אירע אייגענע איבערלעבונגען, וועלכע זענען שוין אויסגענוצט געוואָרן אין אנדערע אויסגאבעס פון דער היסטאָרישער קאָמי־סיע. מיר האָבן ארויסגענומען בלויז פראגמענטן, וואָס האָבן א שייכות צו איר זון און ווייזן ערשטנס, ווי רייף ס'איז געווען אונדזער יוגנט און צווייטנס, ווי צווייפנימדיק ס'האָבן געהאנדלט די דייטשן. נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס לעצטע מאָל.

קראָקע. ס'איז ארוים א געזעץ, וואָס פארווערט די יידן צו וווינען אין קראָקע. מ'האָט פאראָרדנט צו ליקווידירן אונדזער לאגער אין געטאָ. נישט אלעמען האָט מען געשיקט אויף ווייטערדיקער ארבעט. די אויס־דערוויילטע האָבן געמוזט זיין יונג, געזונט און גוט אויסזען. דאָס מזל האָט מיר צוגעשפּילט און איך בין אויך געווען צווישן די גליקלעכע. א גרופּע יידישע מיליציאָנערן, וואָס איז צוזאמען מיט אונדז געווען אין געטאָ און מיטגעארבעט מיט דער געשטאפּאָ, האָט באקומען א דערלויבעניש צו אי־בערלאָזן זייערע קינדער. פאר דעם ציל האָט מען באשטימט א באזונדערן באראק. מיין זון איז געווען באשטימט צוזאמען מיט אנדערע נישט פּראָ־טעזשירטע קינדער צום „טראנספּאָרט". ער האָט זיך שנעל אָריענטירט

אין דער לאגע, בגנבה זיך ארויסגעכאפּט פון דאָרט און זיך אריינגעגליטשט צו די אויסדערוויילטע, וואָס האָבן צוזאמען מיט אונדז געזאָלט אריבער אין אן ארבעטס־לאגער. שווער צו באשרייבן דעם מאָמענט, ווען כ׳האָב אים ווידער דערזען נעבן זיך א פארסאָפּעטן, אָן אויסגעמאטערטן, אָבער א שטאָלצן פון זיין אויפטו. נאָך עטלעכע שעה זענען מיר שוין געזעסן אויף א וואָגן, וואָס האָט אונדז געפירט אויף נייע צרות.

סקארזשיסקא *)... ער פלעגט זיך שטענדיק אליין אן עצה געבן ווי א דערוואקסענער. ער איז געגאנגען צו דער ארבעט נישט געקוקט אויף דעם אויסגעמאטערטן אָרגאניזם. ס׳איז מיר קיינמאָל נישט געלונגען אים איבערצורעדן, ער זאָל כאָטש איין טאָג פארבלייבן אין לאגער. ער האָט געהאט אַן ארגומענט, אז פון דורכלאָזן די ארבעט קאָן קיין גוטס נישט ארויסקומען. ער האָט מוראדיק געציטערט פאר א „סעלעקציע”. יעדע וואָך פלעגט מען פארזאמלען די קינדער, ציילן זיי און דורך דעם פליקן די נערוון...

... ער איז געווען א טיכטיקער יינגל. געארבעט איבער די כוחות און נישט אָפּגעשטאנען פון דערוואקסענע. פון יעדער סיטואציע האָט ער גע־פונען אן אויסוועג. דאָס לעבן איז זיך געגאנגען זיין וועג, מאָנאָטאָן גרוי, איין טאָג איז געווען ענלעך צום צווייטן. נישט געווען קיין נייע איינדרוקן און נישט קיין אויסזיכטן אויף עפּעס בעסערס. די „סעלעקציעס” זענען פאָרגעקומען כסדר און מיר האָבן אָן אויפהער געציטערט איבערן גורל פון אונדזערע קינדער.

דעם 13טן מערץ 1944 האָבן די זשאנדארמען ארומגערינגלט דעם קינדער־באראק און זיי צונויפגערופן צום אפּעל.

אָן ווערטער האָבן מיר פארשטאנען, וואָס דאָס באטייט. די זשאנ־דארמען האָבן פארשטאנען אונדזערע געדאנקען און גלייך ארומגערינגלט די קינדער און די לופעס פון די ביקסן אויסגעדרייט אין אונדזער זייט.

ס׳האָט א סיגנאל געגעבן די מאשין. מ׳האָט די קינדער אריינגע־

---

*) אן ארבעטס-לאגער, ווו סיי די שווערע ארבעט אין אמוניציע־פאבריק, סיי דער רעזשים האָבן דערפירט צו אומגעהויערע מענטשן־קרבנות.

וואָרפן אין אויטאָ, ווי מ׳וואַרפט עפּעס א זאך. מיר, די מאַמעס, זענען געשטאַנען דערביי און געקוקט...

מיר זענען שיעור פון זינען נישט אראָפּ, ווייל מיר האָבן נישט געהאט קיין מעגלעכקייט ארויסצורייסן די קינדער פון זייערע נעגל.

דער גורל האָט געחוזקט פון אונדז. דאָס איז גראָד געווען „דער טאָג פון דער מוטער״. מיט שיינער מוזיק און געזאַנג האָט מען ארויסגעפירט אונדזערע אומגליקלעכע קינדער.

זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענטלעך און געבעטן הילף. די געשטאַפּאָליט האָבן אונדז געשלאָגן מיט די קאָלבעס איבער די קעפּ, פּלייצעס און בכלל ווו זיי האָבן געטראָפן.

(פּראָט. נומ. 209 פון פרוי אמאליא בערטגראס. פּראָטאָקאָלירט דורך העלא האָניגמאן, פון דער סאָסנאָוויצער אָפּטיילונג פון דער צ. יי. ה. ק.).

8.

פארקליידט פאר א מיידל

די דערציילונג פון דער מוטער איז געבויט אויף אירע אייגענע אָבסערוואַציעס, דערציילונגען פון איר שוועסטער סאבינע און פון קינד.

ס׳איז זיך איצט אויך שווער אריינצולעבן אין דעם פּסיכאָלאָגישן פּלאָנטער פון קינד, וואָס האָט געמוזט שפּילן א ראָלע פון א מיידל אין עלטער, ווען ס׳געשטאַלטיקן זיך די באַזונדערע אייגנשאַפטן פון פאַרשידענע מינים. א פּאָר יאָר רעדן בלשון נקבה און זיך נישט פאַראַטן. ס׳איז א פענאָמען.

די מוטער מיטן קינד וווינען איצט אין לאָדזש, זאַוואַדסקא גאַס 17 28.11.

(אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע איז געקומען א פרוי מיט איר זון, א יינגל פון א יאָר 10. ער האָט אָנגעהויבן צו דערציילן אָבער באַלד אויפגעהערט און די מוטער האָט ווייטער פאָרגעזעצט. די דערציילונג פון קינד גיבן מיר אין ערשטן אָפּזאַץ)

אין וואַרשע בין איך געווען אויף דער „אַרישער" זייט. די עלטערן זענען אויך געווען אויף דער „אַרישער" זייט, אָבער נישט צוזאַמען מיט מיר. צוזאַמען מיט דער מאַמען בין איך אַרויס אויף יענער זייט דורך דער וואַך, ווייל דער זשאַנדאַרם איז געווען אַן אונטערגעקויפטער. אויף אַ פּלאַטפאָרמע זענען מיר געפאָרן צו דעם אַרבעטס־אָרט אין דרעוויניצע, וווּ די מאַמע האָט געאַרבעט ביים טאָרף.

די מוטער: ווען די אַרבעט האָט זיך דאָ געענדיקט און אין געטאָ איז געווען זייער שלעכט, בין איך מיטן קינד געגאַנגען צו מיין חברטע צעלינע ק. אין גראָכאָוו *), זגערסקאַ גאַס 18. דאָרט האָב איך זיך באַקאַנט מיט איר קוזינע צעלינע, וועלכע איז איינגעגאַנגען צו וווינען מיט מיר אין זיעלאָנקע. נאָך אַ צוויי חדשים האָט זי אָנגעשיקט אויף מיר אירם אַ שוואָגער מיט נאָך צוויי מענער, וועלכע האָבן זיך אָנגעגעבן פאַר געשטאַפּאָ־אַגענטן און געזאָגט, אַז זיי מוזן מיך מיטן קינד הרגענען. פאַר 100.000 זל. זענען זיי גרייט געווען מיך צו לאָזן לעבן. אַזוי ווי כ'האָב אַזאַ סומע נישט געהאַט, האָבן זיי אונדז אַרויסגעפירט (דעם 27סטן מערץ 1942) אין אַ וואַלד, זיך געהייסן געבן די שליסל פון דער וווינונג און זיך לאָזן וווּ די אויגן וועלן טראָגן. מיר האָבן זיך אומגעקערט אין דער זעלבער ווילע צו אַן אַנדערער פּוילישער פרוי. צעלינקע איז געקומען אין מיין פריערדיקער וווינונג און צוגענומען אַלע מיינע זאַכן. איין נאַכט האָבן מיר נאָך דאָ איבערגענעכטיקט און צומאָרגנס אַוועק קיין וואַרשע.

מיר זענען געקומען קיין וואַרשע און דאָ האָב איך אויף איין טאָג איבערגעלאָזט דאָס קינד ביי מיין באַקאַנטער העלענע מ. זי האָט דאָס געטון נישט גערן צוליבן סעמיטישן אויסזען פון קינד און צוגעגעבן, אַז ווען ס'איז אַ מיידעלע, וואָלט זי זי גענומען.

איך האָב אים איבערגעטון פאַר אַ מיידעלע און דריי טעג איז ער געווען ביי דער באַקאַנטער. דערנאָך האָב איך געדונגען אַ וווינונג אין גראָכאָוו, דאָס קינד איבערגעלאָזט אויף גאַנצע טעג אַליין און געגאַנגען אַרבעטן ווי אַ דערציערין ביי דער פאַמיליע קאַטשינסקי אין טשערניאַקאָוו *).

*) גראָכאָוו און טשערניאַקאָוו — פאָרשטעט פון וואַרשע.

נחגרים

(וויטער דערציילט די פרוי ווי אזוי ס'האָט זי שאַנטאַזשירט עפּעס א באַקאַנטער פּאָליאַק, זי געשלעפּט אין געשטאַפּאָ. דאָרט האָט מען זי געוואָלט באַ-פרייען, נאָר דער שאַנטאַזשיסט האָט זיך איינגעקשנט און געזאָגט, אז ער קען זי. נאָך פיל מאַטערנישן האָט מען זי איבערגעשיקט אין געטאָ. דאָס איז געווען דעם 4טן מאַי 1943, ד"ה ווען מ'האָט נאָך געהאַלטן אין ליקווידירן דעם אויפשטאַנד און געברענט די קערפּער פון די מענטשן, וואָס מ'האָט אַרויסגעשלעפּט פון די בונקערס. זי איז געבראַכט געוואָרן אויפן אומשלאַג-פּלאַץ. איר שוועסטער סאַבינע האָט זיך וועגן דעם דערוווּסט).

זי איז געווען פאַרצווייפלט און געכאַפּט דאָס קינד, כדי עס אָוועק-צוגעבן א געוועזענער דינסט, געניע, וועלכע האָט אַרויסגעוויזן א סך האַרץ און וואַרעמקייט. א טאָג איז דאָס קינד אָפּגעווען ביי איר. ס'איז געקומען איר חתן. דאָס קינד האָט זי באַהאַלטן. ער האָט אָבער ווי עס איז אַרויס-באַקומען פון איר דעם אמת און געדראָט, אז אויב זי וועט עס נישט אַרויסוואַרפן, וועט ער אַליין אים אָפּדרייען דעם קאָפּ. געניע האָט זיך וואַרעם געזעגנט מיטן קינד, מיטגעגעבן אויפן וועג עסן און געלד. דאָס קינד האָט אַרומגעבלאָנקעט די גאַנצע נאַכט, געשלאָפן אונטער א וואָגן ערגעץ אין א הויף און צומאָרגנס זיך דערפּרעגט צו א באַקאַנטער וועשין, אַן אַלקאָהאָליקערין, וועלכע האָט אים געגעבן א זופּ און באַלד משלח געווען.

די שוועסטער איז געגאַנגען צו געניען זיך דערוויסן, וואָס ס'מאַכט דאָס קינד און דערהערט די בשורה. זי האָט אַרומגעזוכט אין די גאַסן, ביי באַקאַנטע און איז אַוועק אין א דירה פון א פרוי, וואָס האָט זיך גע-חברט מיט איר שוועסטער. מיטאַמאָל עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין דאָס „מיידעלע" פאַרשמירט מיט שאָקאָלאַד און „טשאַסטקעס", וואָס ס'האָט איינגעהאַנדלט פאַר דעם געלד, וואָס געניע האָט אים געגעבן. דאָס קינד האָט געוואָלט בלייבן אין געשעפט פון זיסוואַרג, ווייל ס'האָט נישט געהאַט וווּ צו גיין, אָבער מ'האָט עס אַרויסגעשטופּט פון דאָרטן. דעמאָלט האָט עס אַריינגעלייגט אין מויל וויפל ס'האָט געקאָנט און די איבעריקע סחורה אפילו נישט מיטגענומען.

די שוועסטער האָט נישט געהאַט וווּהין צו נעמען דאָס קינד. אַליין האָט זי געאַרבעט אויף דער באַן און געוווינט אין א וואַגאָן. זי איז געגאַנגען צו א באַקאַנטער פרוי, זשולקאָווסקאַ, אין גראָכאָוו, און זי האָט

גענומען דאָס קינד צו זיך ווי אַן אייגנע „קוזינקע”. צוויי וואָכן איז דאָס קינד דאָרט געווען, געגאַנגען מיט דער פרוי אין קלויסטער און בכלל זיך געפילט זייער היימיש.

איינמאָל קומט אהין צו גיין א פרוי פון א פוילישן פּאָליציאַנט, שאַ־בראַווא און זאָגט איר, אז זי ווייסט וועמענס קינד דאָס איז. מער האָט מען נישט געדארפט. די זשולקאָווסקא האָט געזאָגט דער שוועסטער, אז זי וויל נישט ריזיקירן מיטן לעבן פון די אייגענע קינדער.

און ווידער האָט דאָס קינד געוואָגלט פון הויז צו הויז, פון באַקאַנטן צו באַקאַנטן.

(איך לאָז אַדורך די מאָמענטן, וואָס האָבן א שייכות צו דער רייזע פון דער מוטער צום טויט, א סעלעקציע, צו איר אַנטלויפן און בלאָנדזשעניש ביז זי איז צוריקגעקומען).

דורך א באַקאַנטער האָט זיך מיר איינגעגעבן צו שאַפן דאָקומענטן פאר דער שוועסטער און קינד. כ'האָב זיך גענומען צו שמוגלעריי, גוט פאַרדינט און אזוי האָבן מיר דורכגעלעבט.

(פּראָט. נומ 1424 פון פרוי קרישעק און איר זון סטאַש, 10 יאָר. פּראָטאָקאָל. פון קלארא מירסקא, פון דער צ. יי. ה. ק. אין פוילן).

.9

א פוילישע פרוי דערציילט

אין דעם דאָזיקן באריכט דארפן אקצענטירט ווערן צוויי מאָמענטן:

1. די צוגעבונדנקייט פון אן איינפאכער פוילישער פרוי צו יידישע קינדער. זי האָט נישט חתונה אויס מורא, אז דער מאן וועט פיינט האָבן די קינדער.
2. די פראקטישע אינטעליגענץ פון די קינדער האָט זיי אָפּ־געראַטעוועט פון טויט בעת דער רעוויזיע אין שטאַל.

נ ח   ג ר י ס

אונדזער *) משפחה איז באשטאנען פון די עלטערן און דריי קינדער: סאמוש האָבהייזער איז געווען דער ייִנגסטער, סאליושא האָט געהייסן דאָס מיידעלע און דער עלטסטער — איזיאַ. איך האָב דערצויגן די קינדער.

אין דעם ערשטן מלחמה־יאָר האָט מען דערשאָסן דעם פאָטער. איך האָב זיך צעשיידט מיט דער משפחה, ערשט ווען מ'האָט אַלע יידן קאָנצענטרירט אין געטאָ. אָבער יעדן טאָג פלעג איך קומען אין געטאָ **) און ברענגען וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט. כ'האָב שטארק געבענקט נאָך די קינדער און זיי באטראכט פאר אייגענע.

בעת אין געטאָ איז געוואָרן אומרואיק, פלעגן די קינדער קומען צו מיר. ביי מיר האָבן זיי זיך געפילט ווי אין דער היים. אין מערץ 1943 ***) איז פאָרגעקומען די ליקווידאציע פון געטאָ. דער קלענסטער איז שוין געהאט געווען ביי מיר אינגאנצן צופעליק.

דעם טאָג בין איך געגאנגען צום טויער פון געטאָ, וואָס איז געווען באשטעלט פון אַלע זייטן מיט ס. ס.־לייט און אוקראַינער. מענטשן זענען ארומגעלאָפן ווי צעחושטע, מוטערס מיט קינדער האָבן זיך געריסן צום טויער. מיטאמאָל האָב איך דערזען די מוטער מיט סאליושען און איזיאַן. די מוטער האָט אויך מיך באמערקט און געזאָגט דעם מיידעלע אויפן אויער: ניי צו קאראָלטשען. דאָס מיידעלע האָט נישט לאַנג טראכטנדיק זיך מיט ניסים אדורכגעגליטשט צווישן די שווערע כאַליעוועס פון די אוקראַינער. מיט אויסגעשטרעקטע הענטלעך איז זי געלאָפן צו מיר.

מיר האָבן זיך אין דרייען, מיט מיין מומען, געלאָזט גיין צו מיין דאָרף וויטאנאָוויצע, ביי וואדאָוויצע.

די מוטער מיטן ייִנגל זענען געפירט געוואָרן צו דער „אויסזידלונג" און קיין זכר איז פון זיי נישט געבליבן.

ס'איז געווען א שווער לעבן און אויב די קינדער זענען געבליבן לעבן, דארף מען גלויבן אין ניסים.

---

*) כאראקטעריסטישע באצייכענונג פון א משפחה, ביי וועלכער זי האָט געדינט.

**) אין קראָקע.

***) דעם 13טן.

לכתחילה פלעגן די קינדער ארויסגיין פון שטוב, אָבער וואָס ווייטער איז געוואָרן שטרענגער און כ׳האָב זיי געמוזט אויסבאַהאַלטן אין שטוב.

און דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן. די באַפעלקערונג האָט געוווּסט, אַז איך באַהאַלט אוים יידישע קינדער און מ׳האָט מיר אָנגעהויבן צו דראָען און פאַרפאָלגן פון אַלע זייטן, כ׳זאָל די קינדער ארויסגעבן דער געשטאַפּאָ, ווייל אַז נישט, וועט מען פאַרברענען דאָס דאָרף און אַלעמען אויסשעכטן. דער סאָלטים *) פון דאָרף איז געווען פריינדלעך געשטימט צו מיר און דאָס פלעגט מיך אָפּט באַרויִקן. פון מער איינגעשנטע און אַגרעסיווע האָב איך זיך געמוזט אויסקויפן מיט א מתנה.

לאַנג האָט עס אָבער נישט געדויערט.

די ס.ס.־לייט האָבן אַלץ געשנאָפּט און מיט די פויערים האָבן זיך אָנגעהויבן אוואַנטורעס און זיי האָבן דערקלערט, אַז מ׳מוז די קינדער אַי־בערפירן אין שייער (סטאָדעלע) און ווען זיי וועלן שלאָפן, אָפּהאַקן זיי די קעפּלעך.

כ׳בין ארומגעגאַנגען ווי א משוגענע, מיין אַלטער פאָטער האָט גע־האַט גרויס עגמת־נפש. מיר האָבן כסדר געטראַכט וואָס מ׳קאָן דאָ אויפ־טון, כדי די קינדער צו ראַטעווען. זיי האָבן אַלץ געוווּסט און פאַרן לייגן זיך שלאָפן געזאָגט: „קאַראַלטשע, הרגעט אונדז נאָך נישט היינט! היינט נאָך נישט!״.

כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי איך ווער פאַרגליווערט און באַשלאָסן בשום אופן די קינדער נישט ארויסצוגעבן.

ס׳איז מיר איינגעפאַלן אַן אויסלייזערישער געדאַנק. כ׳האָב די קינ־דער אריינגעזעצט אין א פור און געזאָגט אַלעמען, אַז איך פיר זיי דער־טרינקען. איך בין פאַרבייגעפאָרן דאָס גאַנצע דאָרף און אַלע האָבן געזען און געגלויבט, אַז איך וועל עס טון. ביינאַכט בין איך צוריקגעקומען מיט די קינדער און זיי אויסבאַהאַלטן ביי א שכנה אויף דעם בוידעם.

ס׳איז געווען יולי חודש. די היצן זענען געווען גרויסע און די קינ־דער זענען געלעגן איינגעקנוילט אויף א באַרג שטויב פון א האַלבן מעטער.

**) דער עלטסטער, אדמיניסטראַטיווער לייטער.

ביי די אומגליקלעכע קינדערלעך האָבן זיך אָנגעהויבן באַווייזן קרעץ אויפֿן קערפּער, די נעגל פון די הענט און פֿיס האָבן גענומען אָפּפאַלן. די קינדער האָבן גאַנץ איינפאַך געפֿוילט. ס'האַרץ האָט מיר געוויייטיקט. כ'האָב גע־פילט, אַז כ'וועל דאָס נישט איבערטראָגן.

אָבער כ'האָב געקעמפט. כ'האָב געמוזט פאַרדינען, אַז קיין עסנ־וואַרג זאָל זיי וויטאַמינען נישט פעלן. כ'האָב דאָך געמוזט אויך צאָלן פאַר דער באַהעלטעניש.

דריי חדשים האָבן זיך די קינדער אַזוי געמוטשעט. כ'האָב זיי ווי עס איז אויסגעהיילט די קרעץ, אָבער זיי זענען געווען טויט בלייך, בפרט דאָס מיידעלע. די שרעק איז איר געלעגן אויפֿן פּנים. דאָס יינגעלע איז געווען מער לעבעדיק און אויסגעהאַלטן.

דאָס געלט האָט זיך אויסגעלאָזט. מער צאָלן האָב איך נישט גע־קאָנט און כ'האָב זיי גענומען צו זיך און אויסבאַהאַלטן אין שטאַל.

איינמאָל איז געווען אַ רעוויזיע און אַ ס.ס.־מאַן איז אַריין אין שטאַל. מיר זענען אַלע געווען איבערצייגט, אַז דאָס איז שוין זייער סוף. אָבער סאַמוש האָט אינסטינקטיוו אָנגעהויבן אַרבעטן, געכאַפּט שטרוי און אונ־טערגעשפּרייט דער קו אַא"וו. מיר זענען געשטאַנען ווי געפּלעפט: פון־וואַנען האָט זיך צו אַ קינד גענומען אַזאַ טריק? סאַלושע איז געשטאַנען אין ווינקל אַ בלייכע. די געפאַר איז פאַרביי. די קינדער — אָפּגעראַטעוועטע.

זייט דעמאָלט איז שוין געווען רו ביז ס'איז געקומען די רויטע אַר־מיי. די קינדער זענען גליקלעך און איך נאָך מער און איך וועל זיך מיט זיי קיינמאָל נישט צעשיידן, אפילו ווען זיי פאָרן אין דער צווייטער עק וועלט. איך האַלט זיי פאַר אייגענע קינדער, כ'האָב זיי ליב און פאַר זיי בין איך פעאיק צו יעדן קרבן.

(פּראָט. נומ. 579. פּראָטאָקאָלירט ר. בוימינגער, פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע).
(אונטערשריפט) קאַראָלאַ סאָפּעטאָוואַ.

.10

פרוי מיכאַלינאַ דערציט אַ ייִדיש קינד

אין דער דאָזיקער שילדערונג זענען דורכגעלאָזט אַ ריי מאָמענטן, וואָס זאָגן עדות וועגן דער מענטשלעכער באַציאונג פון פרוי מיכאַלינאַ אויך צו אַנדערע ייִדן. דאָס איז איינע פון די פּשוטע מענטשן, ביי וועלכע די קריסטלעכע לערע איבער ליבע צו מענטשן איז נישט קיין פּוסטער קלאַנג.

מיר האָבן זיך באַגרענעצט בלויז צו דער געשיכטע פון געראַטעוועטן קינד, וואָס די פרוי מיכאַלינאַ האָט געוואָלט אַדאָפּטירן. איר באַגעגעניש מיט דער פּראָטאָקולאַנטין איז טאַקע פאָרגעקומען אין אַ וואַרטעצימער פון אַן אַדוואָקאַט, מיט וועלכן פרוי מ. האָט זיך געוואָלט באַראַטן וועגן דעם דאָזיקן ענין.

פרוי מיכאַלינאַ יאַניטשעווסקאַ, די זאָרגעוודיקע אַפּוטרופּסית פון אַ קליין מיידעלע מיט ברוינע לאָקן, שטאַמט פון דאָרף זאַלווין, ביי פּאָדקאָווא לעשנאַ (נעבן וואַרשע — נ. ג.). זי האָט נישט קיין אייגענע קינדער. איר איינציקער זון איז געפאַלן אין יאָר 1939 פון אַ דייטשער קויל.

די פרוי דערציילט: אין פעברואַר ווערט צוויי יאָר שוין. איך האָב יעדן טאָג געטראָגן מילך צו דער פרוי קאָוואַלסקאַ. איינמאָל פרעגט מיך פרוי קאָוואַלסקאַ, צי איך וואָלט נישט גענומען צו דערציען אַ קינד. זי האָט געוווסט, אַז איך האָב ליב קינדער און אַז אָן זיי איז מיר אומעטיק. כ'האָב זיך געלאָזט אין וועג קיין וואַרשע אָנקוקן דאָס קינד. כ'בין געקומען אויף זלאָטע-גאַס. די עלטערן פון קינד האָט געדראָט אַ געפאַר מצד די דייטשן, ווייל זיי זענען געווען ייִדן. זיי האָבן געוואָלט ווייניקסטנס אָפּראַטעווען דאָס קינד. דאָס קינד האָב איך באַלד ליב באַקומען... דער מוטער איז אָנגעקומען זייער שווער אָפּצוגעבן דאָס קינד. זי האָט שטאַרק געוויינט. איינגעוויקלט דאָס קינד אין די וויקעלעך און ווידער אויפגעוויקלט, זיך געלאָזט גיין מיט אונדז און מיך געבעטן: „זייט גוט צום קינד, זאָרגט פאַר מיין קינד!". איך האָב איר פאַרזיכערט, אַז פאַרן קינד דאַרף זי נישט זאָרגן. זאָל זי בעסער האָבן זיך אין זינען... כ'האָב איינגעוויקלט דאָס קינד

נ ח ג ר י ס

אין א פּלעד און א טיכל און אין א פינסטערער נאכט געפאָרן קיין פּאָד־קאָווא. אין די אויערן האָט מיר נאָך אַלץ געקלונגען דער מוטערס געוויין. ווען כ'האָב זיך דערוווּסט, אַז די עלטערן זענען אומגעקומען, האָב איך נאָכמער ליב געקראָגן די יתומה. ס'קינד האָט זיך זייער שיין אַנטוויקלט. יעדע וואָך האָט עס צוגענומען א פערטל קילאָ. ס'האָט קיינמאָל נישט גע־קרענקט. ביים טויפן האָט עס באַקומען מיין נאָמען מיכאלינא און א נאָ־מען, וואָס די מוטער האָט געוואָלט: קריסטינא.

די פרוי וויַיזט פאַרשידענע פאָטאָגראַפיעס פון מיידעלע און זעצט פאָר:

וויפל האָב איך זיך אָנגעליטן פון שלעכטע מענטשן. אין דאָרף האָט מען גערעדט, אַז איך דערצי א יידיש קינד. איך בין שיעור נישט אומגע־קומען צוזאַמען מיטן קינד. איינער פון אונדזער דאָרף איז געווען א שפּיצל אין דער פּאָליציי. ער האָט געגעבן צו וויסן און די שופּאָ *) זענען געקו־מען צו פאָרן. דער שפּיצל האָט געמאַכט א באַל פאַר די דייטשן, צונע־מענדיק ביי די איינוווינער די בעסטע פּראָדוקטן (ביי מיר א גאַנדז). די דייטשן זענען געקומען צו מיר אין וווינונג און מיט זיי א פּוילישע פרוי, אַן איבערזעצערין. כ'האָב זיי געגעבן בראָנפן, אייער און זיי זענען אַוועק־געגאַנגען. שפּעטער האָבן מיך פרויען מיט בייזע צונגען געפרעגט: „און דעם יידלאַק האָסטו זיי געוויזן?". פּאָדלע מענטשן, באַזיצן קיין האַרץ נישט!...

פּראָטאָקאָל נומ. 163. פּראָטאָקאָלאַנט: ס. בעמלין, וואַרשע).

---

*) Schutzpolizei — פּאָליציי, א טייל פון דער אָרדענונגס־דינסט אין גענעראַל גוווערנעמענט.

.11

ווינטערצייט אין וואַלד מיט דריי קינדער

דער פּראָטאָקאָל איז נישט פאַרענדיקט, מחמת די פרוי קראַ־מער איז אין דער צייט צווישן די פאַרהערן אויסגעוואַנדערט פון פּוילן.

פון פּראָטאָקאָל זענען דורכגעלאָזן זייער אינטערעסאַנטע און דראַמאַטישע מאָמענטן, וואָס האָבן אָבער קיין שייכות נישט צו קינדער.

... מיר האָבן געוואָלט אָפּגעבן די קינדער *) צו פּויערים, אָבער די קינדער האָבן זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט דער מוטער. ס'איז געווען יאַנואַר 1943. דער פראָסט ביז 20 גראַד, דער שניי א האַלבן מעטער הויך. האַלב צוועלף ביינאַכט באַשליסן מיר צו אַנטלויפן און לאָזן זיך אַן א פּיצל ברויט צו א באַקאַנטן פּאָליאַק אין דאָרף זאַלושע, פינף קילאָמעטער פון אונדזער שטעטל ליובאַטשאָוו **). אַן זיין וויסן באַהאַלטן מיר זיך ביי אים אויפן בוידעם. דאָ האָבן מיר זיך צעשיידט: איך בין דאָ געבליבן מיט די קינדער און דער מאַן איז אַוועק אין וואַלד.

אויפן דריטן טאָג האָט זיך אין דאָרף אָנגעהויבן א גערעדעניש אויף יידן פון ליובאַטשאָוו, וואָס האָבן זיך דאָ אויסבאַהאַלטן פון דער „אַקציע". די דאָרטיקע באַפעלקערונג האָט זיי אַרויסגעגעבן. מ'האָט אַלעמען צונויפ־געטריבן אין דער „גמינע" און די ס.ס.־לייט האָבן זיי אַרויסגעטריבן אויפן פעלד, ווו מ'פלעגט באַגראָבן פגירות און דאָרט דערשאָסן און באַגראָבן. איך געדענק די נעמען פון א טייל אוקראַינער: סטעפאַן האָלוב, דער „וואָיט" (דאָרפס-עלטסטער) מאָסאַ...

נאָך דריי טעג האָט מיך דער באַלעבאָס אַרויסגעטריבן פון שטוב. מיט קליינע קינדער האָב איך זיך געלאָזט אין א שרעקלעכן פראָסט צו א

---

*) דריי קינדער, פון 5, 10 און 11 יאָר.

**) 40 קילאָמעטער פון ראַווא רוסקאַ, נישט ווייט פון טויטן-לאַגער בעלזשיץ.

נ ח   ג ר י ס

דאָרף, ווו מיין מיידעלע פון 10 יאָר האָט געדינט ביי א פויער פאר א פאסטעכל. מיר זענען געגאנגען דורך טייכן און וועלדער. די פויערטע האָט אונדז אָבער נישט אריינגעלאָזט אוים מורא פאר די שכנים. אין דער זעלבער נאכט בין איך געגאנגען 9 קילאָמעטער צום דאָרף דאכנאָוו. אויך דאָ האָט מיך קיינער נישט געוואָלט אריינלאָזן. די קינדער זענען געווען דורכגעפרוירן, הונגעריק. זייער געוויין האָט קיינעמס הארץ נישט ווייכער געמאכט. מיר האָבן זיך געלאָזט אין קליינעם וועלדל אריין, 4 קילאָמעטער פון ליובאטשאָוו און דאָ בין איך געווען אן עדות פון דער „אקציע" איבער די ליובאטשאָווער יידן. פיר אוקראַינער און דייטשן האָבן געשאָסן די יידן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין רייען. אזוי ווי פאר יעדן איינעם איז געווען באשטימט נאָר איין קויל, זענען זייער פיל געלעגן שעהן לאנג אין די גריבער אָדער ארומגעלאָפן אויפן פעלד, ביז זיי זענען געפרוירן געוואָרן.

דערנאָך זענען געקומען פויערים פון דאָרף מיט העק, אָפגעהאקט פיס, וואָס זענען געווען באשטיוולט אָדער פינגער, אויף וועלכע ס׳זענען געווען גאָלדענע רינגלעך. צען וואָכן האָבן אזוי געדויערט די עקזעקוציעס. יעדן טאָג פלעגן די ארומיקע אוקראַינער און פאָליאקן ארומזוכן די בונקערס און ארויסשלעפן פון דאָרט יידן.

אין וואלד בין איך געווען דריי טעג. אין די נעכט פלעג איך גיין בעטלען ברויט פאר די קינדער. שפעטער האָבן מיר זיך אויסבאהאלטן אין שמאלן, שייערס, קאָפּיצעס היי אָן דעם ווימן פון די באלעבאטים. לאנג האָט עס אָבער נישט געקאָנט דויערן און מיר האָבן זיך אומגעקערט אין וואלד. גראָד איז געווען א יאגד אויף האָזן. די דייטשן האָבן מיך געזען, די אוקראַינער האָבן גענומען שרייען: יודע, יודע! אָבער די דייטשן האָבן געענטפערט: פארדרייט אונדז נישט קיין מוח, היינט איז אן אקציע אויף האָזן און נישט אויף יידן.

ס׳איז געווען 12 טעג נאָך דער אקציע. מיין 10 יאָריק מיידעלע האָט צו מיר געזאָגט: „מאמע, נאָך וואָס מאטערסטו זיך אזוי מיט אונדז. לאָז אונדז און ראטעווע זיך אליין". זי האָט געהערט אָפט, ווי די פויערים זאָגן, אז מיך אליין וואָלטן זיי אויסבאהאלטן, אָבער מיט קינדער האָבן זיי מורא.

„מאמע —פלעגט זי זאָגן— בעט גאָט, מיר זאָלן האָבן א גרינגן טויט און לאָז אונדז גיין אליין".

צום סוף האָט זיך אויף אונדז איין פרוי מרחם געווען און געלאָזט איבערנעכטיקן. אינדערפרי האָט זי אונדז געהייסן גיין און מיר זענען ארויס אויפן הויף זוכן א באהעלטעניש. כ'האָב געפונען א הינערשטאַל. פאר די הינער איז איצט געווען צו קאַלט האָט זיי דער באַלעבאָס אריינגענומען אין שטוב, האָב איך זיך דערוויַיל דאָרט באהאַלטן מיט די קינדער.

מיר זענען דאָרט געלעגן איינער אויפן אנדערן. די טאָכטער האָט זיך איינגעקשנט און איז געגאנגען צו א באַקאַנטער פויערטע בעטנדיק בלויז א לייכטן טויט. די פויערטע האָט איר געגעבן צו עסן און זיך גע־לאָזט אַנוואַרעמען. ס'איז דאָרט אין שטוב געווען אן אוקראַינישער יינגל. ווען מיין מיידעלע האָט זיך געלאָזט צוריקגיין צו מיר, איז ער איר נאָכגע־גאנגען וועלנדיק זיך דערוויסן, ווו איך געפין זיך. ער האָט זי געכאַפּט און מיט כוח געוואָלט ארויסבאַקומען, ווו מיר געפינען זיך. זי האָט נישט אויסגעזאָגט און ער האָט זי אָפּגעלאָזט.

זי האָט זיך געלאָזט מיט זייטיקע וועגן, זיך אויסבאהאַלטן, ער האָט אָבער אומבאמערקט איר נאָכגעשפּירט. זי האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. זי איז צוגעקומען צום באהעלטעניש; איך בין געהאַט ארויסגעגאנגען מיט פינף מינוט פריער זוכן עפּעס צום עסן. איך בין אריין אין א כאַטע, ווו מ'האָט מיך אריינגעלאָזט. דורכן פענסטער האָב איך געזען ווי דער אוקראַי־נער שלאָגט מיין קינד, ווארגט זי, דרייט איר אוים די הענט און די פינ־גער און טרייבט זי אין דער גמינע. דאָרט האָט מען זי פאַרהאַלטן, כדי ארויסצובאַקומען, ווו איך געפין זיך.

אוקראַינישע וועכטער האָבן שפּעטער נאָכדערציילט אירע ווערטער: צוליב איין נפש קאָנען נישט אומקומען פיר נפשות. מיין לעבן איז סיי ווי פאַרשפּילט.

זי האָט געבעטן, מ'זאָל זי נישט הרגענען, זי האָט דאָך קיין שלעכטס קיינעם נישט געטון. גאַנץ פרי האָט מען זי געפירט אין וועלדל (כ'האָב דאָס געזען פון וויַיטן). כ'האָב געוווּסט, אז מ'פירט זי צו דער עקזעקוציע. זי האָט געבעטן די אוקראַינער, מ'זאָל זי אָפּלאָזן און געזאָגט: „מיין בלוט

וועט דיר קיין רו נישט געבן". ס'האָט נישט געהאָלפן. דאָס קינד האָט גע־דאַרפט וואַרטן אויף אַ טראַנספּאָרט פון 200 ליובאַטשאָווער יידן. זי האָט געבעטן, מ'זאָל זי פריער שיסן. מ'האָט איר צוליב געטון.

כ'בין אַ פּשוטע יידענע און איך קאָן נישט איבערגעבן, וואָס כ'האָב דורכגעלעבט קאָנקרעט אויפן טויט פון מיין אומשולדיק קינד.

פון 13טן יאַנואַר ביזן 11טן פעברואַר האָב איך זיך אַרומגעבלאָנ־קעט אין דאָזיקן דאָרף. געקנעכטיקט אָן דערלויבעניש פון פּויערים אין זייערע שטאַלן. די פיס האָבן מיר געהאַט אָפּגעפרוירענע.

ווען כ'האָב געפרעגט מיין יינגעלע: יאַנקעלע, ביסט הונגעריק? פלעגט ער ענטפערן: נאָך וואָס פרעגסטו, מאַמע, וועסט מיר דען העלפן? כ'בין געווען פאַרצווייפלט, די קינדער האָבן נישט געקאָנט אויסהאַלטן און גע־בעטן אויפן טויט.

אין אַ פינסטערער נאַכט בין איך געגאַנגען 9 קילאָמעטער צו אַ פּויער, וועמען כ'האָב אָנפאַרטרויט מיין גאַנץ פאַרמעגן. ער האָט מיך אַרויסגעטריבן (דערנאָך האָבן אים די דייטשן דערשאָסן).

כ'בין געווען גרייט זיך איבערגעבן צו די דייטשן אין די הענט. צום סוף האָט זיך געפונען אַ פּויערטע, וואָס האָט אונדז דערלויבט צו זיין אין שייער אונטערן היי. זי האָט אונדז געגעבן אַ זופּ צו עסן. פיר וואָכן האָבן מיר נישט געהאַט אַראָפּגענומען די שיך פון די פיס. מיין עלטערער זון האָט געהאַט אינגאַנצן אַן אָפּגעפרוירענעם פוס. דעם שטיוול האָב איך נישט געקאָנט אַראָפּשלעפּן און געמוזט אויפשניידן. מיט אַ געווענלעך מעסער האָב איך אים אָפּגעשניטן די פּיאַטע פון איין פוס. ער האָט נישט געוויינט און איך בין געווען ווי פאַרשטיינערט. כ'האָב נישט געהאַט קיין באַנדאַזשן, קיין מעדיקאַמענטן. כ'האָב אַראָפּגעשלעפּט מיין איינציק העמד און אַרומגעוויקלט די פוס. נאָך צוויי טעג איז דאָס העמד געווען דורכ־געפּוילט פון בלוט, קיין פאַרגיפטונג איז אָבער נישט געווען.

שפּעטער האָב איך אַרומגעוויקלט דעם פוס מיט שטרוי און היי און מיטן קינד אויף די הענט אָדער אויפן רוקן זיך געשלעפּט פון דאָרף צו דאָרף.

דער יינגסטער, דער 5 יאָריקער, האָט געהאַט אָפּגעפרוירענע פינגער

פון די פיס, געווען אָן שיכלעך, די פיסלעך אין שמאטעס, פארוואונדעטע פון די הרודעס.

נאָך לאנגער מי האָב איך אָנגעטראָפן א פויערטע, וואָס האָט ביי מיר צוגענומען דאָס קראנקע קינד. כ'האָב איר צוגעזאָגט געבן דאָס געלד, וואָס כ'האָב געהאט באגראָבן. דאָס קינד איז געווען באהאלטן אין שייער.

(פראָט. נומ 1147 פון פייגע קאמער, געב. אין יאָר 1906 אין ליובאטשאָוו. פראָטאָקאָלירט: ד״ר ר. בוימינגער פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

12.

עפּיזאָדן און פראגמענטן

אין ארכיוו געפינען זיך קנאפע 2000 פראָטאָקאָלן — באַשולדיקונגען. זיי באהאנדלען כלערליי „טעמעס": לאגערן, געטאָס, ווידערשטאנד. סיטרעפט זיך גאנץ אָפט, אז די דערציילונגען פון און וועגן דערוואקסענע בארירן אויך די קינדער־מארטיראָלאָגיע, ווייל ס'איז נישט אָפּצוטיילן די טראגעדיע פון א פאָלק פון דער טראגעדיע פון זיינע קינדער.

אין דעם דאָזיקן קאפיטל דרוקן מיר אויסצוגן פון פארשידענע פראָטאָקאָלן אויף וויפל זיי זענען נוגע קינדער.

א. „ליקווידאציע" פון קינדער אין יאנאָווער לאגער *)

געבאוער **), א ספּעציאליסט פון מאָרדן, פייניקן און „אויסענדיקן" קינדער, האָט געהייסן איינאָרדענען א „קינדערגארטען" פאר קינדער

---

*) דער טויטן-לאגער אין לעמבערג אויף יאנאָווסקא-גאס, נישט ווייט פון קלעפּאראָוו.

**) אָבערשטורמפירער פריץ געבאוער איז געווען דער שעף פון די Deutsche Ausrüstungswerke, וואָס האָבן זיך געפונען נעבן יידישן בית עולם, נישט ווייט פון לאגער.

פון די, וואָס ארבעטן אין די ד. א. וו. ער האָט אפילו צוגעטיילט פּלע־
גערינס.

וויפל קינדער זענען דאָרט געווען, איז נישט באוווסט, ס'האָט אָבער
געמוזט זיין א סך, ווייל צומאָרגנס זענען צוגעפאָרן אויטאָס און אוועק־
געפירט די קינדער צום טויט.

די קינדער האָבן שוין געהאט געהערט וועגן געבאוערס אכזריות
בנוגע קינדער און גענומען ארויסשפּרינגען פון די אויטאָס און אנטלויפן.
א טייל איז עס געלונגען, אָבער נישט אויף לאנג.

(פּראָטאָקאָל נומער 1153)

ב. א דייטש האָט „רחמנות"...

ד ר אָ ה אָ ב י ט ש. אן אויפגעבראכטער אויף דער יידישער גע־
זעלשאפט, וואָס זי זאָרגט נישט פאר קינדער, האָט דער ס.ס.־מאַן היבנער
געבראכט אין שפּיטאָל 30 קינדער, געשוואָלענע פון הונגער. דער אונטער־
שטורמפירער האגער האָט צו זיי געשאָסן, צווינגנדיק די שפּיטאָל־שוועס־
טער, זיי זאָלן די קינדער האלטן. דריי עופהלעך האָט ער אליין גענומען
אין איין האנט און מיט דער צווייטער געשאָסן. די קראנקנשוועסטער לו־
סיא לעווענבערג האָט נישט געוואָלט האלטן קיין קינד פאר א ציל צו זיינע
קוילן, האָט ער זי צעממיתט ביז באוווסטלאָזיקייט.

איין דעפעקטיוו קינד איז געבליבן לעבן. האגער האָט זיך געוואָלט
אָפּרוען א ביסל פון דער ארבעט און ארייננעלייגט דעם רעוואָלווער אין
טאש. דער רעוואָלווער האָט אויסגעשאָסן און א קויל האָט אים געטראָפן
אין בויך. ער האָט געמאכט גוואַלדעס און געשריען:

— „ראטעוועט, כ'האָב א פאָטער און א מוטער".

ער האָט נישט באוויזן צו שיסן דאָס לעצטע קינד. פון דרייסיק קינ־
דער איז געבליבן לעבן בלויז איין נישט נאָרמאל קינד.

(פּראָטאָקאָל נומער 1362)

ג. לעבעדיקערהייט באַגראָבן

די העכסטע מדרגה פון רציחה האָבן די דייטשן דערגרייכט ביים

„ליקווידירן" די קינדער אין לובלין. עטלעכע הונדערט קינדער האָבן זיי ארויסגעשלעפּט אין מערץ אָדער אפּריל 1942 פון פּריוואטע הייזער און פון קינדערהיים, געזונטע און קראנקע, אויפגעלאָדן זיי אויף לאסטאויטאָס און ארויסגעפירט הינטערן שטאָט. דאָרט האָט מען זיי אריינגעוואָרפן אין אן אויסגעגראָבענעם קבר. דאָרט האָט זיך געפונען א יידישער מיליציאנט מושקאטענבליט, זייער אן אנשטענדיקער מענטש, וועלכער האָט אלץ געזען פון דער ווייטן. די דייטשע רוצחים האָבן אין גרוב אריינגעוואָרפן גראַ־דאטן. נישט אלע זענען אומגעקומען. געבליבן זענען לעבעדיקע קינדער. אלע צוזאמען האָט מען פארשאָטן. פון ווייטן האָט מען געזען ווי הענטע־לעך באוועגן זיך".

(פּראָטאָקאָל נומער 801)

ד. א זאָרג פון א דייטשער מאמע

ווען מ'האָט אויפן שטח פון פאבריק אויפגעהאָנגען אן אלטן ייד, זענען אלע געגאנגען קוקן. געקומען איז אויך די פרוי נילקענס מיט איר טאָכטער הייקע. די קליינע האָט אויפן אפּעלפּלאַץ געשריען „מיצען אב" (אראָפּנעמען די היטלעך) און די יידן האָבן זי געמוזט פאָלגן.

די פרוי נילקענס איז שפּעטער אריבערגעפאָרן קיין לובלין. פון דאָרט האָט זי געשריבן, אז די קליינע איז נישט צופרידן, ווייל זי האָט נישט וועמען צו שרייען „מיצען אב". דאָ זענען קיין יידן נישטאָ.

(פּראָטאָקאָל נומער 833)

ה. די צירק-חיות עסן קינדער

מאניע איז אלט 7 יאָר, נײַניע — 9 יאָר. זיי האָבן זיך אויסבאַ־האלטן אין אן אָפּענער שטאָל פון זייער אמאָליקן הויף. זיי האָבן שטארק געהונגערט. די מומע פלעגט זיי אמאָל ברענגען גרינווארג, וואָס זי האָט געגנבעט אין די גאָרטנס. דאָס מאָל איז זי גראָד נישט געווען. די אמאָליקע דינסט ריבאקאָווא האָט אונטערגעשטעלט א 12 יאָריקן יינגל פעדאָר סודא, וועלכער האָט צוזאמען מיטן 12 יאָריקן בעקערזון גייזדאק געבראכט די געשטאפּאָ אין באהעלטעניש. א קאָנפידענט האָט מיר שפּעטער דערציילט,

אז דער פארהער האָט געדויערט פון 4 פרי ביז 1 נאָכמיטאָג. די קינדער האָבן נישט ארויסגעגעבן, נישט דער מומען (ד"ה מיך) נישט אנדערע יידן. מ'האָט זיי ארויסגעפירט אויפן בית עולם. אויפן וועג האָט דער געשטאפּאָ מאן געטרייסט דאָס מיידעלע, אז זי וועט גיין גלייך אין הימל אריין צו די עלטערן און וועט דאָרט אויך טרעפן די מומע. ער האָט די קינדער געגעבן צוקערלעך. די קינדער האָבן נישט געוואָלט אריינגיין אויפן בית עולם. דער לעצטער פּרווו ארויסצובאקומען עפּעס פון די קינדער האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. ער האָט אריינגעשלעפּט די קינדער אויפן הייליקן אָרט, געהייסן זיי גיין אין די קוסטעס. מיט 4 שאָסן האָט ער אוועקגעלייגט דאָס מיידעלע, 3 קוילן האָט ער אויסגעשאָסן צום יינגעלע. די גופים האָט מען שפּעטער געוואָרפן די ווילדע חיות פון צירק, וואָס איז צו יענער צייט גראָד געווען אין לאנצוט (גאליציע) אויפן מארק־פּלאַץ.

(פּראָטאָקאָל נומער 840)

ו. מוסרים

מ'האָט געפירט א גרופּע קינדער, א 30 בערך, דורך דער זשרודלאָ־נאָ־גאס אין לעמבערג. אין א געוויסן מאָמענט האָט זיך א גרופּע קינדער געלאָזט אנטלויפן. צופעליקע פארבייגייער (פּאָליאקן) האָבן אָנגעוויזן דער עסקאָרטע, ווו די קינדער האָבן זיך אויסבאהאלטן.

(פּראָטאָקאָל נומער 1159)

.13

די קליינע העלדן פון קאָוונער געטאָ

1) יידן האָבן ליידער נישט, ווער עס זאָל זיי באשענקען מיט אָר־דערס פאר העלדישקייט. אונדזערע קליינע העלדן קומען און גייען אוועק. קיינער ווייסט נישט פון זיי. מען שרייבט וועגן זיי נישט אין די צייטונגען און מען ווייסט אפילו נישט, אז אזעלכע זענען געווען. איך וויל דערציילן וועגן א פּאָר אזעלכע העלדן פון קאָוונער געטאָ.

איינע פון זיי איז א יונג יידיש מיידל מיט א פּאָר לאנגע צעפּ פון

א 17 יאָר. קומענדיק אין געטאָ מיט אירע עלטערן, פאַלט זי אריין אין אַן ארבעטס־קאָלאָניע, ווו זי איז געגאַנגען צו דער ארבעט אין קראַנקן־זאַמל־שטעלע. זי געפעלט דעם שטאַבס־פעלדפעבל און ער באַשטימט זי צו ארבעטן אין דער אַפּטייק אלס רוימערין. דאָ הייבט זיך אָן איר ארבעט... יעדן טאָג, ווען זי בלייבט אין אַפּטייק־לאַגער, פאַרנעמט זי זיך מיט דעם, וואָס זי מישט צוזאַמען פאַרשידענע מעדיצינען. זי מאַכט זיי אומברויכ־באַר אָדער אפילו שעדלעך. די דייטשן מערקן דאָס. מען הייבט אָן זוכן דעם שולדיקן, אָבער קיינעם פאַלט נישט איין, אַז אַט דאָס קליינע מיידל קאָן זיין דער „בעמיקער". יעדן טאָג קומט זי צו דער ארבעט נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס געשטאַפּאָ ווייסט, זוכט און סוף כל סוף וועט זי געפינען דעם שולדיקן. אזוי דויערט דריי חדשים. אין איין העלן טאָג קומט דאָס מיידל נישט צוריק פון דער ארבעט... מען האָט זי מער נישט געזען. זי איז פאַרשוואונדן. וווהין? דאָס איז דער סוד פון קאָוונער געשטאַפּאָ...

2) אין קאָוונער געטאָ ארבעט א געהיימע יידישע אָרגאַניזאַציע, וואָס שיקט מענטשן אין דער פּאַרטיזאַנקע, באַזאָרגט זיי מיט געווער, פאַר־נעמט זיך מיט סאַבאָטאַזש און ברענגט גרויסן שאָדן די דייטשן. די גע־שטאַפּאָ פילט, אַז עפּעס איז נישט אין אָרדענונג. זי זוכט. אירע אַגענטן זענען זייער טעטיק. אָבער טראָץ דעם קענען זיי גאָרנישט געפינען. פאַראַן א פּאָר יידן, וואָס פירן אָן מיט דער גאַנצער ארבעט. זיי זענען די פאַר־בינדונגס־מענער צווישן דער אָרגאַניזאַציע און די פּאַרטיזאַנער. זיי גייען אָפּט ארויס פון געטאָ פאַרקליידט ווי פּויערים דורכן צאַם אונטערן גע־פאַר געשאָסן צו ווערן, ווייל יעדער ייד, וואָס ווערט פאַרהאַלטן אויסערן געטאָ אָן דער געלער לאַטע, ווערט דערשאָסן. טראָץ דעם האַלט דאָס זיי נישט אָפּ. א סך מאָנאַטן דויערט זייער ארבעט. א סך מאָנאַטן דראָט זיי דער טויט. איינער פון זיי ווערט פאַרהאַלטן און פאַרפאָלגט דורך דייטשער פּאָליציי און ווען ער זעט, אַז ער האָט נישט קיין מעגלעכקייט צו ראַטע־ווען זיך — דערשיסט ער זיך, כדי נישט אויסצוגעבן זיינע חברים. דאָס זענען די קליינע העלדן, וועגן וועלכע קיינער וועט קיינמאָל נישט רעדן!...

(פּראָטאָקאָלן פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין וואַרשע. דערציילט: באָריס בירגער. אויפגענומען: בלומע וואַסער).

II

קינדער דערציילן

א. געטאָ

1.

זכרונות פון ווארשעווער געטאָ

פון מיעטעק אייכעל

דער מעכטיקער היסטאָרישער שאָק האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויפן לעבן פון יחיד. די, וואָס זענען געבליבן לעבן, פאַרדאַנקען דאָס גאַנץ אָפט זייער פּראַקטישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיי געשטויסן אין די געפערלעכסטע מאָמענטן צו געוויסע מעשים (א ביס געבן דעם פּאָליציאַנט) אָדער ענטפערס (זיי וואנדערן אויף מערב נאָכן אויפשטאַנד). אזא ייִנגל ווי מיעטעק האָט איינגעשטעלט זיין לעבן כסדר, ביים אריינגיין אין געטאָ, בעת ער איז געווען אויף דער אַרישער זייט.

ער איז אָבער אויך געווען קינדיש. דאָס מאַסקירן די ייִדישקייט דורך פאָרן אויף א „הולאַינאָגאַ" איז נישט נאָר אַן איינפאַל, נאָר א באַדערפעניש זיך אויסצולעבן אין א באַוועגלעכן שפּיל. דאָס איז אין הסכם מיטן מחברס טעמפּעראַמענט.

מיר זעען אויך מיטן אויג פון א קינד די פאַרצווייגטע טעטיקייט פון א קאָנספּיראַטיווער אָרגאַניזאַציע, כדי צו העלפן די אומלעגאַלע. אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן זיך באַטייליקט איידעלע מענטשן, פאַר וועלכע מיעטעק דריקט אויס זיין דאַנקבאַרקייט און אַנערקענונג אין איינפאַכע, קינדערשע ווערטער: „נאָר א טרויער האָט מיך באַהערשט, ווען כיהאָב געגעבן א טראַכט,

נ ח ג ר י ס

ווער ווייסט צי סילעבן נאָך די מענטשן, וואָס האָבן מיר אזוי פיל גוטס געטון..."

זיין ערשטער וועג נאָך דער באפרייאונג איז געווען גראָד אויפזוכן די דאָזיקע מענטשן.

דעם 1טן סעפּטעמבער 1939 איז אויסגעבראָכן די פּויליש־דייטשע מלחמה. אין א פּאָר וואָכן שפּעטער האָט די דייטשע ארמיי פארנומען ווארשע און גלייך אָנגעהויבן צו פארפאָלגן יידן.

מיין עלטערער ברודער יאנקל איז אנטלאָפן קיין רוסלאנד. אָנפאנג 1940 האָבן די דייטשן גערויבט ביי יידן. ווען זיי האָבן נישט געקאָנט אונטערשיידן, ווער ס'איז א ייד און ווער א פּאָליאק, האָבן זיי מיטגענומען שלעכטע (ווערדנע — מ.א.) פּאָליאקן, וואָס האָבן זיי געפירט צו יידן, בפרט צו יידישע סוחרים. זיי האָבן אויפגעבראָכן יידישע געשעפטן, געמאכט פּאָגראָמען. די דייטשן האָבן געכאפּט יידן, אָפּגעשניטן זיי די בערד און פארנומען אין די לאגערס, ווו מ'איז אויסגעגאנגען פון הונגער.

ס'איז געווען אין ווינטער 1940. א שבת נאָכמיטאָג איז צו אונדז אין שטוב אריינגעפאלן א באנדע פּאָליאקן מיט דייטשן, גענומען שלאָגן מיין טאטן, געוואָרפן אויף אים א בוטליע מיט קאָנפיטור און אוועק. אויפן הויף האָבן זיי אויסגעהאקט אלע שויבן און געשלאָגן ביז בלוט יעדן אָנגעטראָפענעם ייד. נאָך זייער אוועקגיין האָט די מאמע באמערקט, אז ס'פעלט דעם טאטנס אנצוג, א מאנטל און א פּאָר שטיקלעך לעדער, וואָס מיר האָבן געהאט צוגעגרייט אויף כאָליעוועס. דערנאָך האָט מען געהייסן טראָגן אויף די אָרעמס בענדלעך מיט א מגן־דוד און באגריסן יעדן דייטש דורך אראָפּנעמען דאָס היטל.

אין 1941 האָבן די דייטשן באשטימט עטלעכע גאסן פאר יידן און אהין האָבן זיך געזאָלט אריבערקלייבן אלע יידן פון ווארשע און סביבה. דאָס האָט געהייסן „געטאָ". נאָך א געוויסער צייט האָבן די דייטשן ארומגעצוימט די געטאָ־גאסן מיט הויכע מויערן.

אין געטאָ איז לכתחילה אלץ געווען ביליק. דערנאָך איז עסנווארג טייערער געוואָרן, ווייל ס'איז נישט געווען קיין לעגאלער צופיר. אין געטאָ איז געווען א הונגער און מענטשן זענען געשטאָרבן אין די גאסן. ס'איז

נישט געווען מיט וואָס צו הייצן, האָט מען געבראָכן מעבל, טרעפּן און אפילו די פענסטער־ראַמען פון די קאָרידאָרן.

דאָס פאַלן אין די גאַסן איז געווען אַן אָפּטע דערשיינונג. דער שניי פלעגט צודעקן די מתים. ס׳האָט געאַרבעט אַ „חסד של אמת". יעדן טאָג האָט מען מקבר געווען די מתים, די מענטשן האָבן אָבער נישט געקאָנט אָנקומען מיט דער אַרבעט. ס׳האָט געהערשט אַ פלעק־טיפוס. די דייטשן האָבן דורכגעפירט א. ג. פּאַרוואַקעס. ס׳האָט אַזוי אויסגעזען: מ׳האָט אָפּ־געשלאָסן דעם טויער פון הויז און קיינעם נישט אַרויסגעלאָזט. אויפן טויער האָבן זיי אויסגעקלעפּט אַן אויפשריפט: „פלעק־טיפוס". אַלע מענ־טשן האָבן זיי גענומען צו אַ דעזינפעקציע, די שטרויזעק האָבן זיי פאַר־ברענט. בעטגעוואַנט געפּאַרעט און אָפּט פאַרברענט. דער קראַנקער איז איבערגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל, די איינוווינער — אויף 14 טעג קאַראַנטין. דאָרט זענען זיי דאָס רוב געשטאָרבן פון הונגער.

ביי אונדז זענען דער טאַטע, די מאַמע און אַ שוועסטער גלייכצייטיק קראַנק געוואָרן. איך און די ברידער האָבן זיך מטפל געווען מיט זיי. די וויזיטן פון אַ דאָקטאָר אָדער דאָס איינקויפן פון רפואות איז געוואָרן גע־מאַכט בסוד, כדי די שכנים זאָלן זיך נישט אָנשטויסן, אַז עמעצער איז ביי אונדז קראַנק.

אינגיכן האָבן זיך אויסגעלאָזט אונדזערע שפּייז רעסורסן, ווייל קיי־נער פון אונדז האָט נישט פאַרדינט.

דעמאָלט האָב איך מיטן ברודער גענומען די לעצטע פּאָר זלאָטים פון די עלטערן און זיך געלאָזט אַרויס פון געטאָ איינקויפן עפּעס. אין געטאָ איז געווען מיט 50% טייערער איידער אויף יענער זייט. אַרויס־צוגיין איז נישט געווען אַזוי לייכט, ווייל די הויכע מויערן האָבן באַוואַכט יידישע מיליציאָנערן און פּוילישע פּאָליציאַנטן. אין עטלעכע פּונקטן זע־נען געווען טויערן, וווּ ס׳איז געשטאַנען אַ דייטשע שמירה, ווי אין עק זשעלאַזנאַ־גזשיבאָווסקאַ, זשעלאַזנאַ־לעשנאָ, כלאָדנאַ־גראַניטשנאַ און נאַ־לעווקעס־דזשיקאַ. מיט גרוים מי האָבן מיר זיך אַרויסגעקראָגן דורכן הויכן געמויערטן פּאַרקאַן. שפּעטער, ווען מיר האָבן איינגעקויפט שפּייז, זענען מיר צוגעגאַנגען צו די וועכטער, זיי זאָלן אונדז אַריינלאָזן אין געטאָ. דאָ

זענען געשטאנען צוויי דייטשע זשאנדארן, צוויי פוילישע פּאָליציאַנטן און דריי יידישע מיליציאַנערן. צומייסטנס האָבן מיר געציטערט פאר די דייטשן, ווייל אָן זיי האָט די איבעריקע שמירה ביים בעסטן ווילן נישט געהאט קיין רעכט אונדז דורכצולאָזן. מיר האָבן זיך אזוי געדרייט, אז די דייטשן זאָלן אונדז נישט באמערקן. נאָך עטלעכע שעה זענען צוגעפאָרן אַנגעלאָדענע פורן, וועלכע די דייטשן האָבן רעווידירט. אין דער צייט האָבן מיר זיך דורכגעשמוגלט אין געטאָ אריין.

אין געטאָ זענען געווען גענוג אָפּנעמערס אויף סחורה. אין געטאָ האָבן די יידן אויספארקויפט מלבושים און בעטגעוואנד שפּאָט ביליג, ווייל זיי האָבן באדארפט האָבן אויף חיונה.

אלע טאָג זענען מיר אזוי ארויס פון געטאָ און צוריק אריין. טייל־מאָל פלעגט מיך כאפּן א דייטש אָדער א פּאָליאק און צונעמען די סחורה. מיט פוילישע יינגלעך האָב איך אלע טאָג געהאט אויסצושטיין קאמפן, ווייל זיי האָבן ביי מיר געוואָלט צונעמען די סחורה. נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען זיי צו געבן אָפּטרעטגעלט. נאָך עטלעכע וואָכן בין איך אוועק צו די האליעס אויף קאָשיקאָווא־גאס, ווייל דאָרט איז געווען בי־ליגער ווי אויף מיראָווסקי־פּלאץ. דאָרט האָבן מיך אָפּיצירן געכאפּט און אָפּגעפירט אין 11טן קאָמיסאריאט אויף פּאָזנאנסקא־גאס 13. דאָרט האָט אַן אָפּיציר גענומען ביי א פּאָליציאַנט דעם גומענעם שטעקן און מיר דער־לאנגט, ביז ער האָט זיך איינגעמאטערט און איז אוועקגעגאנגען. 48 שעה בין איך אָפּגעזעסן און דערנאָך האָט מיך א פּאָליציאַנט צוגעפירט ביז צום געטאָ־טויער אויף זשעלאזנא־גזשיבאָווסקא. דער פוילישער פּאָליציאַנט האָט מיר צוגעלייגט א פּאָר שמיץ און דורכגעלאָזט.

אין דערהיים האָב איך נישט געטראָפן דעם ברודער, די מאמע האָט מיר דערציילט, אז זי האָט באקומען א ידיעה פון קאָמיסאריאט, אז מ'האָט אים פארהאלטן פאר פארלאָזן דאָס געטאָ. אזוי ווי מיך, האָט מען אים אויך פארהאלטן און איבערגעשיקט אין געטאָ־קאָמיסאריאט אויף שליס־קא־גאס, פון וואנען די מאמע האָט אים אויסגעלייזט. גיין האָט ער נישט געקאָנט: די פיס האָט ער געהאט אָפּגעפרוירענע. מ'האָט אים געבראכט צו פירן אויף א „ריקשע". ער האָט געוויינט פון ווייטיק און שרעקלעך געיאָמערט. ווען מ'האָט איהם געכאפּט — האָט ער דערציילט — זענען זיינע

זאַקן געווען דורכגענעצט. ביינאַכט האָט גענומען א פראָסט און אזוי ווי ער האָט די שיך נישט אויסגעטון — האָט ער זיך אָפּגעפרוירן די פיס, עטלעכע וואָכן איז ער אָפּגעלעגן.

דעם 21סטן יולי איז דער ברודער ווידער ארויסגעגאַנגען מיט מיר פון געטאָ איינצוקויפן שפּייז. צוריק אָבער האָבן מיר שוין נישט געקאָנט אריינקומען, ווייל ס׳איז געשטאַנען א שטרענגע שמירה. מיר זענען גע־גאַנגען נעכטיקן צו א באַקאַנטער פרוי אויף מאָקאָטאָוו. מענטשן האָבן אונדז געראָטן זיך נישט אומקערן אין געטאָ, ווייל די דייטשן האָבן ארומ־גערינגלט דאָס געטאָ מיט א שטאַרקער וואַך און וועמען זיי וועלן כאַפּן אויסער געטאָ, וועלן זיי דערשיסן.

עטלעכע טעג האָבן מיר זיך ארומגעדרייט אויף מאָקאָטאָוו. איינ־מאָל האָבן מיר באַגעגנט עטלעכע וועגענער מיט א פּאָר צענדליק יידן. איך בין צוגעגאַנגען פרעגן, וואָס ס׳הערט זיך אין געטאָ. זיי האָבן נישט גע־ווּסט גלייך ווי מיר.

בעת דער אַקציע *) זענען אַנטלאָפן א פּאָר יינגלעך פון געטאָ. זיי האָבן נישט געהאַט וווּ צו נעכטיקן, זענען זיי געשלאָפן אויף א נישט פאַרענדיקטער געביידע.

צווישן די יינגלעך איז געווען מיין חבר העניעק בורשטין און ער האָט מיר דערציילט, אַז דעם 25סטן האָט מען די עלטערן ארויסגעפירט קיין טרעבלינקע.

דער וועכטער פון הויז אויף שאַראַטקי־גאַס נומער 10, פּיאַרון, האָט געמסרט די יינגלעך. ביינאַכט האָבן אַגענטן ארומגערינגלט דאָס הויז, ווו די יידישע קינדער האָבן גענעכטיקט און מ׳האָט אַלע אַרעסטירט. וואָס איז מיט זיי ווייטער געשען — ווייס איך נישט. צום גליק זענען נישט אַלע געווען אין דאָזיקן בנין.

יעדן טאָג זענען איצט פאָרגעקומען אָבלאַוועס אויף יידן (אויף דער ארישער זייט). מ׳האָט ליידער אויסגעשפּירט אַלע קינדער. געבליבן זענען מיר בלויז אין דרייען: בורשטין און איך מיטן ברודער. נאָך עטלעכע

---

*) יולי 1942.

וואָכן זענען מיר צוריקגעגאַנגען אין געטאָ, ווייל די אַקציעס האָבן זיך שוין געהאַט פאַרענדיקט. דאָרט האָבן מיר זיך באַקענט מיט א הער, וואָס האָט אונדז גענומען צו זיך. דער הער האָט געהייסן קאָהען.

אין יאַנואַר 1943 האָבן די דייטשן דורכגעפירט א צווייטע אַקציע צו ליקווידירן יידן.

גאַנץ פרי, מיר זענען נאָך געשלאָפן, האָט אונדזער שכנה גענומען קלאַפּן אין טיר און נישט קאָנענדיק זיך דערוואַרטן ביז מ׳וועט איר עפע־נען, האָט זי אויף א קול א שריי געגעבן, אַז די אַקציע קומט פאָר.

אין הויז איז געוואָרן א טומל. אין א פּאָר מינוט שפּעטער האָבן מיר דערהערט דייטשע טריט און א דייטשן קול.

דער טאָג איז אַדורך מיט מזל און אונדז האָט מען נישט אַנטדעקט. פאַרנאַכט איז צו אונדז געקומען בורשטין און איז שוין פאַרבליבן. צו־מאָרגנס גאַנץ פרי זענען מיר אַראָפּ אין באַהעלטעניש. זיבן אַזייגער האָבן מיר געהערט דייטשן רעדן. זיי זענען געשטאַנען נעבן אונדזער בונקער און אונדז נישט אַנטדעקט. ווען די אַקציע האָט זיך געענדיקט, זענען מענ־טשן ווייטער אַרומגעגאַנגען אין די גאַסן און מיין חבר העניעק בורשטין איז אַרויס אויף דער „אַרישער זייט". איך און דער ברודער זענען פאַר־בליבן אין געטאָ.

אין מערץ האָב איך דערפילט, אַז אין געטאָ ווערט אַלעמאָל ערגער און איך בין ווידער אַוועק אויף מאָקאָטאָוו צו א באַקאַנטער פרוי. אָנפאַנג אַפּריל איז אויך מיין ברודער געקומען צו מיר. נאָך צוויי וואָכן, אין דער נאַכט אויפן 19טן אַפּריל 1943, האָבן מיר געהערט שווערע קנאַלן פון ביקסן.

דעם 29סטן אַפּריל איז דער גאַנצער הימל געווען רויט. די פּאָליאַקן האָבן געזאָגט, אַז דאָס געטאָ ברענט, אַז די דייטשן האָבן עס אונטערגע־צונדן און אַז די יידן פאַרטיידיקן זיך.

דעם 2טן מאַי איז צו אונדז געקומען דער זון פון מיין „אַפּיעקון" קאָהען. ער איז געווען פאַרוואונדעט און האָט דערציילט, אַז בעת מ׳האָט זיי געפירט קיין טרעבלינקע, איז ער אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן. אַן אוקראַינער האָט אים דעמאָלט דורכגעשאָסן א פוס. מיר האָבן זיך געמוזט

מיט אים פאַרנעמען, ווייל דעם גאַנצן טאָג איז ער געלעגן אין פּאַרק אויפן נאָמען פון גענעראַל דרעשער, מחמת ער האָט נישט געקאָנט גיין. יעדן טאָג האָבן מיר געמוזט קויפן נייע באַנדאַזשן און וואַטע.

דעם 7טן מאַי האָט אונדז געכאַפּט די פּאָליציי. עס זענען געווען צוויי פּאָליציאַנטן. איינער האָט געהאַלטן דעם פאַרוווּנדעטן חבר, דער צווייטער מיך מיטן ברודער. קאָהען האָט אונטערגעהינקען, ווייל די ווונד האָט אים ווי געטון און ער האָט נישט געקאָנט אַנטלויפן. מיין ברודער האָט זיך גענומען אַרויסרייסן פון איין זייט און איך פון דער צווייטער.ביידן האָט ער נישט געקאָנט איינהאַלטן. אַזוי איז מיר געלונגען זיך אַרויסצורייסן.

וויט בין איך נישט אָפּגעלאָפן, ווייל כ'האָב געוואָלט זען, וווהין מען פירט זיי. כ'האָב געזען ווי דער פּאָליציאַנט שלאָגט מיין ברודער, וועלכער וויל נישט גיין, וויסנדיק וואָס ס'דראָט אים. כ'האָב געזען ווי מ'האָט זיי אַריינגעפירט אין קאָמיסאַריאַט. איך בין געשטאַנען אין דרויסן אַנטקעגן דעם קאָמיסאַריאַט. מיטאַמאָל דערזע איך ווי די פּאָליציאַנטן פאָרן אַרויס פון טויער. כ'האָב זיך שנעל אויסגעדרייט צום שויפענסטער און זיי האָבן מיך נישט באַמערקט. פון דעמאָלס אָן האָב איך שוין מיין ברודער מיטן חבר מער נישט געזען.

ביים פּלאַץ אוניאַ לובעלסקאַ האָט מיך אַמאָל געכאַפּט אַ פאָלקס-דייטש און געפירט אויף דער שוך-אַליי צו דער זשאַנדאַרמעריע (געשטאַ-פּאָ). כ'האָב זיך אָנגעשטויסן, וואָס ס'דערוואַרט מיך דאָרט און גענומען בעטן, ער זאָל מיך אָפּלאָזן. ער האָט נישט געוואָלט. האָב איך אים צעביסן די האַנט און אַנטלאָפן. ער האָט מיר נישט געקאָנט נאָכשיסן, ווייל כ'האָב זיך צונויפגעמישט מיט פאַרבייגייער. שפּעטער האָב איך זיך געטראָפן מיט העניעק בורשטין און מיר זענען שוין געווען צוזאַמען.

מיר האָבן נישט געהאַט ווו צו שלאָפן. מיר האָבן זיך געמאַכט אַ בונקער אין די קוסטעס אויף טשעטשאָט-גאַס אין מאָקאָטאָוו. ערשטנס האָבן מיר זיך אויסגעבאָרגט אַ לאָפּעטע און אויסגעגראָבן אַ גרוב 1,5 מע-טער די טיף, 1 מעטער די ברייט און אַנדערהאַלבן די לענג. צווייטנס האָבן מיר געקויפט ברעטער און איבערגעדעקט דעם בונקער. די ברעטער האָבן מיר באַלייגט מיט בלעך און מיט בלעטער, אָנגעשאָטן ערד און אויף

דעם ווידער מיט בלעטער. ס'איז נישט געווען צו דערקענען. ווען ס'איז שוין געווען אלץ פארטיק, האָבן מיר באשלאָסן זיך צו מאכן א „הוליינאָגא" *), כדי די באפעלקערונג זאָל נישט דערקענען, אז מיר זענען יידן. אויף פי־ליצקא־גאס 23 וווינט איינער סטאניסלאוו זוכמאַנטאָוויטש, וועלכער האָט אונדז געמסרט, אז יידן פאָרן אויף א „הוליינאָגא" און פארשטערן זיין רו. אויף מאָרגן האָט אונדז דאָרט פארהאלטן א פּאָליציאנט, וועלכער האָט אונדז געפרעגט ווו מיר וווינען. מיר האָבן אָנגעגעבן, אז אויף פולאַווסקי 102 (דאָס הויז איז געווען פארברענט). דער פּאָליציאנט האָט געוווסט, אז מיר זענען יידן, נאָר ער האָט געמיינט, אז מיר האָבן עלטערן און דער־פאר זיך געפרעגט אויף אונדזער אדרעס. ער האָט ביי אונדז צוגענומען די „הוליינאָגא" און געהייסן נאָכגיין נאָך זיך. מיר האָבן געבעטן, ער זאָל אונדז אָפּלאָזן, ווייל מיר האָבן מורא, דער פאָטער זאָל אונדז נישט שלאָגן.

„דאָס טאקע וויל איך —זאָגט דער פּאָליציאנט—, ער זאָל אייך שלאָגן, וועט איר אויפהערן צו לאָבוזעווען אין די גאסן". צום גליק איז ער נישט געגאנגען לויט דעם אָנגעוויזענעם אדרעס און מיר האָבן זיך ארויסגעדרייט און אנטלאָפן אויף ראקאָוויעצקא־גאס.

אויפצומאָרגנס באגעגנט אונדז א הער און פרעגט, צי מיר ווילן קויפן א „הוליינאָגא". מיר הייסן זיך ווייזן און דערקענען אונדזער אייגענע „הוליינאָגא", וואָס דער פּאָליציאנט האָט ביי אונדז נעכטן צוגענומען. דער הער זאָגט, אז ער האָט זי געקויפט ביי א פּאָליציאנט. מיר האָבן זי ביים הער אָפּגעקויפט. אָבער מיר האָבן נישט געהאט קיין מזל. מיר האָבן באגעגנט נאָכאמאָל דעם זעלביקן פּאָליציאנט און קוים זיך אליין ארויס־געדרייט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער האָבן אונדז אויף דער אספאלטאָוואַ־גאס געכאפּט פּוילישע און דייטשע יינגלעך. בורשטין איז אנטלאָפן און מיך האָבן זיי געשלאָגן. איינער פון די יינגלעך איז געלאָפן מעלדן די דייטשע זשאנדארמען. כ'האָב גענומען שרייען. דעמאָלט איז צוגעקומען

*) א ברעטל אויף צוויי רעדער פאר איין פוס, אויף וועלכע קינדער פאָרן אונטערשלעפנדיק מיט דעם צווייטן.

עפּעס א הער, האָט א זעץ געגעבן דעם יינגל, וואָס האָט מיך געהאַלטן און מיך באַפרייט פון זייערע הענט. כ׳בין אריין אין טויער פון הויז נומער 11 און פון דאָרט דורך א פּלויט אויף אָפּאָטשינסקא־גאַס, ווו כ׳האָב זיך געטראָפן מיט העניעקן און צוזאַמען מיט אים דורך נארבוטא און אומ־אָפּהענגיקייטס־אַליי אוועק אויף פּיליצקא. אויפן וועג האָט מיר א יינגל געזאָגט, אז די זשאַנדאַרן האָבן ארומגערינגלט א הויז אויף אספּאַלטאָווא און זוכן אונדז. מיר האָבן אים נישט געגלויבט, אָבער אן עלטערער הער האָט דאָס באַשטעטיקט.

מיט א טאָג שפּעטער זענען מיר געווען אויף ראַקאָוויעצקא־גאַס און זיך דערוווּסט, אז די דייטשן האָבן ארומגערינגלט דאָס הויז פון מיין פּארטיידיקער און ביי אים צוגענומען די גאַנצע סחורה.

דער אדמיניסטראַטאָר פון הויז אויף מאַלטשעווסקי־גאַס 1, א דייט־טשער באַן־אָנגעשטעלטער, פּלעגט אונדז שטענדיק רודפן און שלאָגן. אויף דער זעלבער גאַס נומער 8 האָט געוווינט א פרוי, וואָס האָט זיך צו אונדז גוט באַצויגן און געגעבן וואָס אָנצוטון. פרוי ד״ר עווא ריביצקא פון טי־ניעצקא־גאַס 26 האָט אונדז געגעבן שיך, זאָקן, פּאַלטאָס אויף פוטער, צוגעזאָגט געבן קאָצן איבערצודעקן זיך און געהייסן קומען די צווייטע וואָך. ווען מיר זענען געקומען, האָבן מיר שוין געטראָפן א פאַרחתמעטע וווינונג, א צעטעלע מיט א האַנקרייץ האָט געהאָנגען אויף דער טיר, מיר האָבן זיך דערוווּסט, אז מיט צוויי טעג צוריק האָט מען די גאַנצע משפּחה ארעסטירט און אוועקגעפירט אין געשטאַפּאָ. פאַרוואָס, האָט קיינער נישט געוווּסט.

אזוי האָבן מיר זיך ארומגעוואַלגערט ביזן 2טן יאַנואַר 1944 און אַלץ נאָך געגעכטיקט אין אונדזער בונקער. פאַרנאַכט האָט אונדז א פרוי אויף פּיליצקא 30 געזאָגט, מיר זאָלן קומען צומאָרגנס זייגער 5 נאָכמיטאָג, ווייל עמעצער זוכט אונדז און וויל זיך מיט אונז פאַרנעמען. ווען מיר זענען געקומען, האָט שוין אויף אונדז געוואַרט א פרוי און געזאָגט, מיר זאָלן האָבן געדולד נאָך א וואָך צייט, וועט זי אונדז נעמען אין א דירה.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו אונדזער בונקער. ביי די קוסטעס זייענדיק האָבן מיר באַמערקט, אז דער בונקער איז צעשטערט. מיר האָבן געהאַט גרויס עגמת־נפש, ווייל אין אזא פראָסט איז אוממעגלעך געווען

צו נעכטיקן אויף דער גאס. נישט לאנג געטראכט, האָבן מיר זיך אריינ־געגליטשט אויף די טרעפּ פון עפּעס א הויז און זיך געלייגט שלאָפן. ס׳איז אונדז געווען זייער קאַלט אויף די הולע ברעטער. די נאכט האָט זיך גע־צויגן אָן א סוף, אָבער מיר האָבן זיך ווי עס איז איבערגעמוטשעט און אזוי יעדע נאכט ביזן 10טן. ווען מיר זענען אָנגעקומען אויף פּיליצקא, האָט שוין די פרוי אויף אונדז געוואַרט פארן טויער, כדי אונדז מיטצו־נעמען אין א וווינונג.

מיר האָבן אָפּגעגעסן אוונטברויט און אוועק אין א ריינער דירה.

דאָרט איז אונדז געווען זייער גוט ביז דעם 30סטן מאי 1944.

דעם דאָזיקן טאָג, 9 אינדערפרי, איז די באַלעבאָסטע געגאנגען אין קאַשטשאָל. א פּאָר מינוט שפּעטער הערן מיר ווי אן אויטאָ שטעלט זיך אָפּ ביים טויער און דערזען ווי עטלעכע באוואָפנטע דייטשן לאָזן זיך גיין צו אונדזער טרעפּ. נאָך א מינוט און מ׳קלאַפּט אין אונדזער טיר. מיר האָבן געמיינט, אז זיי גייען נאָך אונדז. נאָך עטלעכע מאָל קלאַפּן האָבן זיי באמערקט דעם שלאָס אויף דער טיר און זענען אוועקגעפאָרן. מיר האָבן זיך צעטומלט און גענומען פּאַקן די זאכן.

ווען די באַלעבאָסטע איז געקומען, האָבן מיר איר אלץ דערציילט. זי איז געווען אן ענערגישע און מוטיקע פרוי. זי איז באַלד אראָפּ צום הויז־וועכטער און געפרעגט, וואָס ס׳איז דאָ געווען. זי האָט אים געמוזט מודה זיין, אז זי האַלט צוויי יידן. צום גליק איז דער וועכטער געווען אן אנשטענדיקער מענטש. ער האָט דער באַלעבאָסטע געגעבן שליסל פון א שכנותדיקער וווינונג, פון וואַנען די באַלעבאַטים זענען אוועקגעפאָרן אויף זומערוווינונג. דאָ האָבן מיר געוווינט ביז דעם 3טן יוני, ווען די באַלע־באָסטע האָט אונז אָפּגעפירט צו א טראמוויי סטאנציע. דאָרט האָבן גע־וואַרט צוויי „אַפּיעקונקעס”, אָלאַ און יאַשיאַ. מיר האָבן זיך פריינדלעך געזעגנט מיט אונזער ביז איצטיקער באַשיצערין און זיך געלאָזט גיין מיט די נייע. די פרוי אָלאַ האָט מיר געגעבן צו טראָגן א קויש מיט בלומען, כדי צו פאַרמאַסקירן, אז מיר זענען יידן. א סך מענטשן האָבן דערקענט, אָבער ס׳האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו דערגרייכן אונדזער נײַ וווינאָרט.

פריער זענען מיר אריין אין א קראָם און פון דאָרט אין א דירה.

אריינבאקומען זיך אהין האָבן מיר געמוזט דורך א פארשטעלטער עפענונג אין דיל, דורך וועלכער מיר האָבן זיך אראָפּגעלאָזט מיט א לייטער אין א צימער מיט קליינע פענסטערלעך. א קליינער קאָרידאָר האָט געפירט צו א צווייטער קעלער־שטוב. דאָ איז געווען א פּריטשע, א פּאָס ריינע וואסער, א טיש און נאָך א פּאָר קלייניקייטן. נאָכן פרישטיק זענען מיר מיט דער הילף פון לייטערס ארויף אויף א בוידעם שטיבל. דאָ האָבן מיר זיך אויס־באהאלטן ביז דעם 28טן יולי. דאַן זענען געקומען אונדזערע „אָפּיעקונ־קעס" און אונדז איבערגעפירט אויף מאָקאָטאָוו, אין א שיינעם און ריי־נעם צימער.

צום באדויערן האָט דאָס גליק נישט לאַנג געדויערט. דעם 1טן אוי־גוסט האָבן מיר דערהערט א שרעקלעכע שיסעריי. דאָס איז געווען דער ווארשעווער אויפשטאנד. מיר זענען אלע אראָפּ אין קעלער, ווו ס'איז אונדז אלעמען אויסגעקומען צו זיצן אויף איין שטרויזאק. דעם 2טן האָבן מיר געהערט אויפרייסן פון גראנאטן און זאלפּן פון מאשינביקסן. דעם 3טן איז געווען רואיק. דעם 4טן זענען די פּאָליאקן אָפּגעטראָטן. נאָכמי־טאָג זענען געקומען דייטשן מיט אויטאָמאטן און געזוכט „פּאָווסטאנצעס". אָן א פארוואָס האָבן זיי אויפן אָרט אוועקגעלייגט טויטע דעם וועכטער מיטן זון און צוויי שכנים. אונדזער קעלער איז געווען אָפן, אָבער זיי האָבן, צו אונדזער מזל, אהין נישט אריינגעקוקט. דער הער קרופּניק מיט העניעקן האָבן זיך פארשטעקט צווישן די קוילן און איך מיטן הער דאָקטאָר זענען געבליבן אויפן שטרויזאק. די איבעריקע איינוווינער זענען צוריק אריין אין זייערע דירות.

ביינאכט האָט הער קרופּקא פּאָרגעלייגט, זיך אויסצובויען א „סכראָן" *). איך בין מסכים געווען, ווייל כ'האָב געטראכט, אז דאָס קאָן אונדז צונוץ קומען. קרופּקא האָט דער ערשטער אָנגעהויבן צו גראָבן. אָבער פריער האָבן מיר אָפּגערוימט די קוילן פון אָרט, ווו ס'האָט געזאָלט זיין דער בונקער. מיר האָבן דערנאָך אויסגעגראָבן א גרוב 80 סענטימע־טער די טיף, 70 סענטימעטער די ברייט און 4 מעטער די לענג. דעם 6טן

*) באהעלטעניש.

אויגוסט זענען מיר פארטיק געוואָרן מיט דער ארבעט. דער „סכראָן" האָט געהאט 4,5 מעטער די לענג. מיר האָבן אויך געמאכט א ווענטילאציע און א קלאפּע, וואָס עפנט זיך פון אינעווייניק און אלץ צוגעדעקט מיט ברעטער און זאמד און פארלייגט מיט האָלץ און קוילן.

אין בונקער זענען מיר געווען זאלבע זעקס: איך מיט העניעקן, אָלעש, ד"ר סטעפאן, הער קרופּקא און הער ראָמאן.

נאָך א געוויסער צייט האָבן די פּאָליאקן פארנומען מאָקאָטאָוו. אין אָנהייב סעפּטעמבער האָבן מיר געהאט צייטונגען פון די „פּאָווסטאנצעס". אין א קאָמוניקאט האָבן מיר געלייענט, אז די ארמיי פון גענעראל בערלינג *) געפינט זיך שוין אויפן סאָלעץ און פּאָווישלע. מ'האָט ליאדע טאָג דערוואַרט, אז די רוסן וועלן פארנעמען ווארשע. צום באדויערן, דעם 25סטן סעפּטעמבער האָט אונדזער ווירטין אונדז געהייסן ארויסגיין אין „סכראָן", ווייל די דייטשן האָבן ווידער פארנומען מאָקאָטאָוו. מיר האָבן גענומען קאָצן און קישנס און אראָפּ. אינדערפרי האָבן מיר געהערט ווי די דייטשן גייען ארום אין הויף און שרייען „הערואוס". מיר האָבן פארשטאנען, אז זיי טרייבן ארויס די איינוווינער פון די וווינונגען. אין אָוונט איז קיינער צו אונדז נישט געקומען. מיר זענען געוואָרן אומרואיק. דעם גאנצן טאָג האָבן מיר גאָרנישט נישט געגעסן.

דעם 27סטן האָבן מיר געהערט, ווי די דייטשן גייען ארום אין די קעלערס און זוכן מענטשן. אויך נעבן אונדזער בונקער זענען זיי געווען, אָפּגעשארט א ביסל קוילן און געזען א לאָך — א ווענטילאטאָר. דער דייטש האָט אריינגעקוקט, אָבער ס'איז געווען פינסטער און ער האָט נישט געזען גאָרנישט. ער האָט אָנגעצונדן א ליכט, אָבער אין באהעלטעניש איז געווען אזוי דושנע, אז די ליכט איז באלד פארלאָשן געוואָרן. ער האָט אריינגעשטופּט די האנט און ארויסגעשלעפּט א פלאש ווארעמע, מוטנע וואסער. א צווייטער דייטש האָט געפונען א פלאש מאלינע זאפט, זי צוגענומען און אוועק.

---

*) א פּוילישע ארמיי, וואָס האָט זיך פאָרמירט אין ראטנפארבאנד און איז געווען אונטער דער מיליטערישער לייטונג פון גענעראל בערלינג, ווי א פארבינדעטער פון דער רויטער ארמיי.

ביינאכט האָב איך באשלאָסן מיט העניעקן גיין צום צפון פון מאַ־קאָטאָוו, טאָמער זענען דאָרט נאָך דאָ די „פּאָוסטאנצעס”. 12 ביינאכט האָבן מיר שוין געוואָלט ארויסגיין, אָבער הער קרופּניק האָט געהייסן זיין חבר פריער אויספאָרשן, צי אין די קאנאלן זענען קיין דייטשן נישטאָ. נאָך א געוויסער צייט איז ער צוריקגעקומען מיט א גוטער בשורה. מיר זענען אלע אריין דורך דער „קלאַפּע” אין א קאנאל. מיר האָבן מיטגענו־מען קאָלדרעס און קאָנפיטורן. אין קאנאל איז געווען נאס און א דער־שטיקנדיקע לופט. צו גיין איז געווען שווער, ווייל ער האָט געהאט א פּאָר צענדליק סענטימעטער די הויך, בעת דער ארייננגאנג איז געווען 1,5 מעטער טיף און 1 מעטער די לענג און די ברייט. אויף די ווענט איז געווען פול שפּינען. בייטאָג זענען פליגן באפאלן אונדזער איינגעמאכטס און אונדז נישט געלאָזט רוען. אזוי זענען מיר געווען אין קאנאל ביזן 29סטן. ביי־נאכט אויפן 30סטן זענען מיר ארויס אנטקעגן דער קאזארמע אויף קאַ־זשימי־יעזשאָווסקא־גאס. ס'איז געווען א העלע נאכט און מיר האָבן מורא געהאט פארבייציוגיין די קאזארמעס. צוריק אין קאנאל אריין האָט אונדז קרופּקא און ראָמאן נישט אריינגעלאָזט (זיי זענען דאָרט געבליבן).

מיר האָבן נישט געהאט קיין ברירה און זיך געלאָזט גיין. איך האָב געפירט אָלעשן און העניעק דעם דאָקטאָר סטעפאן אויף פארשידענע וועגן און מיר האָבן זיך באגעגנט ווידער אויף די חורבות פון קוויאטאָווא־גאס. ביים געוועזענעם הויז נום. 10 האָבן מיר דערהערט שטימען. פאר שרעק האָבן מיר זיך באהאלטן צווישן די חורבות אויף דער ערד. נאָך עטלעכע מינוט האָבן מיר דערהערט ווי ס'דערנענטערן זיך עמעצנס טריט. ס'זענען אָנגעקומען עטלעכע מאנספּארשוינען מיט אויטאָמאטן אין די שטיוול און האָבן געפרעגט: ווער איז דאָס? מיר האָבן געענטפערט: פּאָ־ליאקן. זיי האָבן אונדז געפרעגט, צי אין די קאזארמעס זענען פאראן דייטשן. מיר האָבן נישט געוווסט, ווייל פארבייגייענדיק האָבן מיר קיינעם נישט באמערקט. זיי האָבן אונדז געזאָגט, אז דער אויפשטאנד אין מאָקאָטאָוו איז פארשפּילט און אז דער צענטער פון שטאָט האלט זיך נאָך און אונדז געוויזן ווי אזוי וויטער צו גיין.

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין דורך א רייע גאסן צו שטשעקאָטשינ־סקא 4 און אריין אין הויז פון די נאָנעס. אויפן טיש איז געלעגן ברויט,

די שויבן זענען געווען אויסגעהאקט, ארום און ארום איז געווען אָנגע־וואָרפן און מיסט איז געלעגן אין אַלע ווינקלען. ס'האָט אויסגעזען ווי נאָך א פּאָגראָם. קיינער איז אין הויז נישט געווען. מיר האָבן גענומען דאָס ברויט, ווייל מיר זענען געווען זייער הונגעריק און זיך געלאָזט ווייטער ניין. אויף עק גאָשטשינסקא און פּיליצקא איז געווען א באריקאדע, אויף וועלכער ס'זענען געלעגן צוויי טויטע דייטשן. א סך הייזער אויף פּיליצקא זענען געווען פארברענט. דער פּארטער פון הויז נומער 28 איז געווען גאנץ און דאָרט האָבן מיר איבערגענעכטיקט.

די איינוווינער זענען נישט געווען: מ'האָט זיי ארויסגעשיקט אין די לאַגערן.

אינדערפרי האָט אונדז אויסגעשפּירט א דייטשער הונט און נאָכ־געשלעפּט מיט זיך א דייטש, וועלכער האָט אונדז ארויסגעפירט פון שטוב. צום גליק האָבן ד"ר סטעפאן און אַלעש געהאט ארישע פּאפּירן און ס'איז נישט איינגעפאַלן דעם דייטשן סאָלדאט אונדז חושד צו זיין, אז מיר זע־נען יידן. ווען דער דייטש האָט אונדז געפרעגט, פארוואָס מיר באהאלטן זיך אויס, האָבן מיר געענטפערט, אז מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אויף מערב, נאָר די נאכט האָט אונדז געצוווּנגען דאָ איבערצונעכטיקן. דער דייטש האָט אונדז אָנגעוויזן דעם ווייטערדיקן וועג.

מיר זענען געגאַנגען דעם גאנצן טאָג און אין אָוונט האָבן מיר זיך געפונען אויף סלוזשעוויעץ, ווו מיר האָבן ווידער געמוזט זוכן א פּוסט הויז אויף צו נעכטיקן.

ביינאכט האָבן מיר דערפילט א מיאוסן גערוך. מיט ד"ר סטעפאן בין איך אריין אין צווייטן צימער און געטראָפן ליגן א מת.

גאנץ פרי האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער און מיט מי און שרעק זע־נען מיר אָנגעקומען קיין פּירי. מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן אין די קוס־טעס פון וועלדל און ד"ר סטעפאן איז געגאנגען זוכן א נאכטלעגער. פאר־נאכט איז ער צוריקגעקומען און אונדז געפירט מיט זיך אין א פעלד, ווו ס'איז געווען א „סכראָן". צומאָרגנס, דעם 3טן אָקטאָבער, זענען מיר גע־ווען אין פעלד, דעם צווייטן טאָג אין וואלד. ביינאכט האָט גערעגנט און מיר זענען אַלע דורכגעווייקט געוואָרן און געפרוירן. דער דאָקטאָר האָט מיט זיין פּאַלטאָ איבערגעדעקט העניעקן, וועלכער האָט אויף זיך נישט

געהאט קיין ווארעמען מלבוש. אינדערפרי האָב איך זיך פאר קעלט נישט געקאָנט רירן. דאָס העמד איז געווען נאס, דער מאנטל האָט געוויגן מער ווי א פּוד. אינדערפרי איז דער דאָקטאָר ווידער געגאנגען זוכן א נאכט־לעגער. דעם 5טן איז ער צוריקגעקומען און אונדז געפירט פינף קילאָמע־טער הינטער פּירי, ווו ס'איז געשטאנען א נישט פארענדיקטער בנין אָן א דאך. אין פרייעם פעלד. מיטן באלעבאָס האָט ער אָפּגערעדט, אז ער וועט אים צאָלן „דירה געלט" 5.000 זל. א חודש מיטן באדינג, ער זאָל מאכן א דאך און באדעקן מיט בלעך. דערפאר וועט דער דאָקטאָר דער־לייגן נאָך 2.000 זל.

צומאָרגנס קומט דער באלעבאָס נאָך 2.000 זל. ד"ר סטעפאן האָט געזאָגט, אז ער וועט באַצאָלן דעמאָלט, ווען דער דאך וועט שוין זיין. דער באלעבאָס האָט זיך אונדז געהייסן באלד אָפּטראָגן, אויב מיר וועלן נישט באַצאָלן.

מיר זענען געגאנגען ווייטער. ד"ר סטעפאן האָט נאָך געפרעגט דעם באלעבאָס, צי ער וועט אומקערן די איינגעצאָלטע געלטער. דער ענטפער איז געווען, אז ער וועט האָבן ישוב. זיי זענען ביידע געגאנגען צום באלע־באָס אהיים. דאָ ערשט האָט זיך דער באלעבאָס צעשריגן: „אנטלויף, ייד, ווייל כ'וועל געבן צו וויסן דער פּאָליציי. הערנדיק אזעלכע דבורים, האָט ד"ר סטעפאן גענומען די פיס אויף די פּלייצעס און מיר זענען אוועק אין וואלד.

די נאכט האָבן מיר גענעכטיקט ביי אַן אנדערן פּויער.

אינדערפרי האָבן מיר באשלאָסן גיין אויף אָקענטשע נעכטיקן אין א בונקער. אין דארף וויטשורקי האָט זיך מיין חבר פארגלוסט צו טרינקען וואסער און דער דאָקטאָר איז מיט אים אריין צו א פּויער. מיר האָבן זיך אויסגעמיטן. די נאכט זענען מיר געשלאָפן אונטער א קאָפּיצע תבואה און דעם 8טן זענען מיר צוריק אין פּירער וואלד. כ'האָב זיך געלייגט אין די קוסטעס. העניעק איז אריין צו א פּויער, גענומען א שטיקל פּאפּיר און אָנגעשריבן: „הער דאָקטאָר! מיר וועלן זיין צוויי טעג אין דאָרף, ווו מיר האָבן זיך פארלוירן". דאָס צעטעלע האָב איך אויפגעהאנגען אויף דעם בוים, אונטער וועלכן מיר זענען נישט לאנג געזעסן און מיר האָבן זיך

אומגעקערט קיין וויטשורקא. אין אָוונט האָבן מיר זיך געלייגט אונטער א סטערטע תבואה. דעם 9טן פרי האָבן מיר געמאכט א פייער און גענומען בראָטן קאַרטאָפל. שפּעטער האָבן מיר דערזען ווי דער דאָקטאָר און אַלעשמ גייען אין אונדזער ריכטונג. זיי האָבן געפונען אונדזער צעטל און אזוי האָבן מיר זיך גליקלעכערהייט אָפּגעפונען.

איצט זענען מיר געגאַנגען אויף אַקענטשע און געטראָפן דעם בונקער מיט אלע איינוווינער. אויפן וועג האָבן אויף אונדז פּאַליאַקן געשריגן, ווייל זיי האָבן דערקענט, אז מיר זענען יידן. אין בונקער זענען מיר געבליבן נעכטיקן.

גאַנץ פרי איז דער דאָקטאָר געגאַנגען זוכן זיין פרוי, אַלעשם מוטער, מיט וועלכער ער האָט זיך צעשיידט בעתן אויפשטאַנד. פאַרן אוועקגיין האָט ער אונדז איבערגעלאָזט 3000 זל., פאַר וועלכע מיר האָבן געלעבט מיט העניעקן א גאַנצן חודש. ווען די באַלעבאָסטע האָט גענומען ווייטער פאָדערן דירה געלט, האָבן מיר באַשלאָסן אוועקצוגיין אין דער וועלט אריין. אָבער הער טשעכאָוויץ, וועלכער האָט אויך געוווינט אין בונקער, האָט אונדז נישט געלאָזט גיין און געפּועלט, אז מיר זאָלן דערווייל לעבן אויפן חשבון פון געלט, וואָס געפינט זיך אין בונקער. אזוי האָט געדויערט 3 טעג. דעם 12טן נאָוועמבער איז געקומען אַן „אַפּיעקונקע״ און געבערענגט 28.000 זל. פאַר 14 מענטשן און נאָך עטלעכע טעג האָט זי ווידער געברענגט געלט.

אין בונקער איז געוואָרן די שטימונג א בעסערע, ווייל ס׳האָט שוין נישט געדראָט קיין הונגער. יעדן טאָג האָבן מיר געקויפט צייטונגען, אין וועלכע דאָס וויכטיקסטע זענען געווען די קאָמוניקאַטן.

כ׳האָב נישט געגלויבט, אז איך וועל איבערלעבן די מלחמה. דעם 16טן יאנואר 1945 האָבן מיר נאָך געזען אין דער צייטונג קאַריקאַטורן אויף יידן און דעם 17טן האָבן מיר דערהערט אויסרופן: „נידער מיט היטלערן״. מיר האָבן געהערט פאַרבייגייער דערציילן, אז די רויטע ארמיי איז שוין אין וואַרשע.

מיר זענען אראָפּ פון די פּריטשעס צו די קוקערס, נאָר ליידער האָבן מיר גאָרנישט נישט געקאָנט זען, ווייל די שייבלעך זענען געווען פאַר־

בלאָטיקט. דורך א לאָך אויפן בוידעם האָב איך דערזען אן אויטאָ מיט א רוסישן פּאטרול. די פּאָליאקן האָבן כסדר געמאכט אויסרופן קעגן היט־לערן און „זאָל לעבן פּוילן״.

מיר זענען נאָך דעם גאנצן טאָג געזעסן אין בונקער. צומאָרגנס בין איך מיטן חבר געגאנגען אויף מאַקאָטאָוו זען, צי דאָס הויז, אין וועלכן מיר האָבן זיך אויסבאהאלטן, שטייט גאנץ.

מיר האָבן באגעגנט רוסישע און פּוילישע זעלנער. מיט א געהויי־בענעם קאָפּ, אָן שרעק, אז מ׳וועט מיך ארויסגעבן דער געשטאַפּאָ, בין איך געגאנגען דורך די גאסן. איך האָב זיך שטארק דערפרייט, ווען כ׳האָב דערזען, אז דאָס הויז איז נישט באשעדיקט, נאָר א טרויער האָט מיך באַ־הערשט, ווען כ׳האָב געגעבן א טראכט, ווער ווייסט, צי ס׳לעבן נאָך די מענטשן, וואָס האָבן מיר אזויפיל גוטס געטון, די באלעבאָסטע, ד״ר יאנ־קא, הער קרופּניק *), ד״ר ראָמאן...

פארנאכט האָב איך זיך אומגעקערט צום בונקער און אזוי עטלעכע מאָל נאָך דאָרט איבערגענעכטיקט.

בהדרגהדיק זענען זיך אלע צעפאָרן אין זייערע היימען. איך בין אוועק אויף פּראגע. נאָך עטלעכע וואָכן האָט זיך מיט מיר פארנומען דער יידישער קאָמיטעט און איך בין צוזאמען מיט העניעק בורשטין און שליאַ־מא קוטנאָווסקי געשיקט געוואָרן אין קינדערהיים אין לובלין, ווו ס׳איז מיר גוט. איך לערן ווייטער אין א שולע.

(פּראָטאָקאָל נומער 274)

---

*) קרופּניק לעבט. ער געפינט זיך אין ווארשע. איידער ער האָט זיך געטראָפן מיט מיעטעקן, איז ער געווען אין דער תפיסה „פּאוויאק״ און פון דאָרט דורך א קאנאל אנטלאָפן. די דאָזיקע אינפאָרמאציע האָב איך באקומען פון געוו. „פּאוויאק״־איינוווינער י. הירשהויט, וועלכער וועט אינגיכן פארעפנטלעכן א בוך. איין קאפּיטל איז געווידמעט דעם וואונדערלעכן אנטלויפן פון קרופּניקן מיטן ד״ר סטעפאן (דאָמב). — נ. ג:

נ ח ג ר י ם

2.

מיינע איבערלעבונגען

פון נינא באַניאַווקא

די מחברטע פון טאָגבוך האָב איך באַגעגנט אין קינדערהיים אין כּאָזשאָוו, ביי קאַטאָוויץ. זי האָט דאָרט געפונען אַ צווייטע היים, „דאָס פאַרבייט אָבער נישט די עלטערן־שטוב" — גיט זי צו.

מיר האָבן דאָ אַן אָפּקלאַנג פון אונדזער גרויסער נאַציאָנאַלער עפּאָפּייע, געזען מיט קינדערשע אויגן. געוויסע אומפּינקטלעכקייטן פאַרמינערן נישט דעם ווערט פון די קינדערישע איבערלעבונגען. גבית־עדות פון קינדער זענען גיכער פּסיכאָלאָגישע איידער היסטאָרישע דאָקומענטן.

אין יאָר 1939 האָב איך געמוזט איבעררייסן די לימודים. די דייטשן האָבן פאַרן פאַרנעמען פּוילן שטאַרק באָמבאַרדירט װאַרשע. פאַר דער הויפּטשטאָט איז דאָס געווען אַ שווערע צייט. ס'איז געווען אַ דוחק אין שפּייז און וואַסער. די סירענעס האָבן אָן אויפהער סיגנאַליזירט לופט־אַטאַקעס, ס'איז אַלץ מער געווען ברענענדיקע הייזער און חורבות. נאָך פיר וואָכן אומאויפהערלעכע באָמבאַרדירונגען, בעת וועלכע די באַפעלקערונג איז געזעסן אין די קעלערס, האָבן אריינמאַרשירט די דייטשן אין שטאָט.

זייער הויפּטציל איז געווען צו פאַרניכטן די יידן. לויט זיי — האָבן מיר אַרויסגערופן די מלחמה און מיר האָבן געזאָלט אויך זיין די כפּרה־הינדלעך. ווי אומעטום, אַזוי אויך אין פּוילן האָט זיך אָנגעהויבן אַ חיה־שע אַקציע קעגן יידן. נאָך פיל „לאַפּאַנקעס" *) און נאָכן שאַפן פון געטאָ

---

*) כאַפּן מענטשן אין די גאַסן.

האָבן זיך די דייטשן גענומען צו דער סיסטעמאַטישער אויסראָטונג פון די יידן.

א לענגערע צייט איז אונדז געלונגען זיך אויסצודרייען פון די דייטשע הענט. א דריי חדשים פאר דער ענדגילטיקער ליקווידאציע פון געטאָ איז מיין פֿאָטער געשטאָרבן. דעמאָלס האָבן מיר זיך געמוזט צעשיידן און יעדער איינער אויף זיין אייגענער האנט האָט געזאָלט אריבערגיין אויף דער „ארישער" זייט.

ס'איז זיך געווען זייער שווער צו שיידן, מיר האָבן געהאלטן אין איין אָפּשלעפּן, ביז ס'איז געקומען די לעצטע אקציע.

אָבער דאָס מאָל האָבן די יידן געוויזן דער וועלט, אז מיר זענען פעאיק נישט נאָר צום האנדל, נאָר אויך צו נעמען געווער אין האנט. אונדזער העלדישקייט איז גרויס דערמיט, וואָס דער שונא איז געווען פיל מאָל שטארקער. מיר האָבן געוווסט, אז מיר זענען נישט אימשטאנד זיך אנטקעגנשטעלן א מאָטאָריזירטער ארמיי, וואָס האָט באזיגט אזוי פיל מלוכות. אָבער מיר האָבן זיך נישט געוואָלט לאָזן פירן צו דער שחיטה, ווי אומבאהאָלפענע בהמות און אויסגעקליבן ליבערשט דעם טויט.

דעם 19טן אפּריל 1943 האָט זיך אָנגעהויבן א שרעקלעכע אקציע. אלע איינוווינער פון אונדזער הויז האָבן זיך באהאלטן. מיין ברודער מיט א חבר האָבן געדארפט אָבסערווירן פון בוידעם, וואָס קומט פאָר. מיר האָבן זיי אויך דערלויבט צו שטיין אביסל נעבן זיך.

די פענסטער זענען ארויסגעגאנגען אויפן „אומשלאגפּלאץ", פון וואנען ס'זענען אָפּגעגאנגען איבערגעלאָדענע צוגן מיט פארמשפּטע ברידער און שוועסטער אונדזערע. זייגער זיבן מיט 15 מינוט איז אָנגעקומען אַן אָפּטיילונג פון די תלינים. אויף זייערע קעפּ האָט זיך א שאָט געטון א האָגל גראנאטן א. ג. פלעשער. ס'איז אויסגעבראָכן אַן אומגעהויערע צערודערונג און פּאניק. א סך זענען געבליבן טויט אויפן אָרט, די איבעריקע דייטשן זענען שנעל און פּחדניש אנטלאָפן.

א טויט-שטילקייט האָט געהערשט אין געטאָ א האלבע שעה. ס'האָט זיך געגרייט עפּעס גרוזאמעס. ס'האָבן אָנגעהויבן ציטערן נישט נאָר הייזער, נאָר גאנצע גאסן.

ס'זענען אַנגעפֿאָרן טאַנקען, פּייערשליידערער, אעראָפּלאַנען האָבן זיך אראָפּגענידערט כמעט ביז צו די דעכער. ס'האָט אָנגעהויבן צו ברענען.

אונדזערע קעמפֿער האָבן געקעמפֿט פֿון פֿאַרמאַסקירטע „סכראָנעס" און אויפֿן „אומשלאַגפּלאַץ". זיי האָבן דורכגעפֿירט מענטשן דורך קאַנאַלן אויף זיכערע פּלעצער. לויט די מעגלעכקייטן האָבן זיי געבראַכט שפּייז און וואַסער.

דריי טעג האָט געדויערט די ליקווידאַציע פֿון כלערליי שאָפּן און ארבעטספּלעצער. אונטער א שטאַרקער שמירה האָט מען אַלע געפֿירט צום „אומשלאַגפּלאַץ".

ווי איך שטיי אַזוי מיט אַן אָנגעשטרענגטן בליק, דערהער איך פֿאַר־דעכטיקע שטימען. דייטשן זענען געקומען און בלאָקירט דאָס הויז. שנעל בין איך אריין אין באַהעלטעניש. מיר זיצן מיט פֿאַרשפּאַרטן אָטעם. די דייטשן האָבן דורכגענישטערט די גאַנצע וווינונג, צום גליק אָבער נישט אָנגעטראָפֿן אויף אונדזער באַהעלטעניש. אין א האַלבער שעה ארום — א צווייטע בלאָקאַדע.

דעם שכנותדיקן „סכראָן" האָבן זיי פֿאַרגאַזירט און אומגעבראַכט דאָרט עטלעכע זויגקינדער.

צוויי טעג זענען מיר אַזוי געווען אויסבאַהאַלטן. עסן איז נישט געווען וואָס, אָבער קיינער האָט אויך וועגן דעם נישט געטראַכט. די געטאָ האָט געברענט. מיר זיצן צווישן פֿלאַמען, רויך און פֿליענדיקע שמאַטעס. נישטאָ קיין האָפֿענונג זיך ארויסצובאַקומען פֿון דאַנען. רעזיגנירטע, וואַרטן מיר אויף אונדזער ריי. ידיעות, וואָס אַמאָל, ערגערע.

דעם 25סטן אַפּריל איז געפֿאַלן דער בונקער פֿון די אָנפֿירער. דאָס רוב מיטן קאָמענדאַנט אַניעלעוויטש זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד *), די איבעריקע זענען פֿאַרברענט געוואָרן. ראָטבלאַט **) שיסט פֿריער די מוטער (און די שוועסטער — נ. ג.) און באַגייט אַליין זעלבסטמאָרד. דעם

---

*) לויט אַנדערע מקורים איז אַניעלעוויטש אומגעקומען דעם 8טן מאַי. באַניאָווקאַ איז נישט געווען אינפֿאָרמירט וועגן דעם (ד"ר י. קערמיש: „דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ". פֿאַרלאַג צ. יי. ה: ק., לאָדזש 1946):

**) פֿאָרשטייער פֿון דער אָרגאַניזאַציע „עקיבא"; אומגעקומען אויך דעם 8טן מאַי.

זעלביקן טאָג האָט מען אויף פינף וועגענער ארויסגעפירט יידן אין דער קליינער געטאָ. גלייכצייטיק ווי די וועגענער האָבן זיך אָפּגעשטעלט פאר אונדזער הויז, האָט דאָס הויז אָנגעהויבן צו ברענען. אין איין מינוט איז ביי אונדז אנטשטאנען א געדאנק זיך ארויפצוכאַפּן אויף די וועגענער. דער אונטערגעקויפטער זשאנדארם האָט דערלויבט און איך בין מיטן ברודער ארויף אויף דעם ערשטן וואָגן, די מוטער אויפן צווייטן.

נאָך צען מינוט קומט אָן אַן עלטסטער, וואָס האָט אָנגעפירט מיט דער דאָזיקער אקציע—קאָנראד, און דער זשאנדארם מעלדט אים, וואָס דאָ איז פאָרגעקומען. ער מאכט גלייך א סעלעקציע. די מוטער ווערט באשטימט צום „אומשלאגפלאץ", מיין ברודער געהערט צו די גליקלעכע, וואָס קאָנען ווייטער פאָרן און מיך באשטימט מען צו שיסן אויפן אָרט. אלץ איז אזוי פלינק פאָרגעקומען, אז מיין ברודער, וואָס האָט געוואָלט אריבערגיין צו דער מוטער האָט נישט באוויזן.

איך שטיי פאר א וואנט. איך שרעק זיך נישט. פאר די אויגן באַ־ווייזן זיך מיר פארשידענע געשטאלטן און איך גיב זיך אָפּ א דין וחשבון, אז מער וועל איך שוין קיינעם נישט זען.

ווען ס'איז געפאלן איינער פאר מיר, האָב איך א ביסל א ציטער געטון. מ'האָט אים ארייגגעשאָסן צוויי קוילן און דערשטאָכן מיט א באג־נעט. כ'האָב נישט מורא געהאט פאר די ליידן, נאָר פאר דעם, וואָס כ'האָב ביי זיך נישט קיין נאָענטן מענטשן. אין דער לעצטער רגע שטופט מיך א באקאנטע אריין אין וואָגן, טשעפּעט מיר צו א נומער און מיט איר שנע־לער האנדלונג האָט זי צעטומלט מיין תלין.

דער וואָגן ווערט עסקאָרטירט פון 10 אוקראַינער מיט רעוואָלווערן, גרייטע צום שיסן.

ווי איבערראשט בין איך געווען, ווען כ'האָב אויפן וואָגן דערזען מיין ברודער!

מיר פאָרן דורך ברענענדיקע גאסן. אומעטום זעט מען פארברענטע גופים. מיר געפינען זיך שוין אויף די ארישע גאסן *). אויף די פנימער

*) די קליינע געטאָ איז געווען אָפּגעטיילט פון דער גרויסער מיט „ארישע" גאסן.

פון די פוילישע דורכגייער זעען מיר נישט קיין מיטלייד. טיילמאָל הערן מיר אפילו ווערטער ווי:

— ס'איז נאָך אלץ פארבליבן צו פיל יידן...

מען צעשיקט אונדז אין לאגערם. א קליינעם טייל נאָר, און מיר בתוכם, איז געלונגען אריבערצוגיין אויף דער ארישער זייט.

ס'איז פאר מיר געווען א שווערע צייט. איינע אליין האָב איך זיך ארומגעוואלגערט צוויי חדשים, ביז כ'האָב זיך געטראָפן מיט מיין שוועס־טער. צוליב קאָנספיראציע האָבן מיר זיך אָבער געמוזט באלד צעשיידן. איך בין ווייטער געווען הונגעריק און דורכגעמאכט שרעקלעכע באָמבאר־דירונגען פון די רוסן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו דערנענטערן. כ'האָב מיך געפרייט, וואָס זיי זענען נאָענט, אָבער געציטערט, טאָמער וועל איך נישט דערלעבן די באפרייאונג.

כ'האָב געוווינט אין א דאָרף ביי דער ווייסל און דאָ דערלעבט די אויסלייזונג דורך דער רויטער ארמיי.

ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן צו וויינען. איך האָב דערשפירט, אז מיין זעלבסטגעפיל איז געווען בעסער אין דער צייט פון דער אָקופאציע ווי אויף דער פרייהייט. דעמאָלס האָב איך געטראכט, ווי אזוי זיך נישט לאָזן כאפן, אויסדויערן און נקמה נעמען פאר די פארברעכנס איבערן בלוט פון אונדזערע נאָענטע. איצט האָב איך דערפילט, אז כ'האָב קיינעם נישט, כ'לערן נישט און ווייס נישט, וואָס ס'וועט פון מיר ווערן.

(פראָטאָקאָל נומער 659)

.3

אנטלויף, זון מיינער!

פון לאלעק ראָזענבלום

א גאנצע ריי פראָטאָקאָלן, וואָס כ'האָב געזאמלט אין כאזשאוו טראָגן, צוליב טעכנישע טעמים, דעם זעלבן נאָמען.

מיר דרוקן דעם פראָטאָקאָל פון לאלעק ראָזענבלום, ווייל אין אים קומט בולט צום אויסדרוק דער קאמף צווישן לעבנס־אינס־

טינקט און געוויסן אין באַצוג צו דער מאַמען. דאָס געוויסן פון יידישן קינד האָט געזיגט. שפּעטער האָט שוין די מוטער אים אַרויסגעפירט פון טראַגישן קאָנפליקט און אים געראַטעוועט. איר צוואה: אַנטלויף, מיין קינד! האָט אים באַגלייט אין מאָמענט פון קאַמף מיטן טויט, ווען ער איז געשפּרונגען פון צוג און גע־האָלפן צום זיג.

ס'איז אַרויס אַ באַפעל פון אונדזער דם־שונא, אַז אַלע יידן, וואָס וווינען אין וואַרשע, מוזן זיך אַריבערקלייבן אין איין קוואַרטאַל א. ג. געטאָ. מחמת אַרבעטסלאָזיקייט, נישט אַריינפירן פּראָדוקטן האָט געהערשט אַ הונגער און פון דעם האָבן זיך גענומען עפּידעמישע קראַנקהייטן. צו 300 מענטשן זענען געפאַלן אַ טאָג פון הונגער. די דייטשע מערדער, באַקו־מענדיק די דאָזיקע באַריכטן, פלעגן זאָגן, אַז ס'איז נאָך ווייניק. זיי האָבן נאָכמער פאַרשאַרפט די לאַגע דורך אַרויסגעבן נייע גזירות. אין געטאָ זענען אויך געווען יידישע פאַררעטער, וואָס האָבן צוליב זייער אייגענער הויט אַרויסגעגעבן אַנדערע יידן.

די דייטשן פלעגן זיך מאַכן אַ שפּיל פון שיסן צו יידן אין מיטן העלן טאָג. ביינאַכט פלעגן זיי אַרויסשלעפּן פון די בעטן און פייניקן זייערע קרבנות. זייענדיק אַליין אַן עדות פון אַזעלכע פאַלן, האָב איך באַשלאָסן צו אַנטלויפן. ס'איז מיר אָבער געווען אַ צער זיך צו שיידן מיט דער מאַמען און מיט דער יינגערער שוועסטער. איך בין געווען צו קליין אויף צו קאָנען אויסהאַלטן זיי. אפילו גרעסערע פון מיר האָבן דאָס קוים־קוים באַוויזן. ס'האָט מיך געקאָסט אַ סך געזונט, וואָס כ'האָב מיינע געליבטסטע נישט געקאָנט העלפן.

אין געטאָ האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן שמועות וועגן ליקווידאַציע פון געטאָ און פאַרניכטונג פון אַלע יידן. דעמאָלס האָט די מאַמע צו מיר געזאָגט: „אַנטלויף, זון מיינער, ראַטעווע דיין לעבן און וועגן אונדז טראַכט נישט!" ס'איז מיר געוואָרן זייער נישט אָנגענעם. כ'האָב נישט געוואָלט אַוועקגיין און געענטפערט: „אויב שטאַרבן איז צוזאַמען". אָבער די מאַמע האָט מיך שטאַרק געבעטן און איך האָב געמוזט נאָכגעבן. איך געדענק

זוי היינט דעם לעצטן, טרויעריקן בליק פון דעם סאַמע טייערסטן מענטשן, וועלכן כ׳וועל שוין מער נישט זען.

....

איינמאָל אינדערפרי האָבן מיך אויפגעוועקט שאָסן פון א ביקס. כ׳האָב זיך אויפגעכאַפּט און צוגעגאַנגען צום פענסטער. אויפן וועג פירט מען יוגנטלעכע, וואָס מ׳האָט געכאַפּט אויף אַרבעט קיין פּרייסן. כ׳האָב זיך נישט באַוויזן אָנצוטון, ווי ס׳זענען אַריין אין צימער צוויי ס.ס.-לייט. „ווי אַלט ביסטו?" — פרעגט מיך איינער פון זיי. כ׳האָב געענטפערט, אַז איך פאַרשטיי נישט. „קאָם מיט!" — שרייט דער צווייטער און שלעפּט מיך פאַרן קאָלנער. אַזוי האָבן זיי צונויפגעשלעפּט די יוגנט פון גאַנצן דאָרף אין איין הויז אַריין און אַרומגעשטעלט דאָס הויז מיט באַוואָפנטע אוקראַינער און זשאַנדאַרמען מיט מאַשין-ביקסן. נאָך א האַלבער שעה איז צוגעפאָרן א לאַסט־אויטאָ, מ׳האָט אונדז פאַרלאָדן ווי בהמות און אָפּ־געפירט צו דער באַן־סטאַציע. מיר זענען געקומען קיין וואַרשע אין סקאַ־רישעווסקי־פּאַרק, וווּ ס׳איז געווען א מעדיצינישע קאָמיסיע.

געוווּסט האָב איך, אַז פון ד ע ר קאָמיסיע וועל איך שוין א לע־בעדיקער נישט אַרויס. מיר האָבן זיך דערנענטערט צו דער סטאַציע זשע־לאַנקאַ, 9 קילאָמעטער פון וואַרשע. ס׳האָט געבלאָזן א שטאַרקער ווינט אין די אויערן, פאַר די אויגן האָב איך געזען די געשטאַלט פון דער מאַמען און... כ׳בין אַראָפּגעשפּרונגען פון יאַגנדיקן צוג. כ׳בין געבליבן ליגן אָן באַוווּסטזיין. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, בין איך געלעגן אין קאַבי־נעט פון סטאַציע־פאַרוואַלטער, א פאַרבלוטיקטער פון דער וווּנד אין דער רעכטער האַנט. נאָך א פּראָוויזאָרישן באַנדאַזשירן האָט מען מיך צוריק־געשיקט צו מיין פריערדיקן באַלעבאָס, וווּ איך בין געקומען צו זיך. און ווען איך כאַפּ א קוק אויף מיין שראַמע אויפן פּנים און אויף דער האַנט, וואָס א דאָרפישער רופא האָט מיר געמאַכט, דערמאָן איך מיך, ווי אַזוי א י ך ה אָ ב ג ע ק ע מ פ ט מ י ט ן ט ו י ט פ אַ ר א ר ע כ ט צ ו ל ע ב ן.

(פּראָטאָקאָל נומער 659)

4.

אין פּזשעמישלער געטאָ

אין איינפאכע, נישט געקינצלטע ווערטער דערציילט די עלף־יאָריקע רענאטא איבערלעבונגען פון א יידיש קינד. זי איז נא־איוו און אויפריכטיק און ווייסט נאָך נישט, אז נישט אלץ, וואָס זי דערציילט, ברענגט כבוד איר משפחה (דעם פעטער, דעם קאָ־מענדאנט). מיר שאצן איר דאָ נישט אָפּ, ס׳איז אָבער אָנגענומען וועגן אזעלכע זאכן נישט צו רעדן.

כאראקטעריסטיש איז נאָך איין שטריך: א קינד פון דער „ניי־דעריקער ראסע" שטעלט איין איר לעבן, כדי צו הערן מוזיק און געזאנג.

מיר האָבן געוווינט אין אן איינן הויז אויף דוואָרסקיעגאָ־גאס אין פּזשעמישל. די דייטשן האָבן פארנומען די שטאָט אין יאָר 1941. דער טאטע האָט געהאט א קליין געוועלבל פון געמישטע סחורות און מיר האָבן געהאט פּרנסה. מיין עלטערע שוועסטער טאסיא איז עלטער פון מיר מיט 4 יאָר (געבוירן אין 1930).

איך געדענק, אז די דייטשן האָבן געהייסן, די יידן זאָלן טראָגן אָרעם־בענדלעך. דריי חדשים האָט דער טאטע נישט געטראָגן, אָבער צום סוף האָט ער אויך אָנגעטון, ווייל פאר נישט טראָגן פלעגן די דייטשן שיסן.

אין 1942 האָבן מיר זיך געמוזט אריבערציען אין געטאָ. צוויי וואָכן האָט נאָך דער טאטע ווייטער געפירט זיין מסחר, ביז צו דער אקציע. מיר האָבן נישט באקומען די שטעמפּלען אויף די דאָקומענטן און געמוזט גיין אויף „אויסזידלונג". די עלטערן זענען געגאנגען צום זאמלפּונקט און מיר האָבן זיי באגלייט. מיר האָבן שטארק געוויינט און זיך נישט געוואָלט צעשיידן, אָבער דער טאטע האָט אונדז בארואיקט, אז ער וועט זיך אומ־קערן צוריק, און דער פעטער, וואָס איז געוועזן קאָמענדאנט פון די „אָרד־נערס", האָט אונדז אָפּגעפירט צו דער מומע אין געטאָ. די מומע האָט געהאט רעכט צו בלייבן אין געטאָ, האָט אָבער געמוזט דורכגיין א דאָקו־

מענטן־קאָנטראָל. נאָך עטלעכע שעה איז געקומען א געשטאַפּאָ־מאַן. די מומע האָט געוויזן אירע דאָקומענטן און אונדז אָנגעגעבן פאַר אירע קינדער. דער טאַטע און די מאַמע זענען נישט צוריקגעקומען און מיר האָבן שטארק געוויינט. צום סוף זענען זיי געקומען פון פּלאַץ, ווו טויזנטער יידן האָבן געמוזט זיצן אָן באַוועגונג.

אונדזער פעטער, מאַניעק טראַו, האָט דעם טאַטן אָפּגעראַטעוועט אויף אַזאַ אופן, אַז ער האָט אים אויסרעקלאַמירט ווי א שלאָסער, כאָטש מיין טאַטע קאָן זיך אויף שלאָסעריי גאָר ווייניק אויס.

דאָס אַלץ האָט פּאַסירט אין יולי 1942. אין נאָוועמבער איז ווידער געווען אן „אקציע". אין משך פון דער צייט האָבן מיר געמוזט צוויי מאָל זיך איבערציען, וויל מען האָט געהאַלטן אין איין פאַרקלענערן פון געטאָ. בעת דער צווייטער „אקציע" האָבן מיר זיך אויסבאַהאַלטן אין שפּייזקעמערל, וועלכעס איז פאַרשטעלט געווען מיט אן אַלמער, וואָס דער טאַטע האָט מיט א שטריק צוגעשלעפּט צו דער טיר. די געשטאַפּאָ־לייט זענען ארומגעגאַנגען קאָנטראָלירן, צי יידן האָבן זיך נישט באַהאַלטן. זיי זענען אויך געקומען צו אונדז, דורכגענישטערט די וווינונג, צעהאַקט דעם אַלמער, אָבער אים אָפּצורוקן איז זיי נישט איינגעפאַלן.

בעת זיי האָבן געבראָכן דעם אַלמער, האָב איך זיך שטאַרק געשראָקן, אָבער איך בין געשטאַנען שטיל און נישט געוויינט. אין קעמערל איז געווען זייער ענג און מיר האָבן געמוזט די גאַנצע צייט שטיין. מיר האָבן דאָרט געהאַט ברויט און וואַסער. אין אן עמער האָבן מיר דערליידיקט אונדזערע באַדערפעניש. ערשט צומאָרגנס איז געקומען דער פעטער און געזאָגט, אַז די „אקציע" האָט זיך שוין געענדיקט.

נאָך דער „אקציע" האָט מען דעם געטאָ צעטיילט אויף צוויי קוואַרטאַלן: פאַר באַשעפטיקטע און נישט באַשעפטיקטע. מיר האָבן געוווינט אין ערשטן קוואַרטאַל, הגם מיין טאַטע האָט קיין אַרבעט נישט געהאַט. ער האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן, אַז דער קאָמענדאַנט פון אַרבעט־לאַגער זאָל אים נישט זען. דאָס איז געווען א דייטש, א געשטאַפּאָ־מאַן. קינדער האָבן זיך נישט געטאָרט געפינען אין דעם קוואַרטאַל און דעריבער פּלעגן מיר אַרויסגיין בלויז דעמאָלס, ווען דער קאָמענדאַנט איז נישט געווען.

אין ארבעטער־קוואַרטאַל איז געווען א יידישער אָרקעסטער, א קליי־נער כאָר און א באַלעט. זיי פלעגן אויפטרעטן פאר די דייטשן. ווען דער קאָמענדאנט איז נישט געווען, האָבן זיי רעפּעטירט אָדער געשפּילט פאר „די יידן, וואָס האָבן געוועלטיקט אין געטאָ“. זיי האָבן געהאט אַן אייגע־נעם לאָקאַל און איך פלעג זיך טיילמאָל ארויסגנבענען פון שטוב און גיין הערן מוזיק און געזאַנג. געזונגען האָט יאנקאַ האובען, געטאַנצט — די שטעגמאַן.

דעם 2טן און 3טן סעפּטעמבער 1943 איז פאָרגעקומען די דריטע „אַקציע“. דער טאַטע האָט פון פריער געוווּסט, אַז זי וועט פאָרקומען און אונדז אויסבאַהאַלטן. איבערן בוידעם־צימער דורכן דאַך, פון וועלכן מ׳האָט ארויסגענומען א שטיק בלעך, איז געווען אונדזער באַהעלטעניש. 18 מענ־טשן זענען מיר דאָ געווען. צווישן אונדז איז אויך געווען איינער שמואל האובען, וועלכן א וועכטער האָט מיט עטלעכע טעג שפּעטער דערשאָסן, ווייל ער האָט אים געפּאַקט, ווי ער בייט אויס זאַכן, וואָס ער האָט ארויס־געשלעפּט פון פאַרלאָזענע יידישע הייזער, אויף פּראָדוקטן. געוועהנלעך פלעגט ער געבן דעם וועכטער (א געוועזענער רוסישער זעלנער) 20 זלאָטי. דאָס מאָל האָט ער אים געגעבן בלויז 10. דער וועכטער האָט אים די 10 זלאָטי ארייַנגעשטופּט אין מויל אַריין און די זאַכן צוגענומען.

נאָך דער „אַקציע“ האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז מ׳וועט ליקווידירן דעם געטאָ און אַלע יידן ארויספירן. דעריבער האָבן די עלטערן באַשלאָסן זיך אויסצובאַהאַלטן ביי א פּוילישער פרוי, מיט וועלכער דער טאַטע האָט זיך שוין פון פריער געהאַט אָפּגערעדט.

די מאַמע מיט דער שוועסטער זענען פריער אַוועק אַהין, און איך האָב געזאָלט קומען מיטן טאַטן א טאָג שפּעטער. ס׳איז שוין אָבער געווען צו שפּעט. די „אַקציע“ האָט זיך גאַנץ פרי אָנגעהויבן. מיר האָבן זיך „ווידער באַהאַלטן אין דעם זעלבן באַהעלטעניש. 20 מענטשן זענען מיר דאָ געווען. ס׳האָבן געוואָלט אַריין נאָך מענטשן, אָבער דער טאַטע האָט נישט געלאָזט, ווייל דער באַלקן פון צימער אונטערן בוידעם האָט זיך קוים געהאַלטן אונטער אונדזער משא. די יידן האָבן אונדז געדראָט, אַז אויב מען וועט זיי געפינען, וועלן זיי אונדז ארויסגעבן.

און אַזוי האָבן זיי אויך געטון.

צומאָרגנס זענען געקומען דייטשן, דורך א לייטער ארויף אויפן בוידעם, גענומען מיט העק ברעכן דעם ארייננאנג און גערופן „הערױס״. אַלע זענען ארױס חוץ מײן טאטע, איך און א פרוי מיטן נאָמען פײער. מיר האָבן זיך באהאלטן אונטער די איבערבעטן, אָבער דער דײטש האָט דורך א לאָך אין דאך דערזען דעם טאטנס פיס אפּרשטאַרן און האָט גע־שאָסן. דער טאטע איז געװאָרן פארװונדעט אין בײדע פיס. איך האָב מיך דערשראָקן פאר די דייטשע געשרייען און געזאָגט דעם טאטן, ער זאָל אראָפּגיין. מיר האָבן זיך געלאָזט אראָפּ. דייטשן האָבן געשטופּט פון ערשטן שטאָק און זענען געגאנגען אין אנדערע װױנונגען. װען מיר זענען שױן געװען אונטן, האָט דער טאטע דערזען װי אין הויף שטײען יידן מיט די הענט אין דער הויך און אין איין רגע האָט ער זיך אראָפּגעלאָזט אין קע־לער און איך מיט אים. דער טאטע האָט זיין מאנטל ארײנגעװאָרפן אין צווייטן קעלער און אליין זיך אויסבאהאלטן אונטער א בלאט דיקט. די דייטשן האָבן דעם מאנטל געפונען. אפילו געגראָבן דאָרט, אָבער די דיקט נישט גערירט פון אָרט.

ביז ביינאכט זענען מיר געזעסן אין קעלער. אויף אַלע פיר האָט זיך דער טאטע דערשלעפּט צו דער װױנונג און אָפּגעוואשן די װונד. ביינאכט איז געקומען דער פעטער און גערופן דעם ד״ר שאטנער, װעלכער האָט פארבאנדאזשירט דעם טאטן די פיס.

דער פעטער האָט זיך אונדז געהייסן אויסבאהאלטן, ווייל די דייר־טשן גייען פון הויז צו הויז און רייסן אויף בונקערס, אָבער דער טאטע האָט זיך נישט געקאָנט רירן און איז געבליבן אין בעט ליגן. אינדערפרי זענען טאקע דייטשן געװען ביי אונדז אין הויז, אויפגעריסן די בונקערס אין קעלער און אויפן בוידעם. אין דער װױנונג זענען זיי אָבער נישט אריין. דאָס האָט אונדז דערוויל אָפּגעראטעוועט. איך בין דעמאָלס געלעגן היג־טער אַן אַלמער און דער טאטע אונטערן איבערבעט. דאָס האָט פּאסירט אויף איוואשקעוויטש־גאס 26.

אויפן צווייטן טאָג זענען מיר ארױס צו דער פרוי, װו די מאמע מיט דער שװעסטער האָבן געזאָלט אויף אונדז װארטן. זיי זענען אָבער נישט געװען, װייל נישט קאָנענדיק זיך דערװארטן, זענען זיי צוריקגעגאנגען אין געטאָ אונדז זוכן. אויפן װעג האָט זיי באגעגנט א פּוילישער פּאָליציי־

אגענט און צוגענומען ביי דער מאמען דאָס גאנצע געלט און צירונג. אויפן צוריקוועג האָט זי זיך אָנגעשטויסן אויף אוקראאינישע פּאָליציאנטן, וועלכע האָבן זי מיט דער שוועסטער אָפּגעפירט צום דייטשן גענדאַ־קאָמענדאנט דעם עסעסמאן שוואמבערגער. ער האָט זיי ביידע דערשאָסן.

איך מיטן טאטן זענען געווען ביי דער פרוי ביז דער באפרייאונג דורך דער רויטער ארמיי.

(פּראָט. נומ. 884/11 פון רענאטא טראו, געב. 1934 אין פּזשעמישל. דער פאָטער: לעאָן. פּראָטאָקאָלירט: ד״ר דוד האופּט, פון דער היסט. קאָמ. אין פּזשעמישל).

ב. אקציעס

5.

דער 12 אויגוסט 1942 אין בענדין

אומאָפּהענגיק פון די רעזולטאטן, איז די סעלעקציע גופא געווען א ראפינירטער פּייניקונגסמיטל פאר דער יידישער באפעלקערונג. די מאָראלישע ליידן זענען געווען אין לשער. איצט די אומזיכערקייט, וועו און וואהין מען וועט דיך פירן. ווייטער, די צעשיידונג מיט דער משפחה.

און די „אויסזידלונג". זי איז נישט געווען קיין איינמאָליקער אקט, ווי דערשיסונג, נאָר א קוויל פון כסדרדיקע ליידן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין אזעלכע פאקטן ווי ארויסטרייבן פון שטוב, וואַרטן שעהן לאנג אויף שניי אָדער פראָסט, אויף היץ און אויף רעגן, אין דורשט און אין הונגער, זיצנדיק אָדער שטייענדיק, אָן א רעכט צו באוועגן זיך, מיט די הענט אין א באשטימטער פּאָזיציע. וועגן קלעפּ, אָפּגערעדט.

אזעלכע אויסזידלונגען האָבן איבערגעלאָזט א טיפן איינדרוק אויף די, וואָס האָבן זיי איבערגעלעבט. ווען מיהאָט פאַרגעלייגט אסתרקען אָנצושרייבן אירע איבערלעבונגען, האָט זי נישט לאנג

טראכטנדיק געגומען שרייבן די ווייטערדיקע שורות. בעת דאָס איז געשריבן געוואָרן, האָט זיך אָסתּרקע געפונען אין קינדער־היים אין כּאזשאוו, ביי קאטאוויץ.

אונטערן אויסרייד, אז מען וועט שטעמפּלען די קאַרטעס, האָט מען אויף דעם 12טן אויגוסט באַשטימט אַ „פּונקט". די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך געדאַרפט צונויפזאַמלען אויף צוויי ספּאָרט־פּלעצער, ווו ס'איז געוועזן צו ענג פאַר אַזוי פיל טויזנטער מענטשן. אַמאָל זענען דאָ פאָרגע־קומען פוטבאָל־פאַרמעסטונגען און היינט האָבן זיך דאָ אָפּגעשפּילט שרעק־לעכע זאַכן.

שוין פינף אַזייגער אינדערפרי בין איך אַרויס צוזאַמען מיט די על־טערן פון שטוב, נישט ווייסנדיק, וואָס ס'דערוואַרט אונדז. אויפן וועג האָבן מיר אָנגעטראָפן פיל מענטשן: קראַנקע, זקנים, קינדער. אַלע האָבן געמוזט גיין. ווער ס'האָט זיך אויסבאַהאַלטן, האָט זיך געקאָנט ריכטן, אַז ביים אַנטדעקן אים בעת די רעוויזיעס, וועט מען אים דערשיסן.

ווען מיר זענען אָנגעקומען צום פּלאַץ, האָט מען אונדז עטלעכע מאָל אַרומגעפירט אַרום און אַרום און געהייסן וואַרטן. אַזוי האָבן מיר געוואַרט ביז מיטאָג. די זון האָט מוראַדיק געבאַקן און דער קאָפּ האָט מיר אָנגע־הויבן שטאַרק וויי טון. פון ווייטן האָט מען געזען, ווי עס קומען אָן וואָס אַמאָל מער באַרבאַרן. אומעטום איז געשטאַנען אַ וואַך, וואָס האָט גע־היטן די מענטשן. דער מיטאָג איז פאַרביי און ס'האָט גענומען רעגענען. גרויסע טראָפּנס זענען ריטמיש געפאַלן אויף די אומגליקלעכע, וואָס האָבן יעדע מינוט דערוואַרט אַ טויט־אורטייל. ס'איז שוין געוועזן אָוונט און דער רעגן האָט אַלץ געגאָסן. די נאַכט־פינסטערניש האָבן באַלויכטן צוויי לאַמ־טערנס, וועלכע האָבן כּמעט קיין שיין נישט געגעבן. קינדער האָבן גע־וויינט, ווייל זיי האָבן נאָך נישט קיינמאָל געזען אַזאַ פינסטערניש, נישט געשטאַנען אויף אַ גאַסרעגן און נישט געהאַט צו טון מיט אַזעלכע באַרבאַרן.

די טראָפּנס רעגן האָבן כּסדר און אָן רחמנות זיך געגאָסן אויף די רוקנס פון די איינגעבויגענע מענטשן, וועלכע זענען געוועזן נאָר אויסצור־וויקן.

מיטאַמאָל איז אָנגעקומען קוצינסקי, דער לייטער פון דער „אַר־

בייטס־איינזאַץ" *) אַקציע. ער איז געווען דער ממונה איבערן דאמבראַווער באַסיין. איצט האָט זיך גענומען וועגן אונדזער גורל.

עס הייבט זיך אָן די סעלעקציע. מ'האָט קינדער אָפּגעריסן פון על־טערן, צעטיילט משפחות און דערביי געשלאָגן מכות רצח. קוצינסקי האָט אָנגעוויזן, ווו, ווער האָט צו גיין. לויט זיין פאָרשלאַג האָט מען געשאַפן דריי גרופּעס. די גרופּע איינס איז געווען פאַר די באַשעפטיקטע. זיי האָט מען באַלד אהיימגעשיקט. די גרופּע צוויי האָט מען געקאָנט נאָך אויס־רעקלאַמירן. די דריטע גרופּע איז באַשטימט געוואָרן צו אויסזידלונג. זייער גורל איז געווען א שרעקלעכער. זיי זענען געשטאַנען ארומגערינגלט מיט א שטרענגער וואַך, אזוי ווי פאַרמשפּטע צום טויט. עס פלעגן זיך צווישן זיי געפינען דרייסטע, וואָס פלעגן אריבערלויפן פון דער דריטער צו דער ערשטער גרופּע, דאָס איז אָבער קיינעם נישט געלונגען, ווייל די וואַך האָט גוט געהיט און אין אזא פאַל גלייך געשאָסן.

ס'איז געקומען אונדזער ריי. איך בין געווען צוזאַמען מיטן טאַטן, מיט די ברידער, שוועסטער און שווּעגערין. קוציגסקי האָט אָנגעוויזן אויף מיר און אויפן טאַטן. א שרעק איז מיך באַפאַלן, ווען כ'האָב פאַרשטאַ־נען, אז מען וויל אונדז צעשיידן. דעם טאַטן און מיך האָט מען געשיקט צום צווייטל, די איבעריקע — א היים.

ביים צווייטל איז געווען א געדראַנג, א טומל, א געוויין. כ'בין גע־ווען איבערגעשראָקן און שטאַרק געדריקט דעם טאַטנס האַנט. ס'האָבן נישט געהאָלפן די געשרייען און די תפילות צו גאָט. דער רעגן האָט זיך נאָך געשטאַרקט, אָבער ס'האָט שוין גענומען שאַריען. דעם גאַנצן טאָג בין איך נאָך געשטאַנען ביים פּלויט און געהאָפט, אז עמעצער וועט מיך קומען אויסרעקלאַמירן. ליידער איז קיינער נישט געקומען און אלץ איז אזוי ווי אָפּגעשטאָרבן.

אויפן פּלאַץ האָט מען געזען האַלב־משוגענע מענטשן. ערגעצוו זע־נען געלעגן מענטשן פאַרחלשטע פון הונגער און ליידן. ס'איז ווידער גע־וואָרן נאַכט און מיר זענען נאָך אלץ געשטאַנען. נאָך א שעה וואַרטן האָט

---

*) דאָס אָבליגאַטאָרישע צושטעלן מענטשן צו א געוויסער „אַרבעט".

מען אונדז געהייסן זיך אויסשטעלן צו פינף און מאכן מושטרע. נאָכדעם זענען מיר געגאַנגען מיט אראָפּגעלאָזטע קעפּ דורך די רוישיקע גאַסן. מענטשן האָבן געלאַכט און געטומלט און אונדז איז געווען טרויעריק אויפן האַרצן.

פון ווייטן איז אָנגעקומען א צוג. די הערצער זענען ווי אָפּגעשטאָרבן און אויף די פּנימער איז געווען אויסגעגאָסן א שרעקלעכער ווייטיק. דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיר אויך. ס׳האָט אונדז פאַרפעלט אָטעם. כ׳האָב שטאַרק געדריקט דעם טאַטנס האַנט, געכאַפּט א קוק אויף זיין פּנים און געטראַכט מיט צער, אז איך זע אים צום לעצטן מאָל. צום גליק איז דער צוג אוועקגעפאָרן און אונדז האָט מען געהייסן ווייטער גיין. זיי האָבן דאָס געטון בכיוון, כדי אונדז צו צעדולן. נאָך א לענגערן מאַרש האָט מען אונדז געבראַכט אין לאָקאַל פון דער גמינע, ווו מ׳האָט אונדז איינגעשפּאַרט אין באַזונדערע צימערן.

דאָ איז געווען זייער דושנע און נישט אַנגענעם. ווידער בין איך געשטאַנען א גאַנצע נאַכט, כאָטש נישט אונטערן פרייעם הימל. ס׳איז געוואָרן טאָג. פון מיטוואָך בין איך געווען אין די הענט פון די מערדער, אָבער ערשט פרייטיק האָט מען זיך אָנגעהויבן מיט מיר צו אינטערעסירן.

דער טאַטע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דאַך און זיך דערביי אויסגעדרייט א פוס. מיר האָט זיך איינגעגעבן שפּעטער אַרויסצוגנבענען. ווען איך בין אַרויס אויף דער גאַס, האָב איך ערשט דערזען דעם חורבן. מענטשן זענען אַרומגעגאַנגען ווי צעחושטע, יתומים האָבן זיך אַרומגעשלעפּט בלייכע, פאַרוויינטע און אויסגעזען ווי מתים. מיין מומען האָט מען אויך אַרויסגעשיקט און ווען כ׳האָב דערזען אירע קינדער, האָב איך זיי נישט דערקענט, אזוי האָבן זיי זיך געביטן במשך פון די עטלעכע טעג.

געקומען אהיים, האָב איך נישט געוווסט, וואָס עס טוט זיך מיט מיר. אין שטוב איז געווען פול מענטשן און אַלע האָבן מיך אָפּגעוואַרט. איך בין צוגעגאַנגען צום פענסטער, טרערן האָבן זיך מיר געגאָסן פון די אויגן. פון ווייטן האָט מען געזען, ווי באַנען פאָרן אָפּ, מען האָט געהערט יללות פון מענטשן, וואָס מ׳האָט געפירט ווייט, קיין אָשוויענטשים, וווּ מ׳האָט געברענט מענטשן.

דעם 12טן אויגוסט וועל איך קיינמאָל נישט פאַרגעסן, ס'איז געווען א טאָג פון א טראַגעדיע.

(פּראָטאָקאָל נומער א659)

6.

אויגוסט 1942 אין לעמבערג

איין טאָג אין „יאַנאָווער" לאגער (אויף דער יאַנאָווער גאַס — נ. ג.) איז א גענוג שטאַרקע איבערלעבונג, וואָס א מענטש וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. עס זענען דערשינען אַרבעטן און זכרונות פון א ריי פּאָרשער און עדות, אָבער קיין פעדער איז נישט אימשטאַנד איבערצוגעבן דעם פּאַרנעם פון די פאַרברעכנס, וואָס זענען אויסגעפירט געוואָרן טאָג איין טאָג אויס, יעדע מינוט, איבער איינצלנע מענטשן און גרופּעס.

די נעמען פון די תלינים ווילהאוז און ראָקיטאַ זענען א גענוגנדיקע גאַראַנטיע פון אויטענטישקייט פון דאָזיקן דאָקומענט.

אין אויגוסט 1942 בין איך אַלט געווען 10 יאָר און שוין געאַרבעט, ווי א שיק־ייִנגל.

ס'איז אָנגעקומען די גרויסע אַקציע און איך האָב נישט געהאַט א שטעמפּל אויף די פּאַפּירן, ווי די דערוואַקסענע. אָבער אין אָנהייב איז מיין באַשטעטיקונג פון דער אַרבעט אויך געווען גילטיק.

די אַקציע איז פאָרגעקומען דעם 17טן. אויף די גאַסן זענען געווען סימנים פון בלוט און ס'האָבן זיך געוואַלגערט מתים.

פינף אינדערפרי. די אַקציע האָט זיך נאָך דעם טאָג נישט געהאַט אָנגעהויבן. ס'איז געווען אַזוי שטיל, אַז מיר האָבן געהערט די אייגענע טריט. מיטאמאָל שטעלט אונדז אָפּ א שטימע: האַלט, אויסווייז! דעם פּעטער האָט דער דייטש אָפּגעגעבן דעם דאָקומענט און מיך האָט ער געגעבן א שלעפּ צו צו זיך.

דער פעטער האָט אים גענומען בעטן, ער זאָל מיך אָפּלאָזן, אָבער דער דייטש האָט אים געגעבן א שמיץ מיט דער בייטש איבערן פּנים און

א געשריי געטון: וועג, לאָס! ווען דער פעטער האָט נישט געוואָלט אָפּ־טרעטן, האָט ער אים מיטגענומען מיט מיר.

דעם טאָג זענען מיר געווען די ערשטע קרבנות. ווען מ'האָט גע־ברענגט נאָך — האָט מען אונדז אָפּגעפירט אין אוקראַינישן פּאָליציי־קאָ־מיסאַריאַט. דאָ האָבן מיר געקראָגן געשלאָגן מיט גומענע שטעקנס אי־בערן פּנים, קאָפּ, רוקן. איך בין שוין געווען אינגאַנצן צעמזיקט און גע־שוואָלן, ווען 10 אין אָוונט האָט מען אונדז אריינגעזעצט אין אַן אויטאָ, כדי צו טראַנספּאָרטירן אין „יאַנאָווער" לאַגער. איך בין געווען זייער אומגליקלעך. א פאַרלייכטערונג איז נאָר געווען, וואָס מיין פעטער האָט מיר געדריקט די האַנט.

אין לאַגער האָט מען אונדז צונויפגעטריבן אויף א פעלד, וואָס איז געווען ארומגעצוימט מיט שטעכיקן דראָט. מיר זענען דאָרט געווען זייער א סך מענטשן.

אין א ווייל ארום האָבן זיך דערנענטערט צו אונדז דער לאַגער־קאָמענדאַנט ווילהאוז און דער הויפּטשטורמפירער ראָקיטאַ. צוליב שפּאַס האָבן זיי אָנגעהויבן שיסן אין אונדזער גרופּע. מחמת איבערראַשונג האָב איך נאָר געהאַלטן צוגעמאַכט די אויגן.

ס'איז שוין געווען 3 נאָך מיטאָג. איך האָב געוואָלט שטאַרק עסן און טרינקען. און דאָ האַלטן אין איין קומען נייע אויטאָס און פּלאַט־פאָרמעס מיט יידן. ארום5 אזייגער האָט מען געהייסן ארויסגיין פון דער פאַרצוימונג באַזונדער מענער און באַזונדער פרויען און קינדער.

די דייטשן האָבן ארויסגעריסן זויגקינדער פון די מאַמעס הענט און זיי געוואָרפן אויף דער ערד און ווען מ'האָט זיך אָפּגעשטעלט, כדי נישט טרעטן אויף קינדער, האָט מען געשאָסן און מען האָט געמוזט וויי־טער גיין איבער די מתים. די דייטשן האָבן געשריען: ווייטער, ווייטער לאופען, און די מוטערס האָבן שרעקלעך געוויינט.

איך בין געווען אין א גרופּע, וואָס איז געווען באַשטימט צום טויט. מיר האָבן געמוזט ליגן אויפן גראָז און זיך נישט געטאָרט רירן. יונגע און שטאַרקע מענער האָט מען גענומען צו דער ארבעט. אלע האָבן גע־זאָגט, אז מאָרגן וועט מען אונדז פירן קיין בעלזשיץ (א טויט־לאַגער — נ. ג.). די עלטערע מענטשן האָבן מיט גרויס מיטלייד געוויזן אויף אונדז,

קינדער, און מער אונדז באדויערט, ווי זיך אליין. דעמאָלס, צום ערשטן מאָל, האָב איך זיך שטארק צעוויינט.

מיטאמאָל האָב איך דערהערט א פייף, מיט וועלכן אונדזער משפּחה פלעג זיך רופן. ווי אן עלעקטרישער פונק האָט ער אויף מיר געווירקט. כ'האָב זיך אויפגעכאפּט פון אָרט און זיך גענומען ארומקוקן. א קויל איז מיר פארביי־געפלויגן, ווייל מען האָט זיך נישט געטאָרט אויפשטעלן.

כ'האָב דערזען דעם פעטער און, נישט געקוקט אויף די קוילן, זיך געלאָזט לויפן צו אים איבער קעפּ, הענט, פיס, צוריקפייפנדיק.

ארויסגעוויזן האָט זיך, אז דעם פעטער האָט מען באפרייט, ווייל ער האָט געהאט א שטעמפּל פון עסעס און ער האָט זיך באמיט מיך ארויס־צושלעפּן. אינדערפרי האָבן מיר געזאָלט ארויס.

(פּראָט. נומ' 1380. פון הירשהארן. פּראָטאָקאָלירט: איזא לאוער, פון דער קראָקעווער קאָמיסיע).

7.

„איך באשולדיק דאָס דייטשע פאָלק"

דער צופאל האָט אָפּט דעצידירט וועגן גורל פון מענטשן. עס איז שווער אויפצוקלערן, פארוואָס לידקע איז געבליבן לעבן. עס קאָן זיין, אז דער שופּאָמאן האָט מורא געהאט, אז מיוועט שטעלן א ווידערשטאנד און דעריבער געזאָגט, אז קיינער איז נישטאָ. און אפשר האָט ער אנדערער געדאנק אים אונטערגעזאָגט, אז מידארף דאָ נישט זוכן.

פון דער צווייטער זייט זעען מיר, אז לידקעס פאָטער האָט צו שטארק געגלויבט אין די דייטשע פאפירלעך און איז דעריבער געפאלן א קרבן פון דער דייטשער צוויי־פנימדיקייט.

דאָס איז געווען שבת, דעם 15טן אויגוסט 1942. אין דער גאנצער שטאָט (לעמבערג) איז די אקציע געווען אין פולן ברען. איך בין שוין זייט א וואָך צייט געווען אויסבאהאלטן מיט דער מאמען אין א קראָם,

נעבן הויז, ווו מיר האָבן געווינט און דער טאַטע מיטן ברודערל זענען געבליבן אין דער וווינונג. מיר האָבן גאָר קיין שלעכטס נישט פאַראויס־געפילט. דער טאַטע האָט באַקומען אַן אָפּגעשטעמפּלטע „מעלדעקאַרטע", וואָס איז דעמאָלס געווען דאָס גרעסטע גליק. אַזאַ קאַרטע האָט געדאַרפט באַשיצן במשך פון דער גאַנצער צייט, וואָס די אַקציע קומט פאָר און דערפאַר האָט ער אויך פאַרהאַלטן דאָס קינד ביי זיך.

ס'איז געווען זעקס דער זייגער נאָכמיטאָג, ווען דער זון פון דער קראָם־אייגנטימערין איז געקומען אַנזאָגן, אַז מען נעמט צו מענטשן מיט אָפּגעשטעמפּלטע „מעלדעקאַרטעס". ווען מיר האָבן זיך וועגן דעם דער־וווּסט, האָבן מיר געגעבן צו וויסן דעם טאַטן, ער זאָל זיך פאַר יעדן פּרייז אויסבאַהאַלטן. אָבער דער טאַטע האָט געגלויבט אין זיין דאָקומענט און זיך נישט געוואָלט באַהאַלטן. דאָס האָט אים אומגעבראַכט. נאָך אַ האַל־בער שעה זענען געקומען די שופּאָליייט *), וועלכע האָבן אַן צערעמאָניעס צעריסן די קאַרטע און צוגענומען דעם טאַטן מיטן ברודער.

ביז היינט ווייסן מיר נישט אפילו, אין וועלכער ריכטונג מען האָט זיי געפירט. יעדע שפור איז פאַרלוירן געגאַנגען.

דערווייל האָט עמעצער אונדז געמסרט און נאָך עטלעכע מינוט איז געקומען פּאָליציי, וועלכע האָט געפאָדערט פון דער הויז־וועכטערין די שליסל צו דער קראָם. זי האָט געוווּסט וועגן אונדזער באַהעלטעניש און נישט געוואָלט געבן. די געשטאַפּאָ האָט געזוכט אין די טירן און ווען קיינער האָט נישט געעפנט, האָבן זיי אויפגעבראָכן. כדי אַריינצוקומען אין קראָם, האָט מען געמוזט דורכגיין אַ קליינעם קאָרידאָר. ווען איינער פון די תלינים האָט אָנגערירט די קליאַמקע פון דער טיר און מיר זענען אין פּאַנישן שרעק אַריינגעלאָפן אין צווייטן צימער, האָב איך נישט ווילנ־דיק אָנגערירט אַ שיסל, וועלכע איז אַראָפּגעפאַלן אויפן דיל און אַרויס־געגעבן אַ הויכן קלאַנג. איצט זענען מיר געווען זיכער, אַז מיר זענען פאַר־לוירענע. ווי פאַרוווּנדערט זענען מיר אָבער געווען, ווען דער שופּאָמאַן,

---

*) שופּאָ — שוץ-פּאָליציי.

וואָס איז געגאַנגען דער ערשטער, האָט געזאָגט, אז מ׳קאָן ווייטער גיין, ווייל דאָ איז קיינער נישטאָ. מיר זענען געווען געראַטעוועטע.

איצט האָב איך זיך ערשט אָפּגעגעבן א חשבון דערפון, סארא שרעק־לעכע טראגעדיע עס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין משך פון דער איינער שעה.

איך בין געבליבן לעבן, אָבער דער טאַטע און דער ברודער זענען שוין נישט געווען. כ׳האָב געוואָלט וויינען און נישט געקאָנט.

כ׳בין געווען ווי פארשטיינערט. אין משך פון די פיר יאָר אָקופּאַציע האָב איך נאָך א סך איבערגעלעבט, אָבער די אקציע וועל איך קיינמאָל נישט פארגעסן.

איך געדענק זייער גוט, ווען בעת דער נאָוועמבער־אקציע בין איך אונטער די שאָסן פון דער אוקראַינישער פּאָליציי אנטלאָפן פון געטאָ. עס איז אויך שווער צו פארגעסן די טראגישקייט פון טאָג איין טאָג אויסיקן מארש דורכן טויער ביי די קלאנגען פון אָרקעסטער און גלייכצייטיק קנאלן פון די ביקסן און הרגענען פון מענטשן.

נאָך היינט שטייט מיר פאר די אויגן דער 5־6 יאנואר 1943. די געטאָ ברענט. און צום סוף דעם 1טן יוני 1943, די ליקווידאציע פון געטאָ און דאָס מאָרדן פון קינדער און זקנים אין יאנאָווער לאגער. איך זע דאָס אלץ, לעב עס איבער נאָכאמאָל, אָבער דער 15טער אויגוסט 1942 שטייגט איבער אלע געשעענישן — דער טויט פון טאטן און ברודער. איך ווייס נישט, צי דער וואָס האָט דעם גיהנום פון אזא אקציע נישט דורכגע־לעבט, איז אימשטאנד מיך צו פארשטיין.

איך, וואָס כ׳האָב נישט איינמאָל אויף מיין אייגענער הויט געפילט נישט איין צרה און וואָס בין געטראָפן געוואָרן דירעקט דורכן פארלירן פון מיינע נאָענטסטע, איך באשולדיק הונדערטפאך דאָס דייטשע פאָלק פארן טויט פון מיין טאטן, פון מיין ברודער און פאר דעם פּיין פון זעקס מיליאָן ברידער און שוועסטער.

(פּראָט. נומ. 1382 פון לידקע שטערן פּראָטאָקאָ־
לירט: איזא לאוער, פון דער היסט. קאָמ. אין קראָקע).

8.

„לאָזט מיר דאָס קינד!"

פעסטלע וואלטער, די טאָכטער פון ישראל און פערל, איז גע־בוירן דעם 25סטן דעצעמבער 1934 אין אָסטראָוויעץ ביי קעלץ, אָפּאטאָווער פּאָוויאט. זי האָט פארלוירן דעם פאָטער אין אָשוויענ־טשים. צוויי עלטערע שוועסטער זענען אומגעקומען אין אָקטאָ־בער 1942 בעת אַן אקציע אין אָסטראָוויעץ.

אין איר דערציילונג איז אינטערעסאנט נישט נאָר סיפור המעשה, נאָר אויך די אָפּשאצונג פון געוויסע פאקטן. דערציי־לנדיק וועגן ברודער, וואָס האָט נישט געוואָלט ווערן א מיליציאָ־נער, גיט זי צו א מאָטיוואציע ווייל „ער האָט א גוט הארץ און האָט נישט געוואָלט טרייבן די יידן". וועגן די דייטשן זאָגט זי, אַז „זיי האָבן געטון אלעמען אויף צו להכעיס".

ריכטיק איז דעריבער די כאראקטעריסטיק, וואָס די פּראָטאָ־קאָלאנטין, ד"ר אייכהאָרן, האָט אויסגעשטעלט פעסטלען, ווי „א קלוג און רייף קינד".

דעם 7טן אָקטאָבער 1942, שבת צונאכטס, איז געקומען דער ברו־דער מיט א געוויין, ווייל זיין חבר, א מיליציאַנער, האָט אים געזאָגט, אַז צומאָרגנס וועט מען ארויספירן יידן. מיין ברודער האָט אויך געקאָנט ווערן א מיליציאָנער, נאָר ער האָט נישט געוואָלט, ווייל ער האָט א גוט הארץ און האָט נישט געוואָלט טרייבן די יידן.

א צעטומלונג האָט שוין געדויערט א וואָך צייט און אפילו קיין טשאָ־לענט האָט מען אין אויוון נישט ארייגעשטעלט, ווייל ס'איז קיינעם נישט געלעגן אין קאָפּ. דער ברודער מיטן פעטער האָבן געמאכט א באהעלטעניש אויפן פּלאַץ פון א ברעטער־סקלאד, וואָס האָט געהערט צום זיידן פון מיין קוזינע. די באהעלטעניש איז געווען גענוג גרויס, אָבער זייער נידעריק. איך האָב דאָרט געקאָנט שטיין, די מאמע האָט געמוזט בלויז זיצן. ס'איז דאָ געווען די גאנצע משפחה און פיר פרעמדע מענטשן, צוזאמען פיר און

פערציק מאַן. די באַהעלטעניש איז געווען געמאַכט אונטער דער ערד, ביים פּלויט און איין לייסט פון פּלויט איז געווען א ביסל ארויפגעצויגן איבער דער ערד. דורך דער עפענונג האָבן מיר געזען, וואָס עס טוט זיך אין דרויסן.

צו עסן האָבן מיר גענומען מיט זיך אויף איין טאָג, אזוי אז צו־מאָרגנס האָבן מיר נישט געהאַט וואָס צו עסן. דער ברודער האָט זיך אויס־באַהאַלטן ביים חבר, דעם מיליציאַנער און ער האָט זיך געהאַט מיט אונדז אָפּגערעדט, אז ער וועט געבן א שטאַרקן שטויס מיטן פוס, וועט דאָס זיין א סיגנאַל מיר זאָלן עפענען.

מיין ברודער איז געווען זייער א גוטער און ער האָט א סך מענטשן געראַטעוועט, נאָר די שוועסטער האָט ער נישט געקאָנט העלפן.

פון אונדזער באַהעלטעניש האָבן מיר געזען, ווי מ׳טרייבט מענטשן. קינדער האָבן שטאַרק געוויינט. די מאַמעס האָבן געבעטן די דייטשן, מ׳זאָל זיי גיכער שיסן, איידער די קינדער. ווען א מאַמע האָט צו שטאַרק גע־טוליעט א קינד צו איר ברוסט, האָט עס א דייטש אויסגעריסן ביי איר און געהרגעט, איבערלאָזנדיק די מוטער.

אזוי האָבן זיי געטון אַלעמען אויף צו להכעיס.

ס׳איז געפאָרן א וואָגן מיט קינדער, קליינע און גרויסע. א גרויסער הונט פון עסעסמאַן פּעטער איז נאָכגעלאָפן פון הינטן. די קינדער האָבן שטאַרק געוויינט און געשריען. עלטערע מענטשן און דערוואַקסענע קינ־דער האָבן די דייטשן געטריבן צופוס, שטופּנדיק זיי און שלאָגנדיק מיט די קאָלבעס פון די ביקסן.

איין פרוי האָט געשריען „לאָזט מיר דאָס קינד!". דעמאָלס האָט א דייטש פאַר אירע אויגן געטויט דאָס קינד.

אויפן דריטן טאָג האָט דער ברודער ארויסגערופן די שוועסטער, זאָגנדיק, אז זיי קאָנען ארויסגיין, ווייל זיי האָבן ארבעטס־קאַרטן *). אויף די ארבעטס־שטעלעס, האָט ער געזאָגט, וועט מען זיין זיכערער. פאַראַן אפילו מענטשן, וואָס גיבן זייער פיל געלט, כדי זיך ארייננצובאַקומען אין

*) איין שוועסטער איז אַלט געווען 17, די צווייטע — 18 יאָר.

די „פלאַצוווקעס" (אַרבעטס־שטעלעס). די שוועסטער האָבן געפאָלגט און אַרויסגעגאַנגען.

די דייטשן האָבן אָבער אויסגעשטעלט אַלע מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען צו דער אַרבעט און אויסגעקליבן אַלטע און שוואַכע צום בלייבן און יונגע אויף אָוועקצושיקן. די שוועסטער האָבן זיך געוואָלט דורכרייסן צו די, וואָס דאַרפן בלייבן, אָבער אַ יידישער פּאָליציאַנט, וויינוווּרצעל, האָט זיי אָפּגעשטויסן און זיי זענען געגאַנגען אויף טויט.

אויפן צווייטן טאָג איז דער ברודער געקומען, האָט אָבער דער מאַמען גאָרנישט נישט געזאָגט. ווען די מאַמע האָט געפרעגט „ווו זענען מיינע קינדער?" האָט ער געענטפערט, אַז אויף דער „פלאַצוווקע". אָבער איך האָב געוווּסט, וואָס ס'איז געשען, ווייל דער ברודער האָט מיר דערציילט.

(פּראָט. נומ. 1114 פון פעסל וואַלטער. פּראָטאָקאָליִרט: ד״ר ל. אייכהאָרן, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

9.

האָראָדענקע און טלוסטע

דוניא בערמאַן, 15 יאָר אַלט, פון האָראָדענקע, סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדסטווע.

די עלטערן — סוחרים; אומגעקומען פון די דייטשישע רוצחים.

זי געפינט זיך איצט אין קאַטאָוויץ.

— מיינע קינדער־יאָרן האָב איך פאַרבראַכט אין אַ קליין שטעטל — האָראָדענקע, סטאַניסלאַווער וואָיעוואָדשאַפט. 1939 האָט זיך אָנגעהויבן דער קריג און ס'איז אַריינגעקומען די רויטע אַרמיי. דאַמאָלס בין איך אַלט געווען 10 יאָר.

1941 יאָר, ווען די רויטע אַרמיי איז אַוועק, זענען די ערשטע פּאָר טעג געווען די אוקראַינער. זיי האָבן זיך גענומען צו יידן, האָבן אָבער קיינעם נישט געהרגעט, נאָר גערויבט.

נאָך אַ וואָך אוקראַינישע הערשאַפט זענען אַריינגעקומען די אונ־

גארן. זיי האָבן אונדז קיין לייד נישט געטון. שפּעטער זענען אריינגעקומען די דייטשן און עס איז געוואָרן שווער צו לעבן. ערשטנס האָבן זיי געמאַכט א יידיש פּערטל און האָבן אָפּגעצייכנט די יידן מיט א בענדל אויף די הענט.

ד י ע ר ש ט ע א ק צ י ע איז געווען דעם 11. 12. 1941. 2500 יידן, צווישן זיי 3 דאָקטוירים, זענען דעמאָלס אומגעקומען. זיי האָבן די דאָקטוירים פאַרנארט כלומרשט צו וואקצינירן די קינדער. די איבעריקע יידן אויף „איבערזידלונג". מען האָט אלע יידן צונויפגעטריבן אין דער הויכער שול. דאָרט איז געווען אזוי ענג, אז מען האָט זיך דאָרט געדריי־שעט. ערשט דעם צווייטן טאָג האָט מען אלע מיט אויטאָס אָפּגעפירט קיין סעמאַקאָוויעץ ביים דניעסטער. דער דניעסטער ליגט אין א טיפן יאר, האָט מען א טייל קינדער אין וואסער אראָפּגעוואָרפן.

אין סעמאַקאָוויעץ זענען שוין געווען אויסגעגראָבן צוויי גריבער, וווהין מען האָט אלע אויסגעשאָסן. א שמאָל ברעט איבערן גרוב, ווו מען איז ארויפגעגאנגען און דערנאָך אריינגעפאלן טויט אין גרוב. ביינאכט זענען פון די גריבער ארויסגעקראָכן דעם שוחטס פרוי און מיין קוזין. די דייטשן האָבן דערנאָך די 2 מענטשן ארומגעזוכט, אָבער נישט געכאַפּט. דער „יודנראט" האָט דעם אנדערן טאָג באקומען א רעכענונג פון דער געשטאַפּאָ צו באַצאָלן פאר די קוילן, מיט וועלכע מען האָט די יידן דער־הרגעט.

נאָך דער אקציע האָט מען די יידן פארמאכט אין געטאָ. מיר האָבן נישט געטאָרט גיין אויפן טראָטואר, נאָר אויף דער שטראָס. אלע האָבן שווער געארבעט. די יידן האָבן געמוזט מיט געזאנג גיין דורך דער שטאָט צום שפּאָט פון דער באפעלקערונג.

ד י צ ו ו י י ט ע א ק צ י ע *). „רעיעסטראציע" איז פאָרגע־קומען ראש־השנה 1942. מען האָט פארנארט די יידן. מען האָט געזאָגט, אז מען וועט אלע פאררעיעסטרירן און מענטשן, וועלכע מען באדארף האָבן, ספּעציעל די יונגע וועלן באקומען רויטע בענדלעך און ווער עס

*) דאָ איז דורכגעלאָזן איין אקציע. פארגלייך קאפּיטל 13.

װעם נישט האָבן קײן בענדל, װעלן זײ שיסן. צו דער רעיעסטראַציע האָט מען צונױפגעיאָגט קײן האָראָדענקע אַלע יידן, פון די אַרומיקע שטעטלעך. צוזאַמען מיט די האָראָדענקער זענען געװעזן 6000 מענטשן. אַלע יידן האָט מען אײנגעשלאָסן 5 טעג אין הױף און פון דאָרט געפירט קײן בעלזשיץ. נאָר 81 יידן האָבן באַקומען די רױטע בענדלעך און פאַרבליבן אין האָראָדענקע. אין הױף האָבן 20 יידן זיך אױסגעגראָבן אַ בונקער און אַזױ זיך געראַטעװעט. מײן טאַטע איז אױך געװען מיט די, װאָס זענען געפירט געװאָרן קײן בעלזשיץ. אַזױ אַרום איז האָראָדענקע געװאָרן „יידן־ריין". אין 2 חדשים אַרום האָט מען די 81 מענטשן אױסגעהרגעט. די פאַרבליבענע נאָך „יודן־ריין" זענען טײל אַװעק אין קאָלאָמײער געטאָ, טײל קײן טלוסטע, װו ס'איז קײן געטאָ נאָך נישט געװען, נאָר אַ קלײנער טײל איז אַריבער קײן רומעניע. מיר זענען אַװעק קײן טלוסטע.

דעם 27. 5. 1943 איז געװען אַן אַקציע אין טלוסטע. עס זענען דער־הרגעט געװאָרן 3750 יידן. מײן מאַמע און מײן שװעסטער אױך. דאַמאָלס בין איך פאַרװונדעט געװאָרן אין דער פּלײצע. איך בין געבליבן אַ יתומה. די װונד האָט זיך שװער געהײלט, אָן שום הילף.

10 טעג שפּעטער איז געװען נאָך אַן אַקציע. עס זענען אומגעקומען 1000 יידן. די רעשטלעך ייִנגערע און שטאַרקערע מענטשן האָט מען פאַר־מאַכט אין אַ קלײן געסל, אַרומגענומען מיט אַ פּלױט און שטעכיקע דראָט. די עלטערע און שװאַכע האָט די געשטאַפּאָ אױסגעהרגעט.

ד ע ר ל א ג ע ר א י ן ט ל ו ס ט ע. דעם 27. 6. 1943 האָט מען געשאַפן דעם לאַגער. אַהין זענען אַרײן די רעשטלעך פון יידן פון אַרומיקע שטעטלעך. עס זענען געװען נאָר עלטערע פון 17 יאָר. פון ייִנ־גערע בין געװען נאָר איך און נאָך אַ מײדל, 10 יאָר אַלט. פון לאַגער האָבן די יידישע מיליציאַנטן מיך געטריבן. נאָר לאַנגזאַם האָב איך אָנ־געהױבן גוט צו אַרבעטן און בין פאַרבליבן אין לאַגער. אַזױ איז פאַר־גאַנגען דער זומער און ס'איז געקומען אַ שװערער װינטער פון קעלט, שמוץ, הונגער און נױט. אין לאַגער זענען געװען 600 יידן. קײן אַקציעס אין לאַגער זענען נישט פאָרגעקומען. אין פעברואַר 1944 האָט אונדז באַ־פרײט די רױטע אַרמײ. איך װיל װאָס שנעלער זײן אין אונדזער לאַנד און

מיט אַלע כוחות העלפן בויען, ס'זאָל זיין וואָס שטאַרקער, אַז מיר זאָלן קענען נוקם זיין זיך אין די מערדערס פון אונדזערע עלטערן, שוועסטער און ברידער.

(פראָט. נומ. 515. פּראָטאָקאָלירט: ד״ר ווייץ, פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קאַטאָוויץ).

.10

די „אקציעס" אין באָריסלאַוו

די דאָזיקע גבית־עדות נעמען אַרום אַ שלל מיט פּרטים, וואָס שילדערן דעם גאַנצן קאָמפּלעקס פון דייטשע פּאַרברעכנס, דאָס באַנעמען זיך פון דער יידישער מיליץ, פּערזענלעכע איבערלע־בונגען און דער עיקר — פאַקטן. די איצט 14 יאָריקע פרידא קאָך —ווען זי האָט אָפּגעגעבן די גבית־עדות, איז זי אַלט געווען 12 יאָר— זאָגט אַפילו אויף איר קינדערשן אופן, אַז זי איז ביכולת צו באַשרייבן פאַקטן, הגם זי קאָן נישט איבערגעבן, וואָס זי האָט דעמאָלס געפילט. נישט ווילנדיק כאַפּט זיך ביי איר אַרויס אַ פראַזע „כיהאָב געוואָלט, כיהאָב אַזוי שטאַרק געוואָלט לעבן". דאָס איז געווען איר געפיל און דערפאַר האָט זי נישט דערלאָזט צו זעלבסטמאָרד, דערפאַר האָט זי זיך אויסבאַהאַלטן אין קלאָזעט, אין אַ קעסל און פאַרשטעקענישן, דערפאַר איז זי אַנטלאָפן פאַר די רוצחים אא״וו. אַ מערקווירדיקער זכרון ביי פרידאן, זי פאַרמאָגט אַזוי פיל געגעבענע און פלאָנטערט זיי נישט צונויף.

היינט געפינט זי זיך אין קינדערהויז אין קראָקע. איר פאָ־טער איז אומגעקומען דעם 16טן פעברואַר 1943 אין דראָהאָ־ביטש, די מוטער מיט אַ ברודער אין מאַי פון זעלבן יאָר.

ע ר ש ט ע   א ק צ י ע. מיר האָבן געוווינט אין באָריסלאַוו. ווען די דייטשן זענען אַריין, האָבן די אוקראַאינער אָנגעהויבן צו כאַפּן יידן

אויף אַרבעט. אין אָנהייב פֿלעגן די געכאַפּטע זיך צוריקקערן אַ היים, אָבער נאָך אַ געוויסער צייט איז פֿאָרגעקומען אַ „לאַפּאַנקע" און אָנשטאָט אויף אַרבעט האָט מען אַלעמען אָפּגעפֿירט אין פּאָליציי־אַמט אויף פּאַנסקאַ־גאַס און דאָרט דערמאָרדעט.

מיין טאַטע האָט שפּעטער מיט טאַטשקעס אַרויסגעפֿירט די מתים, ווייל מ'האָט זיי דאָך געדאַרפֿט מקבר זיין. איך האָב מיך צוזאַמען מיטן ברודער אויסבאַהאַלטן אויפֿן בוידעם און צוגעדעקט מיט שמאַטעס. די אוקראַינער האָבן גענישטערט אויפֿן בוידעם, געקלאַפּט מיט אייזערנע שטאַנגען און ווען זיי האָבן אונדז אַנטדעקט, האָט איינער געזאָגט „טשאָ־לאָוויק אי זשינקאָ — בודעט כאָראַשע מיאַסאָ" *). שפּעטער האָבן זיי געזען, אַז מיר זענען קינדער און אונדז אָפּגעלאָזט. דעמאָלס האָט מען נאָך קינדער גאָרנישט נישט געטון.

פֿון די קלעפּ, וואָס כ'האָב באַקומען אונטער די שמאַטעס, האָב איך געהאַט אין גאַנצן בלויע צייכנס אויף די פּלייצעס.

אַ געוויסע צייט איז געווען רואיק.

צ ו ו י י ט ע   א ַ ק צ י ע . נאָך אַ געוויסער צייט זענען די אוקראַי־נער מיט אַ דייטשן קאָמענדאַנט געגאַנגען איבער די וווינונגען און לויט אַ רשימה גענומען מענטשן, בפֿרט אינוואַלידן און קראַנקע.

ס'האָט געהערשט אַ שרעקלעכער הונגער. מענטשן זענען געשוואָלן געוואָרן און אַפֿילו קרייטעכצער איז שווער געווען צו געפֿינען. הונדער־טער מענטשן זענען געשטאָרבן. איך בין נאָך דעמאָלס נישט געווען הונ־געריק, ווייל מיין טאַטע איז געווען אַ בעקער, האָט געאַרבעט און נאָך געהאָלפֿן אַנדערע מענטשן.

ד ר י ט ע   א ַ ק צ י ע . ס'איז געווען פֿרילינגס צייט און גע־דויערט אַ וואָך. מ'האָט געזאָגט, אַז מ'וועט נעמען קינדער. איך האָב זיך פֿאַרשטעקט אין קעלער און דער ברודער אויפֿן דאַך הינטערן קוימען. אַנטקעגן האָט געוווינט איינער שוואַרץ, וואָס איז שטענדיק געווען גוט אינפֿאָרמירט, ווייל ער האָט גוט געלעבט מיט די מענטשן פֿון „אָרדנונגס־

*) אַ מאַן און אַ פֿרוי — ס'וועט זיין גוט פֿלייש.

דינסט". זיינע קינדער האָבן זיך געשפּילט אויפן גאנעק, איז דאָס געווען א סימן, אז קינדער וועט גאָרנישט געשען. דעם אנדערן טאָג זענען מיר געגאנגען צום פעטער. דער פעטער האָט געארבעט אין אפּטייק. אין אפּ־טייק־מאגאזין זענען געווען פארבאהאלטן 10 מענטשן. עס איז געווען דוש־נע פון די אלע מעדיקאמענטן, די מומע האָט זיך דערוווּסט, אז אין אפּ־טייק וועט זיין א רעוויזיע און מיר זענען פון דאָרט אוועק. אויף ביינאכט האָבן מיר זיך באהאלטן אין קלאָזעט. דאָרט איז געלעגן שוין איין יידישע פרוי. די גאנצע נאכט האָט זי זיך נישט גערירט און מיר האָבן געמיינט, אז זי איז טויט. אינדערפרי האָט אונדז דער פעטער גענומען אויפן בוי־דעם איבער דער אפּטייק. דורכן פענסטער האָט דער פעטער געזען — מיך האָט מען צום פענסטער נישט צוגעלאָזט— ווי מען טרייבט מענטשן מיט און אָן באגאזש צום באן. מיר האָבן פארשטאנען, אז מען פירט זיי צום טויט, קיין בעלזשיץ, אויף אן עלעקטרישן שטול אָדער ווי מען האָט אויך געזאָגט אויף אן עלעקטריזירטער פּליטע *). איך ווייס נישט גענוי, וואָס ס'איז דאָרט געווען, אָבער איך ווייס, אז זיי זענען געגאנגען צום טויט. אין שטאָט האָט מען אלעמען געכאפּט. מ'האָט געצאָלט קליינע פּוילישע יינגלעך געלט פאר אויפדעקן יידישע פארשטעקענישן.

דריי טעג זענען מיר געווען אויפן בוידעם. די טאָרבע מיט פּראָ־דוקטן איז איבערגעבליבן אין קלאָזעט. אז ס'האָט זיך א ביסל בארואיקט, איז דער ברודער אראָפּגעגאנגען זי ברענגען. מיר האָבן געגעסן קארטאָפל, כאָטש זיי זענען שוין געווען פארפוילטע.

דעם טאטן האָט מען געכאפּט, נאָר עס האָט זיך אים איינגעגעבן צו אנטלויפן. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אהיים. א סך באקאנטע האָבן מיר שוין נישט געטראָפן. דער טאטע האָט פארשטאנען, אז מ'דארף עפּעס טון. ער האָט אין הויף אוועקגעשטעלט א מיסטקאסטן און פון אונטן אויסגעגראָבן א יאמע. ארום הויף האָט ער געמאכט א הויכן פּלויט. אפשר אין א צוויי חדשים איז אויסגעבראָכן א פרישע אקציע.

---

*) דער טויטלאגער אין בעלזשיץ איז געווען שטארק מאסקירט. אויסער איין עדות (ר. רעדער), וואָס האָט זיך צופעליק אָפּגעראטעוועט, איז פון בעלזשיץ קיינער נישט ארויס.

פ ע ר ט ע א ק צ י ע. די מאמע האָט זיך נישט געוואָלט באַ־האַלטן אונטערן מיסטקאַסטן און דעריבער זענען מיר געגאַנגען צום פער־טער. איצט איז דאָרט געווען אַ באַהעלטעניש אונטערן דיל. געווען זענען דאָרט 13 מענטשן. די דייטשן זענען געקומען אין אַפּטייק, געפּאַרשט דעם דיל און געקומען צו דער איבערצייגונג, אַז אונטער אים איז גאָרנישט פאַראַן. אין דעם דאָזיקן „סכראָן" איז אויסגעקומען בלויז צו ליגן, זיצן איז שוין געווען זייער שווער. שפּייז איז געווען צוגעגרייט פון פריער. פיר טעג זענען מיר דאָ אָפּגעווען.

מיין קוזין האָט מען געכאַפּט. ער האָט דעמאָלס אָפּגעריסן אַ שטיק העמד, געמאַכט זיך אַן אַרעמבענדל מיט אַן אויפשריפט „אָרדנונגסדינסט" און פון וואָקזאַל האָט מען אים צוריקגעשיקט. אויך אַנדערע מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַזוי צו טון און די דייטשן האָבן גענומען פאָדערן אויך אַ שטעמפּל אויף די בענדלעך.

ווען די אַקציע האָט זיך געענדיקט, זענען מיר ביינאַכט אַהיימגע־גאַנגען. איך קוק זיך אַרום און קאָן נישט פאַרשטיין, אַז דאָס איז מיין היים. ריין, אַלץ שטייט אויף אַן אָרט. איך בין שוין געוווינט געווען צום „סכראָן", ווו ס'איז ענג און ס'שיט זיך אויפן קאָפּ.

ווידער אַ פּאָר רואיקע וואָכן. דער טאַטע פירט אַ בעקעריי און אונ־דזער געבעקס שמט פאַר דאָס בעסטע. אָבער וואָס קומט אַרויס דערפון. אַנדערע האָבן געהאַט וויינאַקער און בעסער געלעבט. אויף אונדז האָט זיך אָנגעזעצט עפּעס אַ פּוילישער בעקער, כסדר געמסרט און מיר האָבן געמוזט צאָלן שטראָפן. ער האָט געוואָלט צונעמען די מאַשין צו מאַכן „ליאָדעס" (אייזקרעם) און ווידער האָבן מיר זיך געמוזט אויסקויפן, ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן. ער האָט די מאַשין באַקומען. אַ דאַנק אים האָט מען צוגענומען דעם טאַטן און נאָך אַ צוקערניק, לינהאַרד.

איצט זיצט ער אין תפיסה.

פ י נ פ ט ע א ק צ י ע. יעדן טאָג פלעג איך גיין הינטערן שטאָט קויפן מילך ביי די פּויערטעס. איינמאָל, ווען איך האָב זיך אומ־געקערט אין שטאָט אַריין, האָט מיך אַ פּוילישע פרוי געוואָרנט, איך זאָל נישט גיין אין שטאָט אַריין, ווייל מען כאַפּט. איך האָב געמיינט, אַז מען

באַפּט בלויז צו דער אַרבעט. שפּעטער האָב איך באַגעגנט חברטעס, וואָס זענען אַנטלאָפן פון שטאָט. מיר האָבן נישט געוואָלט גיין אַלע צוזאַמען און זיך צעשיידט. איך בין געגאַנגען דורכן „שמעלץ" (אַ פּלאַץ אַזאַ, אויף וועלכן ס'איז שטענדיק געלעגן אָפּפאַל פון אייזן, רעלסן אאַ"וו) און אַנט־לאָפן צו אַ באַקאַנטער יידישער פרוי. מיר האָבן זיך דאָרט באַהאַלטן אויף אַ בוידעם. ווען די דייטשן האָבן אַרומגעשמעקט, האָבן מיר זיך פאַררוקט אין אַ באַהעלטעניש, וואָס פון דרויסן האָט מען עס נישט אָנגעזען. מ'איז אַהין אַריין דורך אַן עפענונג אויפן בוידעם. די דייטשן זענען דאָ אפילו געווען, אָבער נישט אָנגעטראָפן.

איך האָב זיך שטאַרק געשראָקן, ווייל כ'האָב נישט געוווסט, וואָס ס'איז פאָרגעקומען אין דער היים, און צי זיי וויסן, אַז ס'קומט פאָר אַן אַקציע. אפשר האָט מען זיי צוגענומען! אויפן פערטן טאָג איז געווען אַן איבעררייס אין דער אַקציע און דער טאַטע איז געקומען זיך דערוויסן, וואָס איז געשען מיט די קינדער פון דער באַקאַנטער, וועלכע האָט ביי אונדז געאַרבעט און זיך געכאַוועט. איך קאָן נישט באַשרייבן זיין פרייד, ווען ער האָט מיך דערזען. זיי, אין דער היים, זענען געווען איבערצייגט, אַז איך בין שוין אין זאַל פון קינאָ „קאָלאָסעאום", וווּ מ'האָט צונויפגע־קליבן די געכאַפּטע מענטשן. דער טאַטע האָט זיך שוין געהאַט באַמיט, ריזיקירנדיק מיטן לעבן, ביי די אָדעלייט *), געגעבן געלט, מ'זאָל מיר קויפן עסן און צוגעזאָגט 5000 זלאָטי, אויב מ'וועט מיך אַרויסשלעפּן פון דאָרט. איצט בין איך געגאַנגען מיטן טאַטן אַ היים, ד"ה אין באַהעלטעניש אונטערן מיסטקאַסטן.

די אַרבעטנדיקע יידן האָבן אין יענער צייט באַקומען בענדער מיטן **אות** „A" („אַרבייטסדינסט") און זיי האָט מען נישט געטשעפּעט. די דאָזיקע אַקציע האָט געדויערט אַ חודש צייט, אין האַרבסט 1942. זונ־טיק איז געווען אַ הפסקה. מיר פלעגן דעמאָלס גיין אין דער וווינונג און באַקן פלעצלעך אויף אַ גאַנצע וואָך. אין אָוונט פלעגט מען אויך נישט פירן די אַקציע. דער טאַטע האָט באַצאָלט איינעם, וואָס האָט געהאַט

---

*) אָרדענונגס-דינסט.

דעם צייכן "A", ער זאָל אונדז שטענדיק מודיע זיין, ווען די אַקציע הערט אויף. ווען ער פלעגט אָנקלאַפּן אין פּלויט, איז דער טאַטע ארויסגעגאַנגען עפּעס אָפּקאָכן צום עסן. די איבעריקע זענען נישט ארויסגעגאַנגען. מיר זענען דאָרט געווען פינף מענטשן: דער טאַטע, די מאַמע, די באַבע, דער ברודער און איך. ס'איז געווען ענג, נישט מעגלעך געווען אויסצושטרעקן די פיס און מיר האָבן זיי געהאַלטן איינער אויפן צווייטן. אזוי האָט געדויערט א גאַנצן חודש.

די מענטשן אין קינאָ האָט מען דעם גאַנצן חודש געהונגערט. אמת, די יידישע קיך האָט צוגעשיקט עסן, אָבער ס'איז געווען א טראָפּן אין ים.

נאָך דער אַקציע האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן וועגן ליקווידאַציע פון יידן. דער טאַטע מיטן פעטער און ברודער האָבן גענומען בויען א באַהעלטעניש אין הויף און מיר אַלע האָבן צוגעהאָלפן. ס'איז געווען מיט אַלע באַקוועמלעכקייטן, אָבער דורך א מסירה פון פּוילישן בעקער זענען געקומען דייטשן אויף א רעוויזיע און אַנטדעקט דעם אָרט און אַלץ צוגענומען.

א טייל פון באַהעלטעניש האָט דער טאַטע דאָך פאַרזיכערט. קיינער האָט נישט געהאָלפן, ווייל קיינער האָט נישט געגלויבט, אז ס'וועט נאָך צו עפּעס נוצן. און דאָ האָבן מיר איבערגעלעבט די

ז ע ק ס ט ע   א ק צ י ע. דאָס מאָל איז דער אות "R" (ריסטונג, ד"ה באַוואָפענונג־אַרבעטער) געווען דער אויסלייזער און דער טאַטע האָט אים אויך באַקומען. דעם ערשטן טאָג האָט מען אים פאַרהאַלטן און באַלד ארויסגעלאָזט. דעם צווייטן טאָג איז ער געקומען זען, וואָס עס הערט זיך מיט אונדז און געטראָפן אין שטוב צוויי דייטשן. אין דער היים איז ביי אונדז געווען א סך מעל. דער טאַטע האָט זיך געוואָלט אויסקויפן ביי די דייטשן און זיי געגעבן 1500 זלאָטי. זיי האָבן אָבער געהייסן דאָס מעל אָפּטראָגן צו דער פּאָליציי. דאָס האָב איך זיך דערוווסט פון א יידישן מיליציאַנער, ווייל דער טאַטע איז שוין מער נישט אהיימגעקומען. דער דייטש האָט דערציילט, אז דער טאַטע איז א שפּעקולאַנט, האָט אים געוואָלט אונטערקויפן און אַראָפּנעמענדיק דעם "R" געהייסן דעם טאַטן אָפּפירן אין קינאָ. דאָרט האָט מען דעם טאַטן געהאַלטן איין טאָג, איבער־

געשיקט צום שלאַכטהויז און דערשאָסן. מיר האָבן נאָך וועגן דעם גאָרנישט נישט געוווסט. די מאַמע האָט עטלעכע טעג געשוויגן וועגן דעם. דער פעטער, דער אַפּטייקער, האָט געגעבן דער מאַמען דריי פּאָרציעס סם פאַר א פאַל, אז ס׳וועט שלעכט האַלטן מיט אונדז. די מאַמע האָט געוואָלט, מיר זאָלן גלייך איינגעמען דעם סם. מיר האָבן נישט געוואָלט און געטרייסט דער מאַמען, אז דער טאַטע וועט זיך נאָך אומקערן און דעריבער האָט זי נישט קיין רעכט דאָס צו טון.

אָן אויפהער זענען אויסגעבראָכן פּאַניקעס און מענטשן האָבן זיך געהאַלטן אין איין אויסבאַהאַלטן. די מאַמע האָט זיך דערוווּסט וועגן א באַהעלטעניש אין דערעזשיצע ביי דראָהאָביטש. דאָרט איז געווען איינגעמויערט א גרויסער קעסל, אין וועלכן ס׳האָבן זיך געקאָנט אויסבאַהאַלטן צען מענטשן. דעם וועכטער האָט די מאַמע באַצאָלט און מיר וואָלטן דאָ געקאָנט זיצן ביזן סוף פון דער מלחמה. א ייד האָט אונדז געטראָגן עסן. אָבער שוין נאָך א וואָך איז פאַרוועֶרט געוואָרן די יידן אומצוגיין אין גאַס און מיר האָבן געמוזט ארויס פון דאָרט. איבעריק גוט איז דאָרט אויך נישט געווען. ס׳האָט געפעלט וואַסער, פון דער גערדיכטער לופט האָט אָנגעהויבן טריפן אויף אונדז מיט ראָפּע. מיר האָבן געקאָכט אויף „פּרימוס״ און וועגן וואַשן זיך איז קיין רייד נישט געווען. באַדערפעֿנישן האָבן מיר דערליידיקט אין אן עמער, וועלכן מיר פלעגן ביינאַכט אויסגיסן.

מיר האָבן זיך אומגעקערט אין געטאָ. נאָך א געוויסער צייט איז געווען א „לאַפּאַנקע״. מיר האָבן זיך געלאָזט אַנטלויפן אין וואַלד אריין, אָבער אויפן וועג זענען אונדז באַפאַלן פּוילישע שקצים, געוואָרפן שטיינער און צו נישט געמאַכט אונדזער פּלאַן. די מאַמע האָט זיך געמוזט אויסקויפן פון זיי און מיר זענען געגאַנגען אויף צוריק. מיר האָבן אויפן וועג אָנגעטראָפן א פּוילישע פרוי, וועלכע האָט אונדז אָפּגעראַטן צו גיין אין שטאָט אריין, ווייל מ׳שיסט דאָרט. מיר האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אונטער א בריקל. ס׳איז געווען פרילינג, אָבער זייער קאַלט. פון ווייטנס האָבן מיר געזען, ווי קינדער שפּילן זיך.

מיר האָבן זיך שוין דעמאָלט געוואָלט סמען. כ׳האָב געזאָגט דער מאַמען, אז מיר וועלן אהיימקומען, וועל איך מיך אָנטרינקען מיט הייסער

טיי און שפּעטער מעג זיך שוין אַלץ ענדיקן. דערנאָך האָבן מיר געזען, ווי יידן דרייען זיך אַרום אין די גאַסן. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען און ס׳האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז היינט איז גאָר קיין אַקציע נישט געווען, נאָר די דייטשן האָבן דערשאָסן אַ שפּיאָן.

איך האָב געטרונקען טיי און כאָטש די מאַמע מיטן ברודער האָבן געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד, האָב איך נישט געוואָלט מסכים זיין. כ׳האָב אַזוי געוואָלט לעבן, אַזוי שטאַרק געוואָלט לעבן. ס׳איז אַזוי שיין געווען אַרום און אַרום. איך קאָן איצט דערציילן, וואָס מיר האָבן איבערגעלעבט, אָבער איך קאָן נישט אויסדריקן, וואָס מיר האָבן געפילט. די מאַמע האָט אָנגעהויבן צו זוכן פאַר מיר אַן אָרט ביי אַ קריסטין. מיין ברודער האָט נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיצן אין באַהעלטעניש, ווייל ער האָט זיך נישט געקאָנט באַגיין אָן וואַסער.

מיר האָבן געפונען אַן אָרט פאַר מיינעטוועגן ביי אַ פּוילישער פרוי, נאָר אויף פּסח 43 בין איך אַרויסגעגאַנגען צו דער מאַמען, און זיך צו־ריקגעקערט. אַ האַלב יאָר בין איך דאָ געווען. ביז שבועות אין צימער, שפּעטער אויפן בוידעם. איינמאָל האָבן שכנים דערזען, ווי איך קוק אַרויס דורכן פענסטער און כ׳האָב זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן הינטערן אַלמער. כ׳האָב זיך שפּעטער אומגעקערט אויפן בוידעם, געלעגן אָבער נישט אויפן בעט, נאָר אויף דער ערד, ווייל דער בלעכענער דאַך איז געווען צעהיצט און געברים.

די מאַמע האָט פאַר מיר געצאָלט 1500 זל. עסן האָט מען מיר אָבער געגעבן 2 מאָל אַ טאָג. פון איין מאָל צום אַנדערן בין איך געווען שטאַרק הונגעריק. לויטן אָרט אויפן דאַך, וואָס איז געווען באַשטראַלט פון דער זון, האָב איך דערקענט, ווען מ׳וועט מיר ברענגען צו עסן. אַז ס׳איז גע־ווען שטאַרק היים, פלעג איך אַראָפּגיין זיך וואַשן און מיט דערלויבעניש פון דער פרוי זיצן אין צימער הינטער דעם אַלמער.

סוף מאַי איז די פרוי געקומען מיט דער ידיעה, אַז די געטאָ איז אַרומגערינגלט. איך בין געווען שטאַרק דענערווירט און פאַראויסגעפילט, אַז מ׳האָט גענומען דעם ברודער מיט דער מאַמען. ס׳האָט זיך נישט גע־וואָלט גלויבן, אָבער אַזוי איז טאַקע געווען.

דער פעטער האָט פאַר מיר ווייטער געצאָלט. מיינע באַלעבאַטים האָבן מיך מורא געהאַט צו האַלטן, ווייל זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז פאַר אויסבאַהאַלטן יידן האָט מען שוין אַ סך פּאָליאַקן דערשאָסן.

אין בּראָסלאַוו זענען דערווייל פאָרגעקומען פאַרשידענע אַקציעס. די רעשטלעך פאַרבליבענע יידן, ביי 1500, האָט מען קאַזאַרמירט אין עטלע־כע בנינים. דאָרט איז געווען מיין פעטער און צו אים האָט מיך די פרוי אָפּגעפירט. אין עטלעכע טעג אַרום בין איך אַריבער אין גאַראַזש, וווּ ס'האָבן זיך אויפגעהאַלטן פרויען און קינדער. דאָ איז זיך געווען לייכ־טער אויסצובאַהאַלטן. לכתחילה האָט ער מיר געבראַכט אַ ביסל עסן און שפּעטער האָט ער פאַרשטאַנען, אַז איך וועל זיך אַליין אַן עצה געבן. כ'האָב געשיילט קאַרטאָפל, געגאַנגען רוימען דירות, שייערן דילן. ווינטער האָט מען באַגראָבן קאָפּיצעס קאַרטאָפל. אַ טאָג איבער אַ טאָג פלעג איך באַקומען אַן עמערל קאַרטאָפל, פאַרקויפן עס און זיך קויפן מעל און גרויפּן.

די לייטערין פון דער קאַזאַרמע קיך, פרוי פלאַקס, פלעגט מיר געבן טאָפּלטע אָנבייסנס און אָוונטברויטן. זי האָט זיך שטאַרק געזאָרגט פאַר קינדער און געהאָלפן אָרימע מענטשן. זי האָט מיר באַזאָרגט שיך. ברויט האָב איך שטענדיק געהאַט גענוג, אָבער כ'האָב נישט געקאָנט עסן. איך פלעג פאַרקויפן ברויט און זיך מאַכן זופּן אָדער קויפן אַ קישקע. יידן, וואָס זענען געגאַנגען אין שטאָט, פלעגן ברענגען שפּייז צו פאַרקויפן.

אין די קאַזאַרמעס זענען געווען צוויי דייטשע שעפן, וואָס האָבן געהיטן די אָרדענונג. זיי זענען נישט געווען אַזוי שלעכט. שפּעטער זענען געקומען נאָך צוויי אַנדערע, איינער פון זיי האָט געהייסן מינצינגער, און זיי זענען געווען שרעקלעכע. אויך די יידישע פּאָליציי פון אַ 20 מאַן האָט זיך אונדז געלאָזט פילן. איך געדענק איינעם, מאַקס שטיינבערג, פון וועלכן כ'האָב באַקומען מיט אַ שטעקן איבערן קאָפּ. דער ערגסטער איז געווען וואָלעק אייזענשטיין, וועלכער פלעגט אויפדעקן באַהעלטענישן. וועגן אים וועל איך נאָך דערציילן.

די יידן האָבן אָנגעהויבן גראָבן באַהעלטענישן אין די וועלדער. געגראָבן, באַזאָרגט שפּייז, געשטעלט אויוונס און צוגעפירט וואַסער. גע־אַרבעט האָט מען בלויז אין די נעכט.

נ ח ג ר י ם

איינמאָל איז געקומען צו פאָרן דער געשטאַפּאָ־שעף הילדעבראַנד פון יאסלאָ. מ׳האָט צונויפגערופן אויף אַן אַפּעל אַלע יידן, ער האָט אין א רעדע געזאָגט, אז ער וועט אַלע יידן איבערפירן קיין יאסלאָ, אז מ׳וועט מעגן מיטנעמען קינדער און אַלע זאַכן און אז דאָרט וועט זיין גוט.

מענטשן האָבן אָנגעהויבן צו מאכן פּליטה. די פרוי פלאַקס האָט אָפּגערעדט מיט מענטשן, זיי זאָלן אין יעדער באהעלטעניש אריינגעמען איין קינד, געגעבן צו 30 קילאָ שפּייז (מעל, פעטס) און אויסער דעם איינגעאָרדנט איין באהעלטעניש פאר יתומים מיט א דערציערין. איך האָב געזאָלט גיין מיט איין משפּחה, נאָר כ׳האָב געפילט, אז זיי ווילן מיך נישט. כ׳האָב זיך באקלאָגט פאר אייזענשטיינען, ער זאָל זיי הייסן מיך נעמען, ס׳האָט אָבער נישט געהאָלפן. אַלע יידן, אפילו פון דער מיליץ, זענען אנטלאָפן און ס׳זענען געבליבן בלויז 15 מאן אין די קאזארמעס. עטלעכע טעג זענען מיר געווען אליין. איך האָב געקאָכט פאר איין הער און צוזאַמען מיט אים געגעסן. ווען דער טערמין פון ארויספירן איז אדורך און ס׳איז געווען רואיק, האָבן יידן גענומען זיך אומקערן אין די קאזארמעס.

ווען ס׳איז שוין געווען א גענוג גרויסע צאָל, האָבן די דייטשן ארומגערינגלט די קאזארמעס. איינע א פרוי האָט מיך אויפגעוועקט און געוואָרנט. כ׳האָב מיך אָנגעטון, גענומען מיין צוגעגרייט פּעקל און געוואָלט ארויסגיין. פּלוצלינג קומט אריין א דייטש אין גאראזש. כ׳האָב זיך דערשראָקן, אוועקגעוואָרפן דאָס פּעקל און פארגעסן וועגן דעם. כ׳האָב געזען, ווי מענטשן גייען אין מענער־באראַק און זיך אויך געלאָזט אהין. מ׳האָט אויפגעהאַקט דעם שלאָס פון קאַרטאָפל־שפּייכלער און צוואַנציק מענטשן האָבן זיך דאָרט באהאַלטן. אויפן וועג האָב איך נאָך א כאַפּ געגעבן צוויי זעמל. מיר זענען געזעסן דעם גאנצן טאָג, אָבער ביינאַכט האָב איך נישט געוווסט וווהין צו גיין. אזעלכע איז געווען מערערע און מיר האָבן זיך צונויפגעזאמלט אויפן הויף. הינטנארום פון די קאזארמעס זענען מיר ארויס און זיך געלאָזט גיין צום וואלד. א רעגן, א בלאָטע, קעלט און געדאנקען: ווי אזוי וועט זיך דאָס ענדיקן? צי וועט מען אונדז כאַפּן?

א גאנצע נאכט האָבן מיר געבלאָנדזשעט. אינדערפרי האָבן מיר דערזען א רויך. דאָס איז געווען א באהעלטעניש, מאסקירט מיט בלעטער.

מ׳האָט געעפנט די קליאפּע. כאָטש מיר האָבן גערעדט יידיש, האָט מען פאר אונדז מורא געהאט און אויפגענומען מיט א האק אין האנט. ס׳זע־נען דאָרט געווען דריי מענטשן און מיר זענען אריינגעקומען עלף. ס׳איז געווען ענג.

דער אָפּאטאָווער וואלד. א סך באהעלטענישן, איינע נעבן דער אנדערער. ס׳האָט זיך געשאפן א וואלד־קאָמיסיע מיט מונדעק שווארץ פון באָריסלאוו בראש. ס׳איז געווען א באפעל אָנצונעמען אלע יידן. די קאָמיסיע־מיטגלידער האָבן באטראכט אלע באהעלטענישן און פונאנדערגעטיילט די מענטשן. איך בין געבליבן אין דער ערשטער בא־העלטעניש, ווייל דאָרט איז געווען דעם טאטנס קוזינע. דאָ איז מיר געווען זייער גוט. געווען געגנוג פּלאץ, ווייל א סך האָבן זיך אומגעקערט אין די קאזארמעס, פון וואנען מ׳האָט זיי ארויסגעשיקט קיין פּלאשאָוו (א לאגער הינטער קראָקע — נ. ג.). דאָס איז געווען די ערשטע ארויסשיקונג פון אונדזערע קאזארמעס.

די וואלד־קאָמיסיע האָט ארויסגעשיקט מענטשן אין די קאזארמעס זיך דערוויסן, סארא פּלענער די דייטשן האָבן בנוגע דעם וואלד. אייזענ־שטיינען האָט מען געצאָלט, ער זאָל זיי טאָלערירן. אין די קאזארמעס האָבן זיך דערוויל ווידער אָנגעזאמלט א ביסל יידן.

איינמאָל האָבן פּוילישע יינגלעך אנטדעקט אונדזער באהעלטעניש. מיר זענען אנטלאָפן אין וואלד. זיי האָבן אונדז אָבער נישט ארויסגעגעבן. דאָס זענען געווען יינגלעך, וואָס האָבן פריער צוזאמענגעארבעט מיט אונדזערע מענטשן.

איינמאָל האָט מען געכאפּט א יידן פון וואלד אין די קאזארמעס. אייזענשטיין האָט אים אויסגעגעבן. די אוקראַינישע מיליץ האָט אים גע־שלאָגן און ער האָט פארראטן דריי באהעלטענישן. די קאָמיסיע האָט זיך וועגן דעם דערוווסט און אונדז באצייטנס געוואָרנט. מיר זענען אנטלאָפן אין א צווייטן וואלד און זיך אויסבאהאלטן אין א געשטירצטער סאָסנע. די צווייגן האָבן מיר אזוי אויסגעלייגט, זיי זאָלן אונדז פארשטעלן.

צומאָרגנס האָט אונדז די קאָמיסיע צוגעטיילט צו דריי אין אנדערע באהעלטענישן. מ׳האָט אויך אויפגעבויט נייע פאר די, וואָס האָבן נישט

געהאַט ווו צו זיין. נאָך אַ וואָך צייט האָבן מיר געמוזט אוועקגיין פון דאָרט, ווייל די אייגנטימער האָבן געוואָלט אַריינגעמען „פינאַנסיסטן”, כדי צו האָבן פון וואָס צו לעבן. ביינאַכט פלעגן יידן אַרויסגיין פון וואַלד איינקויפן פּראָדוקטן. ביינאַכט פלעגט מען טראָגן קאַרטאָפל צו בראָטן אין די באַהעלטענישן, ווו ס׳זענען געווען אויוונס.

מ׳האָט געהאַלטן אין איין בויען, אויסלייגן די גריבער מיט קיילעכדיקע קלעצער, געמאַכט קלאָזעטן.

אין אַ ניי באַהעלטעניש האָבן מיר זיך אַריבערגעטראָגן אַ צוועלף מענטשן, אַלע אָרימע. מיר האָבן געהונגערט. די קאָמיסיע האָט אונדז געשיקט אַ ביסל פּענצאַק, אָבער ס׳איז געווען ווייניק.

מענטשן זענען נישט געווען צופרידן מיט דער קאָמיסיע. מענטשן האָבן געהונגערט און אַ טייל מיטגלידער פון דער קאָמיסיע האָט זיך געקויפט „טשאַסטקעס” (געבעקס). מענטשן האָבן אַליין געוואָלט גיין איינקויפן, נאָר די קאָמיסיע האָט נישט געלאָזט, כדי נישט אַרויסצוגעבן די באַהעלטענישן.

נאָך פאַר דעם האָט די קאָמיסיע אָנגעזאַמלט געלט פאַר אייזענשטיינען.

איינמאָל האָט אַ ייד זיך געוואָלט טרעפן מיט זיין פרוי — אַ דייטשקע. מענטשן פון דער קאָמיסיע האָבן אים באַגלייט. מיטאַמאָל האָבן זיי דערזען פאַרן וואַלד שטיין אוקראַינישע מיליציאָנערן. די קאָמיסיע־לייט האָבן זיך נאָך באַוויזן צו באַהאַלטן און דער ייד איז אַריינגעפאַלן. ער האָט אַלץ אויסגעזאָגט.

איצט האָבן מיר נישט געוווסט וווהין ווייטער צו אַנטלויפן. דעם אַנדערן טאָג זענען זיך אַלע צעלאָפן איבערן וואַלד, אָבער האָבן זיך נישט באַוויזן אויסצובאַהאַלטן. ס׳איז געווען אַן אַבלאַווע און מ׳האָט אונדז אַלעמען געכאַפּט.

איך האָב נישט געוואָלט אַרויסגיין פון בונקער, פון אונטער די שמאַטעס, אָבער ווען די געכאַפּטע יידן זענען צוריקגעקומען נאָך די זאַכן און דערציילט, אַז די דייטשן פאַרברענען די בונקערס און ווען כ׳האָב דערזען צוגעגרייטע פלעשער מיט נאַפט, בין איך אַרויס און זיך אָנגעשלאָסן צו די איבעריקע.

די דייטשן האָבן זיך אונדז געהייסן אויסשטעלן אין א קאָלאָנע און געפירט צו דער אַפּאַטעווער סטעזשקע. דאָ האָבן זיי צעטיילט אַלע־מען לויט די באַהעלטעניש און שרעקלעך געשלאָגן די באַריסלאַוווער מאַנסבילן, זיי זאָלן ארויסגעבן די ווייטערדיקע בונקערס. די מענער פון דראָהאָביטש האָבן זיי נישט געשלאָגן, ווייל זיי האָבן געוווסט, אז זיי זענען „פינאַנסיסטן" און ווייסן נישט, ווו די בונקערס געפינען זיך. זיי האָבן געשלאָגן מיט נאַהייקעס איבער די קעפּ, איבערן הינטער חלק און געשריען: „ציינגען, ציינגען!" דערנאָך האָבן זיי אונדז געפירט אין די קאַ־זארמעס. די באַפעלקערונג האָט געהאַט אויף וואָס צו קוקן.

אין די קאַזאַרמעס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. די קינדער זענען געווען ריינע, געוואַשענע און ארומגעלאָפן איבערן הויף און זיך געשפּילט. דאָס איז געווען דער ערשטער איינדרוק נאָכן וואַלד. ווען כ'האָב זיך אָבער בעסער צוגעקוקט, האָב איך געזען, ווי זיי זענען אָפּגעריסענע און זעען נעבעכדיק אויס.

מינציינגער איז ארומגעגאַנגען אויפן בערגל מיט א לאָרנעטע און אָבסערווירט, צי עמעץ באַוועגט זיך נישט אין וואַלד. איינמאָל האָט ער געכאַפּט א יידן און איידער דער ייד האָט ארויסגענומען זיין געווער, האָט אים מינציינגער אריינגעשאָסן א קויל אין פּוס. דערנאָך האָט ער אים אריינ־גענומען אין דער קאַזאַרמע און מיט נאָך א יידן דערשאָסן. דער צווייטער האָט נאָך געלעבט. אייזענשטיין האָט דאָס באַמערקט און אנשטאָט פאַר־שווייגן און אָפּראַטעווען, האָט ער געזאָגט דעם דייטש, וועלכער האָט אים דערלייגט נאָך א קויל.

איינמאָל האָט מען בעת אַן אַפּעל דערשאָסן צוויי יידן, איך ווייס נישט פאַרוואָס.

די דייטשע שעפן האָבן געמאָלדן, אז אויב עמעצער וועט גיין אין וואַלד אריין און מ'וועט אים כאַפּן, וועט ער ווערן געשאָסן. כדי צו באַ־פעסטיקן די רייד, האָט מען אויפן אָרט געשאָסן דריי יידן.

איך האָב געוווינט צוזאַמען מיט א חברטע, וואָס כ'האָב שטאַרק ליב געהאַט. א געוויסע צייט איז געווען רו. ס'זענען נאָר פאָרגעקומען אַפּעלן. אויף איין אַפּעל האָט מען געמאָלדן, אז מען וועט ארויספירן. די

לאגער־וואך האָט שוין איצט גוט געהיט די קאזארמעס. ס׳איז נישט געווען לייכט צו אנטלויפן. הילדעבראנד איז געקומען צו פאָרן, מ׳האָט ארומ־געשטעלט די קאזארמעס און צומאַרגנס נאָכן אפּעל האָט מען גענומען ארויספירן. א טייל מענטשן איז געלונגען זיך אויסצובאהאלטן אין די קאזארמעס. כ׳האָב געהערט זאָגן, אז מען טיילט פּראָוויאנט אויפן וועג. כ׳בין אריין אין קיך מיט נאָך א הער און דער קוכער האָט אונדז אויס־באהאלטן אין קארטאָפל־שפייכלער, ווו כ׳בין שוין איינמאָל געווען פאר־שטעקט און וועגן וועלכן כ׳האָב איצט פארגעסן. צומאָרגנס איז געווען רואיק. וויפל מענטשן מ׳האָט ארויסגעפירט, ווייס איך נישט.

מיין טאטנס באקאנטער האָט זיך מיט מיר פארנומען.

דערווייל האָט זיך דערנענטערט דער פראָנט. די סאָוויעטישע ארמיי איז שוין געווען נעבן לעמבערג. מיר האָבן זיך געשראָקן, מ׳זאָל ווידער נישט ארויספירן. מענטשן זענען געווען וואך גאנצע נעכט.

איינמאָל אין דער נאכט וועקט מיך אויף מיין „אַפּיעקון" (אפּוטרו־פּוס). די קאזארמעס זענען געווען ארומגערינגלט. מיר האָבן דעמאָלט גע־האַט א פארשטעקט־אָרט אין באָד. איך בין געשלאָפן אין דעזינפעקטאָר, ווו ס׳זענען געווען א סך מענטשן. פון דאָרט האָט מען געקאָנט דורך א פענסטערל אריין אין באָד. אין באָד איז געווען א גרויסער אויוון, געבויט דורך א יידן אזוי, ער זאָל קאָנען דינען פאר א באהעלטעניש. אין איילע־ניש זענען מיר אריין אין אויוון און פארגעסן צו פארדרייען דעם גאז. איבער אונדז האָט געקאָכט דאָס וואסער, ס׳איז געווען שרעקלעך היים, מיר זענען געווען איינגאנצן נאס, ס׳האָט געפעלט לופט. מיר האָבן אָפן געלאָזט די קליאפּע, אָבער מענטשן האָבן זיך אָנגעהויבן שטיקן. עפּעס א קינד האָט אָנגעהויבן רעדן פון היץ און א הער האָט געכאָרטשעט. דערנאָך איז אָנגעקומען דער ייד, וואָס האָט געבויט דעם אויוון און האָט זיך אָנגע־שטויסן, אז דאָרט ליגן באהאלטן מענטשן. ער האָט פארדרייט דעם גאז און אָנגעלאָזט קאלטע וואסער. אָבער איין הער, נאָוואק, איז דאָך דער־שטיקט געוואָרן. נאָוואקס זון, א יינגל פון אכט יאָר, האָט געשריען פון היץ: „שלאָגט מיך נישט, רירט מיך נישט אָן!" און דער אייגענער מאמען נישט געלאָזט צורירן צו זיך.

די פרוי נאָוואק מיט דער טאָכטער האָבן זיך אויך געהאלטן אין

שטיקן. זי איז ארויס פון אויוון, גענומען דעם זון און געדראָט, אז אויב מ׳וועט איר נישט געבן קאַלטע וואסער, וועט זי אויסזאָגן דעם סוד.

איין הער איז געגאנגען נאָך וואסער — האָט מען אים געכאפּט. דערנאָך האָט מען אויך געכאַפּט די פרוי נאָוואק און איך האָב געהערט, ווי זי האָט גערופן: גייט אהין, מיין מאן האָט זיך דאָרט דערשטיקט.

איינער האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן און ארויס אין די תחתונים. די דייטשן האָבן אים געכאפּט און צוריקגעפירט אהער נאָכן אָנטון. א גליק וואָס די דייטשן האָבן נישט ארייגעקוקט אין אויוון.

זעקס מענטשן האָבן זיך אָפּגעראטעוועט דאָ. די איבעריקע זענען אוועק קיין אָשוויענטשים. איין מיידל, וואָס איז אנטלאָפן פון דעם טראנס־פּאָרט, געפינט זיך איצט מיט מיר אין קינדער־הויז. זי הייסט עלזשביעטא אבראהאם.

ציגיינער זענען באפאלן די קאזארמעס, כדי צו רויבן דאָ. ביינאכט זענען מיר ארויס פון אויוון. ס׳איז געווען זייער קאלט. דורכן קלאָזעט זענען מיר אנטלאָפן פון די קאזארמעס און דורך קוסטעס זיך דערלאנגט צו א שאכטע. פיר מענטשן זענען געגאנגען צו באקאנטע „אריער" און מיר מיט אן עלטערער פרוי האָט מען געהייסן גיין אויף פּאטאטשע, ווייל דאָרט זאמלען זיך צונויף מענטשן פון וואלד, וואָס וועלן אונדז צונעמען. נעבן איין שאכטע האָבן אונדז פארהאַלטן דייטשן. די פרוי איז געבליבן שטיין און איך בין אנטלאָפן. שפּעטער האָט זי מיר דערציילט, אז דער דייטש איז געגאנגען נאָך א הונט און מיך נאָכגעיאָגט. איך בין געלאָפן דורך פארשידענע הויפן, אזוי אז ער האָט מיך נישט געקאָנט נאָכיאָגן. די פרוי האָט זיך אויסגעבעטן ביים דייטש און ער האָט זי געלאָזט פריי.

צי קאָן מען זיך ביי א דייטש אויסבעטן? אהא, זי האָט אוודאי גע־האט א סך געלט ביי זיך!

איך בין געלאָפן נישט וויסנדיק וווהין. כ׳האָב געוואָלט אַנטלאָפן אין א טיר, נאָר מורא געהאט און זיך געלייגט שלאָפן אין די קוסטעס.

ווען ס׳איז טאָג געוואָרן, בין איך ווייטער געגאנגען. כ׳האָב מיך שוין אָריענטירט. איך בין געגאנגען צו דער פּאָלקע, ווו איך בין אמאָל געווען. דאָ האָט מען מיר געזאָגט, אז מ׳כאפּט דאָ צו ארבעט. איך האָב

נישט געוואָלט בלייבן און בין געגאַנגען צו באַקאַנטע פּאָליאַקן אין שטאָט. זיי האָבן מיך צוגענומען.

נאָך צוויי וואָכן איז שוין דאָ געווען די סאָוויעטישע מאַכט.
(פּראָט. נומ. 1205 פון פרידאַ קאָך. פּראָטאָקאָלירט:
איזאַ לאַוער, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

.11

„זאָל מען שיסן, וועט נאָר איין מאָל וויי טון!"

רפאל שלעגער פון בראָד איז געבוירן אין יאָר 1931. זיין פאָטער איז געווען אַ מילנער. די מלחמה האָט אים צעשטערט זיין לערנען און ווייטער ווי ביזן צווייטן קלאַס איז ער נישט דערגאַנגען. זיין רייפקייט האָט ער באַקומען אין לעבן, פאַר וועלכן ער האָט געקעמפט, אָבער זיך אָן אים נישט געקלאַמערט. ווי אַ קינד פון אַ העלדיש פאָלק וויל ער גיכער אומקומען פון אַ קויל, איידער זיך מאַטערן און עווענטועל פאַרברענט ווערן.

אייגנער אליין, אָן מיטלען, גיט ער זיך אַן עצה אין לעבן, צווישן פרעמדע מענטשן. זיין גבית־עדות — אַ דאָקומענט, וואָס באַווייזט אונדז, סאַראַ קינדער מיר פאַרמאָגן און אַ באַשולדי־קונג קעגן די דייטשן פאַרן אומברענגען פון מיליאָנען אזעלכע.

ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבן די מלחמה מיט די דייטשן, איז געווען דאָס יאָר 1941, וועלכער חודש געדענק איך נישט *), אָבער ס'איז געווען היי־שניט, ווייל איך בין דעמאָלס געווען אויף דער לאָנקע, ווען ס'זענען אָנגעקומען דייטשע עראָפּלאַנען און געוואָרפן צוויי באָמבעס. אַ סאָוויעטי־שער עראָפּלאַן האָט זיך אָנגעצונדן. מענטשן האָבן געזאָגט, אז דאָס זענען

---

*) 22סטן יוני 1941. שלעגער איז דעמאָלס געווען אין בראָד, וואָס האָט געהערט פון 1939 צו ראַטנפאַרבאַנד. דעריבער רעכנט ער דעם אָנהויב פון מלחמה פון יאָר 1941.

איבונגען, אנדערע ווידער — אז מלחמה. דאָס גאנצע סאָוויעטישע מיליטער און די ארטילעריע האָבן אָפּגעטראָטן און נישט געווען, ווער ס'זאָל פארטיידיקן די שטאָט. אכט טאָג האָבן די דייטשן באָמבארדירט בראָד און דערנאָך זענען געקומען די ערשטע פּאטראָלן אויף מאָטאָציקלען. אין שטאָט איז געווען נאָך א סאָוויעטישער זעלנער, האָבן אים די דייטשן דורכגעשטאָכן מיט א באגנעט.

נאָך צוויי וואָכן איז געווען די ערשטע אקציע קעגן קאָמוניסטן־יידן. מ'האָט צוגענומען צומיינסטנס דאָקטוירים און לערער *) און אויך אנדערע, אויף וועמען די אוקראינער האָבן אָנגעוויזן, אז ער איז א קאָמוניסט **). די לערער און דאָקטוירים האָט מען זיך געהייסן מעלדן מיטן אויסרייד, אז זיי פאָרן אויף ארבעט. מ'האָט זיי געהייסן מיטנעמען זייערע פרויען און קינדער און אויף דעם יידישן בית עולם האָט מען אלע געשאָסן. ס'זענען געווען פיר אויטאָס, א 150 ביז 170 מענטשן. אויפן צווייטן טאָג זענען די געשטאאָפּאָווצעס געקומען און געפאָדערט זאכן דראָענדיק, אז אויב מ'וועט זיי נישט ברענגען, וועלן זיי נעמען נאָך מענטשן און זיי דערשיסן. די יידישע מיליציאָנערן זענען ארומגעלאָפן און געזאמלט, וואָס מ'האָט נאָר גענעבן: וועש, קאָסטיומען, שיכווארג, בעטגעוואנד און געלט.

ס'איז שוין געווען א „יודענראט" און אלע האָבן געטראָגן אָפּצייכענונגען. דער טאטע און דער עלטערער ברודער האָבן געארבעט ביים קאבל. פאר אויסגראָבן א גרוב 5 מ' די לענג, 40 ס"מ ברייט און 1.5 מ' טיף האָט מען געצאָלט 9,5 זל. דערנאָך בין איך געגאנגען מיטן טאטן צו א באקאנטן פּויער, איוואן קוטיא, אין דאָרף פּאָלווארקי, איין ק"מ פון שטאָט. דער טאטע האָט דאָרט געארבעט אין פעלד און ביי דער ווירטשאפט און איך האָב געפּאַשעט די בהמות. אָבער דער טאטע האָט געמוזט

*) אין בראָד זענען אומגעקומען ד"ר ווילהעלם פאלעק, א ליטעראטור קריטיקער און פובליציסט, וועלכער האָט פאר דער מלחמה געארבעט אין לאָדזש און ד"ר מיכאל פרידלענדער, א באוווסטער פּעדאגאָג און טעאָרעטיקער.

**) אלע יידן, וואָס האָבן געארבעט אין מערב־אוקראינע אין די יאָרן 1939—1941, האָט מען באטראכט פאר קאָמוניסטן.

זיך אומקערן אין שטאָט ארבעטן ביי די דייטשן אויף א פלי־פּלאַץ און איך בין געבליבן אין דאָרף.

די ערשטע גרויסע אקציע איז געווען זומער 1942. דעם טאָג בין איך געקומען מיטן באלעבאָס פון פעלד און די באלעבאָסטע האָט דער־ציילט, אז אין שטאָט שיסט מען יידן און אז ביי א שכן האָט מען דער־הרגעט א יידן, וואָס האָט זיך דאָרט אויסבאהאלטן. זיי האָבן מיר געגעבן א שטיק ברויט מיט קעז, א סערפּ און א זאק און געהייסן גיין אין פעלד שניידן גראָז, וועט מיך קיינער נישט דערקענען.

דריי טעג האָט געדויערט די אקציע און אין משך פון דער צייט בין איך דעם גאנצן טאָג געווען אין פעלד און ווען ס'איז געוואָרן שטארק פינסטער, איז געקומען דער „וואיקאָ" (דער פעטער, — אזוי האָט ער גע־רופן דעם באלעבאָס — נ. ג.) און האָט מיך אריינגענומען און געלייגט שלאָפן אויפן בוידעם אין שטאל, אויף היי.

אין דער צייט האָט מען אין בראָד געשאָסן קראנקע, אלטע לייט און די, וואָס זענען אנטלאָפן, אנדערע האָט מען געשיקט מיט א טראנספּאָרט קיין בעלזשיץ. יונגע מענטשן האָט מען גענומען קיין סאסאָוו, 14 ק"מ פון בראָד, אין א לאגער. צוזאמען מיט די דערשאָסענע זענען אומגעקומען 1500 מענטשן. בכלל זענען אין בראָד געווען 7000 יידן.

ווען בעלזשיץ האָבן די באן־ארבעטער, וואָס האָבן אהין געפירט די יידן, דערציילט, אז דאָרט איז פאראן אן אייזערנער דיל און אז מען שטעלט דאָרט אוועק די מענטשן, ווערן זיי געטויט דורך אן עלעקטרישן שטראָם. אין דער אקציע האָט מען מיין טאטן גענומען קיין בעלזשיץ און צוויי ברי־דער קיין סאסאָוו. די מאמע מיט צוויי יינגערע ברידער זענען פארבליבן אין שטאָט. איך בין כסדר געווען אין דאָרף. אלע האָבן מיך געקענט און געוווסט, אז איך בין א ייד. דער „וואיקאָ" האָט אָבער מורא געהאט נאָר פאר צוויי שכנים, וואָס האָבן ארויסגעגעבן זייער א סך יידן. אָבער זיי האָבן דאָס געטון בלויז די, וואָס האָבן געהאט א סך געלט אָדער גאָלד און וועגן מיר האָבן זיי געוווסט, אז איך בין אָרים.

די צווייטע אקציע איז פאָרגעקומען אין אָקטאָבער 1942 און האָט געדויערט 2 טעג. איך בין אין דער צייט געזעסן אין שטרוי אויפן בוידעם.

נאָך די צוויי טעג איז געקומען א יידישער שוסטער, וואָס פלעגט פאַרריכטן די שיך דעם „וויקאַ" און געזאָגט, אז אין שטאָט איז רואיק און מען קאָן שוין גיין. בין איך געגאנגען זען, וואָס ס'הערט זיך מיט דער מאַמען. אָבער די שטוב איז געווען פאַרמאַכט, קיינער איז נישט געווען. מענטשן האָבן מיר געזאָגט, אז מ'האָט די מאַמע מיט די ברידער גענומען צום טראַנס־פּאָרט.

איצט בין איך שוין געבליבן אליין.

נאָך דער צווייטער אַקציע האָט מען אין בראָד געמאַכט א געטאָ. ביזן 30סטן נאָוועמבער האָבן אַלע געדאַרפט זיין אין געטאָ. מען האָט צונויפגעטריבן אַלע יידן פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך און ס'איז ווידער געווען 6.500 יידן. די געטאָ איז געווען אַרומגערינגלט מיט א שטעכיקן דראָט, אָבער מענטשן פלעגן אַרויסגיין און האַנדלען אויסער דער געטאָ. איך האָב אויך געקויפט קאַרטאָפל און מעל, אַריבערגעגאַנגען די דראָטן און אַריינגעבראַכט אין געטאָ. אזוי האָב איך זיך עפּעס צופּאַר־דינט.

פאַר דער געטאָ איז געווען אַן אויפשריפט פאַר פּאָליאַקן (געמיינט אויך אוקראַינער, בכלל ניט־יידן — נ. ג.): „האַלט! פאַר איבערטרעטן די געטאָ אַרעסט און 15.000 זל. שטראָף". פון דער יידישער זייט איז געווען אָנגעשריבן: „האַלט! גרענעץ פון געטאָ. פאַר איבערטרעטן — טויט־שטראָף".

מ'האָט אָבער נישט געקוקט און געגאַנגען אַריין און אַרויס.

ביז מאַי 1943 האָט געדויערט די געטאָ. דעמאָלט איז געקומען די אַקציע „יודענפריי". נאָך פאַר דעם, אין אָנהייב מאַי, זענען 24 יידן גע־ווען פּאַרטיזאַנען אין וואַלד און האָבן אָנגעהויבן שיסן אויף דייטשע זעל־נער. ס'איז אויסגעבראָכן א שלאַכט און צוויי יידן האָט מען געכאַפּט. אויף דער פּאָליציי האָט מען זיי געהייסן אַרויסנעמען אַלץ פון די טאַשן. איינער האָט אַרויסגענומען א רעוואָלווער און דערשאָסן דעם פּאָליציאַנט און ביידע זענען אַנטלאָפן אין געטאָ אַריין און זיך דאָרט באַהאַלטן. אין א פּאָר מינוט אַרום זענען אָנגעקומען פינף אויטאָס מיט דייטשער און אוקראַאינישער פּאָליציי, האָבן אַרומגערינגלט די בלאָקן, ווו זיי האָבן חושד

געווען, אז די פּאַרטיזאַנער האָבן זיך באַהאַלטן, אַרויסגעשלעפּט אַלע מענ־טשן צוזאַמען מיט קינדער און אַרויסגעפירט אין וואַלד שיסן. ביים פינפטן אויטאָ איז געקומען דער קאָמענדאַנט פון סאַסאָוועו לאַגער און געזאָגט: גענוג פאַר איין מענטשן, די איבעריקע צוריק אין געטאָ.

מיט צען טעג שפּעטער האָט זיך אָנגעהויבן די אַקציע. מען האָט געכאַפּט אַלע יידן.

דעמאָלס האָב איך שוין נישט געקאָנט בלייבן ביי מיין באַלעבאָס, ווייל מ'האָט געזוכט אין די הייזער און די דערפער. כ'האָב אויפגעזוכט אַנדערע חברים, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן אין דאָרף. צוזאַמען זענען מיר געווען דריי ייִנגלעך און צוויי מיידלעך. מיר האָבן זיך פאַרשטעקט אין דעם זעלבן דאָרף אין אַ סמאָליאַרניע אין אַ גרוב. איינער פלעגט ביי־נאַכט גיין אין דאָרף אַריין נאָך פּראָוויאַנט.

זיבן טעג זענען מיר דאָ געווען, עמעצער האָט אונדז געמסרט. ס'זע־נען געקומען צוויי אוקראַיִנישע מיליציאָנערן אַזוי אומגעריכט, אַז מיר האָבן נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. מיר האָבן זיי געבעטן און געוויינט, זיי זאָלן אונדז אָפּלאָזן, אָבער זיי האָבן געטענהט: נאָך וואָס דאַרפט איר דאָ זיצן, דאָ טאָר מען נישט, איר וועט גיין אין געטאָ.

מ'האָט אונדז געבערענגט צו פירן אין געטאָ, אין אַ חורבה נעבן טייך. דורך אַן אָפענער טיר האָבן מיר געזען אַ הויפן לאַכעס, דאָס זענען געווען מתים. מיר האָבן זיך ווידער גענומען בעטן, אָבער איין מיליציאָ־נער האָט מיט אַ קאָלבע געגעבן אַ זעץ מיין חבר און געזאָגט: איר, פאַר־שיווע זשידעס, ווילט נאָך לעבן? און אים דערשאָסן. ער איז געפאַלן. איך האָב זיך געטראַכט: איך וויל נישט זען, ווי מ'וועט שיסן מיינע חברים און אַרויסגעגאַנגען פאַראויס, זאָלן זיי מיך גלייך שיסן. דער מיליציאָנער האָט מיר אַ זעץ געטון און אויסגעשאָסן. כ'בין געפאַלן און מיטן האַלדז זיך אָנגעשטויסן אויף עמעצנס אַ שוך. ס'האָט מיר אַ שמערץ געטון און כ'האָב געטראַכט: צי איז דאָס דער טויט? מ'האָט געזאָגט, אַז ווען מען שיסט, טוט נאָר איין מאָל וויי און שוין און איך האָב געפילט, ווי כ'ליג אויפן דיל און האָב אַ צעקלאַפּטן קאָפּ. כ'האָב נאָך געהערט עטלעכע שאָס און ס'איז געוואָרן שטיל. כ'האָב געדאַוונט צו דער מאַמען און געטראַכט:

אויב איך לעב, איז בעסער זיך אויפהייבן, זאָל מען שיסן וועט נאָר איין מאָל ווי טון, ווייל זיי קאָנען נאָך אונטערצינדן דאָס הויז און מ׳וועט לע־בעדיקערהייט פאַרברענט ווערן.

מיטאמאָל האָב איך דערהערט, ווי נעבן מיר אָטעמט עמעצער. כ׳האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ און געזען, אז דאָס איז מיין חבר, וואָס איז גע־גאַנגען דער ערשטער. ער איז אויך נישט געווען דערשאָסן. ער האָט מיר געזאָגט: ליג שטיל און ריר זיך נישט. אָבער איך האָב נישט געוואָלט ווארטן נאָר באלד אנטלויפן.ביידע מיידלעך זענען געווען אזוי צעהרגעט, אז זיי האָבן קיין קעפּ אינגאנצן נישט געהאַט, דער מוח זייערער האָט באַשפּריצט מיין מאנטל און איך בין געווען פאַרבלוטיקט. מיר האָבן גיך אראָפּגעוואָרפן די מאַנטלען און די שיך און דורכן טייך אנטלאָפן. א גאנצע נאַכט האָבן מיר זיך ארומגעבלאָנקעט. אויפן צווייטן טאָג זענען מיר גע־קומען אין אונדזער דאָרף. כ׳בין ווידער געגאַנגען צו דעם „וויקאָ” און דאָרט שוין פאַרבליבן. כ׳האָב נישט געוואָלט, מענטשן זאָלן וויסן, אז איך באַהאַלט מיך דאָרט אויס, בין איך די גאנצע צייט, ביז שניט געווען אין פעלד, אין דער תבואה. טאָג און נאַכט. אַהין האָט מען מיר געברענגט עסן און איין מאָל אין וואָך, ביינאַכט, בין איך געגאַנגען אין שטוב אריין זיך וואַשן און איבערטון. שניט־צייט האָט מיר דער „וויקאָ” געהייסן נעב־טיקן אין דער היים און בייטאָג זיין אין פעלד. אין דאָזיקן דאָרף זענען אַלע אוקראַינער געווען גוטע. דאָ זענען קיין באַנעדעראָווצעס (אוקראַינער נאַציאָנאַליסטישע באנדעס — נ. ג.) נישט געווען. אויסער מיר האָבן זיך דאָ אויסבאהאלטן נאָך דריי יידישע ייִנגלעך.

איינמאָל איז צום „וויקאָ” געקומען דער קאָמענדאנט פון דער מי־ליץ און געזאָגט, אז ס׳פאַראַן א מסירה, אז ער באהאַלט אויס א יידיש קינד. דער באַלעבאָס האָט אים געגעבן 500 זל., פּוטער און בראָנפן און ער איז אוועק. א צווייט מאָל איז געווען א מיליציאָנער, אָבער דער באַלע־באָס האָט אים אויסגעזידלט. ווען דער פראָנט איז שוין געווען נאָענט, אין מערץ 1944, האָב איך שוין לענגער נישט געקאָנט בלייבן אין דאָרף. דער „וויקאָ” האָט מיר געהייסן גיין נענטער צום פראָנט, אפשר וועל איך אָנטרעפן אויף די סאָוויעטן. בין איך געגאַנגען צו א דאָרף בערלי און געטראָפן אין א כאַטע, וו סאָוויעטישע פּאַרטיזאַנען האָבן געגעסן. כ׳האָב

נ ח ג ר י ס

געזאָגט, אז איך בין פון דובנע, אז דעם טאטן האָט מען פארשלעפּט קיין דייטשלאַנד און די מאמע איז דערהרגעט געוואָרן פון א באָמבע.

די פּארטיזאַנען האָבן געהייסן דער פרוי, זי זאָל מיר געבן צו עסן און זאָל מיך נעמען פאר א פּאראָבעק.

באלד ווען די פּארטיזאַנען זענען אוועקגעגאנגען, האָט מיך די פרוי אָנגעהויבן אויספרעגן, צי איך בין נישט קיין ייד. כ׳האָב זיך נישט גע־וואָלט מודה זיין און אָנגעהויבן זאָגן אלע קריסטלעכע תפילות, וואָס כ׳האָב נאָר געקענט. כ׳בין געווען עטלעכע טעג, באקומען א ריין העמד און די באלעבאָסטע האָט זיך מיר געהייסן וואשן. כ׳האָב זיך נישט געוואָלט אויסטון, אָבער זי האָט אויף מיר געשריגן, אז איך מוז און דעמאָלט האָט זי דערקענט, אז איך בין א ייד. זי האָט געזאָגט, אז זי האָט מיך מורא צו האלטן, ווייל ס׳זענען דאָ פאראַן באנדעראָווצעס און מיר געראטן גיין נענטער צום פראָנט. איך בין געקומען אין דאָרף בולדורי, דריי ק״מ פון פראָנט. אין עטלעכע טעג ארום זענען געקומען די סאָוויעטישע פּאטראָלן.

פון אָנהייב האָב איך זיך נישט געוואָלט מודה זיין, אז כ׳בין א ייד, אָבער כ׳האָב געזען נאָך אזא יינגל ווי איך אין א מונדיר, האָב איך אויס־געזאָגט. כ׳האָב באקומען א מונדיר און זיי האָבן מיך מיטגענומען מיט זיך. כ׳בין געגאנגען מיט דער ארמיי, געריטן אויף א פערד. זיי פלעגן מיר געבן איבערצופירן באפעלן צום שטאב, נאָך גערנער ווי די סאָלדאטן, ווייל כ׳האָב נישט געקאָנט לייענען.

איך געדענק נישט אלע מקומות, ווו מיר זענען געגאנגען, אָבער כ׳ווייס, אז מיר זענען געגאנגען דורך בערעסטעטשקאָ, ביים סטיר זענען מיר געשטאנען דריי חדשים, שפּעטער געדענק איך ראדזיעכאָוו, יאראָס־לאוו, פּזשעוואָרסק, זשעשאָוו (ריישע — נ. ג.) און סאנדאָמיעזש. דאָ זענען מיר ווידער געשטאנען. פון דאנען בין איך מיט אן אָפּטיילונג צו־ריקגעפאָרן קיין בראָד. דאָ האָב איך אָנגעהויבן צו האנדלען און כ׳האָב שוין געהאט 15.000 רובל. דעמאָלט האָט מיך די מיליץ רעווידירט און אלץ צוגענומען. נאָכדעם האָב איך זיך פארשריבן אויף ארויסצופאָרן קיין פּוילן און באקומען אן עוואקואציע דאָקומענט קיין קראָקע.

(פּראָט. נומ. 10 פון ראפאל שלעגער. פּראָטאָקאָלירט:
מ. מאריאנסקא, פון דער היסט. קאָמ. אין קראָקע).

.12

שאַנטאַזש און מסירה

בוטשאטש (ביטשוטש) איז אין יאָר 1939 איבערגעגאנגען צו די סאָוויעטן. דאָרט האָט געלעבט און זיך געלערנט עמנואל קריגעל, וועלכער איז דעמאָלס אלט געווען 9 יאָר. ער האָט זיך דאָ געלערנט אין א יידישער שול און שפּעטער אין אן אוקראַי־נישער. זיין פאָטער נפתלי איז געשטאָרבן אין יאָר 1930. עמנואל האָט געהאט א מוטער, א ברודער און א שוועסטער.

די יאָרן פון אָקופּאציע האָבן פון אים געמאכט א רייפן מענטש.

עס מערקט זיך פון זיין באשרייבונג, וויפל ער האָט איבער־געלעבט, הגם ער דערציילט אלץ זייער קורץ און „אָביעקטיוו". ווי א סך קינדער, וואָס האָבן איבערגעלעבט דעם „מבול", זוכט ער אַן אויסוועג פון א לאגע, אין וועלכער ער זאָל זיך נישט דאַרפן אויסהיטן מיט זיין יידישקייט און מיינט, אז ער דאַרף פאָרן קיין ארץ ישראל.

ערב דעם מלחמה־אויסברוך איז אין בוטשאטש פאָרגעקומען א באַל פון די סאָוויעטישע פליער, ווייל הינטערן שטאט איז געווען א גרויסער פליפלאַץ. דאָס איז געווען שבת (21סטן יוני — נ. ג.). ביינאכט זענען גע־קומען צו פאָרן מיליטערלייט און אָנגעהויבן עפּעס שעפּטשען צווישן זיך. אלע פליער האָבן פארלאָזט דעם באַל. זונטיק האָבן שוין אלע געוווסט, אז ס'איז מלחמה. דעם 5טן יולי זענען די ערשטע דייטשע פּאטראָלן גע־ווען אין שטאָט. איך געדענק, ווי אוקראַינישע „פּארטיזאנען" האָבן זיך אויסגעשטעלט, ווי אויף א דעפילאַדע און ווי זיי האָבן מיט קאָלבעס גע־שלאָגן א געכאפּטן סאָוויעטישן סאָלדאט. דערווייל זענען קיין שום אַק־ציעס קעגן יידן נישט פאָרגעקומען. ס'האָבן זיך נאָר באוויזן מעלדונגען, אז אין שול מעגן נאָר גיין קינדער פון ארישן אָפּשטאם. מ'האָט געשאפן א יודענראט. מיין פעטער און נאָך עטלעכע יידן, ווי אויך פאַליאקן און

אוקראַינער, וואָס האָבן פּאָליטיש געאַרבעט ביי דער סאָוויעטן־מאַכט, זע־נען אַרעסטירט געוואָרן. אין אויגוסט האָט מען די דאָזיקע גרופּע פון 60 מאַן געשאָסן הינטער דער שטאָט. דאָס איז געווען די ערשטע עקזעקוציע.

דעם 25סטן סעפּטעמבער זענען געקומען צו פאָרן געשטאַפּאָווצעס און האָבן פאַרלאַנגט, אַז אַלע מענער פון 18־50 יאָר זאָלן זיך צונויפ־קומען לשם רעיעסטראַציע. די געשטאַפּאָווצעס זענען געווען זייער העפ־לעך און דער יודענראַט האָט פאַרזיכערט, אַז ס'וועט קיינעם קיין שלעכטס נישט געשען. אַלע האָבן זיך צונויפגעזאַמלט ביים יודענראַט און געגאַנ־גען צום בנין פון געריכט. דאָרט איז פאָרגעקומען די סעגרעגאַציע. אַר־בעטער און בעלי־מלאכות האָט מען אַרויסגעלאָזט און פאַרהאַלטן די אינ־טעליגענץ: לערער, בוכהאַלטערן, באַאַמטע, שילער. צווישן די פאַרהאַל־טענע 460 מענטשן זענען אויך געווען מיין ברודער, קוזין, פעטער (פון יודענראַט). מען האָט זיי אָפּגעהאַלטן אַ נאַכט און צומאָרגנס האָט מען זיי אַלע געשאָסן אין בוטשאַטשער וואַלד.

אין יענער צייט האָבן אין בוטשאַטש געוווינט 5־6000 נפשות.

אונטערן אויסרייד פון פאַרשרייבן מעבל און רעוויזיעס זענען כסדר פאָרגעקומען רויבן און אָנפאַלן. אַ גאַנצן ווינטער איז געווען פאַרהעל־טעניש־מעסיק רואיק. פרילינג האָט מען אָנגעהויבן צו כאַפּן און אַרויס־פירן הינטער טאַרנאָפּאָל, קיין באַרקי וויעלקיע אין די לאַגערס. פון שטעט־לעך און דערפער פלעגט מען ווידער ברענגען צו פירן מענטשן קיין בוט־שאַטש. אין די דערפער זענען כמעט קיין יידן נישט געווען, ווייל באַלד נאָכן אָנקומען פון די דייטשן האָבן די אוקראַינער זיי אַליין אויסגעמאָר־דעט. ווער ס'איז געבליבן לעבן, איז אַליין אַנטלאָפן אין אַ גרויסער שטאָט.

די ערשטע אַקציע איז פאָרגעקומען אין האַרבסט 1942. די דאַטע געדענק איך נישט, אָבער ס'איז געווען נאָך שבועות (ס'איז געווען אין זומער, ווען ס'איז געווען די גרויסע כוואַליע פון מאַסנמאָרדן אין גאַנץ אייראָפּע — נ. ג.). די מאַמע האָט אוועקגעשיקט די שוועסטער צו אַ באַ־קאַנטער פּויערטע אין דער קאָלאָניע סעמינטשע, ווו די שוועסטער איז אָפּגעווען 9 טעג. איך בין מיט דער מאַמען געזעסן אין אַ בונקער. בעת דער אַקציע האָט מען קיין בעלזשיץ אַרויסגעשיקט 1.500 מענטשן און

אויפֿן אָרט האָט מען אויסגעהרגעט 200. דערנאָך איז מיין שוועסטער אָפּגעפֿאָרן קיין לעמבערג אויף ארישע פּאַפּירן און איך בין געקומען אין דער קאָלאָניע. מיר האָבן דער פֿויערטע געבראַנגט א סך זאכן, עטלעכע זעק. אָבער צו איר איז געקומען איר ברודער, וועלכער איז אנטלאָפן פון דייטשלאַנד, א שרעקלעכער אנטיסעמיט און א גנב, עפּעס א טונקעלער טיפּ. כ'האָב דאָ קיין טאָג נישט געקאָנט בלייבן און בין צוריק אוועק קיין בוטשאַטש, א טאָג נאָך דער אקציע. איך ווייס נישט, וויפֿל מענטשן זענען דעמאָלס אומגעקומען, א טייל האָט מען ארויסגעפירט, און אלע טיפוס־קראַנקע האָט מען דערשאָסן אין זייערע בעטלעך אין שפּיטאָל. צו יענער צייט האָט געהערשט א שטאַרקער טיפוס־אונטערגאַנג און טעגלעך זענען געשטאָרבן א 15 מענטשן.

די דאָזיקע, צווייטע, אקציע איז פֿאָרגעקומען אין נאָוועמבער.

אין מיטן דעצעמבער זענען מיר מיט דער מאַמען געפֿאָרן אין דער קאָלאָניע און דאָרט געווען צוויי וואָכן. די פֿויערטע האָט אונדז געמאַכט א באַהעלטעניש אין כליוו, אין א יאַמע, ווו ס'זענען געלעגן קאַרטאָפֿל. אז עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר — פלעגן מיר זיך גיין אהין אויסבאַהאלטן. די פֿויערטע האָט אונדז געמאָלדן, אז זי קאָן אונז לענגער נישט האַלטן, ווייל אין דאָרף הייבט מען אָן רעדן. מיר האָבן זיך אומגעקערט אין שטאָט גראָד צו אָן אַזוי גערופֿענער „גאַססען־אקציאָן", אָדער כאַפּעריי.

אונדזער פֿויערטע האָט געזאָלט קומען נאָך אונדז צו פֿאָרן, ווען מען וועט אין דאָרף זיך אויפֿהערן מיט אונדז צו אינטערעסירן. זי האָט זיך אָבער נישט געוויזן. מיר האָבן געהאַט פון דעם עגמת נפש, ווייל זי האָט צוגענומען אלע אונדזערע זאכן און אין פאַל פון אָן אקציע האָבן מיר אפילו נישט געהאַט, וווהין צו אנטלויפֿן. אלע יידן האָבן זיך געזוכט דעמאָלס ערטער אין די שכנישע דערפֿער אין פאַל פון אָן אקציע.

אין מיטן פעברואַר איז ווידער פֿאָרגעקומען א כאַפּעריי אין די גאַסן. מען האָט געשטעלט וואַרטעס ביי אלע אויסגענגג. דעמאָלס האָב איך מיך צעשיידט מיט דער מאַמען. די מאַמע האָט זיך ערגעץ אויסבאַהאַלטן אין א שטוב און איך אין סכראָן פון שפּיטאָל. דער דאָזיקער סכראָן איז

ארויסגעגאנגען פון איין זייט צום טייך. עמעצער האָט וואַרשיינלעך באַ־מערקט, אויסגעהאַקט א לאָך און אָנגעהויבן אונדז שאַנטאַזשירן. פון דרויסן האָט עמעצער אַריינגעקוקט און דורך א לאָך געפאָדערט געלט, אז נישט וועט ער אַלעמען אויסגעבן. צוויי מאָל איז דער זעלבער אפּע־ריסט געקומען און מיר האָבן זיך געמוזט אויף אים צונויפלייגן. אָבער צום צווייטן מאָל איז ער געווען אַזוי שיכור, אז מיר האָבן מורא געהאַט, ער זאָל אונדז סיי ווי נישט פאַרמסרן. איך בין אוועק צו איינעם, וואָס האָט געהאַט אַרישע פּאַפּירן און א וווינונג און ביי אים האָב איך פאַר־בראַכט א נאַכט. אַנטקעגן זיין הויז זענען געווען אויסגעגראָבן גריבער און אַרום 10 פרי האָט מען געבראַנגט די ערשטע גרופּע יידן צום שיסן. פון בוידעם האָבן מיר אַלץ געזען. איך ווייס נישט, וויפל ס'זענען דאָרט געווען מענטשן, אָבער ס'האָט מיר אויסגעזען ווי מאַסן. אַלע האָבן זיך געמוזט אויסטון נאַקעט און זיך אויסשטעלן אין רייען ביי די קברים. דעמאָלס האָט מען אין זיי געשאָסן פון מאַשינבייקסן און אַזוי מיט די אַנדערע. כ'האָב אַליין געזען, ווי איין אַלטיטשקע פרוי איז אומגעפאַלן, האָט איר א געשטאַפּאָוויעץ אָנגעכאַפּט פאַר די האָר, אַריינגעשאָסן אין פּנים, א שטויס געגעבן מיט א פוס און אַראָפּגעשליידערט אין גרוב אַריין.

די אַקציע האָט זיך געזאָלט ענדיקן זייגער 12 בייטאָג. די געשטאַ־פּאָווצעס האָבן געמאָלדן, אז דעם, וואָס וועט אַרויסגעבן די ערטער, וווּ ס'באַהאַלטן זיך אויס יידן, וועט געשענקט ווערן דאָס לעבן. און עס האָט זיך געפונען אַזאַ איינער, א ייד לינדעס פון בוטשאַטש. מען האָט אים גערופן דער יידישער פּעטליורא. ער האָט עס אַרויסגעגעבן 300 יידן פון די בונקערס און צוליב דעם האָט זיך די אַקציע פאַרצויגן. אין איין וועג האָט מען שוין דערמאָרדעט די קאַטעגאָריע מענטשן, וואָס זענען אויף דעם מאָל נישט געווען באַשטימט צום טויט. צוזאַמען מיט זיי האָט מען אויך דערשאָסן לינדעסן. ס'איז געווען אַרום 4 נ. מ. און איך האָב אַלץ געזען. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע אַקציע אויפן אָרט, ווייל ביז איצט פלעגט מען שיסן נאָר קראַנקע און די, וואָס אַנטלויפן.

נאָכדעם האָט מען נאָך עטלעכע מאָל געכאַפּט מענטשן און געשיקט קיין בארקי, פון דער צווייטער זייט ווידער זענען אָנגעקומען נייע יידן פון דער סביבה.

דעם 13טן אַפּריל איז געווען די פּערטע אַקציע. מיר האָבן דעמאָלס געהאַט נאַכט־דיזשורן, כדי די אַקציע זאָל אונדז נישט פאַרכאַפּן אומפאַר־האַפטערהייט. די אַקציע האָט זיך אָנגעהויבן זייגער 4 פאַרטאָג און דער דיזשורנער, וועלכער איז אונדז געגאַנגען אויפוועקן, איז געפאַלן דער ערשטער קרבן. דערהערט דעם שאָס, זענען מיר אַלע געלאָפן אין די סכראָ־נעס. איך בין אַרויסגעלאָפן אין העמד, און באַהאַלטן האָב איך זיך אין אַזא קעלער, וואָס פון זיינע ווענט האָט גערונען. די געשטאַפּאָווצעס האָבן געכאַפּט מענטשן פון די בעטן אַרויס, נאַקעטע און אַזוי זיי געטריבן.

ווען ס'האָט זיך אַביסל באַרואיקט, זענען מיר געגאַנגען צו אונדזער פּויערטע אויף שטענדיק, ווייל מיר האָבן געוווּסט, אַז בוטשאַטש דאַרף ווערן „יודענפריי".

מיר זענען געזעסן אויפן בוידעם, אָבער ס'איז געווען אַ סכנה, אַז עמעצער וועט אונדז דאָרט דערזען. איינמאָל איז אַפילו אַ גנב געווען דאָרט. די באַלעבאָסטע האָט פאַר אונדז דעמאָלס געמאַכט אַ סכראָן, צו וועלכן מען האָט זיך מיט אַ לייטער באַדאַרפט אַראָפּלאָזן פון בוידעם. די ברייט פון אים האָט באַטראָפן 40 ס"מ. אין צווייען האָט מען זיך דאָרט נישט געקאָנט לייגן. מיר זענען געשלאָפן לויט דער ריי נאָך. ביי־טאָג זענען מיר געזעסן אויפן בוידעם. צו דער באַלעבאָסטע איז געגאַנגען אַ באַנדעראָווניעץ מיכאל טערבאַטאַ און צו איר טאָכטער אַ פּאָליאַק. דער באַנדעראָוויעץ האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט אַליין אין וואַלד דערהרגעט 40 יידן. ער איז צוגעשטאַנען צו דער באַלעבאָסטע, זי זאָל זיך מודה זיין, אַז זי באַהאַלט אויס יידן, אַ ראיה וואָס זי האָט געלט און ס'איז אַ כלל, אַז געלט האָט דער, וואָס האַלט יידן.

זי האָט זיך אָבער נישט מודה געווען. ווינטער, בעת ס'איז מיר גע־ווען שטאַרק קאַלט, פלעג איך קומען אין צימער זיך וואַרעמען אויפן אויוון. מיר האָבן געהאַט אַ דורכגאַנג פון באַהעלטעניש צום אויוון. איינמאָל ליג איך אַזוי אויפן אויוון און מיטאַמאָל קומט אַריין דער טאָכטערס חתן. איך בין געווען בלויז אין העמד און האָר האָב איך געהאַט ביז צו די אָרעמס לאַנגע. ער האָט זיך פאַר מיר שטאַרק דערשראָקן און אַנטלאָפן. ער האָט שפּעטער דערציילט, אַז אין שטוב איז פאַראַן אַ „דידקאַ", אַ

טייל און דריבער האָט די באַלעבאָסטע געלט. מ'האָט מיך שוין נישט געקאָנט אויסבאהאלטן, האָט די פּויערטע געזאָגט, אז איך בין א אידיאָט און מ'האָט מיך געלאָזט צורו.

11 חדשים זענען מיר דאָ געווען. דעם 22סטן פעברואר (1944) זענען געקומען די רוסן און איך בין געגאנגען מיט דער מאַמען אין שטאָט אריין. כ'האָב זיך קוים געשלעפּט. די פיס זענען געווען געשוואָלן ווי עמערס. מיר זענען געווען אין בוטשאטש און דערווייל האָבן זיך דערנענטערט גרויסע מחנות דייטשן פון קאמיעניעץ פּאָדאָלסקער זייט און די סאָוויעטן האָבן זיך דעם 5טן מערץ צוריקגעצויגן, כדי זיך נישט לאָזן ארומרינגלען. ווער ס'האָט געהאט שכל, איז איצט געלאָפן אויף מזרח. א טייל יידן האָבן געמיינט, אז איצט, בעת די דייטשן האלטן אין לויפן, וועלן זיי קיינעם קיין שלעכטס נישט טון. איך בין שוין געזעסן אויף א וואָגן צוזאמען מיט דער מאמען אויף אוועקצופאָרן און דאָ איז די מאמע פּלוצלינג אראָפּ־געשפּרונגען פון וואָגן און מיך איבערגעלאָזט. איך האָב נישט געקאָנט שפּרינגען, מחמת מיינע קראנקע פיס, און מענטשן האָבן גענומען יאָגן, מען זאָל גיכער פאָרן. די מאמע איז אומגעקומען אין בוטשאטש. פון די לעצטע 1000 יידן זענען געבליבן 100, די איבעריקע האָבן די דייטשן אויסגעקוילעט.

איך בין געפאָרן קיין זבאראזש און דאָרט האָט מיך די שוועסטער אָפּגעזוכט. איך בין גראָד געווען דעם ערשטן טאָג אין מיליטערישן אוני־פאָרם. איך בין נאָך געווען אזוי קראנק און שוואך, אז 2 ק"מ צום באַן בין איך געגאנגען א גאנצן טאָג.

מיט דער שוועסטער זענען מיר געפאָרן קיין לעמבערג און שפּע־טער קיין לאָדזש. איך וויל זיך וואָס גיכער אָנהייבן לערנען און נאָך גי־כער פאָרן קיין ארץ ישראל.

(פּראָט. נומ. 11 פון עמנואל קריגעל. פּראָטאָקאָלירט: מ. מאריאנסקא, פון דער היסט. קאָמ. אין קראָקע).

13.

מענטשן האָבן נישט געוואָלט גלויבן...

מיר דרוקן די גבית־עדות פון מענדל ראָזענקראַנץ (געב. 1928) צווישן די קינדערשע, ווייל בעתן אויסברעכן פון קריג איז ער אלט געווען 13 יאָר. אין קאפיטל 9 דערציילט וועגן הארַאדענקע דוניא בערמאַן. צווישן די ביידע דערציילונגען זענען קיין סתירות נישטאָ. פאראן בלויז אונטערשידן אין פעסטשטעלן געוויסע דאַ־טעס. דאָס איז פארשטענדלעך צוליב דעם, וואָס די גבית־עדות זענען פראָטאָקאָלירט געוואָרן אין די יאָרן 1945 (ראָזענקראַנץ) און 1946 (בערמאַן).

ווען ס'איז אין יאָר 1939 אויסגעבראָכן די מלחמה, איז ביי אונדז אין הארַאדענקע געווען א גרויסע באוועגונג, ווייל א סך פּוילישע מיליטער און ציווילן זענען אנטלאָפן קיין רומעניע. האראַדענקע געפינט זיך 6 קי־לאָמעטער פון דער רומענישער גרענעץ. א האראַדענקער פריזיר, שאול גלאַ־נער, איז גערופן געוואָרן אין דער צערקווע, ווו ער האָט ראזירט דעם מי־ניסטער בעק און מארשאל רידז־שמיגלי. ווען ער איז פון דאָרט צוריק־געקומען און וועגן דעם דערציילט, האָט אים די פּוילישע פּאָליציי ארעס־טירט. ער איז געזעסן 2 טעג און בעת דער גרויסער באָמבארדירונג האָט מען אים ארויסגעלאָזט.

יום כיפּור זענען די סאָוויעטן אריין קיין האראַדענקע. איך האָב באלד אָנגעהויבן צו גיין אין שול, אין 7טן קלאַס. די 7יאָריקע שול איז פארוואנדלט געוואָרן אין א 10יאָריקע. דער ניוואָ פון דער סאָוויעטישער שול איז געווען באדייטיק העכער, מיר האָבן געהאט מער מאַטעריאל און א פיל אינטערעסאנטערן. דער טאַטע האָט שוין נישט געהאט זיין קראָם, ווייל מען האָט ארויפגעלייגט הויכע שטייערן. אומעטום האָבן זיך געשאַפן קאָאָפּעראַטיוון. מען האָט געמעגט האנדלען פריוואט און מיר האָבן גע־לעבט נישט שלעכט.

די מלחמה מיט די דייטשן האָט זיך אָנגעהויבן דעם 22סטן יוני 1941

און שוין נאָך אַ פּאָר וואָכן זענען ביי אונדז געווען די אונגאַרישע זעלנער. אין האַראַדענקע זענען פאָרגעקומען גאַסן־קאַמפן מיט די אונגאַרישע פאַטראָלן, וועלכע האָבן אַטאַקירט די אָפּטרעטנדיקע סאָוויעטישע זעלנער. די אוקראַאינער האָבן צוגעהאָלפן די אונגאַרן און געוויזן, ווי אַזוי צו מאַכן אַ „קעסל" (אַרומרינגלונג).

די ערשטע פינף חדשים זענען אין האַראַדענקע בכלל קיין דייטשן נישט געווען. די אונגאַרן האָבן זיך לגבי די יידן זייער גוט פאַרהאַלטן, האָבן זיי נאָר גענומען אויף אַרבעט. אין משך פון די פינף חדשים איז אומגעקומען איין ייד, און דאָס נישט אַ גאַנץ נאָרמאַלער, וועלכער האָט זיך גענומען שלאָגן דעם אונגאַרישן זעלנער. אַמערגסטן האָבן זיך אויפ־געפירט די אוקראַאינער. געווען ביי אונדז אַ מיליטעריש־נאַציאָנאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, סיטש; זיי האָבן געוואָלט מאַכן פּאָגראָמען. מיר האָבן זיך וועגן דעם דערוווּסט און ד"ר שניידער איז געגאַנגען צום אונגאַרישן קאָ־מענדאַנט אינטערווענירן. די אונגאַרן האָבן געמאַכט אַ רעוויזיע אין דער אָרגאַניזאַציע, צוגענומען אַ סך געווער און אַרעסטירט דעם אָנפירער באַסקול.

נאָך פינף חדשים זענען די אונגאַרן געגאַנגען ווייטער אויף מזרח און קיין האַראַדענקע זענען געקומען דייטשן. באַלד איז געוואָרן אַ דייט־טשע פאַרוואַלטונג מיטן קרייזהאַופּטמאַן (סטאַראָסטע) דאַפּלער אין ראַנג פון אָבערשטורמבאַנפירער בראש. ער איז געווען אין אוניפאָרם פון געס־שטאַפּאָ. אויך דער קרייזלאַנדווירט קעניג איז געווען אַ געשטאַפּאָוויעץ. ס'איז געקומען דייטשע זשאַנדאַרמעריע, זאָנדערדינסט און קרימינאַל־פּאָליציי, ס'רוב פּאָליאַקן פון שלעזיען.

די דייטשן זענען געקומען אין נאָוועמבער און שוין דעם 4טן דע־צעמבער איז געווען די ערשטע אַקציע. דעמאָלס איז נאָך קיין יידישער וווינפערטל נישט געווען. אויף דער הויפּט גאַס האָבן אָבער יידן נישט גע־טאָרט וווינען. דאָס איז געווען די ערשטע פאַראָרדענונג פון די דייטשן. בעת די אונגאַרן זענען געווען, האָבן מיר געטראָגן געלע לאַטעס. די דייט־טשן האָבן איינגעפירט ווייסע מיט אַ מגן דוד. אין האַראַדענקע זענען דעמאָלס געווען אַ 6000 יידן, פון וועלכע 1000 אויסגעזידלטע פון אונגאַרן.

די אקציע האָט זיך אָנגעהויבן דעם 4טן דעצעמבער אינדערפרי. קיינער האָט דאָס נישט דערוואַרט. די פּאָליציאַנטן האָבן ארומגערינגלט די גאַסן און די הייזער, ארויסגעשלעפּט יידן און צונויפגעזאמלט זיי אין בית־מדרש. דער טאַטע האָט מיך, מיין מאַמען און צוויי שוועסטער באַהאלטן אויף דעם בוידעם און אליין געגאַנגען זען, וואָס עס קומט פאָר. מען האָט אים דעמאָלט געכאַפּט און מער האָבן מיר אים שוין נישט געזען. מ'האָט דעמאָלט צונויפגענומען 2.500 יידן, מענער, פרויען און קינדער, געטריבן זיי פריער מיט אויטאָס און פרייטיק די איבעריקע, פאר וועלכע ס'איז קיין פּלאַץ אין אויטאָ נישט געווען, צופוס, אין וואַלד אריין אין סאמארקאווצע. דאָרט איז געווען צוגעגרייט א גרוב. אהין האָט מען געוואָרפן די דערשאָסענע און קינדער לעבעדיקערהייט. אָבער דעם גרוב האָט מען דאָנערשטיק נישט פארשאָטן, ערשט פרייטיק און 10 קינדער און עטלעכע פרויען, וועלכע זענען געווען בלויז פארוווּנדעט, האָבן זיך ארויסבאַקומען ביינאַכט פון אונטער די מתים און אנטלאָפן. זיי האָבן דערציילט, ווי דאָס איז פאָרגעקומען. מען האָט געלייגט א ברעט איבערן קבר און נאַקעטע האָבן זיך געמוזט שטעלן מענטשן צו פינף. דערנאָך האָט מען זיי דערשאָסן. צווישן זיי איז געווען ד"ר שניידער פון הארא־דענקע. אים האָט מען געלאָזט אין העמד. ער האָט אָבער געזאָגט צו די דייטשן: איר האָט אזוי וויניק, נאט אייך מיין העמד אויך! ער האָט זיך אויסגעטון און געוואָרפן זיין העמד צום גאַנצן הויפן מיט זאַכן.

איינע פון די פרויען, וואָס איז אנטלאָפן, איז געווען אין די לעצטע חדשים און נאָך צוויי וואָכן האָט זי געבוירן אין שפּיטאָל. זי האָט זיך דאָרט ארויסגעכאַפּט מיט א וואָרט וועגן וואַלד. די געשטאַפּאָ איז געקומען און מ'האָט זי צוזאַמען מיטן קינד אוועקגעפירט קיין קאלאמיי און דאָרט דערשאָסן. זיי האָבן אויך אויסגעזוכט אנדערע אנטלאָפענע פרויען. איצט לעבט נאָר איינע פון זיי אין סטאַניסלאַוואוו, דאָרא גלאַצער. בעת דער ערשטער אקציע האָט מען אויך געהרגעט דעם גאַנצן יודענראַט מיטן אדוואָקאַט העסל. שפּעטער האָט מען געשאַפן א צווייטן יודענראַט.

די צווייטע אקציע איז פאָרגעקומען דעם 13טן אפּריל. דערווייל איז געשאַפן געוואָרן די געטאָ און מ'האָט אהער צונויפגעטריבן יידן פון גאַנצן פּאוויאַט. די געטאָ איז נישט געווען ארומגעצוימט, ס'זענען נאָר געשטאַ־

נען יידישע פּאָליציאַנטן. נאָכן טאַטנס טויט האָבן מיר געלעבט פון אויס־פּארקויפן זאַכן. איך מיט דער עלטערער שוועסטער זענען געגאַנגען אַר־בעטן אויפן שאָסיי. ביי שטיינער. פון אַן אַנגעשטעלטן אין ארבעטס־אַמט האָבן מיר זיך דערוווסט, אַז עס גרייט זיך אַן אַקציע. דער אַנגעשטעלטער פון קאַלאָמיי איז געווען אַן איבערגעקויפטער. מענטשן האָבן זיך אויס־באַהאַלטן אין בונקערס. מיר האָבן אויך געהאַט אַ בונקער אויף פיר פּער־זאָן אין הויף. מען האָט אויפגעהויבן אַ שטיין און אריינגעגאַנגען אינע־ווייניק. „בלויז" 75 מענטשן האָבן די דייטשן דעמאָלט געכאַפּט. אין יו־דענראַט האָבן זיי זיי דערשאָסן. מיר האָבן שפּעטער באַגראָבן די דאָזיקע מתים אויפן יידישן בית עולם.

אין יענער צייט איז די געטאָ שוין געווען אַן אָפּגעשלאָסענע, מער געהיט און ס'האָט געהערשט אַ הונגער און אַ טיפוס. פון טיפוס זענען אַ סך מענטשן געשטאָרבן. וויפל מענטשן ס'זענען אין יענער צייט געווען אין האַראַדענקע, געדענק איך נישט. צו דער ארבעט פלעגן מיר גיין באַ־וואַכט פון יידישע פּאָליציאַנטן. זיי זענען נישט געווען די ערגסטע. מיר האָבן געוווסט, אַז אין טלוסטע פירן זיי זיך אויף פיל ערגער. זיי האָבן אונדז נישט געהאָלפן אין גאָרנישט, אָבער אויך נישט געשאַדט.

אין יולי אָדער אין אויגוסט 1942 — איך געדענק נישט גענוי — האָט מען געמאָלדן וועגן אַ רעיעסטראַציע פון אַלע יידן. אויף אַלע היי־זער איז געווען אַרויסגעהאַנגען אַ מעלדונג, אַז מאַנטיק פרי דאַרפן זיך אַלע מעלדן אויפן רינגפּלאַץ, וווּ מען וועט רעיעסטרירן. אין יודענראַט האָט מען געזאָגט, אַז אין האַראַדענקע וועלן קאָנען בלייבן 750 יידן און זיי וועלן באַקומען אַן אָפּצייכענונג „א" — ארבעטנדיקע — און די איבע־ריקע וועלן פאָרן קיין קאַלאָמיי. אַלע האָבן זיך געשראָקן פאָרן פאָרן און פארמעגלעכע האָבן געצאָלט צו הונדערט דאָלאַר דעם יודענראַט, מען זאָל זיי נישט אַרויסשיקן. מאָנטיק פרי זענען זיך יידן צונויפגעקומען אויפן באַשטימטן פּלאַץ, אָבער נישט אַלע. אַ טייל האָט נישט געהאַט קיין צו־טרוי צו די דייטשן. מיר האָבן זיך באַהאַלטן אין בונקער. דער קרייז־האופּטמאַן האָט אָנגעהויבן צו רעיעסטרירן, אָבער מיטאַמאָל זענען אָנגע־קומען אויף אויטאָס געשטאַפּאָווצעס און גענומען שיסן אין המון. מען האָט אַלע אַרומגערינגלט און איינגעשפּאַרט אין אַ גרויסן בנין א. ג. הויף.

די אקציע האָט זיך אָנגעהויבן מאָנטיק. מען האָט געזוכט אין די הייזער, קעלערס, בונקערס, אויף די בוידעמס. מיר זענען געבליבן אין בונקער. מיר זענען געזעסן ביז שבת. מיר האָבן געהאַט זייער ווייניק צו עסן, נאָר א ביסל ברויט.

מען האָט אַלעמען געשיקט קיין בעלזשיץ, אויסער א גרופּע פון 50 מאַן פאַכלייט און אייניקע זאַמלער פון אַלטוואַרג, וועלכע האָבן באַקומען דעם „א". א טייל מענטשן האָט מען געשיקט קיין לעמבערג אין יאַנאָווער לאַגער. וועגן בעלזשיץ האָט מען געזאָגט, אַז מענטשן ווערן דאָרט געטויט דורך עלעקטרע. שבת פרי, ווען ס'איז שוין געווען רואיק, זענען מיר ארויס פון בונקער. ס'זענען געווען מערערע אַזעלכע, ווי מיר. מען האָט אונדז גענומען אויף ארבעט אין די יידישע קראָמען. מען האָט אַלע זאַכן צו־נויפגעזאַמלט אין איין אָרט. באַזונדערע סקלאַדעס זענען געווען פאַר מעבל און געשיר. מיט צוויי וואָכן שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן כאַפּן און ארויספירן אין געטאָ אין קאָלאָמיי. אויך מיין מאַמען און די יינגערע שוועסטער האָט מען צוגענומען און מער האָב איך זיי שוין נישט געזען. ביינאַכט האָבן מיר מיט דער שוועסטער פאַרנומען א ביסל זאַכן און אַוועק קיין טלוסטע. מענטשן האָבן נישט געוואָלט גלויבן אין דעם, וואָס מיר האָבן דערציילט, הגם טלוסטע איז בסך הכל 35 קילאָמעטער פון האָראָדענקע. דאָ זענען קיין אקציעס נישט געווען. דער יודענראַט האָט געמוזט געבן א „קאָנטינגענט" — 200 זקנים. אָבער שבת האָט מען אויך דאָ גענומען רעדן וועגן אַן אקציע און ס'איז געוואָרן א מהומה. מ'האָט געכאַפּט אַלע מענטשן, צו די, וואָס האָבן געפּרוווט אַנטלויפן, האָט מען געשאָסן. מיר זענען אַלע געגאַנגען צום באַן, ווו מ'האָט אונדז פאַרלאָדן אין וואַגאָנען.

מען האָט אויסגעקליבן יונגע, געזונטע מענטשן, געגעבן זיי ברויט און וואַסער אויפן וועג און אָפּגעשיקט באַזונדער, כלומרשט אין יאַנאָווער לאַגער — די איבעריקע האָבן געדאַרפט פאָרן אויף טויט קיין בעלזשיץ. מיר זענען געפאָרן א גאַנצן טאָג און אין אָוונט האָבן מיר אויסגעהאַקט א שויב אין וואַגאָן און ארויסגעשפּרונגען מיט דער שוועסטער. מיט פעל־דער זענען מיר געגאַנגען צוריק קיין טלוסטע דריי מעת־לעת. מיר זענען געשלאָפן אין פעלד. די שוועסטער פלעגט גיין אין די דערפער קויפן עסן

און פרעגן א וועג און איך פלעג ווארטן אין פעלד. אין טלוסטע איז נאָך געווען געגנוג יידן ביז פרילינג 1943.

אינצווישן זענען געווען עטלעכע אקציעס. איינמאָל האָט מען גע־כאפט די שוועסטער און אוועקגעפירט קיין טשארטקעוו, אָבער נאָך א וואָך אויסהונגערן און עפּעס אַן איינשפּריצונג האָט מען זי ארויסגעלאָזט. דערנאָך האָבן אַלע געקרענקט אויף טיפוס און אויך אנדערע אָנגעשטעקט. פיל מענטשן זענען דעמאָלס געשטאָרבן. מ׳האָט גערעדט, אז דאָס האָט מען זיי בכיוון אָנגעשטעקט מיט דער קראנקהייט, כדי זיי זאָלן זי פאר־שפּרייטן.

פרילינג, איך געדענק נישט אין וועלכן חודש (מאי — נ. ג.), איז געווען די פולשטענדיקע ליקווידאציע. א טייל מענטשן האָט מען געטריבן קיין טשארטקעוו, די איבעריקע האָט מען פארמאכט אין א לאגער אין קאראלאווקא. איך בין מיט דער שוועסטער אריינגעפאלן אין דעם דאָזיקן לאגער. דאָס איז געווען א פאלווארק, ווו ס׳האָבן געארבעט 50 יידן. ס׳איז קיין פּאָליציי דאָ נישט געווען און קיינער האָט אונדז נישט געהיט. דער זשאנדצע איז געווען א פּאָליאק זיאלקאָווסקי. ער איז נישט געווען פון די ערגסטע. שיכורערהייט פלעגט ער שלאָגן. מ׳האָט געקאָנט לעבן. כ׳בין געגאנגען ארבעטן צו די פּויערים, האָב איך באקומען בעסער עסן און גע־ברענגט דער שוועסטער.

אזוי איז געווען ביזן 23סטן נאָוועמבער 1943. אינדערפרי זענען גע־קומען 6 אוקראינישע מיליציאָנערן און איין דייטש, געכאפּט צו עטלעכע מענטשן און אויפן פּלאץ פאר דער שטאל געשאָסן. די שוועסטער איז דע־מאָלס אומגעקומען און איך בין אנטלאָפן.

עטלעכע מענטשן האָבן מיר זיך אזוי אויסבאהאלטן אויף די פעל־דער און שפּעטער זיך אומגעקערט אויפן פאלווארק. די געשאָסענע זענען אַלץ געלעגן אין א גרוב אויף מיסט. נישט איינמאָל האָבן מיר צווישן זיך גערעדט, אז אויך מיר וועלן ליגן אין אזא מין „קבר״. מיר האָבן זיי פאר־שאָטן מיט ערד. אויך די שוועסטער האָב איך דאָרט געזען ליגן.

עטלעכע מענטשן זענען מיר דאָ געבליבן ביזן 1טן יאנואר 1944. דער פראָנט האָט זיך גענענטערט. אונדזער זשאנדצע האָט אונדז מורא געהאט לענגער צו האלטן און אונדז געהייסן גיין, ווו מיר ווילן אליין.

מיר זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען און איך בין אָנגעקומען אין אַזאַ פּאָל־וואַרק אין ליסאַוויעץ. דאָרט האָב איך געזען, ווען איך נישט לאַנג קענען בלייבן און זיך אומגעקערט קיין קראָלאַווקע. איצט האָט מען אונדז שוין נישט אַרויסגעוואָרפן, נישט געווען קיין צייט. ס׳איז שוין געווען די עוואַקואַציע.

ס׳האָבן איצט אָנגעהויבן זייער אַרבעט די באַנדעראָווצעס, די אוק־ראַינישע נאַציאָנאַליסטן. זיי האָבן געמאָרדעט יידן אין די וועלדער און לאַגערס. דעמאָלס זענען מיר זיך אַלע געגאַנגען אויסבאַהאַלטן. איך בין דעם זעלבן אָוונט —פעברואַר— געקומען אין באַזיליאַנער קלויסטער, צוויי ק״מ פון קראָלאַווקע. איך בין אַריין אין שטאַל און דאָרט איבער־גענעכטיקט. אינדערפרי איז געקומען די אויפזעערין. זי האָט גאָרנישט נישט געפרעגט און איך האָב אויך געשוויגן. זי האָט מיר געבראַנגט ברויט און מילך. כ׳האָב גענומען די גראַבלעס און אָנגעהויבן ראַמען דעם הויף. ס׳איז אַרויסגעקומען אַ גלח (מאָנאַך — נ. ג.), האָט געכאַפּט אַ קוק און זיך נישט אָפּגערופן. אויך מיטאָג און פאַרנאַכט האָט מען מיר געגעבן עסן. און אַזוי בין איך פאַרבליבן אַ חודש צייט, ביז ס׳זענען געקומען די סאָוויעטן. כ׳האָב מורא געהאַט ווייטער צו בלייבן, ווייל אומעטום זענען געווען באַנדעראָווצעס, און איך בין געגאַנגען קיין יאַגעלניצע. דאָרט זע־נען שוין געווען סאָוויעטן. די רויטאַרמייער האָבן מיך מיטגענומען אויף אַן אויטאָ און געפירט קיין האַראַדענקע. איך האָב געהאַפט, אַז עמעצער וועט זיך אומקערן, אָדער כ׳וועל אָפּנעמען עפּעס זאַכן. ס׳איז מיר נישט געלונגען. מען האָט מיר געעצהט צו פאָרן קיין טשערנאָוויץ. דאָרט קאָן מען עפּעס פאַרדינען. איך בין דאָרט געווען עטלעכע חדשים, געהאַנדלט, געהאַט שוין געלט און צוריקגעקומען קיין האַראַדענקע. צוויי מאָל האָט מיך די מיליץ געכאַפּט און אַלץ צוגענומען. איך בין געפאָרן קיין סטאַ־ניסלאַוואָו. דאָרט האָט אַ רב געקליבן אַ טראַנספּאָרט קיין קראָקע. מענ־טשן האָבן געזאָגט, איך זאָל פאָרן, אַז איך וועל זיך קאָנען לערנען. איך וויל זיין אַן עלעקטראָטעכניקער.

(פּראָט. נומ. 16 פון מ. ראָזענקראַנץ. פּראָטאָקאָלירט: מ. מאַריאַנסקאַ, פון דער היסט. קאָמ. אין קראָקע).

נ ח ג ר י ס

.14

„כ׳האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווי מײַן מאַמע האָט געהייסן"...

אדם לאנדסבערג, געב. אין יאָר 1930, אַ זון פון אַן אדוואָקאַט, דערציילט אויף אַן אינטעליגענטן, רירנדיקן אופן זיינע איבערלעבונגען אין לעמבערג און אויך שפּעטער, בעתן אנטלויפן פון טראנספּאָרט קיין בעלזשיץ.

זיין גבית־עדות ווערט באשטעטיקט דורך אַן ארבעט פון ג. טאַפּעט וועגן זשאלקווע (פארלאג פון דער צ.יי.ה.ק.). זיין באַקלאָגן זיך אויף אַן אָפּגעשוואכטן זכרון איז נישט קיין באַווייז, אז זיין דערציילונג איז נישט באגלויביקט. עס איז אָבער כאראַקטעריסטיש פון פסיכאָלאָגישן שטאַנדפּונקט, און מיר האָבן פיל באַווייזן דערויף, אז דער זכרון איז צוליב די איבערלעבונגען טאַקע אָפּגעשוואכט.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, האָט די רויטע ארמיי פארנומען לעמבערג. מיין טאטע האָט געארבעט אין דער אדוואָקאטן־קאלעגיע. מיר זענען געבליבן אין אונדזער דירה, נאָר צוויי צימער האָבן מיר פארדונגען צו שכנים. איך בין געגאנגען אין א פּוילישער שול. קיין אנטיסעמיטיזם האָב איך נישט געפילט. א דורכשניטלעכער סאָוויעטישער בירגער האָט בכלל נישט געקענט דאָס וואָרט „זשיד".

וועגן דער מלחמה מיט דייטשלאנד האָט מען נאָך פריער גערעדט. ווען זי איז געקומען, בין איך גראד געווען נאָך אַן אָפּעראציע פון דער בלינדער קישקע און מ׳האָט מיך געמוזט טראָגן אין סכראָן אראָפּ. דעם 1טן יולי זענען די דייטשן אריין אין שטאָט און מיט צוויי טעג שפּעטער זענען שוין פאָרגעקומען די ערשטע אַנטיסעמיטישע ארויסטרעטונגען. אין ווינונג זענען געקומען מענטשן און האָבן דערציילט, אז אין די גאסן שלאָגט מען יידן. דער טאטע איז אראָפּגעגאנגען זען, וואָס עס קומט פאָר. אונדז האָט ער געהייסן אראָפּגיין אין קעלער, ווייל מען גייט אין די ווויי־

זונגען אויך. דורך די גאַסן האָט מען געפירט מענטשן מיט אויפגעהוי־בענע הענט און מ'האָט זיי רעווידירט. נאָך עטלעכע טעג האָט זיך אביסל באַרואיקט און מ'האָט געשאַפן דעם יודענראַט. יידן האָבן געמוזט טראָגן אָפּצייכענונגען אויף דעם ארבל מיט א מגן דוד. פון די הייזער האָט מען געשלעפּט דאָס טייערסטע: מעבל, טעפּיכער, קרישטאַלן. דער טאַטע האָט שוין נישט געאַרבעט און מיר האָבן געלעבט פון זאַכן־אויספאַרקויף.

א גרויסע אקציע איז געמאַכט געוואָרן אין „טאָג" פון פּעטלורעס יאָרצייט *). מען האָט צוגענומען מענטשן און מער האָט מען וועגן זיי קיינמאָל נישט געהערט. אין נאָוועמבער האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן די געטאָ. זי האָט ארומגענומען דעם זאַמאַרסטינאָווער קוואַרטאַל. פון דער שטאָט אין געטאָ האָט מען געמוזט דורכגיין אונטער א בריק, וואָס האָט באַקומען דעם צונאָמען „טויטבריק". די דייטשן און אוקראַינישע פּאָ־ליציי האָבן דאָרט געהאַט זייערע פּאָסטנס און פאַרנומען אַלטע לייט, קראַנקע און קאַליקעס. די דאָזיקע מענטשן פלעגט מען שיסן אויף די „פּיאַסקעס" (זאַמד) הינטער דעם יאַנאָווער לאַגער. פּוילישע און אוקראַי־נישע באַנדעס פלעגן באַפאַלן וועגענער, אויף וועלכע מ'האָט איבערגעפירט יידיש האָב און גוטס. שוין דעמאָלט האָט זיך געהאַלטן אין גרינדן דער יאַנאָווער לאַגער. דאָס איז געווען א לאַגער פון צוואַנגס־אַרבעט, פאַר וועלכער מען פלעגט כאַפּן יונגע מענטשן.

ביידע עלטערן מיינע האָבן געאַרבעט אין דער אונטערנעמונג „ראָ־שטאָף". מיר האָבן אַלע געוווינט אין שטאָט, ווייל דאָס אריבערגיין אין געטאָ איז נאָך נישט געווען אָבליגאַטאָריש. אין אויגוסט 1942 האָט מען געכאַפּט מיין מאַמען, בעת זי איז געגאַנגען צו דער ארבעט און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע פרויען אָפּגעשיקט אין יאַנאָווער לאַגער. פון דאָרט האָט מען זי געשיקט מיט א טראַנספּאָרט קיין בעלזשיץ און מער האָב איך נישט געזען און נישט געהערט וועגן מיין מאַמען. וועגן בעלזשיץ

*) די דערמאָנטע אקציע איז פאָרגעקומען פון 25-27 יולי (פּעטליורא־אקציע). ס'איז געווען אן אויסרייד צו מאַכן א פּאָגראָם. פּעטליורא איז דערשאָסן געוואָרן אין מאַי. (ד"ר פ. פרידמאַן: „דער אומקום פון יידן אין לעמבערג": פאַר־לאַג פון דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע אין פּוילן.)

האָט מען לכתחילה געזאָגט, אַז ס'איז אַן אַרבעטס־לאַגער, ערשט שפּע־טער האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָרט גייען אַלע צום טויט.

איך בין געבליבן מיטן טאַטן און ביזן 7טן סעפּטעמבער האָבן מיר געוווינט אין שטאָט. דערווייל האָט מען אונדז בעת דער גרויסער אויס־גוסט־אַקציע פאַרנומען אויף דער אוקראַינישער פּאָליציי. דער טאַטע האָט געהאַט גוטע פּאַפּירן — האָט מען אים באַפרייט, מיך אָבער האָט מען פאַרהאַלטן. דער טאַטע האָט זיך נישט געוואָלט מיט מיר שיידן, האָט מען אונדז ביידן אַוועקגעשיקט אין יאַנאָווער לאַגער. דאָרט האָט זיך דעם טאַטן איינגעגעבן מיך אויסצובעטן און מיר זענען ביידע אַהיימגעגאַנ־גען. אין יענער צייט האָט זיך אַ ייד געסמט, ווען מ'האָט אים גענומען אין קאָמיסאַריאַט. דעם טויטן קערפּער האָט מען אָפּגעשיקט צוזאַמען מיט אונדז אין יאַנאָווער לאַגער. נאָכן באַפרייען האָט דער טאַטע ווייטער גע־אַרבעט און איך האָב זיך פאַרנומען מיט איינקויפן און קאָכן. דאָס האָט מיר פאַרנומען דעם גאַנצן טאָג און כ'האָב נישט געהאַט קיין צייט פאַר עפּעס אַנדערש.

אין סעפּטעמבער האָבן מיר געמוזט אַריבערגיין אין געטאָ. מיר האָבן נישט געהאַט קיין וווינונג און זענען געווען אָן געלט און אָן זאַכן. אמת, מיר האָבן געהאַט אַ צוטיילונג אויף אַ דירה, אָבער ס'איז דאָרט געווען אַזוי ענג און אַזעלכע מענטשן האָבן דאָרט געוווינט, אַז ס'איז אוממעגלעך געווען צו קריגן דאָרט אַפילו אַ ווינקל. מיט אַ האַק זענען זיי געשטאַנען ביים אַריינגאַנג און נישט אַריינגעלאָזט. מיר זענען געשלאָפן אויף די טרעפּ אָדער אויף די גאַנעקעס. שפּעטער האָט אונדז דער פעטער גענומען אויפן בוידעם פון הויז, ווו ער האָט געוווינט. ס'איז געווען שרעקלעך. עס האָט געהערשט אַ טיפוס, מענטשן זענען געפאַלן ווי פליגן, מתים האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן. איך געדענק נישט גענוי די דאַטעס פון פאַקטן, נאָר מאַנכע. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר כ'האָב אויף אַ מאָדנעם אופן פאַרלוירן דעם זכרון. איצט איז מיר שוין אַביסל בעסער (מאַי 1945 — נ. ג.). עס זענען געווען מאָמענטן, בעת כ'האָב זיך אויסבאַהאַלטן, אַז כ'האָב זיך נישט געקאָנט דערמאָנען, ווי מיין מאַמע האָט געהייסן.

די גרויסע אַקציע אין געטאָ האָט זיך אָנגעהויבן דעם 19טן נאָ־

זועמבער 1942. מיט אַן אָוונט פריער איז געקומען א מיליציאָנער און געוואָרנט, אז עפּעס גרייט זיך. אינדערפרי האָבן זיך אַלע פון „ראשטאַף" אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס. דער טאַטע האָט מיך אריינגענומען אין דער מיט מיט דער האָפענונג, אז עס וועט זיך מיר איינגעבן אדורכצוגיין דאָס טויער, כאָטש איך האָב דאָס בלעכל נישט געהאַט. מען האָט אַלע צוגעפּ־געטריבן צום טויער. פון איין זייט איז געווען א פּלויט, פון דער צווייטער הייזער־בלאָקן, ווו ס'האָבן געוווינט די ארבעטער פון שווארצעס אמוניציע פאבריק. אונדז האָט זיך אויסגעוויזן, אז וואָס גיכער מיר וועלן זיך דער־לאַנגען צום טויער, אַלץ פריער וועלן מיר געהאָלפן. ס'איז שווער צו באַ־שרייבן דאָס געדרענג און די שטופּעניש. ווען מ'האָט גענומען לעגיטימירן די ארבעטער פון „ראשטאַף", האָט מען מיך באַלד אוועקגעשטעלט אין א זייט, אָבער אין גרויסן באַלאַגאַן האָט זיך מיר איינגעגעבן צוריק דער־לאַנגען זיך צום טאַטן. שפּעטער האָט מען אונדז פאַרזאַמלט אויף א פּלאַץ און נאָכאַמאָל לעגעטימירט. מיך האָט מען צום צווייטן מאָל אָפּגעטיילט. אויך איצט האָב איך זיך אריינגעשמוגלט. שפּעטער האָט מען אונדזער גרופּע אריינגענומען אין איינעם פון די בלאָקן פון שווארצן און דורכגע־פירט א גענויע סעגרעגאַציע. דאָ האָב איך שוין גאָרנישט נישט געקאָנט טון. מ'האָט מיך אָפּגעפירט אין א זייט. דער טאַטע האָט דעמאָלט אויס־געררופן אויף דייטש, אז איך בין זיין זון. מען האָט אים אוועקגעשטעלט צוזאַמען מיט מיר און אנדערע, באַשטימטע צום טראַנספּאָרט, צי צום טויט. ס'איז געקומען צו פאָרן דער דירעקטאָר פון „ראשטאַף" און אָפּ־געקליבן זיינע ארבעטער, אויך דעם טאַטן. איך בין געבליבן אַליין. אַלץ איז געשען אזוי שנעל און אין אזא טומל, אז איך האָב אפילו נישט באַ־וויזן זיך צו געזעגענען מיטן טאַטן. מען האָט אונדז איינגעטיילט אין גרו־פּעס און ארויסגעפירט. אין דרויסן האָבן אויף אונדז שוין געוואַרט טראַמ־ווײַ־פּלאַטפאָרמעס און אונדז אָפּגעפירט צום קלעפּאַראווער וואָקזאַל. איך ווייס נישט וויפל מענטשן, אָבער זייער א סך. עס זענען געווען קינדער, א טייל אפילו גאָר קליינע, אָן עלטערן. איין קינד איז דאָ אין וואַגאָן גע־שטאָרבן. מען האָט אונדז געהייסן אראָפּנעמען די שיך און די מענטל. איך האָב זיך אנידערגעזעצט אויף דער ערד און אראָפּגעשלעפּט די שיך און אזוי בין איך באָרוועס און אָן א מאַנטל געזעסן אין וואַגאָן צוזאַמען

מיט נאָך 140 מאַן. ביי די וועגט זענען געלעגן קראנקע אויף טיפוס, גוסס־דיקע מענטשן און קליינע קינדער. א טייל מענטשן האָבן געדאַווענט, אַנדערע האָבן געוויינט. אַלע האָבן מיר געוווּסט איינס: מיר פאָרן קיין בעלזשיץ. פון 12 בייטאָג ביז 11 ביינאַכט זענען מיר געשטאַנען אין די וואַגאָנען ביז מ'האָט געריירט פון אָרט. שוין ביי בזשוכאַוויץ (8 ק"מ פון לעמבערג, א דאַטשע אָרט — נ. ג.) האָבן מיר אָנגעהויבן טראַכטן וועגן אַנטלויפן. ס'איז מיר טאַקע געווען אַלץ איינס, איך האָב געוווּסט, אַז איך פאָר אויף טויט. שטאַרבן האָב איך נישט געוואָלט, אָבער אויב שוין יאָ שטאַרבן, איז נישט אין בעלזשיץ, נישט אין גאַז. איך בין דעמאָלס אַלט געווען 12 יאָר, אָבער איך האָב שוין אַזוי פיל געהערט און זיך אָנגעזען, אַז כ'האָב געוווּסט, וואָס עס דערוואַרט מיך. דער ערשטער איז אַרויסגעשפּרונגען דורך א פענסטערל, וואָס איז געווען זייער הויך, א קליין יינגל, נאָך אים אַן עלטערער מענטש, איך בין געווען דער דריטער. פון צוג האָט מען כסדר געשאָסן, ווייל כסדר איז עמעצער געשפּרונגען. ס'איז אָבער געווען פינסטער און שווער געווען עמעצן צו טרעפן. איך בין געשפּרונגען און באַלד פאַרלוירן דעם באַוווּסטזיין. איך האָב געכאַפּט א שטאַרקן זעץ אין קאָפּ, וואַרשיינלעך פון א סטויס. א שרעקלעכע קעלט האָט מיך אויפגעוועקט. ס'איז געווען נאָוועמבער, א קאַלטע נאַכט, באָרוועס, אָן א היטל. דער גאַנצער קערפּער האָט מיר וויי געטון, ווי ער וואָלט געווען איין גרויסע וווּנד, אויפן פּנים האָב איך געפילט א שיכטע בלוט. ס'איז געווען אפשר 3 אַזייגער פאַרטאָג. כ'האָב אָנגעקלאַפּט אין דער ערשטער כאַלופּע, אָבער קיינער האָט נישט געענטפערט. אַזוי בין איך געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, ביז מ'האָט מיך אַריינגעלאָזט. דער אוקראַיִנישער פּויער האָט מיר א לייכט געגעבן אין די אויגן און באַלד פאַרשטאַנען, מיט וועמען ער האָט צו טון. איך בין אוודאי נישט געווען דער ערשטער. ער האָט מיך אַריינגעפירט אין סטאַדעלע און מיך געלאָזט איבערשלאָפן אין היי. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך געפין זיך 3 ק"מ פון זשאָלקווע. אינדערפרי האָט ער מיר געבראַכט זיך אָפּצוואַשן און אָפּצוועסן. ער האָט מיר געהייסן א קוק טון אין שפּיגל. אויפן פּנים האָב איך געהאַט א הויט פון פאַרטרוקנט בלוט. איין וווּנד אויפן שטערן, פון וועלכער כ'האָב ביז היינט א סימן, און פיל קלענערע אויפן גאַנצן פּנים. דער גאַנ־

צער קערפּער האָט מיר אַזוי ווי געטון, אַז איך האָב זיך נישט געקאָנט רירן. כ׳האָב אָבער געמוזט ווייטער גיין, דאָ האָט מען נישט געטאָרט בלייבן. דער באַלעבאָס האָט מיר געראַטן, איך זאָל גיין קיין זשאָלקווע, דאָרט זענען נאָך פאַראַן יידן און אַ יודענראַט. ער האָט מיר די פיס אַרומגעוויקלט מיט היי, אַרויפגעצויגן אויף זיי אַלטע פּאַפּוטשעס (וואַרעמע שטעקשיך) און איך האָב זיך געלאָזט גיין. כ׳האָב זיך באַמיט אויסצומיידן מענטשן, ווייל ווער ס׳וואָלט מיך געזען, וואָלט באַלד פאַרשטאַנען, פון וואַנען איך קום. אין זשאָלקווע אויף דער גאַס האָב איך געזען אַ יידן מיט אַן אָפּצייכענונג. ער איז פאַרבייגעגאַנגען און שטילערהייט געזאָגט: רעד גאָרנישט און קום נאָך! ער האָט מיך אַריינגעפירט צום יודענראַט און איינקוואַרטירט אין אַ הויז. כ׳האָב געבעטן, מ׳זאָל דערפּעשירן צו דער פירמע „ראַשטאַף", אַז איך בין דאָ. נאָך צוויי טעג איז אין זשאָלקווע געווען אַן אַקציע. צוזאַמען מיט נאָך זעקס מענטשן האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ בונקער, די גרויס פון אַ טיש. ער איז געווען אין אַ שאַפע, נישט באַוואָרנט און ווען די דייטשן קומען, וואָלטן זיי אים באַלד אַנטדעקט. זיי זענען צום גליק נישט געקומען. כ׳בין ווידער געווען אַ געראַטעוועטער. נאָך עטלעכע טעג, ווען אַלץ האָט זיך באַרואיקט, האָט מיר דער פעטער דערמעגלעכט זיך אומקערן קיין לעמבערג מיט אַן אויטאָ פון דער פירמע. אין לעמבערג האָבן מיר געוווינט אין געטאָ, אין די קאַזאַרמעס פון „ראַשטאַף", וווּ עס האָבן געוווינט אַלע אַרבעטער פון דער פירמע מיט די קינדער. די קינדער האָבן געהאַט ספּעציעלע לעגיטימאַציעס. די אַקציעס אין געטאָ האָבן אָן אויפהער געדויערט. יונגע מענטשן האָט מען גענומען אין יאַנאָווער לאַגער, עלטערע — קיין בעלזשיץ. די קינדער לעגיטימאַציעס זענען קיין פאַרזיכערונג נישט געווען און מ׳האָט זיך געמוזט אויסבאַהאַלטן.

אין יאַנואַר האָט זיך אָנגעהויבן די ערגסטע און בלוטיקסטע אַקציע אויף נישט אַרבעטנדיקע. דער טאַטע איז אַרויסגעגאַנגען צו דער אַרבעט און איך בין צוויי טעג געלעגן אין בונקער. ווען מיר זענען אַרויס אין גאַס, האָבן מיר אָנגעטראָפן אויף נאַקעטע מתים אין די גאַסן. אין יענער אַקציע האָט מען אויסגעשאָכטן אַ 2.000 מענטשן. שליטנס, אָנגעלאָדענע מיט טויטע זענען געפאָרן אויפן יאַנאָווער בית עולם. אין „ראַשטאַף" איז

פאַרגעקומען א רעדוקציע און דעם טאטן האָט מען אָפּגעזאָגט. מענטשן האָבן זיך דעמאָלס באמיט צו באקומען א צייכן „וו", ד"ה אז זיי ארבעטן פאר דער ווערמאכט (דייטשער ארמיי — נ. ג.). דער טאטע האָט נישט געקאָנט באקומען, האָט ער געקויפט א פאלשן „וו", וואָס ער האָט געטראָגן אויף דער ברוסט. ווער עס האָט געהאט געלט, האָט זיך געקויפט סם, אָבער דער פּרייז פון ציאנקאלי האָט באטראָפן א פּאָרציע 3.000 זל. א „וו" איז אויף יעדן פאַל געווען ביליקער, שוין פון 300 זל. ס'איז איינמאָל געווען א פאַל, אז א משפחה פון 4 מענטשן האָט איינגענומען סם, ווען בעת אַן אקציע האָבן די דייטשן ארייַנגעוואָרפן אין בונקער א גראנאט און דאָס הויז האָט אָנגעהויבן ברענען. פון סם איז געשטאָרבן בלויז די אלטיטשקע מאמע, די איבעריקע האָבן זיך געמאטערט אין שרעקלעכע ווייען און עס איז געלונגען זיי אָפּצוראטעווען. דער סם איז געווען אַן אויסגעוועבטער. מען פלעגט פארקויפן גלאט עפּעס א פּולווער פאר סם.

דעם 27סטן יאנואר 1943 האָט מען געכאַפּט דעם טאטן און איינגעפונען, אז ער האָט א פאַלשן „וו". מען האָט אים גענומען אין תפיסה אויף זשעראמסקי גאס, פון וואַנען נאָך צוויי טעג האָט אים דער קאָמענדאנט פון יאנאָוועך לאגער גענומען צו זיך. א געוויסן טאָג האָט זיך די גאנצע מאנשאפט פון „ראשטאף" נישט צוריקגעקערט פון דער ארבעט. ס'איז נאָר געקומען א הער און געזאָגט, אז ס'גרייט זיך אַן אקציע און דעריבער זענען אַלע געבליבן ביי דער ארבעט. כ'האָב דאָרט געהאט צוויי פעטערס. איצט בין איך דאָ געבליבן אליין מיט מיין קוזינע. כ'האָב באַשלאָסן צו אנטלויפן פון געטאָ. די קוזינע האָט נישט געהאט קיין דרייסקייט און איז געבליבן.

ביינאכט בין איך דורך א פּלויט ארויס און זיך געלאָזט צו דער זוןגאס (סלאנעטשנא), ווו אין הערמאן־פּאסאזש איז געווען די „פּלאצוווקע" פון „ראשטאף". אָנקלאַפּן צו זיי האָב איך נישט געוואָלט, ווייל איך האָב געוווסט, אז זיי זענען געבליבן נישט אָפיציעל און באהאלטן זיך אוים. איך בין אריין אין די חורבות פון קאָלאָסעום־טעאטער. דאָרט האָט זיך ארומגעדרייט א גרופּע שאנטאזשיסטן, וואָס פלעגן כאַפּן מענטשן און אויספּרעסן ביי זיי געלט. איך האָב געהאט אויף דער ברוסט באהאלטן 40 דאָלאר און א פּאָר טויזנט זלאָטי, וואָס דער טאטע האָט מיר איבער־

געלאָזט און אין טאש 100 זלאָטי. כ'האָב מיך ווי עס איז אויסגעבעטן ביי זיי און איינער אַן עלטערער מענטש האָט מיך אריינגעפירט אין א קעלער און דאָרט האָב איך זיך דורכגעשלאָפן. גאַנץ פרי בין איך געגאַנגען צו מיינע פעטערס.

נאָך צוויי טעג האָב איך געמוזט אוועק פון ביורא, ווייל דאָרט האָבן זיך כסדר געדרייט שאנטאזשיסטן. איך בין געגאַנגען צו א פוילישער פרוי, וואָס האָט ביי אונדז געדינט, ווען איך בין נאָך געווען א קליין קינד. זי האָט מיך אויפגענומען ווי אירם א פּלימעניק. כ'בין ארומגעגאַנגען אין די גאסן און זיך בכלל נישט אויסבאהאלטן. אלץ איז שוין געווען גוט, נאָר די פרוי האָט געהאט א שוואָגער, וואָס האָט זי גענומען שאנטאַזשירן און מער ווי צוויי חדשים האָב איך דאָ נישט געקאָנט זיין. איך בין דעמאָלס געגאַנגען צו דער דינסט פון מיין פעטער אויף סערבסקאַ־גאס. דאָרט איז שוין געווען מיין קוזינע. אין אָנהייב זענען מיר דאָרט געווען אין צווייען, שפּעטער זענען מיר געווען פינף מענטשן. מיר האָבן געוווינט אין איין צימער מיט א ניזשע. אונדזער באַלעבאָסטע איז געווען אַן איינזאמע און מ'האָט נישט געטאָרט לאָזן דערקענען, אז דאָ געפינט זיך נאָך עמעצער. דעריבער זענען מיר געזעסן דעם גאנצן טאָג און בלויז געשעפּטשעט צווישן זיך. ווען עמעץ פלעגט אָנקלאַפּן, האָבן מיר זיך אלע באַהאלטן הינטערן קרעדענס אין צימער־ווינקל. די פרוי, ביי וועלכער מיר זענען געווען, איז געווען זייער אַן אָרימע און האָט נישט געהאט אפילו מיט וואָס צו פארשטעלן די פענסטער, ווען מ'האָט אָנגעצונדן א נאַפט־לאָמפּ. קיין עלעקטרי איז אין צימער נישט געווען. מיר האָבן בייַנאכט געמוזט קריכן אויף אלע פיר. זיצן האָבן מיר געקאָנט נאָר אין איין ווינקל, ווייל פון דער צווייטער זייט האָט מען אונדז געקאָנט דערזען פון א שכנס א פענסטער. צרות איז אויך געווען מיט ברענגען פראָדוקטן, וואָס דאַרף איין פּערזאָן האָבן אזוי פיל? ס'האָט געקאָנט ווערן פאַרדעכטיק.

ווען איך בין נאָך אַנדערהאלבן יאָר זיך אויסבאהאלטן ארויס אין גאס, האָב איך אַן א שטעקן קיין שריט נישט געקאָנט מאכן. איך האָב געהאט אַנעמיע און געווען בלייך ווי א מת.

נאָך זייענדיק ביי דער ערשטער פוילישער פרוי, ווען איך בין ארומגעגאַנגען פריי, האָב איך געהאט צוויי פאַלן פון שאנטאזש מצד אַן אוקראַי־

נישן פּאָליציאַנט. ער האָט מיך געפירט אויף די קאָמיסאַריאַטן, אָבער יע־דעם מאָל אויף אַן אַנדערן און כ׳האָב זיך אויסגעבעטן. איינמאָל האָבן פּוילישע יינגלעך, וואָס פלעגן האַנדלען אין געטאָ און האָבן מיך געקענט, מיך שאַנטאַזשירט און געוואָלט אויספּרעסן געלט. זיי האָבן מיך אַריינ־געשלעפּט אין אַ טויער, צוגענומען דעם מאַנטל און מיך אָפּגעלאָזט.

מיר האָבן זיך דערוווּסט, אַז עס הייבט זיך אָן די אָפענסיווע. פון טאָג צו טאָג האָבן מיר געוואַרט אויף ידיעות און אַ צייטונג. ענדלעך, דעם 19טן יולי 1944 האָבן מיר דערהערט פון ווייטן האַרמאַטן שאָסן. דעם 23סטן זענען די ערשטע סאָוויעטישע פּאַטראָלן אַריין אין שטאָט. צוויי טעג האָבן געדויערט גאַסן־שלאַכטן, עס זענען געפלויגן שויבן און מיר זענען געווען זייער גליקלעך. דעם 26סטן איז געווען זייער רואיק, דעם 27סטן האָט אַריינמאַרשירט די רויטע אַרמיי. זייט דעם 28סטן יאַ־נואַר 1943 זענען מיר דעם 28סטן יולי 1944 צום ערשטן מאָל אַרויס אין גאַס. מענטשן האָבן זיך נאָך אונדז אומגעקוקט, ווייל מיר האָבן אויסגע־זען ווי סקעלעטן.

וועגן טאַטן ווייס איך גאָרנישט. כל זמן דער פעטער האָט געאַרבעט, האָט ער געהאַט אַ קאָנטאַקט מיטן טאַטן און אים איבערגעשיקט פּעקלעך. ווען מען האָט דעם פעטער גענומען אויפן טראַנספּאָרט, האָט זיך אַלץ איבערגעריסן.

אין אויגוסט האָט מען מיך אַריינגענומען מיט נאָך אַנדערע קינדער אין אַ ספּעציעל „קינדערהויז" (דיטסקי דאָם). איצט געפין איך זיך אין קראָקע און וויל פאָרן קיין ארץ ישראל, נישט דערפאַר, ווייל איך האָב דאָרט אַ פעטער, נאָר ווייל איך בין און פיל זיך אַ ייד. אָבער איך וויל, אַז אין ארץ ישראל זאָל זיין אַ קאָמוניסטישע אָרדענונג, ווייל איך בין אַ קאָמסאָמאָליעץ און אַזאַ וויל איך פאַרבלייבן.

(פּראָטאָקאָל נומ. 8 פון אדם לאַנדעסבערג. פּראָטאָ־קאָלירט: מ. מאַריאַנסקאַ, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

ג. לאַגערס

15.

טאָגבוך פון ק. ל. מאַטהאַוזען

„דער טאָגבוך" פון וו. י. זאַקס איז אייגנטלעך זכרונות, אָנגע־שריבענע נאָך דער באַפרייאונג. מיר האָבן איבערגעלאָזט דעם טיטל, ווי דער מחבר האָט אים אָנגעשריבן.

עס איז קיין ספק נישט, אַז אַזעלכע איבערלעבונגען האָבן גע־מוזט זיך אָפּשלאָגן אויפן גייסטיקן צושטאַנד פון געליטענעם. איך וואָג אַ השערה, אַז דער „אָביעקטיוויער" און רואיקער טאָן פון דערציילונג איז אין אַ געוויסער מאָס אַ רעזולטאַט פון אָפּגעטעמפּ־טער עמפּפינדלעכקייט. ביי אַ יונג קינד איז דאָס געוויס אַ חסרון.

צוליבן דערנענטערן זיך פון דעם סאָוויעטישן מיליטער האָט זיך אין די ערשטע אויגוסט טעג 1944 אָנגעהויבן די עוואַקואַציע פון קאָנ־צענטראַציע־לאַגער קראָקע־פּלאַשאָוו. דעמאָלס האָט מען אויך אַרויסגע־פירט מיין מאַמען, וועלכער איך האָב נאָך באַוויזן צו דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער, בעת זי איז געזעסן אין קיך מיט נאָך 135 אַנדערע פרויען און געוואַרט אויפן טראַנספּאָרט. אויף צוזאַמענס האָט מען אָפּטראַנספּאָרטירט 5.000 מענער אין 15טאָניקע וואַגאָנען, צו 95 מאַן אין אַ וואַגאָן. מיט דעם טראַנספּאָרט האָט מען אויך מיך געשיקט.

דריי מעת־לעת זענען מיר געזעסן מיט צעשפּרייטע פיס, מ'קאָן זאָגן, איינער אויפן צווייטן, אין אַ שרעקלעכער היץ אָן אַ טראָפּן וואַסער. ווען מיר זענען אָנגעקומען, האָט מען אַראָפּגענומען פון די וואַגאָנען זייער פיל טויטע. דעמאָלס האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס הייסט דורשט, ווען מענטשן טרינקען די אייגענע אורין. מיר זענען אָנגעקומען אינגאַנצן אויסגעדאַרטע און נאָכדעם האָט מען אונדז נאָך געהאַלטן אויף דער זון במשך פון דריי טעג, געבנדיק אונדז אַ ליטער קרויט און אַ רעפטל ברויט. אָך, ווי אַזוי האָבן מיר געחלשט נאָך אַ טרונק! שפּעטער האָבן מיר געטראָגן דריי טעג שטיינער, געשלאָגן און געקאַטעוועט, אין שרעקלעכסטן קאַריער פון דייטש־

לאנד, וואָס איז באַרימט געווען אין דער גאַנצער אָקופּירטער אייראָפּע פון די 186 טרעפּ, וועלכע מ׳האָט דורכגעמאַכט זיבן מאָל א טאָג. צו דעם האָבן מיר נאָך געהאַט ווייט צו גיין צו דער אַרבעט און צוריק. און טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, האָבן מיר געהאַט איבער זיך אַן עסעסמאַן, א קאַפּאָ. די שטיינער זענען געווען שווערע. די זון האָט געבראָטן אונדזערע אָפּגע־גאָלטע קעפּ. די שטיינדלעך האָבן פאַרוואונדעט אונדזערע באָרוועסע פיס. דאָרט האָב איך אַריינגעכאַפּט א מאָגן־קראַנקהייט, ווייל מיר האָבן זיך צוגעכאַפּט צו קאַלטער וואַסער, וואָס איז געווען גרין פון לאַנגן שטיין. מיר האָבן געטרונקען, נישט קוקנדיק אויף די קלעפּ, וואָס מיר האָבן גע־כאַפּט, אָדער אויפן אַראָפּשטויסן מענטשן אין אָפּגרונט.

דאָ האָב איך געזען, ווי אַזוי מענטשן שטאַרבן, ווייל די קישקעס דרייען זיך איין. ווען מענטשן האָבן זיך געקאָרטשעט אין ווייטיק און גע־בעטן דעם וועכטער, ער זאָל דערשיסן, האָט ער זיך צעלאַכט און געזאָגט „א שאָד פאַר אייך א קויל פאַר 18 פּעניג". אין עטלעכע מינוט שפּעטער האָט דער זעלבער אוממענטש געשאָסן איינגאַנצן געזונטע מענטשן. נאָך דריי טעג האָט מען אונדז איבערגעפירט אין ק. ל. גוזען 2, זיבן ק"מ פון מאַטהאַוזען.

מיר האָבן דאָ שווער געאַרבעט, 12 שעה א טאָג. מיר פלעגן אויפ־שטיין 3.30 פרי און טייל מאָל ביז 10 אין דער נאַכט געווען אויף די פיס, הונגעריקע, דורכגעווייקטע, פאַרפרוירענע, כסדר געשלאָגן און גע־פייניקט.

און די לייז, דאָס איז שוין געווען די גרעסטע טראַגעדיע.

אַזוי האָב איך געאַרבעט ביז דער מיט נאָוועמבער, ווען כ׳האָב באַ־קומען א שטויס אין פוס און ס׳האָט זיך מיר געמאַכט א פלעגמאַנע. קיין ברויט האָב איך נישט געגעסן, נאָר א ליטער זופּ א טאָג, כדי צו באַקומען א באַפרייאונג פון דער אַרבעט. נאָך עטלעכע טעג בין איך געווען שטאַרק אויסגעהונגערט און געגעסן א שטיקל ברויט. צומאָרגנס האָב איך געמוזט גיין צו דער אַרבעט. צוריק האָט מען מיך שוין געמוזט שלעפּן, און וועגן די קלעפּ, וואָס איך האָב באַקומען, וואָלטן געקאָנט עדות זאָגן די שטעקנס, וואָס מ׳האָט אויף מיר צעבראָכן. כ׳האָב ווידער געהונגערט, קיין ברויט נישט געגעסן און געלעגן אויפן בלאָק. כ׳האָב נאָך באַדאַרפט האָבן עטלע־

בע טעג אויף אויסצוהיילן זיך. דעם 1טן דעצעמבער זייגער 6 אינדערפרי איז געקומען דער שרייבער און מיר געמאָלדן, אז איך מוז גיין צו דער ארבעט. דאָס האָט געהייסן פאר מיר א טויט־אורטייל דורך שטעקנס. זיי־נער אכט זענען געקומען די חברים פון דער נאכט־שיכטע און האָבן מיר געזאָגט: „האָסט מזל, מיעטעק, די קראנקע און שוואכע פון רעוויר גייען צום גאז. וואָלסט זיך געוועז דורכגעפאָרן".

דעם דאָזיקן ערשטן דעצעמבער וועל איך נישט פארגעסן. אין א דינעם, בוימוואָלענעם העפטלינג אָנצוג, אָן וועש, שיך און היטל בין איך געגאנגען אין שניי און בלאָטע, אויפן ווינט פון אכט פרי ביז איינס ביי־נאכט. די פיס געשוואָלן ווי א באניע, די פינגער זענען אָפּגעפרוירן. כ׳האָב געהאט הויכן פיבער. דערנאָך האָט מען אונדז ארויסגעפירט אויפן בלאָק, ווו איך בין אָפּגעלעגן צוויי חדשים, אָן באנדאזשן, אָן מעדיצינישער הילף.

אין מיטן יאנואר האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער הונגער צייט, ווען אין משך פון 22 טעג האָבן מיר נישט באקומען קיין שטיקל ברויט, נאָר א ליטער וואסער־זופּ פון קרויט אָן זאלץ. מיט זאלץ האָט מען באשאָטן די גאס אין לאגער, פאר דער קיך.

אין יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן די עוואקואציע פון די לאגערס אין מזרח (אָשוויענטשים, גראס־ראזען, זאקסענהאוזען א"א). דער רעוויר איז געוואָרן פול. מיר זענען שוין געלעגן צו פיר אויף איין נארע. דעמאָלס האָט מען געשאפן די אזוי גערופענע טויטבלאָקן, אין וועלכע מ׳האָט אריינ־געוואָרפן אלע אָנגעקומענע יידן, ווי גרויס זייער צאָל זאָל נישט זיין. די רעקאָרד־ציפער איז געוועז 1470 מענטשן, פון וועלכע אין איין טאָג זע־נען געשטאָרבן 75.

אין די באדינגונגען האָט דער ארישער פערסאָנאל נישט געוואָלט ארבעטן און מען האָט אויסגעטיילט א יידישן. דעמאָלס בין איך געוואָרן א סאניטאר. פארשטייט זיך, אז מיר האָבן נישט געהיילט נאָר געדארפט איינהאלטן די אָרדענונג, פונאנדערטראָגן דאָס עסן און באזייטיקן די מתים. צו פינף־זעקס זענען יידן געלעגן אויף איין בעטל. דער שטארקער דער־דריקט דעם שוואכערן. מ׳איז צו אונדז געקומען נישט היילן זיך, נאָר שטארבן.

אדאנק א פריינד, וואָס פלעגט מיר ארויסהעלפן מיט ברויט, און

באקאנטע דאָקטוירים, וואָס האָבן מיר אין א פאסיקן מאָמענט צוגעטיילט די דאָזיקע פונקציע, בין איך געבליבן לעבן.

אזוי זענען אדורך טעג און וואָכן, ביז ס'איז געקומען די צווייטע הונגערצייט. דאָס איז געווען פון אָנהייב אפּריל. מענטשן האָבן געגעסן די אייגענע צואה. עס זענען געווען פאלן פון קאניבאליזם. אזוי האָבן מיר שוין געהונגערט ביז די אמעריקאנער זענען געקומען, ד"ה ביזן 5טן מאי.

א וואָך נאָך פאר דער באפרייאונג האָט מען גאזירט און פארברענט 2000 אונדזערע חברים. ווי אזוי איך האָב דאָס אלץ אויסגעהאלטן — פארשטיי איך נישט.

ווען איך שרייב איצט, דערמאָן איך זיך א קינדערשפּיל: א קליין קינד נעמט א זשמעניע זאמד און זאָגט „איך האָב אזוי פיל קינדער". דאָס קינד ווארפט אין דער לופט די זאמד קערנדלעך און א ביסל פאלט אראָפּ אויף דער ערד. „אזויפיל זענען געשטאָרבן" — זאָגט דאָס קינד. די איבעריקע קערנדלעך כאפּט עס אויף דער האנט און רופט אוים „און אזויפיל לעבן".

פינף יאָר האָט מען אונדז אזוי אונטערגעוואָרפן און איבערגעזיפּט.

(פּראָטאָקאָל נומער 239)

.16

אַן אכטיאָריק קינד דערציילט

מאניע לעדער, א קינד פון אכט יאָר, האָט אָנגעהויבן צו דער־ציילן אירע איבערלעבונגען און בשעת מעשה זיך אזוי איבער־געגומען מיט די זכרונות, אז זי האָט נישט געקאָנט א לאנגע צייט רעדן. זי האָט זיך שפּעטער פארענטפערט, אז זי געדענקט נישט, „ווייל ס'איז שוין מער ווי א יאָר".

ד ע ר ט ר א נ ס פּ אָ ר ט פ ו ן פּ ז ש ע מ י ש ל י א נ י ק י י ן ב ע ל ז ש י ץ. מיר זענען אנטלאָפן אין סכראָן. אזוי האָבן מיר פארברענגט א גאנצע נאכט. אינדערפרי האָבן אונדז די דייטשן אנטדעקט

און געפירט צו די וואַגאָנען. מיר זענען געפאָרן קיין קראַשטשענק. אין וועג האָט איין פרוי אויסגעבראָכן דאָס פענסטערל און אַרויסגעשפּרונגען. נאָך איר איז געשפּרונגען די מאַמע און מיך האָט מען געזאָלט שפּעטער אַרויסוואַרפן. ס'איז אָבער געווען א גרויס געדראַנג און די מאַמע האָט אַרויסגעלאָזט א קוויטש, דעמאָלס האָט א דייטש דערהערט און דערשאָסן די מאַמען. איך האָב וועגן דעם נישט געוווּסט און ווען מ'האָט מיך שוין אַרויסגעוואָרפן, האָב איך פאַרלוירן דאָס באַוווּסטזיין. כ'האָב אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען, ווייל איך בין געווען איינע אַליין און אַרום און אַרום זענען געווען וועלדער. איך האָב דאָרט באַגעגנט נאָך א מיידעלע, וואָס איז אויך אַרויסגעשפּרונגען פון וואַגאָן. עס זענען נאָך געווען צוויי פרויען און צוזאַמען מיט זיי זענען מיר געגאַנגען אין לאַגער אין קוראַוויצע. כ'האָב געהונקען אויף א פוס, דאָס פּנים איז געווען צעדראַפּעט און דער מאַנטל פאַרפלעקט.

דער לאַגער אין קוראַוויצע. דער דאָקטאָר אין לאַגער האָט מיר געמאַכט א באַנדאַזש. איין פרוי האָט מיר אָפּגעטרעטן איר בעט, ווייל איך בין געווען געשוואָלן. אויפן צווייטן טאָג איז געקומען דער לאַגערפירער, האָב איך זיך באַהאַלטן אונטערן בעט. ער האָט מיך נישט געפונען. איך בין געלעגן עטלעכע טעג. דערנאָך האָב איך זיך געלערנט גיין מיט א שטעקן. איינמאָל אינדערפרי האָב איך זיך אויפגעכאַפּט, ווייל כ'האָב געהערט א געוויין. איך האָב געפרעגט, וואָס איז געשען. א סוף צו אונדזער לעבן, האָט מען מיר געענטפערט און געהייסן אַרויסשפּרינגען דורכן פענסטער זען, צי ס'זענען פאַראַן פּאָליציאַנטן.

אַנטלאָפן פון לאַגער. דערנאָך זענען אַרויסגעשפּרונגען נאָך דריי מיידלעך. כ'האָב זיך באַהאַלטן אין תבואה, און ווען כ'האָב זיך געוואָלט אויפשטעלן, האָבן זיי מיר געגעבן א צייכן מיט דער האַנט, איך זאָל בלייבן ליגן. ווען די שאָסן האָבן אויפגעהערט, בין איך אַרויס פון ווייץ און זיך געלאָזט גיין קיין סוויזש אין וואַלד. דאָרט איז געווען מיין פעטער. לאַנג האָב איך געבלאָנדזשעט און נישט געקאָנט טרעפן קיין סוויזש. עפּעס א מיידעלע האָט מיר געוויזן דעם וועג. איך בין געגאַנגען. כ'האָב שטאַרק מורא געהאַט. אין וואַלד האָבן געוואָיעט וועלף. אין סוויזש האָט מיך דערקענט עפּעס א יינגל, מיך צוגערופן און געזאָגט,

אז מיין פעטער פון וואלד קומט אָפּט צו אים. א גאנצע וואָך בין איך ביי אים געווען און דער פעטער איז נישט געקומען. די מיליץ האָט זיך באלד דערוווסט, אז איך בין דאָרט און גענדראָט מיט טויט, אויב ער וועט מיך נישט ארויסוואַרפן. און אזוי האָט מען מיך ארויסגעוואָרפן, ווייל איך בין סיי ווי א פארפאלענע און דער באלעבאָס האָט קינדער און פאר ווע־מען צו לעבן. איך בין געגאנגען צום שכן פון וואלד־וועכטער און דאָרט געווען איין טאָג. ביינאכט האָבן מיר געהערט א קלאַפּן אין פענסטער. דאָס איז געווען דער פעטער. ער האָט זיך מיט מיר שטארק דערפרייט, ווייל ער האָט געמיינט, אז איך בין שוין טויט.

ד ע ר   וו א ל ד.   מיטן פעטער בין איך געגאנגען אין וואלד. די מומע האָט זיך שטארק דערפרייט. אין וואלד האָבן זיך אויסבאהאלטן פוילישע און סאָוויעטישע פארטיזאנען. מיר האָבן געוווינט אלע צוזאמען. אז ס'איז געווען אַן אָבלאווע אין וואלד, פלעגן זיי נישט אנטלויפן, נאָר קעמפן מיט די דייטשן און באנדעראָווצעס. א סך פון אונדזערע מענטשן זענען געפאלן. מיר זענען אוועק אין א צווייטן וואלד. די מומע האָט שטארק באַדויערט, ווייל די, וואָס זענען פארבליבן אין וואלד־באהעלטעניש, איז גאָרנישט נישט געשען. דאָרט איז געווען א בונקער. ביינאכט פלעגט דער פעטער גיין אין דאָרף קויפן עסנווארג. ער האָט נאָך געהאט א ביסל געלט. נאָך דער ערשטער אָבלאווע האָבן מיר זיך צוריקגעקערט אין ערשטן וואלד, אָבער ווען די דייטשן האָבן נאָכאמאָל ארומגערינגלט דעם וואלד, זענען אלע אוועק. דאָס איז געשען אומגעריכט. ארום וואלד איז געווען פול מיט דייטשן. מיר זענען געקראָכן אויף אלע פיר, די דייטשן זאָלן אונדז נישט זען. מיר האָבן זיך דערלאנגט אין צווייטן וואלד. דאָרט זענען געווען א סך באוואָפנטע יידן. נאָך צוויי טעג האָבן זיך באוויזן אין וואלד סאָוויע־טישע זעלנער. ס'איז געווען א גרויסע שמחה. מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין שטעטל. נאָכדעם זענען ווידער געקומען די דייטשן און מיר זענען נאָכאמאָל געגאנגען אין וואלד. אזוי האָט געדויערט עטלעכע טעג, אָבער די סאָוויעטישע זעלנער זענען געקומען. מיר זענען געגאנגען קיין זלאָטשאָוו. מער געדענק איך נישט וועגן וואלד, ווייל ס'איז שוין מער ווי א יאָר.

(פּראָט. נומ. 843. פּראָטאָקאָלירט: א. לאווער, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

17.

„מיר האָבן געמוזט ארבעטן פאר אונדזערע שונאים“

די ארבעט־לאגערס זענען געווען לאגערס פון פאמעלעכן אויסגיין. נישט פיל מענטשן האָט זיך איינגעגעבן איבערצולעבן די שווערע באדינגונגען פון לאגער־לעבן. הונגער, קעלט און שמוץ האָבן געפייניקט אלעמען, וואָס ערשט קינדער, וואָס זענען נישט געווען געוווינט צו ארבעט. די פיזישע דערשעפטקייט האָט אָבער נישט צוגערויבט ביי די יידישע קינדער די פעאיקייט צו טראכטן, אָבסערווירן און פילן. די בענקשאפט נאָך פרייהייט, דער גלויבן אין א בעסערן מאָרגן האָבן געקרעפטיקט דעם ווילן אויסצודויערן. דער אָנבליק פון דער נאטור־שיינקייט פון הינטער די קראַטעס האָט פון איין זייט געלאָזט פילן דעם צער פון לאגער־לעבן, פון דער צווייטער זייט אָבער האָט ער געשטויסן צו טון אלץ, כדי אריבערטראָגן דאָס אלץ.

מיר זעען דאָס בולט פון דער דאָזיקער באשרייבונג פון מאניע ציטרין, א מיידל פון א יאָר 15, וואָס האָט נאָך דער באַפרייאונג געלעבט אין יידישן קינדערהויז אין כאָזשאָוו.

אין לאגער, ווו איך בין געווען דריי יאָר, האָב איך זיך נישט געפילט קיין איין טאָג פריי, נייערט מיט יעדן טאָג מער געבונדן. מ׳האָט אונדז נישט דערלויבט נאָרמאל לעבן, צוליב א נישט באטייטיקער סיבה פלעגט מען זיך איבער אונדז איזדעקעווען. שוין פארטאָג האָט אונדז געוועקט א בייזער פייף. פון הונגער און דערשעפטקייט איז אונדז געווען קאלט, אָבער אנטקעגנשטעלן זיך האָט קיינער נישט געוואגט, ווייל מ׳האָט געוווסט, אז ס׳איז אומזיסט. צווישן די אויפזעער איז נישט געווען קיין איין פערזאָן מיט א ביסל רחמנות, מיט א שטיקל הארץ. די אויפזעערינס זענען געווען סאדיסטקעס, וואָס האָבן געהאט א הנאה פון אונדזערע ליידן. די הפסקות אויף פרישטיק אין דער פאבריק זענען געווען אזעלכע קליינע, אז מ׳האָט קוים באוויזן אראָפּצושלינגען די צוויי רעפטלעך ברויט. גאנץ

אָפּט פלעג איך רוען בעת דער הפסקה, ווייל כ'האָב קיין ברויט נישט גע־האַט. די ארבעט האָט אויסגעמאַטערט.

וויפל מאָל טעגלעך האָבן מיר געמוזט ארבעטן פאר אונדזערע שונאים. ווען די זון האָט געוואַרעמט די ערד און ס'איז געווען צייט פון אָפּרו, האָבן מיר זיך געפּרעגלט ביי די מאַשינען. מיטאָג האָבן מיר געגעסן אין א טונקעלן, פייכטן קעלער, צו וועלכן די זון פלעגט זיך אריינגנבענען דורך די קראַטעס. א הייסן מיטאָג האָבן מיר געמוזט שנעל אָפּעסן, כדי זיך נישט פארשפּעטיקן צו דער ארבעט. איבער אונדזערע קעפּ זענען געשטאַנען די אויפזעערינס און פאר א יעדער שאָרך געשטראָפט און געמאַכט גוואַלדעס. ארום און ארום איז געווען גרין, בלומען האָבן געשמעקט, אָבער נישט פאר אונדז. מיר האָבן געטראַכט וועגן דער היים, וועגן עלטערן און די דאָזיקע געדאַנקען האָבן אונדז נישט געלאָזט רוען. אָפּט האָבן פּאַסירט אומגליק־פאַלן. די שעהן האָבן זיך געשלעפּט, די פארמאַטערטקייט האָט זיך געלאָזט אַלע מאָל מער פילן. און באַלד נאָכן צוריקקערן זיך פון דער פאבריק האָט אונדז דערוואַרט ארבעט אין קיך. די דייטשע קיך־ארבעטאָרינס האָבן א גאַנצן טאָג געפרעסן און די ארבעט געלאָזט פאר אונז. נאָך א טאָג ארבעט האָבן מיר ערשט געמוזט וואַשן דאָס געשיר פון גאַנצן טאָג, שיילן קאַר־טאָפל פאר די דייטשן.

מיר זענען געקומען פון דער ארבעט זייגער ניין און נישט געוווסט, וואָס פריער צו טון. צוליב א שיסל צום וואַשן זיך האָבן מיר זיך געמוזט קריגן און שלאָגן. די אויפזעערינס זענען געווען מיט אונדז אין איין זאַל און פאר אבי וואָס געשלאָגן. נישט געווען קיין צייט זיך צו וואַשן אָדער פאררוכטן עפּעס. נישט געווען קיין מינוט, מיר זאָלן נישט הערן זידלע־רייען ווי: „איר זייד שווינע, איר זייד ווי די האָטענטאָטען, בערוהיגט דאָך אויך, וויר ווערדען דאָס מעלדען דער קאָמאַנדאָפירערין, איר ווירד דאָס בלאַוע וווּנדער ערלעבען!" די נאַכט איז געווען א שווערע און א קורצע. מיר זענען געלעגן אויף פּריטשעס אונטער שוואַרצע דעקעס. ס'איז געווען פינסטער און דושנע, די לופט א פאַראומרייניקטע מיט כלערליי ריחות, אז ס'איז שווער געווען איינצושלאָפן און כ'האָב געמוזט צוגיין צו דער פאַרקראַטעוועטער טיר (קיין פענסטער איז נישט געווען).

כ׳האָב געחלומט װעגן טאָג, װען כ׳װעל קאָנען אָטעמען מיט פריי־שער לופט, װען כ׳װעל זיין פריי.

(פראָטאָק. נומ. 659C פון דער צ. יי. ה. ק.)

.18

טראַװניקי

א דאנק זיין באקאנטשאפט מיט א פלוטאָנאָװי (אונטעראָפי־צער) װערט דער 10־יאָריקער מיעטשיסלאװ ליפשיץ אָנגענומען אין א פארטיזאנען־גרופע, װי א פאָליאק. דאָרט איז ער געװען זיבן חדשים. איין מאָל איז ער געגאנגען מיט זיין אָפטיילונג אויף אויסשפירונג קיין טראװניק. אין דעם פראָטאָקאָל דער־ציילט ער, װאָס ס׳איז דאָרט פאָרגעקומען. פון אנדערע מקורים װערט די דערציילונג, אפשר נישט אין פרטים, באשטעטיקט.

ביז טראװניקי איז די אָפטיילונג דערגאנגען אָן שטערונגען. דאָ באהאַלטן זיך די פארטיזאנען און זעען, װאָס עס קומט פאָר אויף דעם דערבייאיקן פעלד. אן עסקאָרטע פון א 300 זשאנדארן האָט געברענגט צו פירן יידן פון פארשידענע געגנטן: פון װארשע, מיידאנעק, לאָדזש און פון דער סביבה. אָבער א צענדליק יידן קלייבט מען אויס צו גראָבן גרי־בער. װען א גרוב איז שוין געװען פארטיק, האָט מען איבערגעװאָרפן א ברעט און איינציקװייז אויסגעשטעלט קינדער, דערנאָך פרויען און צום סוף מענער.

לויט א באפעל פון קאָמענדאנט האָט א זשאנדאר גענומען יאָגן די קינדער און שיסן צו זיי פון א מאשינביקס. די קינדער זענען אריינגעפאלן אין די גריבער. צו דעם האָבן זיך צוגעקוקט די מוטערס, װעלכע זענען אויך אויף דעם זעלבן אופן אומגעברענגט געװאָרן און צום סוף די מענער.

אין משך פון איין טאָג האָט מען דערשאָסן אפשר 18.000 יידן. פארנאכט האָט מען אהער געברענגט לאַגעריסטן פון מיידאנעק, װעלכע

האָבן א גאַנצע נאַכט פאַרשאָטן די גריבער. א סך פון זיי האָט מען דער־הרגעט כלומרשט פאַר א שלעכטער אויפפירונג בעתן באַגראָבן די מתים.

(פּראָט. נומ. 430/2. פּראָטאָקאָלירט: העלענע בערמאַן, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

.19

זאַנדערקאָמאַנדאָ — בירקענאַו

שאיע גערטנער איז געבוירן אין יאָר 1927 אין לאָדזש. ער דערציילט וועגן געשעענישן, וואָס האָבן פּאַסירט מיט א פּאָר יאָר פריער און דעריבער געפינען זיי זיך אין דער דאָזיקער אָפּ־טיילונג.

לכתחילה האָט שאיע געגלויבט, אז די דייטשן וועלן האָבן רחמנות מיט קינדער. ער האָט זיך אָבער איבערצייגט, וואָס אזוינס זענען ד ײ ט ש ן און אָנגעהויבן רעכענען אויף איי־גענע כוחות. ער ווערט דרייסט, קעמפעריש און אדאַנק די דאָ־זיקע אייגנשאַפטן גיט זיך אים איין ארויסצוגיין אומבאַשעדיקט פון שווערע סיטואַציעס. ער „אָרגאַניזירט", בונטעוועט זיך און אַנטלויפט. דער פאַקט וועגן בונט איז אַן אויטענטישער. ער ווערט באַשטעטיקט צ״א אין דער אַרבעט פון ד״ר פ. פרידמאַן: „דאָס איז אָשוויענטשים", פּוילישע אויסגאַבע, זייט 102.

דער לאַגער־נומער זיינער פון דאַכאַו איז 13.426, פון ביר־קענאַו (בזשעזשינקי) 50.872.

צוערשט האָט מען אונדז „איבערזידעלט" פון לאָדזש קיין קאָנסקע. דאָרט איז געווען זייער שלעכט. איך האָב געהאַט נישט גאַנצע 14 יאָר, אָבער געווען זייער זעלבסטשטענדיק און מ'האָט מיר דערלויבט צו פאָרן צום פעטער קיין סקאַרזשיסק. איך בין דאָ געווען פינף וואָכן, האָב אָבער נישט געהאַט קיין ידיעות פון די עלטערן און בין געווען זייער אומרואיק. כ'האָב געהאַט עלטערן, צוויי שוועסטער און א ברודער. כ'בין צוריק קיין

קאָנסקע און דעמאָלס האָבן יידן זיך אויך אומגעקערט קיין לאָדזש, ווייל מ'האָט אָפּגערופן די „אויסזידלונג" און מאנכע האָבן זיך צוריק געשמוגלט. ס'איז ליבערשט געווען צו זיין אין דער אייגענער שטאָט איידער פארוואָגלט אין דער פרעמד. אין לאָדזש איז געוואָרן א יודענראַט. דער פרעזעס איז געווען רומקאָווסקי. ער איז ארומגעפאָרן איבער דער שטאָט ווי א גראַף, מיליציאָנערן האָבן אים שטענדיק באַגלייט. ס'איז נאָך געווען איינער פון די קיכן *) און פון דער אפּראָוויזאַציע שטשעגנשליווי. אלע האָבן זיך געהאלטן פאר גרויסע פּריצים און געמיינט, אז די דייטשן וועלן זיי נישט אָנרירן.

הארבסט 1940, ווען מ'האָט גענומען ארומרינגלען די געטאָ מיט דראָטן, איז געווען א כאפּעריי פון יידן אין די גאסן און דעמאָלס האָט מען מיך געכאפּט. מ'האָט דעמאָלס געכאפּט 800 מענטשן און אָפּגעשיקט אין דער טשארנעצקי־תפיסה. איך בין געזעסן צוויי טעג בלויז און מ'האָט מיך געשיקט קיין פּויזן. דאָרט איז געווען אַן ארבעט־לאַגער און כ'האָב געארבעט צוזאמען מיט פּאָליאקן. ס'איז נישט געווען אזוי שלעכט, אָבער איך בין אלט געווען 14 יאָר און ווי אזוי האָב איך געקאָנט אויסהאלטן אָן די עלטערן, צווישן פרעמדע מענטשן. כ'האָב געטראַכט און געטראַכט, נאָר ווי אזוי אהיים צו קומען. מיר זענען געגאַנגען צו דער ארבעט אינ־דערפרי. ס'איז געווען הארבסט און אין דרויסן איז נאָך געווען פינסטער.

איינמאָל, ווען איך בין געגאנגען מיט מיין ארבעט־קאָמאנדע, איז מיר געלונגען זיך אראָפּגליטשן אין א ריוו. איך בין אזוי געלעגן ביז אלע זענען אדורכגעגאנגען און גענומען די פיס אויף די פּלייצעס. צו פוס בין איך געגאנגען אין דער ריכטונג פון לאָדזש.

דאָ האָב איך געזען, אז די געטאָ איז שוין פארמאכט און יידישע פּאָליציי היט דעם אריינגאנג. כ'האָב זיך צוגעקוקט, ווי אלץ זעט אויס. ביים געטאָ גופא, ביי דער זגיערסקא־גאס איז פארבייגעפאָרן א טראַמוויי.

---

*) מיר גיבן נישט אָן קיין נאָמען, ווייל דער מענטש לעבט און איז געזעלשאפטלעך אקטיוו, פאר א געזעלשאפטלעכן משפּט האָט מען אים נישט אויפ־געפאָדערט, ווי א סך אנדערע. דאָס דערמאָנען א נאָמען אין דעם קאָנטעקסט וואָלט געווען אַן עוולה. דאָ דרוקן מיר דאָך זכרונות פון א קינד.

איך בין געפֿאָרן מיטן טראַמוויי אהין און צוריק, ווייל כ׳האָב געוואָלט מיך באַקענען מיט דער לאַגע. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז ס׳איז גענוג אַרויס־צושפרינגען פון טראַמוויי, ווען ער פֿאָרט פאַרביי די פּאָפּזשעטשנאַ־גאַס, וווּ ס׳איז געווען דער טויער פון געטאָ און אָפּוואַרטן אַ מינוט, ווען אַ וואָגן פֿאָרט אַריין אין געטאָ אָדער אַרויס, כדי אַריינשפרינגען אין טויער.

כ׳בין אַזוי לאַנג געפֿאָרן, ביז כ׳האָב אָנגעטראָפן אַ פּאַסיקן מאָ־מענט. אָבער אַזאַ מזל, אַ יידישער פּאָליציאַנט האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן קאָלנער און צוגעפירט צום דייטש. מ׳האָט מיך אָפּגעפירט אין געשטאַפּאָ אויף אַנשטאַט־גאַס. מ׳האָט מיך דאָרט פאַרהערט. כ׳האָב גאָרנישט אויס־באַהאַלטן, ווייל כ׳האָב נאָך געגלויבט, אַז זיי וועלן האָבן מיטלייד מיט אַ קינד.

כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳קאָן נישט זיין אָן דער מאַמען, אַז איך בענק טאָג און נאַכט. דער, וואָס האָט מיך פאַרהערט, האָט געזאָגט: ווילסט צו דער מאַמען? גאַנץ גוט, וועסט גיין צו דער מאַמען! און באַלד האָט מען מיך אַוועקגעשיקט קיין דאַכאַו אין S. K. (שטראָף־קאָמאַנדאָ). מער האָב איך די עלטערן נישט געזען און זיי האָבן אוודאי נישט געוווּסט, אַז איך בענק נאָך זיי און וויל זיך צו זיי אומקערן.

איך בין געפֿאָרן מיט אַ טראַנספּאָרט פון 120 יידן און פּאָליאַקן, צומיינסטן געכאַפּטע ביי פאַרשידענע „פאַרברעכנס”, אַזוי ווי איך. אין ש. ק. האָבן געאַרבעט 1000 מענטשן פון פאַרשידענע נאַציאָנאַליטעטן. בכלל זענען אין דאַכאַו געווען מענער 30.000 און פרויען וויים איך נישט וויפל. אין דער ש. ק. בין איך געווען דער יינגסטער און קיינער האָט מיר שלעכטס נישט געטון, אפילו די עסעסלייט.

מיר האָבן געאַרבעט ביי קאַלך. צו צוויי מענטשן האָט מען געטראָגן קאַלך צו אַ גרוב, וווּ מ׳האָט אים געלאָשן. פופצן שעה אַ טאָג. מ׳איז גע־פאַלן פון מידקייט און הונגער, ווייל די ש. ק. האָט מען ספּעציעל געהונ־גערט. ווען איינער האָט זיך שוין נישט געקאָנט רירן, האָבן אים די עסעס־ראָווצעס אַריינגעוואָרפן אין קאַלך־גרובן און דאָרט איז ער פאַרברענט געוואָרן. יעדן טאָג האָט מען צום ווינציקסטן אויף אַזאַ אופן אומגעבערענגט 3־2 מענטשן.

פיר חדשים האָב איך געליטן הונגער און געהאָפט, אז אפשר וועט זיך ענדערן. אָבער קיין ענדערונג האָט זיך נישט פאָראויסגעזען אויסער, אז איך זאָל אויך אריין אין קאַלך-גרובן. דעמאָלס האָב איך געמאכט שות־פות מיט נאָך פיר יידן און מיר האָבן אָנגעהויבן צו „אָרגאַניזירן" עסנ־ווארג.

נישט ווייט פון אונדזער באַראַק איז געווען אַ שפּייז־לאַגער. איך פלעג אריינקריכן דורכן קליינעם פענסטערל אין די אָוונטן און ארויסדער־לאַנגען אַלץ, וואָס האָט זיך געלאָזט: ברויט, צוקער, מאַרמעלאַד, ווורשט אאַ"וו. אַ לאַנגע צייט איז קיינעם נישט איינגעפאַלן חושד צו זיין, ביז איינמאָל בין איך אריין מיט די פיס אין אַ פאַס מיט מאַרמעלאַד, וואָס איז געשטאַנען אונטערן פענסטער און דעם גאַנצן לאַגער באַצייכנט מיט מיינע שפּורן. מ'האָט אָנגעהויבן זוכן, שפּיצלעווען. אַ טשעך האָט מיך געמסרט. ער האָט געזען, אז איך האָב צו עסן און זיך אָנגעשטויסן.

יעדן אַנדערן האָט געדראָט הענגען, איך בין אָפּגעקומען נאָר מיט 25 שמיץ אויפן הינטן. שפּעטער האָב איך ווייטער „אָרגאַניזירט", ווי אזוי ס'האָט זיך געלאָזט, כאָטש כ'האָב אַ סך מאָל באַקומען געשלאָגן און מיין הינטן איז געווען האַרט און שוואַרץ ווי אַ לעדער. נאָך איצט, אז מען שלאָגט מיך, פיל איך נישט.

צום סוף איז דערגאַנגען צום „בלאָקעלטעסטען", אז איך מאַך מיר גאָרנישט פון די שטראָפן און מ'האָט מיר געמאָלדן, אז אויב ס'וועט נאָכ־אַמאָל פּאַסירן, וועט מען מיך אויפהענגען. איך האָב געוווסט, אז זיי האַלטן וואָרט און אזוי שטאַרבן האָב איך נישט געוואָלט. אָבער לעבן אין דער ש. ק. אָן „אָרגאַניזאַציע" האָב איך אויך נישט געקאָנט און באַשלאָסן ווידער פּרווון צו אַנטלויפן.

מ'האָט געבערענגט צו דער סטאַנציע שטעכיקע דראָט און מיר זענען נעגאַנגען אויסלאָדן. דעמאָלס, אין אַ מינוט, ווען קיינער האָט נישט באַ־מערקט, האָב איך זיך אויסגעזוכט אַן אָרט אונטער אַ לאַסטוואַגאָן און געקומען צו פאָרן קיין פויזן. איך בין געווען צוגעגרייט צו אזאַ רייזע. כ'האָב געהאַט ביי זיך 14.000 מאַרק. אין לאַגער איז נישט געווען שווער צו האָבן געלט. מענטשן האָבן געהאַט זייער אַ סך און נישט געוווסט, וואָס

צו טון דערמיט. אין פויזן האָב איך קיינעם נישט געקענט. כאָטש כ'האָב שוין געהאט א דערפאַרונג פון דאַכאַו, בין איך נאָך געווען נאַריש. כ'בין געגאַנגען איבערנעכטיקן צו א פּאָליאַק. דאָס איז געווען א „פאָלקסדייטש". ער האָט מיך ביינאַכט רעווידירט, צוגענומען דאָס געלט און אינדערפרי איבערגעגעבן דער געשטאַפּאָ.

מ'האָט מיך פאַרהערט און גלייך געשיקט ווייטער. כ'האָב נישט געוווּסט, וווהין די עסעסאָווצעס פירן מיך. זיי האָבן מיך געברענגט קיין בירקענאַו און באַלד איבערגעגעבן צו א „זאָנדערקאָמאַנדאָ". דאָס איז געווען אויפן פעלד D, באַראַק 32.

אין מיין „זאָנדערקאָמאַנדאָ" זענען געווען 400 מאַן ס'רוב יידן, אָבער אויך א סך פּאָליאַקן און א ביסל דייטשן. עס זענען געווען מענטשן מיט רויטע און גרינע „ווינקלען" (אָפּצייכענונגען פאַר פּאָליטישע (רויטע) און געוווינלעכע (גרינע) „פאַרברעכער" — נ. ג.).

אין די ערשטע טעג בין איך נישט געגאַנגען צו די אויוונס, נאָר געהאט „שטובענדינסט", אָבער איינמאָל איז געקומען דער הויפּטשאַר־פירער מילער און געזאָגט: אזא געזונטער, פעסטער בחור, זאָל ער גיין אַרבעטן א שיכטע. און כ'האָב אָנגעהויבן צו גיין אַרבעטן צום אויוון. די ערשטע טעג זענען געווען שווערע און כ'האָב זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, ווען כ'האָב געמוזט דאָס אַלץ טון, פון ערשטן מאָמענט אָן האָב איך געטראַכט, ווי אַזוי פון דעם אַלעמען זיך באַפרייען. ווען איך בין גע־קומען, האָט אונדזער קאָמאַנדאָ געהאט ערשט אָנגעהויבן די אַרבעט. אַלע האָבן געוווּסט, אַז אין דריי חדשים וועט מען אונדז „אויספּאַרטיקן" און נעמען אַנדערע.

מיר זענען געווען 400 מאַן איינגעטיילט אין צוויי שיכטעס און צו אונדז האָט געהערט איין אויוון. צו דער אַרבעט זענען מיר געגאַנגען מיט מוזיק. ס'איז געווען אַן אָרקעסטער, וואָס האָט אונדז שטענדיק באַגלייט. אַז זיי האָבן באַגלייט איין שיכטע צו דער אַרבעט, האָבן זיי אונדז אָפּ־געפירט צוריק מיט מוזיק. אונדזער הויפּט אָנפירער איז געווען דער הויפּט שטורמפירער ד"ר מענגעלע. ער האָט געליפערט מענטשן צום גאַז. נאָכדעם

איז געגאַנגען מילער און צום סוף קאַפּאָס יידן, פּאָליאַקן און דייטשן. באַוואַכט האָבן אונדז געוועלטלעך פינף עסעסלייט. ווען ס'זענען געקומען טראַנספּאָרטן, האָבן די מענטשן נישט געוווּסט, וואָס ס'דערוואַרט זיי. איבער דער געביידע איז געווען אַן אויפשריפט „באַדע אַנשטאַלט". אַלע זאַכן האָט מען געמוזט איבערלאָזן אויף דעם פּלאַץ. מ'איז אַריינגעקומען, זיך אויסגעטון נאַקעט, יעדער האָט באַקומען אַ נומער פון זיינע מלבושים אויף אָפּצונעמען זיי שפּעטער. מ'האָט געטיילט שטיקלעך זייף און האַנטעכער און מ'איז געגאַנגען אונטער אַ דוש. דעמאָלס זענען אַריינגעפאַלן די קאַפּאָס און גענומען שלאָגן, כדי אַרויסצורופן אַ בהלה. די מענטשן האָבן נישט געוווּסט, וואָס ס'האָט פּאַסירט, געוואָרפן זיך איינע אויף די אַנדערע, געלאָפן פאַר זיך. אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר פון דער גאַז-קאַמער און אַהין האָט מען אַריינגעטריבן אַלע מענטשן. די טיר הינטער זיי האָט מען שנעל צוגעמאַכט און דורכן פענסטער אַריינגעוואָרפן אַ פּושקע מיט גאַז.

אין דעם „זאָנדערקאָמאַנדאָ" האָב איך געאַרבעט צען וואָכן. אין דער קאַמער גופא בין איך קיינמאָל נישט געווען, ווייל דאָרט פלעגן אַרבעטן בלויז די קאַפּאָס. נאָכן גאַזירן האָט מען געעפנט די טיר פון דער צווייטער זייט, פון דער זייט, צו וועלכער קיינער האָט קיין צוטריט נישט געהאַט. אַהין זענען אַריין די קאַפּאָס, און דורך טיר און פענסטער וואָס גיכער אַרויסגעוואָרפן די גופים. מיר האָבן אַלע געהאַט לאַנגע, גומענע הענטשקעס און אין מויל טאַמפּאָנען פון וואַטע. פון די מתים איז אַרויס גאַז, אַזוי אַז ס'איז שווער געווען צו שטיין נעבן זיי. רעלסן האָבן געפירט פון גאַז-קאַמער-טויער ביז צום אויוון. צו 40 גופים האָט מען אויפגעלאָדן אויף איין וואַגאָניעטקע און זיי זענען פאַר איינמאָל געגאַנגען אויפן רושט. די וואַגאָניעטקעס האָבן זיך איבערגעדרייט און אַרויסגעשאָטן די קערפּערס, וועלכע האָבן זיך באַלד צעגליט פון עלעקטרישן שטראָם און נאָך צען מינוט זיך פאַרוואַנדלט אין אַש. ווען דער שטראָם איז געווען אַ שוואַכער, זענען געבליבן ביינער, ווען שטאַרקער — בלויז גרודעם קליינע. דאָרט איז געווען אַן אַפּאַראַט, האָט מען דערציילט, וואָס מ'האָט גערופן עקסאַסטער. ער האָט אויסגעבלאָזן דעם אַש נאָך יעדן פאַרברענען אין אַ שכנות-

דיקן גרוב. דאָרט איז געשטאַנען אַן ארבעטער, וואָס האָט אָנגעפּולט פּע־סער מיט אַש, און אַ ווינדע האָט זיי ארויפגעשלעפּט. די פּעסער האָט מען שפּעטער אויסגעשאָטן אין טייך סאַלאַ.

די גופים, בעת איך האָב זיי געלאָדן, זענען געווען געל פון גאַז. מאַנכע האָבן נאָך געהאַט די הענט ביי די מיילער, אָדער זיך געהאַלטן ביים בויך. זיי זענען געווען שטייף, ווי פּאַראַליזירטע, אויגן אָפענע, גלע־זערנע.

וויפל מענטשן מיר זענען דאָרט געווען, האָט קיינער נישט געקאָנט פאַרליידן די ארבעט. מיר פלעגן גאַנץ אָפט רעדן וועגן אַנטלויפן. אין שכנות מיט אונדזער לאַגער איז געווען דער „ש״ לאַגער. אַמאָל פלעגט זיך איינגעבן צו רעדן מיט עמעצן פון אייגענע. מיר האָבן זיי געזאָגט, זיי זאָלן אָנהייבן עפּעס צו טון און נישט וואַרטן, ביז מען וועט זיי נעמען אין „זאָנדערקאָמאַנדאָ״, אָדער שיקן צום גאַז.

וואָס האָבן זיי געקאָנט מאַכן. די איינציקע זאַך, וואָס אַ סך האָבן געטון, איז געווען דאָס גיין צו די עלעקטריזירטע דראָטן, אַ סעקונדע און ביסט טויט. איך האָב געטראַכט, אַז דאָס איז בעסער איידער גיין צום גאַז. טיילמאָל האָב איך אינדערפרי געזען די, וואָס זענען ביינאַכט געלאָפן צו די דראָטן. זיי זענען נישט געפאַלן אויף דער ערד, נאָר די דראָטן האָבן זיי געהאַלטן אין אַ שטייענדיקער פּאָזיציע, מיט די הענט אויסגעשטרעקטע, אינגאַנצן ווי לעבעדיקע.

עסן פלעגן מיר באַקומען זייער גוט. יעדן טאָג אַ ברויט, אַ שטיקל פּוטער, צוויי אייער, אַ האַלבן ליטער מילך און אַ ספּעציעלע זופּ. אָבער ווער האָט געקאָנט עסן? אויסער דעם האָבן די מענטשן, וואָס זענען גע־גאַנגען צום גאַז, געהאַט מיט זיך אַ סך פּראָוויאַנט, אָפט מאָל די בעסטע קליידער, בפרט די אויסלענדישע טראַנספּאָרטן, און דאָס אַלץ איז געלעגן פאַר דער גאַז־קאַמער, כאָטש נעם וואָס דיר געפעלט. מיר האָבן אויך גע־מעגט טראָגן ציווילע קליידער. צוויי מאָל אַ וואָך האָבן מיר באַקומען ברויט־„צולאַגען״. אָבער ווער האָט דאָס אַלץ באַדאַרפט?

פון דעם רעדן טאָג איין טאָג אויס האָט זיך פּאַמעלעך אויסגעפּיקט אַן אָרגאַניזאַציע. מיר האָבן אָנגעהויבן צו זאַמלען געווער. אביסל האָבן אונדז געגעבן די, וואָס האָבן געאַרבעט אין קאַנאַדע, ד״ה אין סקלאַד פון

די צוגערויבטע זאכן. זיי האָבן אונדז גענעבן רעוואָלווערן, קאָלטן און פויק־ארטיקע. שפּעטער, אין יאנואר, איז געקומען עפּעס א גרופּע פּאַ־ליאקן, כלומרשט פון אן אויפשטאנד, און ביי זיי האָבן מיר גענומען פּיל האַנט־גראנאטן. דאָס אַלץ האָבן מיר געהאט באגראָבן אין קאסטנס און עמערס. אייניקע האָבן געהאַלטן אין שטרוי־זעק. אָנגעפירט האָט מיט אונדז איינער א פּוילישער אָפיצער, איך קען נישט זיין נאָמען. ער האָט אונדז אַלץ געלערנט און אויך באקומען די דערלויבעניש צו מאכן מיט אונדז גימנאסטיק. ער האָט אונדז געלערנט אַלע באוועגונגען, וואָס האָבן געקאָנט נוצן ביים אנטלויפן, ווי קריכן, פאַלן או״וו. די דייטשן האָבן זיך צוגעקוקט און פארוואונדערט געפרעגט מיט א שמייכל: ווילסט פון זיי מאכן סאָלדאטן? ער האָט זיי געענטפערט, אז ער איז אן אָפיצער און קען נישט אנדערש. ביינאכט אין די באראקן האָבן מיר גאנץ אָפן גע־רעדט, ווי אזוי דאָס דאַרף אויסזען. די קאַפּאָס זענען אויך געווען אריינ־געצויגן אין דער זאך, ווייל זיי האָבן עס אויך געהאט איבערן קאָפּ. זיי האָבן געוואָלט אנטלויפן.

דאָס איז געווען אין יאנואר 1944, אפשר דעם 18טן. מיט א טאָג פריער האָבן מיר געוווּסט, אז ס׳וועלן זיין גרויסע טראנספּאָרטן צום גאַ־זירן און אז מיר וועלן ארבעטן אַלע 400 מאן צוזאמען. דאָס איז געווען א פּאסיקער מאָמענט צום אנטלויפן. ס׳איז געקומען ד״ר מענגעלע, אויס־געקליבן 73 „מוזולמענער״, ד״ה אזעלכע, וואָס האָבן זייער שלעכט אויס־געזען, און געהייסן זיי בלייבן אין באראק, נישט גיין צו דער ארבעט. די איבעריקע 327 זענען אינדערפרי אוועק.

מיט א נאכט פריער האָבן די מענטשן פון דער קאָמאנדע געמאכט אַן אונטערערדישן גאנג אונטער די עלעקטרישע דראָטן ביז פון יענער זייט קרעמאטאָריע און ווייטער איז שוין געווען פעלד און וואלד. די דראָטן האָבן געהאט א שטארקן שטראָם און כדי ביים דורכגיין זאָלן זיך די מענ־טשן נישט פארטשעפּען, האָט מען אונטער די דראָטן אונטערגעלייגט א פּאס אַן א דנאָ און אזוי איז מען דורכגעקראָכן. דער אָפיצער האָט אונדז געלע־רנט גיין איינציקווייז, אָנהאלטן זיך איינער פארן אנדערן און איינציקווייז דורכגיין.

אז מיר זענען דעם טאָג געקומען צו דער ארבעט, האָבן מיר זיך באַלד איבערגעטון אין ציווילע קליידער, ווייל אייניקע זענען אָנגעטון אין די „פאַסיאַקעס״. זיי זענען געגאַנגען צום אבערשטורמפירער מעלדן, אז די „פאַסיאַקעס״ ברודיקן זיך און ווילן זיך איבערטון. ער האָט זיי געענטפערט, אז אַלץ איז זייערס און זיי קאָנען זיך נעמען, וואָס זיי ווילן. אונדזער צווייטן פירער אין דער אָרגאַניזאַציע האָבן מיר גערופן ווילי פראַנץ פאָן מאַנהיים. דאָס איז געווען א דייטש פון דער שטאָט מאַנהיים און דערפאַר האָבן מיר אים אזוי גערופן.

אַלץ איז געווען באַשטימט, דער אָפיצער האָט געגעבן א סיגנאַל. עס איז געווען אָפּגערעדט, אז מ׳וועט שיסן יעדן, וואָס וועט נישט פאָלגן די באַפעלן.

איין עסעסמאַן האָט מען באַלד אוועקגעלייגט אין באָד, דעם צווייטן האָט מען דעם אבערשטורמפירער לעבעדיקערהייט אריינגעוואָרפן אין אויוון און דעמאָלט האָבן מיר גענומען ווארפן גראַנאַטן אין אויוון אריין. די, וואָס זענען געווען אין יענער זייט, ביי דער גאַזאַווניע מיט דריי עסעסלייט, וואָס האָבן געהיטן דעם טראַנספּאָרט, האָבן פארשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. זיי האָבן גענומען שרייען, אז דאָס איז א לופט־אַלאַרם. די עסעסלייט האָבן געהערט די אויפרייסן און געגלויבט, אז ס׳איז אמת. זיי זענען אריין אין „סכראָן״. מענטשן זענען געשטאַנען פאַר דער גאַז־קאַמער און נישט געוווּסט, וואָס צו טון, און מיר זענען דערווייל לויט א באַפעל איינציקווייז ארויסגעגאַנגען. דער אָפיצער האָט געוואַרט ביז דער לעצטער איז ארוים און דעמאָלט געגעבן א קאָמאַנדעווע זיך צעלויפן און ראַטעווען, ווי עס וועט זיך לאָזן.

ערשט אין אן אנדערהאַלבן שעה שפּעטער האָט מען באַמערקט, וואָס ס׳איז געשען. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן א שיסעריי און אן ארומזוכן אין דער סביבה. איך ווייס נישט, וויפל ס׳זענען דעמאָלט אומגעקומען, נאָר ווי איך דערוויס זיך איצט פון עדות, האָבן זיי אוועקגעלייגט דעמאָלס א 200 מאַן. די איבעריקע זענען זיך צעלאָפן, אָבער וויפל זענען נאָך אומגעקומען אין וועג — איז שווער צו זאָגן.

איך בין געגאַנגען מיט א גרופּע פון 27 מאַן אין דער ריכטונג פון

דייטשלאנד. געפירט האָט אונדז א ייד פון בערלין, וואָס האָט גוט געקאָנט דעם וועג. מיר האָבן געהאט א סך געלט, זיך געקויפט אויפן וועג לאָפּע־טעס און געגאנגען, זינגענדיק דייטשע לידער, ווי אן ארבעטס־גרופּע. מיר זענען שוין געווען טיף אין דייטשלאנד, ווי דער פאָלקסשטורם האָט אונדז געכאפּט עפּעס אין א שטעטעלע. מיר האָבן אָנגעגעבן, אז מיר זענען אנט־לאָפן פון א טראנספּאָרט קיין דאכאו. מ'האָט אונדז געגלויבט און אָפּגע־שיקט אין לאגער. אזוי בין איך מערץ 1944 ווידער געקומען קיין דאכאו. כ'האָב אָנגעגעבן אן אנדערן נאָמען: קאזימיעזש דודזינסקי, הגם זיי האָבן געוווסט, אז איך בין א ייד, אָבער אזוי איז מיר איינגעפאלן. כ'האָב מיך פארעקשנט, אז אזוי הייס איך.

אין יענער צייט איז אין דאכאו געווען א פאבריק פון „פאו 1". די פאבריק איז געווען אין א טונעל אונטער דער ערד. מ'איז אראָפּגעפאָרן 160 מעטער טיף און דאָרט זענען געווען זאלן, פאראייניקטע איינע מיט די אנדערע דורך עלעקטרישע טראמוויין. מיר האָבן נישט נאָר אויסגע־ארבעט באָמבעס, נאָר מאָנטירט דעם גאנצן אפּאראט. אזא אפּאראט איז באשטאנען פון 5 באָמבעס און א בענזין כלי. די דייטשן האָבן זיך פאר־אונדז גערימט, אז דאָס איז א געווער, וואָס וועט אין גאנצן פארניכטן ענגלאנד. זיי פלעגן ברענגען צייטונגען און פאָרלייענען, וויפל הייזער ווערן יעדן טאָג פארניכטעט אין ענגלאנד דורך די „פאו 1". נישט אלע האָבן זיי געגלויבט, מיר האָבן זיך שוין פארשטאנען אויף זייערע ליגנס. אָבער אנגענעם איז נישט געווען צו הערן, ביי וואָס מיר ארבעטן.

מיט אונדז האָבן געארבעט סאָוויעטישע אָפיצערן, האָבן זיי אָנגע־הויבן צו מאכן סאבאָטאזשן. זיי האָבן אונדז געלערנט, ווי אזוי דאָס צו מאכן. למשל, די, וואָס ארבעטן ביים אָנפילן מיט בענזין די כלים, זאָלן אריינווארפן א פּאָר שטיקלעך שטרוי. די רוסן האָבן געזאָגט, אז ווען דער מעכאניזם וועט זיך צעהיצן, וועלן זיך די שטרויעלעך אָנצינדן און דער גאנצער „פאו 1" וועט טויגן אויף כפּרות. זיי פלעגן אויך אריינשיטן זאמד אין פּולווער. די סאבאָטאזשן זענען געווען געמאכט נישט פּאָרזיכ־טיק, ווייל ס'האָט זיך געטראָפן, אז אין איין טאָג זענען אלע אפּאראטן אויף דעם זעלבן אופן פארניכטעט געוואָרן. ס'איז געקומען א קאָמיסיע פון פראָנט, האָט גענומען פונאנדערלייגן פארטיקע אפּאראטן און געפונען

זאמד און שטרוי. דעמאָלס איז געווען אן אפּעל פון אלע, וואָס ארבעטן אין טונעל: יודען אנטרעטען, פּאָלען אנטרעטען, רוסען אנטרעטען! מ׳האָט גענומען יעדן צענטן און אויפגעהאָנגען. ס׳האָט דעמאָלס אויסגעמאכט 160 מענטשן. נאָכדעם האָבן זיי שוין אזוי גוט געהיטן, אז ווען א שרייפל איז צופעליק נישט אזוי געווען צוגעשרויפט, ווי ס׳האָט געזאָלט זיין, זע־נען דעם טאָג געהאָנגען געוואָרן 30־50 מענטשן. שפּעטער איז שוין דער סאבאָטאזש געווען געמאכט פאָרזיכטיקער, 2־3 אפּאראטן אויף א טראנס־פּאָרט.

א הונגער האָט געהערשט ביי אונדזער ארבעט, ווי ביי יעדער אנ־דערער. זיי האָבן די מענטשן נישט אין זין געהאט. ברויט איז געווען אביסל מער, אָבער די זופּן — פארפוילטע, ווי שטענדיק. ביי דער ארבעט האָב איך זיך אויסגעלערנט שלאָסעריי.

דעם 1טן מאי ביינאכט האָט מען אונדז פארלאָדן אויף וואגאָנען. אָבער די אמעריקאנער זענען שוין געווען זייער נאָענט. דער לאָקאָמאָטיוו איז בכלל נישט געקומען און מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אין לאגער. די עסעסלייט האָבן געגעבן געווער די דייטשע קאפּאָס, זיי זאָלן אונדז היטן. זיי האָבן זיי געלערנט שיסן צום ציל.

ס׳איז געווען א שיינער מאָמענט, ווען מ׳האָט געשאָסן אין א גע־שטרייפט לאגער־היטל און מיטאמאָל באוויזט זיך אן אמעריקאנער טאנק. ער איז פארפאָרן און באלד פארקערעוועט אויף צוריק, אָבער דאָס איז געווען גענוג. זיי האָבן זיך שוין מער נישט געלערנט שיסן און די קאפּאָס האָבן אינגאנצן אוועקגעוואָרפן די ביקסן.

צומאָרגנס זענען די אמעריקאנער שוין געווען אין לאגער.

דער ערשטער אמעריקאנער זעלנער, וואָס האָט מיט מיר גערעדט, איז געווען א ייד פון לעמבערג. פיר וואָכן זענען מיר געווען מיט די אמע־ריקאנער. אין לאגער זענען געווען 28.000 מענטשן, פון זיי 4.000 יידן. ברויט איז נישט געווען צו פיל, דערפאר גאנצע אויטאָס מיט שאָקאָלאד.

כ׳האָב זיך אומגעקערט קיין לאָדזש, אָבער קיין לעבעדיקן נפש פון מיין משפחה נישט געטראָפן. איך בין אליין און האָב נישט דאָ וואָס צו

בלייבן. הינטער לאָדזש האָבן באנדיטן געשאָסן מיין חבר און אונדז באַ־ראַבעוועט. איך וויל פון דאנען אוועקפאָרן.

(פּראָט. נומ. 348 פון שאיע גערטנער. פּראָטאָקאָ־לירט: מ. מאַריאַנסקאַ, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

.20

„די דייטשן טאָר מען נישט גלויבן"

לייבאָוויטש שרה, געבוירן אין ווארשע, דער פאָטער א האנט־ווערקער. געפינט זיך איצט ביי א קרובה אין לובלין.

א בלאס, דאַר געזיכט מיט א פּאָר אומעטיקע שווארצע אויגן, אַן אויסגעלאָשענער בליק, שווער באוועגלעך, רעדט ווינציק, שטייט שעהען שווייגנדיק און קוקט דורכן פענסטער. ס׳איז זייער שווער ארויסצובאקומען פון קינד עטלעכע ווערטער. זי וויל נישט דערציילן, ווערט בייז, ווען מען שטעלט איר פראגן. איך האָב געפּרוּווט עטלעכע מאָל שמועסן און איבעררייסן, ביז איך האָב אָנגעטראָפן ענדגילטיק אויף אַן אנטשפּרעכנדן מאָמענט. כ׳בין אוועק מיט איר שפּאַצירן. אויפן וועג האָט זי פון זיך אליין גע־נומען רעדן און דערציילן.

ביים ערשטן מאָל, ווען די דייטשן זענען אריין צו אונדז אין שטוב ביינאכט און צוגענומען מיין טאטן, בין איך מיט מיין מאמען געלעגן אין מיסטקאסטן אויפן הויף. די מאמע האָט געזאָגט, אויב איך וועל שרייען, אָדער זיך באוועגן, וועט מען מיך דערשטיקן. כ׳האָב צוגעזאָגט דער מאמען צו זיין שטיל. ס׳האָט מיר געשטיקט אין האלדז, כ׳האָב נישט געקאָנט אָפּעטעמען, כ׳האָב א הוסט געטון, די מאמע האָט מיך אָנגעהויבן קנייפּן און שלאָגן. כ׳האָב געקריצט מיט די ציין אָבער נישט געוויינט און נישט געשריען. ווי אזוי איך בין ארויס פון מיסטקאסטן, ווייס איך נישט. כ׳האָב געעפנט די אויגן, בין איך געלעגן אינמיטן הויף. די מאמע האָט געקניט

נעבן מיר, געריבן דעם שטערן, געגאָסן אין האלדז וואסער און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון דער מאמעס אויגן. פרעגן האָב איך מורא געהאט, רעדן אויך. ארום מיר האָב איך געהערט געשרייען פון צווייטן הויף. איך בין אנטשלאָפן געוואָרן און ווען איך האָב זיך אויפגעכאפּט, בין איך שוין געווען ביי אונדז אין שטוב. דער טאטע איז שוין נישט געווען. די דייטשן האָבן אים צוגענומען. איך מיט דער מאמען זענען געבליבן אדאנק דעם מיסטקאסטן.

אין צוויי טעג ארום —דערציילט ווייטער דאָס קינד— האָט מען געזאָלט צונעמען אלע קינדער פון די שאָפּן (די מאמע האָט געארבעט אין א שאָפּ). די דייטשן דארפן נישט קיין קינדער. איך האָב מקנא געווען אלע גרויסע, וואָס ארבעטן. כ'האָב געוואָלט זיין א גרויסע און געבעטן דער מאמען, זי זאָל מיך אָנטון אין שיך מיט הויכע קנאפּל, א לאנג קלייד, אפשר וועל איך אויסזען ווי א גרויסע און די דייטשן וועלן מיך נעמען צו אן ארבעט — אָבער מיין מאמע האָט געהאט אן אנדער פּלאן. מען האָט מיך אראָפּגעלאָזט פון באלקאָן מיט א שטריק אויף א פור, ווו עס איז געשטאנען א גרויסער שטרויענער קאסטן. אין קאסטן זענען שוין געזעסן 4 קינדער פון שכנים. דער פורמאן האָט מיך אריינגעפּאקט אין מיטן און פארזאָגט קיין וואָרט נישט ארויסצורעדן. —ווער ס'וועט הוסטן —וועל איך דערהרגענען — האָט ער געזאָגט. איך האָב געציטערט אינ־גאנצן, ווו פירט מען אונדז? די קאסטנס האָט מען באדעקט מיט סחורה און אונדז ארויסגעפירט פון שאָפּ. כ'האָב נישט געוויינט, נישט געהוסט, אלע איבעריקע קינדער זענען אויך שטיל געווען. אויף מאָרגן, ווען די אָבלאווע האָט זיך געענדיקט, האָט מיך מיין מאמע געלויבט פאר אלע, אז איך בין נישט קיין קינד, נאָר א העלדיש מיידל. אָבער, מאמע, מאך מיך פאר א גרויסע, די דייטשן האָבן דאָך פיינט קינדער און גרויסע מיידלעך דארפן זיי האָבן צו דער ארבעט. מיין מאמע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און גאָרנישט געענטפערט.

אין א שטיקל צייט ארום האָט מען געהייסן אלעמען זיך צונויפזאמלען אויף א פּלאץ און פון דאָרט האָט מען אָפּגעקליבן, ווער עס דארף גיין צוריק אין שאָפּ און ווער אויפן אומשלאג־פּלאץ. מיין מאמע וויינט און נייט אויף שנעל א גרויסן רוק־זאק. זי מעסט מיר די הענט, די פיס

און איך ווייס נישט, וואָס דאָס באַדייט. איך וויין נישט. מיכל, דער שכנהס יינגל, וויינט. ער וויל נישט גיין אין זאַק. איך ווייס נישט פאַרוואָס, מיר איז אַלץ איינס. בעסער אין זאַק איידער צו די דייטשן. כ׳קריך אַריין אין זאַק. די מאַמע שרייט, איך זאָל זיך צונויפדרייען ווי אַ קנויל, מען זאָל נישט אַרויסזען קיין סימן פון מיר. איך קולע זיך איין, בויג אַראָפּ דעם קאָפּ, די מאַמע דעקט מיך איבער מיט פאַרשידענע שמאַטעס, נעמט דעם רוק-זאַק אויף די פּלייצעס און שטעלט זיך אין די רייען צום אַרויסגיין. יאָסעלעס מאַמע האָט אויך געטון דאָס זעלבע, נאָר זיין מאַמע קלאָגט זיך, אַז זי קאָן דעם רוק־זאַק נישט אויפהייבן — יאָסל איז שווער, ער קאָפּעט מיט די פיס. מיין מאַמע לויבט מיך — זאָגט אַז איך בין גרינג ווי אַ פעדער, איך קאָרטשע זיך מער איין און איך ריר זיך נישט פון אָרט, מען זאָל נישט זען, אַז אין רוק־זאַק באַוועגט זיך עפּעס. איך ווייס, אַז אויב איך וועל אויסהאַלטן און נישט אָטעמען, וועט מען אונדז נישט נעמען אויפן אומשלאַג. אַזוי איז טאַקע געווען. איך האָב אויסגעהאַלטן און די מאַמע אויך — אַ האַלבן טאָג. צוגענומען האָט מען אַלע פרויען, וועלכע האָבן געהאַט קינדער און אונדז האָט מען צוריקגעשיקט אין שאָפּ. מיר האָט געמישט אין קאָפּ, געררוישט אין די אויערן, געבראָכן די פיס. איך האָב אָבער נישט געוויינט. כ׳ווייס, איך בין שוין אַ גרויסע, נישט קיין קינד. מיין מאַמע איז גוט צו מיר, זי שרייט נישט, נאָר זי וויינט כסדר.

לאַנג האָט נישט געדויערט, ס׳איז ווייטער פאָרגעקומען אַן אַבלאַווע — מיין מאַמע איז געווען ביי דער אַרבעט, איך בין אויך מיטגעגאַנגען. מען האָט אונדז געכאַפּט, אַוועקגעפירט אויפן אומשלאַג, אַריינגעפּאַקט אין די וואַגאָנעס. כ׳האָב זיך געשטיקט, געלעקט די ווענט פון דורשט, נישט געווען קיין וואַסער, מיין מאַמע זאָגט, אַז זי האָט געמיינט, אַז איך בין שוין אַוועקגעשטאָרבן. איך געדענק נישט, וואָס מיט מיר איז געשען. כ׳געדענק נאָר, אַז איך האָב דערפילט, ווי איך פלי און פאַל. געווען איז עס ביינאַכט. די מאַמע האָט מיך אַרויסגעוואָרפן דורכן פענסטער פון וואַגאָן, שפּעטער אַליין אויך אַרויסגעשפּרונגען. זי האָט מיך אַריינגעלייגט צווישן גראָז און מיט איר צונג גענומען לעקן מיר די ליפּן. ס׳איז מיר לייכטער געוואָרן און מאָרגן אינדערפרי האָט מיך די מאַמע פאַרשלייערט אין אַ קאָלירט טיכל, אַ לאַנג קלייד און גענומען מיך פירן, זוכן אַ וועג

ווי ארויסצובאקומען זיך פון פעלד. נישט לאנג האָבן מיר געזוכט. צוויי דייטשן זענען אונדז אנטקעגן געקומען, פארהאלטן און צוריק אוועקגע־פירט אויף מיידאנעק. מיין מאמע האָט נישט געוויינט, זי האָט די דייטשן געזאָגט, אז איך בין אלט 15 יאָר און קאָן גוט ארבעטן. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך בין נישט קיין קליין מיידל און וועל צוזאמען ארבעטן מיט מיין מאמען.

דאָס קינד אָטעמט אָפּ און דערציילט ווייטער:

אין לאגער האָט מען מיין מאמען געשלאָגן, מיך אויך, פארוואָס איך קאָן נישט גיך ארבעטן. כ׳האָב געוואָלט ארבעטן גיך, אָבער נישט געקאָנט. מיין מאמע איז שטארק פארזאָרגט, וואָס וועט זיין? — מען וועט מיר צונעמען דאָס קינד — זאָגט זי צו איר שכנה. יענע ענטפערט — זאָרגט נישט, מען וועט אונדז אלעמען צונעמען. ס׳ווערט א טומל, די דאָקטוירים זאָגן, אז מאָרגן וועט מען אלע קינדער מאכן „זאסטשיקעס" קעגן טיפוס. מיין מאמע ווערט בלאס און הייבט זיך אָן דרייען איבערן צימער, רעדט מיט שכנים און ווארפט אויף מיר מוראדיקע בליקן. וואָס טוט מען? זי פארבט מיר אָן די ליפּן, טוט מיר איבער נאָך א לענגער קלייד, הויבע קנאפל, פארקעמט מיך מיט „לאטשקעס" און הייסט מיר זיצן און ארבעטן. איך פאָלג דער מאמען. איך וויים, זי איז קלוג און ווייסט וואָס צו טון. נאָר איך טראכט, אז פון א „זאסטשיק" שטארבט מען דאָך נישט. — מיר קענען שוין זייערע „זאסטשיקעס", זאָגט זי. —דו גייסט נישט, ביסט א גרויסע און ארבעטסט, בלויז קינדער גייען. איך פריי זיך. אויף מאָרגן האָט מען אלע טויטע קינדער באגראָבן. מען האָט געזאָגט, נישט קיין גוטער „זאסטשיק", ס׳האָט די קינדער פארשאדט, די דאָקטוי־רים האָבן זיך טועה געווען. מיין מאמע איז קלוג. זי זאָגט, די דייטשן טאָר מען נישט גלויבן. איך טראכט אויך אזוי.

מיין מאמע רוט נישט. זי וויל מיך ארויסשטויסן פון לאגער. ס׳קו־מען צו איר קריסטינס און רעדן לאנג, באקוקן מיך און גייען אוועק. ביי־נאכט איז געקומען א קריסטין און מיך ארויסגעפירט פון לאגער. מיין מאמע האָט מיך געקושט און געהייסן גיין מיט דער פרוי. איך זאָל זיך גוט אויפפירן און פאָלגן. כ׳וויל, די מאמע זאָל מיטגיין מיט אונדז. די מאמע וויל נישט. כ׳גיי, איך בין דאָך א גרויסע, נישט קיין קינד. כ׳ווין

נישט, איך טו וואָס מען הייסט מיר. מיין מאַמע איז א קלוגע, זי ווייסט וואָס זי טוט. די קריסטין איז גוט צו מיר, זי גיט מיר עסן, וואַשט מיך, נאָר אַלע אינדערפרי און פאַרנאַכט מוז איך צוגיין פאַר א „מאַטקאַ באָסקאַ" און מוז זאָגן מיט איר „פּאַציעזש". איך קוק זיך איין אין בילד און בין מקנא דאָס קינד, וואָס מען האַלט אויפן האַנט. אוי, ווי איך וואָלט אויך געוואָלט זיין אַזאַ קליין מיידעלע, נישט קיין גרויסע, ווי ערשט. און די מאַמע, מיין מאַמע, וואָס איז דאָרט ווייט אין לאַגער, זאָל מיך אויך האַלטן אויפן האַנט. אָבער איך ווייס, איך טאָר נישט זיין קיין קליין קינד און נישט קיין גרויס קינד, איך טאָר נישט זיין צוזאַמען מיט מיין מאַמען, איך בין דאָך נישט ווי אַלע קינדער דאָ, איך בין א יידיש קינד און די דייטשן האָבן פיינט יידן און יידישע קינדער נאָך מער, איך ווייס אַלץ. מיר איז אומעטיק. כ'וויל זען מיין מאַמען כאָטש פונדערווייטנס. מען לאָזט מיך נישט אַרויסגיין, כ'מוז זיצן אין „קאַמאַרע", קיינער טאָר נישט וויסן, אַז איך וווין דאָ, אפילו די קינדער פון א צווייטן צימער, וואָס לאַכן און זינגען הויך און שרייען און שפּילן זיך, טאָרן אויך נישט וויסן, אַז איך וווין דאָ. איך ווייס פאַרוואָס, איך פאַרשטיי אַלץ, איך בין דאָך א גרויס מיידל. די קריסטין ברענגט מיר אין „קאַמאַרקע" עס,, אָבער זי איז אומעטיק. איך וויל זיין מיט מיין מאַמען. פון „קאַמאַרקע" גיי איך אַרויס בלויז אין אָוונט דורך דער זייטיקער טיר מיט דער קריסטין. זי פירט מיך אין צימער, וווּ עס הענגט דאָס בילד פון דער „מאַטקאַ באָסקאַ" מיטן קינד אויפן האַנט און הייסט מיר זאָגן „פּאַציעזש". איך קען שוין אַלץ און זאָג אַליין. זי איז צופרידן, קושט מיך אין קאָפּ און זאָגט, אַז איך בלייב שוין ביי זיי אויף שטענדיק. זי וועט מיך נעמען אין קאָסטשאָל און מאַכן פאַר זייערס א קינד. ס'קלעמט, ס'נאָגט א בענקשאַפט נאָך דער מאַמען, אָבער איך שווייג, איך זאָג איר גאָרנישט. איך ווייס, איך טאָר נישט זאָגן, אַז איך וויל נישט. וווּ וועל איך גיין? די דייטשן וועלן מיך ווייטער כאַפּן און דערהרגענען. דייטשן האָבן דאָך פיינט יידישע קינדער; אַזוי לאַנג שוין נישט אָנגעקוקט מיין מאַמען, איך וואָלט שוין בעסער געוואָלט שטאַרבן צוזאַמען מיט מיין מאַמען. כ'וויל גיין אין לאַגער. די קריסטין לאָזט מיך נישט אַרויס. זי זאָגט, אַז אויב מען וועט מיך דאָ זען, וועט מען זי און אַלעמען דאָ דערהרגענען. איך שווייג. וואָס זאָל איך טון.

איך ווייס אָבער איינס, אַז אויב מיין מאמע לעבט נישט, וויל איך אויך נישט לעבן. בלייבן דאָ אין קאמארקע וויל איך נישט, איך האָב נישט מיט וועמען צו רעדן, איך קען קיינעם נישט דערציילן. אפילו יענעם טאָג, ווען מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך קאָן שוין ארויס פון קאמארקע, די דייטשן זענען שוין נישטאָ, זיי וועלן שוין נישט הרגענען קיין יידישע קינדער, איז מיר אויך נישט געווען פריילעך און מיר וועט שוין קיינמאָל נישט זיין פריילעך. איך ווייס, אַז מיין מאמע לעבט נישט. די דייטשן האָבן איר אויך געמאכט א „זאסטשיק". נישט נאָר קינדער האָבן זיי פיינט — נאָר אלעמען, ווער ס'איז א ייד.

איך קאָן דעם קינד מער קיין פראגן נישט שטעלן. איך בין גערירט, זי וויל מיר מער גאָרנישט זאָגן. לאָזט אראָפּ די אויגן און גייט אוועק. כ'האָב נאָך געפּרוווט אריינציען אין א שמועס, אָבער ס'האָט זיך מיר דערוויייל מער נישט איינגעגעבן.

(פּראָט. נומ. 23 פון שרה לייבאָוויטש. פּראָטאָקאָ־
לירט: ג. סילקעס, פון דער צ.יי.ה.ק.).

.21

יידישע ספּעציאליסטן אין לאגער

בראַניסלאַוו זעמאַן איז געבוירן אין לעמבערג אין יאָר 1932.
זיין פאָטער יעקב איז געווען א געזעלשאפטלעכער טוער און א
לערער, די מוטער ד״ר אננא פריד — א כעמיקערין.

ווען די סאָוועטן זענען געקומען קיין לעמבערג, האָב איך גראָד אָנגעהויבן צו גיין אין שול, וו מיין טאטע איז געווען א לערער. די מאמע האָט געארבעט אין דער ערשטער פּאָלעקליניק. איך געדענק נישט, ווי דאָס איז אלץ פאָרגעקומען, אָבער איך ווייס, אַז די דייטשן זענען געקומען און די אוקראַאינער האָבן אָנגעהויבן כאַפּן יידן אין די גאסן, שלאָגן זיי און הרגענען. מיר האָבן זיך כסדר אויסבאהאלטן אין קעלער. מ'האָט געמאכט א געטאָ, פריער א גרויסע. אונדזער גאס איז געווען אין דער געטאָ, אָבער נאָך דער אקציע אין מערץ 1942 האָט מען זי פארקלענערט און אונדז

ארויסגעוואָרפן פון דער דירה. די מאמע האָט געארבעט אין דער קינדער־קליניק און דער טאטע אין א טארטאק, ווי אן ארבעטער.

דערנאָך איז געקומען די אקציע אין אויגוסט 1942. איך בין געווען אויסבאהאלטן אין א שאפע צוזאמען מיט מיין קוזינע. דעמאָלס האָט מען צוגענומען מיין באבע מיט דער מומען. די מאמע האָט זיך אויך געמוזט באהאלטן, ווייל די ארבעט אין דער קליניק האָט נישט געשיצט קעגן ארויס־פירן און פון דאָרט האָט מען אוועקגענומען. דער טאטע האָט זיך צעקאָליטשעט די האנט און האָט נישט געקאָנט ארבעטן אין טארטאק. נאָך דער אקציע האָט די מאמע געארבעט אין דער כעמישער לאבאראטאָריע פון יידישן שפיטאָל און איינגעאָרדנט דעם טאטן ווי א באאמטן. דער טאטע האָט געפירט די ביכער. בעת דער שפּעטערדיקער אקציע — די דאטע געדענק איך נישט — בין איך געזעסן אין א פאס פון וואסער אין וואנע־צימער פון שפּיטאָל.

דעם 4טן פעברואר 1943 איז אומגעריכט אריינגעקומען אין לאָבאראטאָריע א גרופּע עסעסלייט און ארעסטירט עטלעכע מענטשן, אויך דעם טאטן, די מאמע און דעם כעמיקער אבראמאָוויטש. קיינער האָט נישט פארשטאנען, וואָס דאָס זאָל באדייטן. די מאמע האָט געבעטן, מען זאָל מיך נישט נעמען און זיי זענען איינגעגאנגען אויף דעם. אָבער נאָך א שעה צייט איז די מאמע געקומען אין שפּיטאָל, פארנומען די זאכן און מיך און געזאָגט, אז מיר פאָרן אלע קיין דייטשלאנד, וו מיר וועלן אר־בעטן אין דער כעמישער אינדוסטריע. דריי טעג זענען מיר געזעסן אין דער תפיסה אויף לאנצקי־גאס, צוזאמען צען מענטשן, ווייל אויסער אונדז איז נאָך געווען זעקס מענטשן פון דער כעמישער פאבריק „לאאקאאן״. דאָס איז געווען ד״ר פלאק מיט דער פרוי און זון און ד״ר אומשווייף מיט דער פרוי און זון. אין דער תפיסה האָבן מיר נישט געגלויבט, אז מען שיקט אונדז אין דער אמתן אויף ארבעט קיין דייטשלאנד. מיר האָבן געזאָגט, אז מען נארט אונדז, ווי געוועגלעך, און אין א געוויסן טאָג וועט מען אונדז הרגענען. אָבער דעם 7טן פעברואר האָט מען אונדז טאקע מיט דאראזשקעס געפירט צום באן און געגעבן אויפן וועג ברויט מיט מארמע־לאד. מיר זענען געפאָרן אין צוויי פארמאכטע קופּעס אין דער באגלייטונג פון צוויי עסעסלייט. אָבער דעמאָלס האָבן מיר שוין געוווסט, זיי האָבן

אונדז געזאָגט, אז מיר פאָרן קיין אָשוויענטשים און נישט קיין דייטש־לאַנד. די מאמע האָט נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם, זי האָט געזאָגט, אז זי וועט אונדז אין ערגעץ אליין נישט לאָזן. דעמאָלס האָט מען באַשלאָסן, אז אלע דריי פרויען און צוויי יינגלעך וועלן מיר פאָרן אין פרויען־לאגער אין בירקענאו. צוויי חדשים זענען מיר דאָרט געווען. די מאמעס זענען געגאנגען צו אפּעלן און מיר פלעגן בלייבן אין באראק. אויף די אפּעלן פלעגט אויסקומען צו שטיין 16 שעה. צום סוף האָט די מאמע גע־בעטן דעם דאָקטאָר, ער זאָל איר דערלויבן צו ארבעטן אויפן רעוויר, ד"ה אין שפּיטאָל און ער איז מסכים געווען. זייט דעמאָלס האָט זי שוין נישט געמוזט גיין אויף די אפּעלן.

נאָך צוויי חדשים האָט מען אונדז אלע פינף איבערגעשיקט קיין אָשוויענטשים, ווו מיר האָבן באקומען אן אָרט אין צענטן באראק. דאָרט האָט מען דורכגעפירט געוויסע עקספּערימענטן איבער פרויען. דאָרט זע־נען געווען יידישע פרויען פון האָלאנד, בעלגיע, דייטשלאנד, פראנקרייך און גריכנלאנד. צוערשט האָט די מאמע געארבעט אין דעם בלאָק, דערנאָך איז זי יעדן טאָג צוגעפאָרן מיט אן אויטאָ קיין רייסקא, אין אינסטיטוט פון היגיענע דער וואפן ס. ס. און פּאָליציי. די מאמע האָט אויסגעפּועלט, אז איך מיט אלעס אומשווייף זאָלן אויך מעגן אהין פאָרן און זיך דאָרט שפּילן אין גאָרטן ביים אינסטיטוט. פון יאָר 1944 בין איך געוואָרן א שיק־יינגל אין אינסטיטוט. איך פלעג פונאנדערטראָגן מאטעריאלן צו אויספאָרשונגען, אָנגעקלעפּט נומערלעך. די מאמע האָט געארבעט ביי אויספאָרשונגען פון סיפילים.

אין רייסקא זענען געווען צוויי גרויסע גערטנער, ווו מען האָט פאר־זייט גרינגוואַרג פאר דעם גאנצן לאגער. מיר האָבן געוווינט אין לאגער אין רייסקא, אין הויז פון דער „פלאנצען־צוכט". זיי האָבן דורכגעפירט פאָרשונגען איבער קאסאגיז, פון וועלכן מען מאכט גומי. נאָך ווען איך בין געווען אין אָשוויענטשים, האָב איך געקענט מענטשן פון „קרוי־טער־קאָמאנדאָ". פופציק פרויען מיט א דאָקטאָר זענען אונטער דער וואך פון עסעסלייט געגאנגען זאמלען הייל־קרייטעכצער. מ'האָט מיר דערלויבט צו גיין צוזאמען מיט זיי זאמלען קרייטעכצער אין וואלד און ביים טייך, אויסערן לאגער.

איך האָב געוווסט, ווי אזוי ס'זעט אוים אין לאגער, אז ס'קומען פאָר סעלעקציעס און אז מענטשן גייען צום גאז, אָבער אין רייסקא האָבן גע־ווינט ספעציאליסטן און קיין סעלעקציע איז דאָ קיינמאָל נישט פאָרגע־קומען.

דעם 18טן יאנואר 1945 זענען מיר אוועקגעגאנגען צו פוס. דריי טעג האָבן מיר זיך געשלעפּט, ביז מיר זענען אָנגעקומען קיין ראווענסבריק. דאָרט זענען געווען שוידערלעכע היגיענישע באדינגונגען, מיר האָבן גע־ווינט אין א פּאַלאַטקע און זיך נישט געהאט ווו צו וואשן. דערנאָך האָט מען אונדז איבערגעפירט אויפן 31סטן בלאָק און דאָ זענען מיר געווען איבער דריי וואָכן. דערנאָך האָט מען די 300 מענטשן פון רייסקא ווייטער געטריבן קיין מאלהאָף אין מעקלענבורג. דאָרט איז געווען א שרעקלעכער הונגער. מיר זענען דאָ געווען ביז דעם 2טן מאי. דאָרט זענען געווען אמו־ניציע־פאבריקן אונטער דער ערד. דעם 26סטן איז מען געקומען פון שווע־דישן רויטן קרייץ און צוגענומען א 500 מענטשן קיין שוועדן. אזוי האָט מען געזאָגט.

דערנאָך ווייטער געגאנגען, אָבער די מאמע האָט נישט געקאָנט גיין, איז קראנק געוואָרן און געבליבן אונטערוועגס, אין א שייער. כ'האָב געוואָלט בלייבן מיט דער מאמען, אָבער זי האָט נישט געוואָלט מסכים זיין. מיר זענען דערגאנגען ביז דער שטאָט גאָלדבערג. אונדזערע היטער זענען אנטלאָפן און ס'זענען געקומען די סאָוויעטן. זיי האָבן אונדז גע־געבן א וואָגן און מיר זענען געפאָרן נאָך דער מאמען.

דריי וואָכן זענען מיר געווען מיט די רוסישע, דערנאָך זענען מיר געפאָרן מיט אן אויטאָ קיין שטעטין, פון דאָרט מיט דער באן קיין פּויזן, לאָדזש און קראָקע. מיר ווייסן גאָרנישט, וואָס האָט פּאסירט מיטן טאטן, ער איז נישט געווען צוזאמען מיט אונדז.

(פּראָט. נומ. 122. פּראָטאָקאָלירט: מ. מאריאנסקא, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

.22

שטוטהאָף

דער גורל פון די פוילישע, אוקראַינישע און ליטווישע יידן איז געווען איינער און דערזעלבער. אָפּהענגיק פון פאַרשידענע אומשטענדן איז געווען די דויערהאַפטיקייט פון די געטאָס. די באַציאונג מצד די דייטשן און אָרטיקע פאַשיסטן איז אויך גע־ווען אַן ענלעכע. מחמת די אַלע טעמים דרוקן מיר דאָ א פּראָ־טאָקאָל פון מוסיע וועכטער, א יידיש מיידל פון שאַוליס (ליטע). נישט אָן א באַדייט איז די באַמערקונג וועגן קינדערשפּילן, וואָס האָבן געהאַט פאַר א טעמע די אָקופּאַציע־ווירקלעכקייט. דער דאָ־זיקער פּראָטאָקאָל איז געשריבן אין דער דריטער פּערזאָן, וואָס גיט אים א פאָרם פון אַן איבערדערציילונג, פאַרמינערט אָבער נישט זיין ווערט פון א גבית־עדות.

פון ערשטן מאָמענט (ד"ה פון דער מלחמה — נ. ג.) האָט זיך דאָס לעבן געשטעלט זייער טרויעריק, ווייל די מאַמע האָט גענומען קרענקען און איז אין סוף 1941 געשטאָרבן.

אַנדערע האָט זיך אין געטאָ גוט געלעבט (זיי האָבן אויספּאַרקויפט זייערע זאַכן).

די באָד און דעזינפעקציע אַנשטאַלטן האָבן זיך געפונען אויסערן געטאָ, ביי די אַרבעטס־שטעלעס. פאַר קינדער און די, וואָס האָבן נישט געאַרבעט, איז קיין באָד נישט געווען. עס זענען אין געטאָ געווען צוויי קלאַסן פון א יידישער פאָלקסשול.

אין יאָר 1942 האָט מען געעפנט א קיך. א געוויסע צייט האָבן א סך מענטשן פון איר גענאָסן. זומער איז די באַשפּייזונג געווען א בעסערע. צווישן עלטערע מענטשן האָבן זיך די קינדער און אויך מוסיע זייער גוט געפילט.

אין אָנהייב 1943 איז מוסיע עטלעכע מאָל א וואָך געגאַנגען צו צוואַנגס־אַרבעטן. זי פלעגט אַרבעטן אויף אן אַעראָדראָם, אין גאָרטן, אָדער

ביי סאָרטירן קארטאָפל אין א קעלער. די ארבעט איז נישט געווען צו שווער. ברויט האָט מען באקומען א געטאָ נאָרמע, 200 גראם, מיט דער צייט האָט מען געהעכערט ביז 400 גראם.

כאראקטעריסטיש זענען געווען די קינדערשפּילן אין געטאָ. זעקס און זיבן יאָריקע קינדער האָבן געשפּילט ליטווינער, וואָס פירן אדורך רע־וויזיעס ביי די געטאָ־טויערן. מוסיעס פאָטער האָט געהאט באַציאונגען מיט די ליטווינער, גענייט פאר זיי און געטוישט. אויך פאר א ליטווישן פּאָ־ליציאנט האָט ער גענייט. דער דאָזיקער פּאָליציאנט איז אָפט געשטאנען אין געטאָ ביים טויער און דעמאָלט פלעגט זיך איינגעבן עפּעס אריינצו־ברענגען אין געטאָ.

זומער 1944 איז מיטן טאטן געשען אן אומגליק פאל אין דער פא־בריק. ער האָט זיך פארסמט מיט ספּירט, מיינענדיק, אז דאָס איז בראָנפן.

ביז זומער 1944 איז מוסיע געווען אין לאגער. מ'האָט זי געשיקט אין קאָנצענטראציע־לאגער קיין שטוטהאָף, נישט ווייט פון דאנציק. זי האָט זיך געמוזט צעשיידן מיט שוועסטער און ברידער.

אין לאגער איז געווען זייער פיל יידן און פּאָליאקן. די יידן האָט מען געהאלטן באזונדער. יעדע עטלעכע טעג, אפילו יעדן טאָג, זענען פאָר־געקומען סעלעקציעס און אָפּגעשיקט אויפן 5טן בלאָק. פון דאָרט האָט שוין דער וועג געפירט אין די גאז־קאמער און קרעמאטאָריע.

דער לאגער איז געווען זייער גרויס. פאר א קלייניקייט פלעגט מען שלאָגן, אפילו ווינטער פלעגט מען באגיסן מענטשן מיט וואסער.

מיר פלעגן באקומען 200 גר. ברויט א טאָג, איין מאָל אין טאָג א וואסער זופּ, מארמעלאד און מארגארין. יעדער האָט זיך באמיט צו קריגן ארבעט, האָפנדיק אז אזוי ארום וועט מען קאָנען אויסמיידן דעם טויט. מוסיע איז שוין עטלעכע מאָל געווען באשטימט אויף „לינקס", נאָר א דאנק א באקאנטער פרוי האָט זי זיך ארייינגעדרייט צוריק צו דער ארבעט.

די פרוי האָט איר געהאָלפן זיך איבערטון, זי זאָל אויסזען עלטער. מוסיע האָט אָנגעגעבן, אז זי איז אלט 17 יאָר, הגם זי האָט נישט אויס־געזען אויף מער ווי 13.

אין שטוטהאָף געווען צוויי וואָכן, האָט מען זי געשיקט קיין ארגענאו

ביי טאָרן, דאָרט האָט זי געגראָבן גריבער, געזעגנט האָלץ. מען האָט זי ווייטער געטריבן, ווען ס'האָט געהאַלטן שלעכט מיט דער דייטשער ארמיי און ביי בידגאָשטש איז זי באפרייט געוואָרן דורך דער רויטער ארמיי צוזאמען מיט 1700 פרויען פון שטוטהאָף, צומיינסטן אונגארישע, וועלכע האָבן נישט אזוי אויסגעהאַלטן, ווי די ליטווישע פרויען. פיל פון זיי זענען געשטאָרבן.

איצט איז מוסיע איינע אליין און ווייסט נישט, וואָס צו טון.

(פראָט. נומ. 998. פראָטאָקאָלירט: מגר. מ. טורעק פון דער היסט. קאָמיסיע אין ביאַליסטאָק).

23.

„אַלץ האָב איך געהאַט, אויסער די עלטערן"

די עלפיאָריקע אסתר בעללער געפינט זיך ביי איר מומען דינה טאובער אין קראָקע. סטאראָווישלנע־גאַס 29. מיט די עלטערן האָט זי זיך צעשיידט בעת דער לעצטער „אויסזידלונג" אין יוני 1943 אין סאָסנאָוויעץ.

זי האָט אליין באַשריבן אירע איבערלעבונגען אין א העפטל און א נאָמען געגעבן אויף פויליש „פזשעישטשא לאגראָווע" (לאגער־איבערלעבונגען). דאָס העפטל איז פארשריבן מיט א שטאַרק קינדערשן כתב־יד. דורך דער פארמיטלונג פון דער קו־זינע האָט זי איבערגעשיקט די פארצייכענונגען דער היסטאָרי־שער קאָמיסיע אין קראָקע.

כ'בין געקומען קיין סאָסנאָוויעץ, אָבער לאַנג דאָרט נישט געווען, ווייל אין א פּאָר וואָכן שפּעטער האָבן אלע יידן געמוזט איבערגיין אין געטאָ אויף שראָדולע (א פאָרשטאָט — נ. ג.). דאָרט בין איך געווען דריי חדשים. שפּעטער האָט מיך די מומע געגעבן צו א פּאָלקע, ס'האָט זיך מיר נישט שלעכט געלעבט. נאָך עטלעכע טעג איז געווען אן אויסזידלונג פון די „אריער". ווי נאָר די פּאָלקע האָט זיך וועגן דעם דערוווסט, האָט

זי מיך אַרויסגעוואָרפן און געזאָגט „גיי וווהין דו ווילסט". בין איך געגאַנגען און זיך געטראַכט: איך גיי אין דער וועלט אַריין. איך גיי און גיי און קום צום הויז, ווו כ'האָב פריער געוווינט און אין די ייִדישע הייזער איז פאַרוואַרט געווען די פּאָלקעס אַריינצוקומען. אַזוי איז געווען אָנגעשריבן אויף אַלע ייִדישע הייזער אויף פּויליש און דייטש. איך האָב זיך איינגעשטעלט און אַריין אין דער דירה: כ'זע ס'איז פּוסט, קיין מעבל זענען נישטאָ. הוילע פיר ווענט, די ברעטער פון דיל אויפגעריסן, דער אויוון איבערגעקערט, אַלע צימערן איבערגעדרייט מיטן קאָפּ אַראָפּ; איך גיי אַריין אין באַהעלטעניש — אויך אַלץ צעוואָרפן און פּוסט. ס'פאַלט צו די נאַכט, איך גיי שלאָפן אין קאָרן. איך זאָג זיך אַליין, אַז אַזוי צו ליגן ווי אַ הונט האָט קיין זין נישט. איך שטיי אויף און גיי אין געשטאַפּאָ. כ'זאָג, אַז כ'בין אַ פּויליש קינד, די עלטערן האָט מען מיר מיטוואָך אַרויסגעפירט און כ'בין געבליבן איינע אַליין. און שוין, אַלע האָבן מיר געגלויבט און מ'האָט מיך פאַרשפּאַרט אין תפיסה, ווו ס'לויפן אַרום מייז און שטשורעס, איך בין דאָרט געווען דריי טעג און נאָך דריי טעג האָט מען מיך גענומען אויף אַ פאַרהער. זיי האָבן מיך נאָכאַמאָל געפרעגט ווער איך בין, האָב איך געזאָגט, אַז איך הייס ליסיא האַצוש. און ווו וווינסטו, מיידעלע? אָט דאָרט הינטערן שפּיטאָל. „ווייז מיר ווו". ער האָט מיך גענומען אויף אַ ביציקל און געפאָרן מיט מיר. ער פרעגט מיך, אין וועלכן הויז איך וווין און איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן, נאָר אַזוי ווי איך האָב זיך געהאַלטן פאַר אַ פּאָלקע, האָב איך געזאָגט, אַז כ'געדענק נישט. ער האָט מיך גענומען אויף געשטאַפּאָ, ס'איז גראָד געקומען לאַץ און פרעגט: פון וואַנען ביסטו. כ'האָב געענטפערט: פון כזשאַנאָוו. ער זאָגט ווייטער: זיי זיך מודה, אַז נישט וועלן מיר דיך באַשטראָפן. אַזוי ווי איך האָב זיך ווייטער נישט מודה געווען, האָט מיך דער עלטסטער פון געשטאַפּאָ לאַץ גענומען שלאָגן. זעענדיק, אַז דאָס שלאָגן העלפט נישט, האָט ער מיך געלייגט אויף דער קני און געגעבן 25 אויפן הינטן. צום סוף האָב איך זיך געמוזט מודה זיין, אַז כ'בין אַ ייִדיש קינד. פאַר שטראָף האָבן זיי מיך געשיקט קיין אושוויץ אין אַ בונקער, דאָרט געווען דריי חדשים און מ'האָט מיך אַרויסגעלאָזט.

נישט ווייט פון בונקער איז געווען אַ לאַגער, האָט מען מיך אַהין

געשיקט. דאָרט איז געווען זייער נישט גוט, יעדן טאָג זענען געשטאָרבן 100 מענטשן, א חוץ דעם איז געווען א קרעמאַטאָריע, מ׳האָט גאַזירט מיליאָנען, מיליאָנען מענטשן און פאַרברענט. איך בין שוין אויך געווען באַשטימט צום גאַז, אין דעם איז געקומען די לאַגער־פירערין און האָט מיך גענומען צו זיך פאַר א „לויפערקע". ס׳איז מיר געווען גאַנץ גוט, וואָס כ׳האָב געוואָלט, האָב איך געהאַט. ס׳האָט מיר נאָר געפעלט איינס, וואָס כ׳האָב אין ערגעץ נישט געקאָנט קריגן. אַלץ האָב איך געהאַט, אויסער די עלטערן.

מיטאַמאָל איז געקומען א באַפעל פונאַנדערצולאָזן דעם לאַגער, די קינדער שיקן אין איין לאַגער און די „עליטע" (וואַרשיינלעך מיינט זי דערוואַקסענע — נ. ג.) אין אן אַנדערן. איך האָב געבעטן די לאַגער־פירערין, מען זאָל מיך שיקן צוזאַמען מיט מיין לאַגער־מאַמען. האָט זי עס געטון און מיר זענען געקומען אין דער ספּאָרטשול (אין נידערשלעזיען ביי ריכבאַך) און געאַרבעט ביי טעלעפונקען. יעדן טאָג בין איך געגאַנגען 8 ק׳מ צו דער אַרבעט, איך בין געווען שטאַרק פאַרמאַטערט און געבעטן די לאַגער־פירערין, זי זאָל מיך שיקן יעדן צווייטן טאָג צו דער אַרבעט.

איינמאָל א זונטיק, מיר זענען אַלע אין לאַגער, קומען אָן מיידלעך פון לאַנגענבילאַו (היינט: ביעליאַווא — נ. ג.). איינע האָט מיך דערקענט און געזאָגט, אז כ׳האָב א מומע און קוזינעס אין לאַנגעבילאַו. ווי נאָר איך האָב דאָס דערהערט, בין איך שוין געלאָפן צו דער קאָמאַנדאַ־פירערין און געבעטן, זי זאָל מיך לאָזן גיין צו דער מומען, וואָס כ׳האָב שוין צוויי יאָר נישט געזען, וואָס איז פאַר מיר געווען אזא גוטע. נאָך לאַנגע ביטעס האָט זי מיר צוגעזאָגט, אז ווי נאָר ס׳וועט מעגלעך זיין, וועט זי מיר דערלויבן.

ס׳האָט לאַנג געדויערט, אָבער צום סוף איז געקומען די אויסגעבענקטע מינוט און מ׳האָט מיר דערלויבט באַזוכן די מומען, אָבער נאָר אויף א האַלבער שעה. איך בין געווען צופרידן, וואָס סוף כל סוף, נאָך אזא לאַנגער איינזאַמקייט, וועל איך זען אזא נאָענטן מענטשן.

שווער צו באַשרייבן די פרייד, ווען כ׳האָב דערזען מיינע נאָענטסטע; איך ווייס נאָר, אז די האַלבע שעה איז פאַרביי, כ׳האָב געמוזט זיך צוריקקערן אין דער ספּאָרטשול און דערפאַר בין איך געווען זייער אומעטיק.

אזוי ווי ביז איצט האָט מיר גאָט געהאָלפן, האָט ער מיר אויך איצט צוגעשיקט א גוט מיידל, חוה דזשיעוויענקא, וואָס האָט זיך מיט מיר פאַר־נומען און געפּועלט ביי דער קאָמאנדאַ־פירערין, איך זאָל בלייבן. ווייל חוה האָט פאר מיר א סך גוטס געטון, בין איך איר זייער דאנקבאר און וועל איר קיינמאָל נישט פארגעסן (רעכנט אוים נאָך א פּאָר נעמען, וועמען זי איז דאנקבאר — נ. ג.).

הײנט איז דער ערשטער טאָג פון פרייהייט.

לאנגענבילאו, 7 מאי 1945.

(פּראָטאָקאָל נומער 604)

.24

א לאגער-קינד

מארצעל גרינער פון קראָקע, קאַלעטעק־גאס 7, איז געבוירן אין 1934טן יאָר. פון זיין דערפּארונג איז ער רייפער געוואָרן און אוים קינד. נישט ער פרייט זיך, ווען מען נעמט אים אין „קינדערהיים", נישט ער האָט מורא פארן טויט און זאָגט, אז ס'איז אים גלייכגילטיק.

דאָס וואָס איך געדענק, איז אזוי פאָרגעקומען: ווען מיר זענען גע־קומען אין געטאָ, איז דער טאטע געוואָרן אַן אָרדעמאַן, ד"ה א יידישער פּאָליציאַנט (אָרדענונגס־דינסט), ווייל דער פעטער, דעם טאטנס ברודער, האָט אים אריינגעשטעלט אויפן צעטל. דער טאטע האָט געטראָגן א מונ־דיר מיט א היטל און שטיוול מיט כאָלעוועס און געהאַט דינסט. פארשי־דענע מענטשן פלעגן קומען צום טאטן זוכן פּראָטעקציע, ער זאָל זיי העלפן ביי די דייטשן אָדער אין קהילה. אויף וויפל ער האָט געקאָנט, האָט דער טאטע געהאָלפן. איך פלעג ארויסגיין מיטן טאטן אין שטאָט, ווייל דער טאטע האָט געהאַט א שטענדיקע „פּזשעפּוסטקע". איינמאָל איז א באַ־קענטער געזעסן אין דער קרימינאַל־פּאָליציי אויף שלאַק־גאס, האָבן מיר אים געטראָגן עסן. מ'האָט געצאָלט דעם אוקראַינער ביים טויער און גע־

מעגט דערלאַנגען אַ פּעקל.די דייטשן, וואָס פּלעגן קומען אין געטאָ, האָבן געהייסן קונדע און פאַן מאַלוטשקי, אַ געשטאַפּאָוויעץ.

אין גרויסן געטאָ האָבן מיר געוווינט אויף לימאַנאָווסקי־גאַס 29, אין הויז פון די אָדע. נאָך דער אויסזידלונג, ווען מ׳האָט צעטיילט די געטאָ אויף „א״ און „ב״, האָט מען אונדז איבערגעטראָגן אויף אַזעבינסקאַ־גאַס 29. אין געטאָ „א״ האָבן געוווינט יידן, וואָס האָבן געאַרבעט; אין געטאָ „ב״ — אַלע איבעריקע און זיי זענען די ערשטע געגאַנגען צו די טראַנספּאָרטן.

דעמאָלס, ווען מ׳האָט אַרויסגעטריבן אַלע יידן אין לאַגער, האָט מען די אָדע־לייט איבערגעלאָזט אויף דורכצופירן די ליקווידאַציע. דער טאַטע האָט אָבער נישט געוואָלט זיין דערביי און מיר זענען אויך געגאַנ־גען אין לאַגער. אין געטאָ איז געבליבן אַ „ציוויל־אָפּטיילונג״ אָ.ד. דאָס איז די געהיימע אָ.ד. צווישן זיי איינער ספּירא און פּאַצאַנאָווער. אנדערע געדענק איך נישט.

אין פּלאַשאָווער לאַגער האָט מיך דער טאַטע אַריינגעגעבן אין אַ באַרשטן פאַבריק. מ׳האָט געזאָגט, אַז קינדער, וואָס אַרבעטן נישט, וועט מען שיסן. אין דער פאַבריק האָבן מיר געמאַכט בערשטלעך צו קליידער, שיך, צו שמירן מיט פּאַסטע, צום גלאַנץ און צו פּלעשער. ס׳איז געווען אַ נאָרמע: 50 שמיר בערשטלעך אַ טאָג. אַז כ׳האָב זיך נישט קיין עצה געגעבן, האָט מיר ווער פון די עלטערע צוגעהאָלפן.

דער טאַטע האָט געהאַט דינסט ביים טויער מיט אַ דייטש אָדער אַן אוקראַינער און דערנאָך איז ער געגאַנגען אויף אַן „אוסען־קאָמאַנדאָ״, אויף וויעליצקאַ־גאַס צו צעשטערן הייזער, וווּ מ׳האָט שפּעטער אויפגע־בויט „וואך־קאַסערנע״.

איינמאָל איז געווען אַ גרויסער אַפּעל אין לאַגער, די דאַטע געדענק איך נישט. מיר האָבן זיך אַלע געמוזט אויסטון, די זאַכן טראָגן אין די הענט, גיין אויף אַ פּלאַץ און דער לאַגער דאָקטאָר בלאַנקע איז געשטאַנען און געקוקט. ווער ס׳איז אים נישט געפעלן, האָט געמוזט צוגיין צו אַ טיש זיך פאַרשרייבן, דאָרט האָט מען געגעבן אַ רויט צעטל. די דאָזיקע מענטשן זענען די ערשטע געגאַנגען צום טראַנספּאָרט.

פאר יעדן בלאָק איז געקומען א רשימה און מ'האָט געמוזט פאָרן. אלע קינדער, אפילו ארבעטנדיקע האָבן געמוזט גיין אין קינדערהיים. דער־פאר האָט מען שטארק מורא געהאט, ווייל פון קינדערהיים פלעגט מען ארויספירן. די קינדער האָט מען אויסגעשטעלט אין א זייט. ס'איז געקומען דער לייטער פון לאגער, דער אָ.ד.־מאן כילאָוויטש, אויסגעקליבן די קינדער פון די אָ.ד.־לייט און פארשידענע באקענטע. ס'איז אָבער אָנגעקומען דער קאָמענדאנט געט (Goeth, אין 1946 האָט מען אים געכאפט און אין קראָקע פארמשפט צום טויט — נ. ג.) און זיך אויף אים געבייזערט, אז ער לאָזט איבער צופיל קינדער און אליין גענומען אויסקלייבן [מארצעל רעכנט אויס 7 קינדער פון לאגער־פונקציאָנארן — נ. ג.]. אנדערע קינ־דער, צווישן וועלכע אויך איך בין געווען, האָט מען אָפּגעפירט אין קינדער־היים. מיר זענען געשטאנען אין הויף, הינטער שטעכיקע דראָט אונטער דער שמירה פון דייטשקעס־שטורמאנקעס. דער טאטע איז צוגעגאנגען צום קאָמענדאנט בעטן, ער זאָל מיך איבערלאָזן. געט האָט זיך פריער צעביי־זערט און געדראָט דעם טאטן מיט שיסן, אָבער שפּעטער האָט ער דער־לויבט מיך פון דאָרט אוועקצונעמען. פון 400 קינדער זענען אָפּגעראטע־וועט געוואָרן — 15. מיר זענען געזעסן אין הויז פון דער ווארטע און בעת מ'איז געגאנגען צום טראנספּאָרט, זענען אנטלאָפן צו אונדז נאָך 15 קינדער. צוויי וואָכן זענען מיר אלע דרייסיק געזעסן אין דער ווארטע־שטוב. מיר האָבן נישט געקאָנט ארויסגיין אין לאגער, ווייל מענטשן, וואָס זייערע קינדער האָט מען צוגענומען, האָבן נישט געקאָנט קוקן אויף אונדז, אזוי האָבן זיי געוויינט טאָג און נאכט.

אין יאָר 1944, דוכט זיך זומער צייט, בין איך ארויסגעפאָרן מיט א טראנספּאָרט צוזאמען מיטן טאטן קיין גראָס־ראָזען. 700 מענטשן זענען מיר געפאָרן. נישט אלע זענען דאָרט געבליבן. דער גרעסטער טייל איז געפאָרן אין ארבעט־לאגערס אין די סודעטן — ברינליץ. אלע האָבן זיך געוואָלט אהין דערלאנגען, ווייל ס'איז געווען א פאבריק פון טעפּ, „עמאַ־ליען־ווערקע" פון זאבלאָטשע, און אין א פאבריק איז יעדער איינער גע־לאָפן. דער לייטער פון דער פאבריק איז געווען א דייטש שונדלער. מ'האָט געזאָגט, אז ער איז א גוטער און העלפט יידן. דער טאטע האָט זיך נישט

געקאָנט ארייַנבאקומען אין דעם טראַנספּאָרט און מיר זענען געבליבן אין גראָס־ראָזען. די מאמע איז געבליבן אין פּלאַשאָוו.

אין גראָס־ראָזען זענען מיר געווען איין חודש. דאָרט איז נישט געווען ווי אמערגסטן. איך בין געפאָרן אין דער בעקעריי נאָך ברויט און באקומען א פערטל ברויט א צוגאָב. מיר האָבן באקומען ציווילע אָנצוגן. קינדער אָנצוגן זענען נישט געווען און כ'האָב באקומען אזא מארינאַר־קע, וואָס איז אויף מיר געהאָנגען, גרויסע שטיוול און אָנעצעס.

נאָך א חודש אָפּזיין האָט מען ארייַנגעזעצט אין וואגאָנען און אין אָוונט זענען מיר געקומען קיין אָשוויענטשים. פריער קיין אושוויץ I. דאָרט האָבן מיר געגעכטיקט און צומאָרגנס זענען מיר געגאַנגען צופוס קיין בירקענאו.

אין יענער צייט האָט מען שוין קיין מענטשן נישט פארברענט און א טייל קרעמאטאָריעס זענען געווען פארניכטעט, אָבער מיר זענען נישט געווען זיכער און געמיינט, אז מיר גייען צום גאז. ערשט ווען ס'איז גע־קומען דער טאטואטאָר און אונדז גענומען קריצן די נומערן (מארצעל האָט דער נומער B14442 — נ. ג.) האָבן מיר געגלויבט, אז מיר גייען נישט צום טויט.

מיר זענען געווען אין „ד"־לאַגער, איך אין בלאָק 29, דער טאטע — אין בלאָק 9, אָבער מיר האָבן געמעגט קומען צו זיך און רעדן. אין די ערשטע טעג האָט דער טאטע געארבעט ביי א זייער שווערער ארבעט, ער האָט געטראָגן אייזערנע שטאבעס, שינעס און טיילן פון עראָפּלאַנען. נאָך עטלעכע טעג האָט ער געהאט געשוואָלענע פיס און האָט שרעקלעך אויס־געזען. ער האָט אָנגעהויבן מאכן באמיאונגען און זיך ארייַנבאקומען צו די שוסטערס, אויסצוארבעטן זאכן פון לעדער. דאָ איז אים שוין געווען לייכטער.

איך האָב אָן אויפהער געטראכט וועגן דער מאמען, צי איז זי נאָך ערגעץ דאָ און צי וועל איך זי אמאָל זען. מ'האָט אונדז געזאָגט, אז ס'קו־מען אָן פארשידענע טראַנספּאָרטן און פון פּלאַשאָוו אויך. ווי איך האָב נאָר דורך די דראָטן געזען פרויען, בין איך געלאָפן זען, צי וועל איך נישט אָנטרעפן מיין מאמען.

איינמאָל האָב איך געזען ווי א קאָמאנדאָ פון פרויען טראָגט פרי־טשעס. איך בין צוגעגאנגען צו די דראָטן, געזוכט, אָבער די מאמע איז צווישן די פרויען נישט געווען. מיטאמאָל האָט איינע פון די פרויען גע־נומען שרייען: מארצעל! מארצעל! כ׳בין געלאָפן, כ׳האָב דערקענט דער מאמעס קול. אָבער די מאמען האָב איך בשום אופן נישט דערקענט. זי איז געווען באָרוועס און אין שמאטעס. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּ־שטעלן און האָט געמוזט גיין מיט אלעמען. איך בין געלאָפן לענג אויס די דראָטן און מיט איר גערעדט. די מאמעשי האָט שטארק געוויינט. איך האָב זי געטרייסט און געזאָגט: וויין נישט, מאמעשי, ס׳וועט אלץ זיין גוט! — דערנאָך בין איך געלאָפן צו די שוסטערס און דערציילט דעם טאטן, אז כ׳האָב געפונען די מאמען. דער טאטע האָט באזאָרגט א פּאָר שיך און זיי אריבערגעוואָרפן אין יענעם לאגער; ביידע לאגערס זענען גע־ווען שכנותדיקע. ס׳איז נישט געווען פון די לייכטע זאכן, אָבער ס׳האָט זיך איינגעגעבן. צום ערשטן מאָל איז איין שוך געבליבן צווישן די דראָטן און ערשט ווען די „אוססען־קאָמאנדאָ״ האָט זיך צוריקגעקערט פון דער ארבעט, האָט א קאפּאָ אראָפּגענומען דעם שוך.

ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די ליקווידאציע פון לאגער. איך האָב גע־וואָלט גיין צוזאמען מיטן טאטן, אָבער קינדער, יינגער פון 15 יאָר האָט מען געהייסן גיין „צוריק״. דער טאטע האָט זיך מיט מיר געזעגנט און איך בין געבליבן איינער אליין. די מאמע ווייס איך אפילו נישט, ווען זי איז אוועק, דערנאָך האָט מען אלע קינדער ארויסגעפירט אויפן וועג. מיר האָבן געזאָלט גיין קיין אוישוויץ I, אָבער מ׳האָט געזאָגט, אז אויפן וועג וועט מען אונדז אלעמען אויסשיסן. כ׳האָב זיך נישט דערשראָקן, ס׳איז מיר געווען אלץ איינס. איך האָב אליין געזען, ווי א יינגל מיט אָפּגעפרוי־רענע פיס האָט געבעטן אַן עסעסמאַן, ער זאָל אים דערשיסן. אָבער דער דייטש האָט נישט געוואָלט.

אויפן וועג איז אָנגעקומען א טאקסי מיט דייטשן. זיי האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך, דערנאָך האָבן זיך די ס.ס. אויפגעזעצט אויף מאָ־טאָציקלען און אוועקגעפאָרן, איבערלאָזנדיק אונדז אויפן וועג. מיר זענען אליין דערגאנגען צום לאגער און נאָך צוויי טעג זענען אָנגעקומען די סאָוויעטן.

נ ח ג ר י ס

קיין קראָקע בין איך געגאנגען צו פוס און אביסל בין איך געפאָרן אויף א סאָוויעטישער מאשין.

(פראָטאָקאָל נומ. 5 פון מ. גרינער. פראָטאָקאָלירט: מ. מאריאנסקא, פון דער היסט. קאָמיסיע אין קראָקע).

.25

קינדער־סעלעקציע אין פלאשאָוו

די פראָטאָקאָלאנטין ד״ר נ. ראָסט (קראָקע) האָט פארשריבן די גבית־עדות טיילווייז אין דער דריטער פערזאָן, דעריבער באַקומט זיך נישט אומעטום דער איינדרוק פון א דירעקטער דערציילונג. די דאָזיקע דערציילונג בינדט זיך מיט דער פריערדיקער. ביידע באהאנדלען די זעלבע געשעענישן. ווי עס איז צו זען פון דער איצטיקער גבית־עדות פון יעזשי ספירא, איז ער שפעטער געשיקט געוואָרן קיין ברינין (ברינליץ?), וווהין סיהאָט זיך מארצעלן נישט איינגעגעבן צו דערלאנגען.

יעזשי ספירא איז געבוירן אין יאָר 1934 אין קראָקע און געפינט זיך אויך איצט דאָרט. ער וויל דערציילן וועגן דער פלאשאָווער אויסזידלונגס־אקציע פון 1500 דערוואקסענע יידן און 400־500 קינדער.

מיר זענען ארויס אויפן אפעל־פלאַץ דעם 14טן מאי 1944 זייגער פינף אינדערפרי. מיר האָבן זיך אויסגעשטעלט בלאָקנווייז, די קינדער אזוי ווי גרויסע, יינגלעך באזונדער און מיידלעך באזונדער. ער האָט שטענדיק זיך געמאָלדן זייגער 5 צום אפעל מיטן קינדער־בלאָק 42. ער האָט געארבעט אין דער בארשטן־פאבריק. אויפן אפעל־פלאַץ איז ער געשטאַנען מיט די ארבעטנדיקע יינגלעך, א 50. אויך 30 מיידלעך האָבן געארבעט אין דער בארשטן־פאבריק. די איבעריקע קינדער זענען געווען אין קינדערהיים.

די 50 יינגלעך האָט מען צוגעשטעלט צו די מענער. די בלאָקפירער האָבן קאָנטראָלירט, צי די צאָל שטימט. נאָכדעם זענען געקומען וואכליים

פון ס.ס. מיט קוילנוואַרפער, אויסגעשטעלט אַלעמען אויפן אַפּעל־פּלאַץ און אוועקגעשטעלט עלטערע און קראַנקע ביים וועג צום טויער. דערנאָך קומט דער קאָמענדאַנט געט, גיט א קוק אויף די קינדער און גייט אוועק. אין א רגע אַרום קומט ער מיט כילאָוויטש און עקקערטן (ראַפּאָרט־פירער) און מיטן פאַרטרעטער אָבערשטורמפירער גרים. געט האָט געהייסן אַלע קינדער אוועקפירן אין קינדערהיים 150 מעטער פון אַפּעל־פּלאַץ. כילאָוויטש האָט אָפּגעפירט די קינדער אויפן שאָסיי, אויסגעשטעלט צו פינף. ער זעצט זיך ביי א טישל. ער פרעגט, ווער ס'האָט א מוטער און שטעלט אוועק באַזונדער. נישט ווייט פון קינדערהיים שטייט א באַראַק, פון וואַנען ס'קומט אַרויס געט מיט באוואָפנטע עסעסלייט, הייסט אַלע קינדער פירן אין קינדערהיים און אַנולירט כילאָוויטשס אויסוואַל. דערנאָך קלייבט ער אויס 16 קינדער פון אָ.ד. און לאָזט זיי איבער. ער הייסט אריינגיין אין קינדערהיים צו 100 קינדער.

כילאָוויטש ברענגט צו פירן די אַרבעטנדיקע מיידלעך. הונדערט עלטערע קינדער הייסט ער אַרויסגיין אויפן שאָסיי. די קינדער מיינען, אַז זיי בלייבן ביי דער אַרבעט. מ'האָט זיי אויסגעשטעלט, די אויפזעערקעס האָבן איבערגעציילט. דעמאָלט זענען אָנגעקומען 5 עסעסאָווצעס, הינטער־אַרום זענען אָנגעקומען אויטאָס און מען האָט גענומען אויפלאָדן די קינדער. יעזשי איז געשטאַנען אין זיבעצענטן פּינקטל און האָט זיך נישט זייער געשטופּט. די קינדער פון די אָ.ד. זענען געווען אין דער וואַרטע־שטוב און האָבן אַלץ געזען.

די קינדער האָבן זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן אין וואַרטעהויז, די וואַכלייט האָבן זיי אָבער געטריבן, די אויפזעערקעס זענען געשטאַנען דערביי. זיי האָבן ליב געהאַט א מיידעלע האַלינקאַ מינגעלגרין און איר געהייסן זיך באַהאַלטן אין וואַרטעהויז. זי איז אַריין דורכן פענסטער און די איבעריקע קינדער האָבן זי אויסבאַהאַלטן און קיינער האָט וועגן דעם נישט געוווּסט. יעזשי האָט געזען, וואָס עס טוט זיך, אַז קינדער צעלויפן זיך צווישן די באַראַקן און די וואַכלייט מיט ביקסן לויפן זיי נאָך. איין וואַכמאַן איז אים אַנטקעגן געגאַנגען און ער איז געבליבן שטיין. ווען דער וואַכמאַן האָט אים אויסגעמיטן, איז ער אוועק און זיך באַהאַלטן אין א לאַטרין. דאָרט האָט ער אָנגעטראָפן נאָך א ייִנגל — רישעק נוסבוים, און

די קוזינע בלאנקא פינקוספעלד. זיי שפרינגען אריבער אויף דער צווייטער זייט הינטער די סעדעסן און מען זעט זיי נישט אָן. אָפּגעזעסן עטלעכע שעה אין קויט און איינער האָט באַרואיקט דעם צווייטן. נאָך זעקס שעה האָבן זיי געהערט פּרויען־שטימעס, וואָס וואָרענען נישט ארויסצוגיין, ווייל דער ראַפּאָרט־פירער דרייט זיך דאָ. איינגעריכטע זענען זיי שפּעטער ארוים און זיך צעקראָכן. איין פרוי האָט געזאָגט, אַז זיין מאמע האָט שטארק געוויינט. זיי זענען געלאָפן נאָך דער מאמען, זי איז געקומען און אונטערן מאנטל אים אריינגעשמוגלט אין בלאָק. דאָרט האָט מען אים גערייניקט, געבאָדן און איבערגעטון. עטלעכע טעג איז ער נישט געגאַנגען צום אפּעל. אזוי האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פינף מיידלעך און צוויי יינגלעך. נאָך עטלעכע טעג האָט אים גערופן דער ראַפּאָרט־פירער און געפרעגט, ווער ס'האָט דאָס אָרגאַניזירט, אָבער קיין קינד האָט זיך נישט מודה געווען. ער האָט גע־פרעגט יעזשיקן, פאַרוואָס ער האָט נישט געוואָלט פאָרן קיין אָשוויענטשים, האָט ער אים געענטפערט, אַז ס'איז אים ליבער צו זיין מיט די עלטערן.

עטלעכע טעג נאָך דער אקציע האָט מען די קינדער ווידער צוגע־טיילט צו דער בערשטלעריי.

דעם 15טן אָקטאָבער איז ער מיטן פאָטער געפאָרן קיין ברינייץ, אין די „עמאַילוואַרקע". דאָרט האָט ער זיך אָנגעגעבן פאַר א 14יאָריקן און געאַרבעט ביזן סוף.

פון די 500 פּלאַשאָווער קינדער האָבן זיך בסך הכל אָפּגעראַטע־וועט ביי די צוואַנציק.

(פּראָטאָקאָל נומער 238)

.26

די קליינע „מאמע"

די דאָזיקע דערציילונג אויפן סמך פון אויטענטישער גבית־עדות איז געמאַכט דורך דער לערערין ג. סילקעס, וועלכע האָט געאַרבעט אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע. די מיינונגען און באַ־שרייבונגען פון דער מחברטע גיבן צו פאַרב דער דערציילונג, נישט פאַרמינערנדיק די אויטענטישקייט.

חנה סאַלקעוויטש איז אַלט געווען צוועלף יאָר, ווען זי איז געוואָרן זעלבסטשטענדיק. א קליין מיידל מיט א פאַררימן נעזל און ברייט צעעפנ־טע, פאַרוואונדערטע אויגן, האָט זי קיינמאָל נישט געאַנט, אַז זי פאַרמאָגט אַזא דרייסטקייט, שנעלע אָריענטאַציע און קרבנות גרייטקייט, ווי די העלדן פון ראָמאַנען, וואָס זי האָט קיינמאָל נישט געלייענט.

און דאָך האָבן די יידישע קינדער, וואָס זענען דערצויגן געוואָרן אין דזשונגל פון נאַציאָנאַל פּאָליטישע פאַרהעלטענישן פון מזרח־אייראָפּע, אַנטוויקלט אין זיך אַן אָפּווער אינסטיקט און פאַרהיטונגס כח אין אַזא מאָס, אַז זיי זענען בייגעקומען אין דערצידירנדיקן מאָמענט די גרעסטע פיזישע שוועריקייטן.

באַוויזן האָט דאָס חנהלע אין מאָמענט, ווען מ'האָט זיך באַדאַרפט אַרויפדערלאַנגען אויף א דריי מעטער הויכן דראָט־פּלויט, כדי זיך אויס־צובאַהאַלטן פאַר די דייטשע באַנדיטן בעת דער אויסזידלונג פון כעלם. די געטאָ איז שוין געווען באַזעצט און דער פּלויט איז געווען דער איינ־ציקער אויסוועג פון טויט. די ערשטע האָט זיך פון יענער זייט געפונען חנהס מוטער, דערנאָך האָט געזאָלט אַריבערגיין דאָס פינף יאָריקע שוועס־טערל. אָבער דער קליינער איז דאָס שווער אָנגעקומען. וואָס העכער זי איז געקראָכן, האָט זי זיך מער איינגעשניטן די הענט און געבלוטיקט. זי האָט אָבער נישט געוויינט, ווייל הינטער זיך האָט זי געהאַט די דייטשן, וואָס לויערן אויף איר לעבן און פאַר זיך — די מאַמען. מיטאַמאָל איז געשען א קאַטאַסטראָפע. די מייטקעס פון קינד האָבן זיך פאַרטשעפּעט אָן די דראָטן, ווען זי האָט שוין געהאַלטן ביי אַריבערגיין אויף דער צווייטער זייט און זי איז געוואָרן א גוטער צילברעט פאַר די דייטשן. דעמאָלט פאַר־קוקט שוין חנה אויף פאָרזיכטיקייט, קריכט אַרויף, פאַרטשעפּענדיק זיך די הענט און פיס און דאָס קלייד און פאַרשטעלט מיט זיך די קליינע. איצט טשעפּעט זי אָפּ די קליינע און וואַרפט זי אַראָפּ דער מאַמען אין די אָרעמס.

נישט לאַנג פרייען זיי זיך מיט דער פרייהייט. אין עטלעכע טעג אַרום כאַפּט מען זיי און זיי גייען צום וואַגאָן. אין געדרענג פאַרלירט זי די מאַמען און געפינט זיך פּלוצלינג אין א וואַגאָן אַליין מיט א פינף יאָ־ריק שוועסטערל.

חנה זוכט א וועג זיך צו ראַטעווען. זי באַמערקט, אַז די טיר פון

וואַגאָן איז נישט איננאַנצן צוגעמאַכט און אויף יענער זייט ליניע איז קיינער נישטאָ. זי וויל אַרויסוואַרפן דאָס שוועסטערל פון וואַגאָן, אין דער איבערצייגונג, אַז אַ קליין בלאָנד מיידעלע מיט בלויע אויגן וועט מען קיין עוולה נישט טון, נישט חושד זיין, אַז זי איז אַ יידיש קינד. די קליינע וויל אָבער אַליין נישט גיין. זי קראַמפּט זיך אָן איר שוועסטער. דעמאָלט שפּרינגט אויך חנה אַרויס און דערוויַיטערט זיך צוזאַמען מיט דער שוועסטער.

ווייט און שווער איז דער וועג פון צוויי יידישע קינדער, וואָס גייען פּאַמעלעך, אַלץ פּאַמעלעכער. ס׳איז פינסטער, קיין וועג זעט מען נישט און די קליינע איז מיד. זי איז ערשט פינף יאָר אַלט און שוין פאַרמאַטערט פון לעבן. זי וואָלט זיך אוועקגעזעצט אונטער אַ בריק, איינגעהילט, די דייטשן זאָלן זי נישט זען און איינשלאָפן אויף אייביק.

מיטאַמאָל דערהערט זי אַן עלעקטריזירנדיק וואָרט: „מאַמע״. דאָס האָט חנה איר געוואָלט איינרעדן, זי זאָל וויַיטער גיין און געזאָגט, אַז אין רעיאָווייעץ וואַרט די מאַמע. ס׳איז נאַכט, ווען די קינדער דערגרייכן צום ציל, אין אַ יידישן לאַגער. דער לאַגער־פירער, אַ באַקענטער פון זייער פאָטער, הערט אויס זייער געשיכטע און זאָרגט שטאַרק וועגן זיי.

נאָך עטלעכע חדשים קומען ווידער אָן ידיעות וועגן אַ נייער, גרויזאַמער כוואַליע רדיפות אויף יידן אין די געטאָס און לאַגערס.

פּלוצלינג קומט צו פאָרן אַ מעדיצינישע קאָמיסיע און פאַראָרדנט איינשפּריצונגען קעגן טיפוס. נאָך אַזאַ איינשפּריצונג שטאַרבן עלטערע מענטשן און קינדער. דאָס שוועסטערל מאַטערט זיך נאָך צוויי טעג און גייט אויס.

חנה איז פון פאַרצווייפלונג ווי פאַרשטיינערט געוואָרן. אַפילו אין מיידאַנעק, וווּהין מ׳האָט זי געשיקט, איז זי נישט אַרויס פון דער פאַרגליווערונג. חנה, אָנגעטון אין אַ זומערדיקן שלאָפראָק און הילצערנע שיך, איז איצט נישט מער ווי אַ נומער, וואָס מוז זיך שטעלן צו אומצאָליקע אַפּעלן און אויף אַלץ מסכים זיין.

נאָך צוויי חדשים שיקט מען זי אין לאַגער קיין סקאַרזשיסקאָ. די 13יאָריקע חנה טרעפט דאָרט אָן אַ דעק פון מענטשלעכער נויט און שרעקלעכע אַנטיהיגיענישע באַדינגונגען. אָבער חנה גיט זיך נישט אונטער. געדולדיק ליידט זי הונגער און קלעפּ פון דייטשע און פּוילישע מייסטערס.

חנה ארבעט אויף פאַרדינסט. נאָך צען שעה ארבעטן א טאָג, רייניקט זי נאָך דעם אמבולאַנס, פאַרבלוטיקטע טישן, דילן. אזוי גיט זי אָפּ דריי שעה פון איר שלאָף יעדן אָוונט, כדי זיך צופאַרדינען עטלעכע גראָשן, א שטיקל ברויט און זופּ, וואָס ס׳גיבן איר די קאָמענדאַנטן. ביי זיי איז זי גאָרנישט, אָבער אין באַראַק ביי זיך, צווישן די מיידאַנעקער איז זי א מאַגנאַט. זי איז רייך — האָט דריי זופּן. זי פאַרקויפט אָבער נישט, נאָר טיילט זיך מיט די הונגעריקע חברטעס. זי זאַמלט א גראָשן צו א גראָשן, כדי זיך קויפן א פאַרטעך צו פאַרדעקן די נאַקעטקייט — איצט איז זי ריין, וואַשט זיך שטענדיק און רופט מיט איר ציכטיקייט ארום דרך ארץ צו זיך.

עטלעכע טעג פאַר דער באַפרייאונג פון טשענסטאָכאָוו, שיקט מען חנהן מיט א העלפט מענטשן פון לאַגער קיין דייטשלאַנד אויף ווייטערע שקלאַפעריי.

(פּראָטאָקאָל נומער 644)

.27

„קיין לעבן"

יורעק ערנער, געב. אין וואַרשע אין יאָר 1929, געפינט זיך אין קינדערהיים אין זאַטושעביע הינטער וואַרשע. אויסגעווען אין פינף לאַגערס. זיין נומער פון מיידאַנעק איז 9959, פון ברעזעווולד — 116.702.

אין אָנהייב פון דער מלחמה (1939 — נ. ג.) זענען געווען שווערע טעג, מ׳האָט באָמבאַרדירט וואַרשע. נישט געווען קיין וואַסער, קיין ליכט. מיר זענען געזעסן אין „סכראָן". נאָך ברויט האָט מען געמוזט זיך שטעלן אין דער ריי זייגער צוויי ביינאַכט, וואַרטן ביז 7-6 אינדערפרי און פון עטלעכע טויזנט מענטשן האָבן באַקומען בלויז עטלעכע הונדערט. איך בין געווען מער פיפיק, האָב איך זיך ווי עס איז דערשלאָגן, אָבער דער טאַטע און די שוועסטער פלעגן שטיין און גאָרנישט. איינמאָל איז

אזא קייט פון מענטשן אויף פּראָסטאַ־גאַס געוואָרן באָמבאַרדירט און כמעט אַלע זענען אומגעקומען.

ווען די דייטשן זענען געקומען, האָב איך אַביסל געאַרבעט ביי א פּריזיר, און שפּעטער ביי די דייטשן צוזאַמען מיטן טאַטן און ברודער. דער ברודער האָט געהאַט א פערד און וואָגן, האָבן מיר געלאָדן קוילן אויף דער סטאַנציע.

בעת ס'איז געוואָרן די געטאָ, האָבן מיר זיך אַריבערגעקליבן אויף צעגלאַנאַ 10. מיט עסן איז געוואָרן אַלץ שווערער און ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער שמוגל דורך די דראָטן. איך האָב א „גוטן" אויסזען, בין איך געגאַנגען עטלעכע מאָל א טאָג. לכתחילה איז נישט געווען אַזוי שטרענג. די פּוילישע פּאָליציאַנטן האָבן מיך געקענט און געמיינט, אַז איך בין א קאַטוילישער יינגל, ווייל א סך פּוילישע יינגלעך האָבן געשמוגלט אין געטאָ. איינמאָל האָט מיך געכאַפּט א פּאָליציאַנט און געגעבן קלעפּ, *אָ ב ע ר נ י ש ט* ווי א יידן. דער הונגער אין געטאָ איז געווען וואָס אַמאָל גרעסער און דער אַרויסגאַנג — שווערער. מ'האָט געהיטן אַלע אַרויסגענג און טויערן. כ'האָב געמאַכט שותפות מיט פּוילישע יינגלעך און צוזאַמען געהאַנדלט. דאָס זענען געווען יינגלעך פון לאָדזשער גאַס. מיר פלעגן אַראָפּשפּרינגען פון מויער לעם האַבערבושן אויף דער אייזערנער גאַס. שטענדיק האָב איך איינגעקויפט אין איין געשעפט, וווּ מ'האָט מיך געקענט ווי א ייד און צוגעהאָלפן.

מיט דער סחורה פלעגט מען מוזן גוט אכטונג געבן, סאַראַ פּאָליציאַנטן שטייען. געווען אַזעלכע, וואָס מ'האָט זיי געצאָלט און אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געלאָזט צוקומען אפילו און אָדער פלעגן באַלד כאַפּן, אָדער גלייך שיסן. אָפט פלעגט די סחורה „פאַרברענט ווערן", צוויי מאָל האָט מען מיר אַלץ צוגענומען. כ'האָב גראָד געהאַט טייערע סחורה — קאָרן און צוקער. כ'האָב אַלץ פאַרלוירן און געמוזט אָנהייבן אַלץ פונדאָסניי. אַז ס'איז גוט געגאַנגען, האָב איך פאַרדינט 1000 זל. א טאָג און מער, אָבער כ'האָב געמוזט עטלעכע מאָל דורכגיין די דראָטן. אויף א קילאָ קאַרטאָפל האָט באַטראָפן דער פאַרדינסט — 3 זל., אויף קאָרן — 5 זל. עס זענען געווען א סך קליינע יינגלעך יידישע, וואָס האָבן נישט געהאַט

קיין סך געלט צום האנדלען און קיין כוח צום טראָגן. זיי זענען געשפרונ־גען ווי ווערעמס אונטער די דראָטן און איבער די מויערן. זיי האָבן אָנגענומען קארטאָפל אָדער תבואה אין די פּאזעכעס און אזוי אריבער־געטראָגן. איך האָב געקאָנט פּראמאָל שלעפּן 20 ק"ג קארטאָפל אָדער ציבעלעס.

איינמאָל איז אָנגעקומען א דייטשע מאשין מיט פּאָליציאנטן, האָבן מיך פארכאפּט און זיך געהייסן ווייזן, ווו ס'זענען די יידן, וואָס האנדלען. איך בין מיט זיי צוגעפאָרן צו א טויער, ווו ס'איז געווען א דורכגאנג אין א צווייטער גאס און אנטלאָפן.

אין געטאָ איז געווען אזא הונגער, אז יידן זענען געפאלן אין די גאסן. ס'איז געווען א טיפוס־אונטערגאנג. ס'זענען געווען רייכע מענטשן, וואָס האָבן געהאט פון פויגלמילך, האָבן אָבער קיינעם נישט געהאָלפן.

ביי אונדז זענען אלע קראנק געוואָרן אויף טיפוס און זענען גע־לעגן אין שפּיטאָל אויף לעשנאָ־גאס. איך האָב דורכגעלעבט א שווערע צייט, געמוזט אלעמען אויסהאלטן. ווען די מאמע איז געווען געזונט, האָט זי געארבעט אין א קיך פאר קינדער און פלעגט ביינאכט אהיימברענגען א זופּ. איצט בין איך געווען דער איינציקער פּרנסה־געבער. ס'איז מיר געווען אלץ איינס, כ'האָב נישט געקוקט אויף די קוילן. כ'האָב געוווסט, אז מיין פליכט איז צו ברענגען פאר די קראנקע וויים ברויט און עפּעס בעסערס צום עסן. כ'האָב זיך אזוי לאנג געהאלטן אויף די פיס, ביז זיי זענען ארויס פון שפּיטאָל, דערנאָך בין איך אליין איינגעפאלן. נאָך דעם טיפוס בין איך געווען אזוי אָפּגעשוואכט, אז כ'האָב נישט געקאָנט אויפ־הייבן קיין 10 ק"ג קארטאָפל. אין געשעפט האָט מען מיר געגעבן צו עסן, איך זאָל זיך אביסל קרעפטיקן. דער טאטע איז געשטאָרבן אויף טיפוס.

ווען ס'איז געווען די ערשטע אקציע אין געטאָ, בין איך געווען אויף דער „ארישער" זייט. באקענטע יינגלעך האָבן מיר אָפּגעראָטן צוריקצוגיין, ווייל זיי האָבן געזען ווי די דייטשן האָבן געשאָסן צו קליינע קינדער אין די גאסן. כ'האָב נישט געקאָנט אויסהאלטן פון נייגעריקייט, וואָס עס הערט זיך. אויפן דריטן טאָג האָב איך געטראָפן דעם ברודער אין דער פירמע און ער האָט מיר געזאָגט, אז ער איז געווען באהאלטן אויפן פערטן שטאָק און האָט געהערט, ווי די שוועסטער האָט געשריען, בעת מ'האָט זי ארויס־

געשלעפּט פון שטוב. דער ברודער האָט מיר געהייסן אנטלויפן און זיך נישט אומקערן אין געטאָ.

איך האָב זיך געלאָזט אויף אַקענטשע און געפונען ארבעט אין דאָרף פּושיפקאָוו ביי טארטשין. דאָרט האָב איך געארבעט א האלב יאָר. כ'האָב געזאָגט, אז כ'האָב נישט קיין טאטן און אז די מאמען האָט מען פאר־שלעפּט אויף ארבעט קיין דייטשלאנד. מ'האָט מיר געגלויבט. יעדע וואָך בין איך געפאָרן קיין ווארשע און א באקאנטע פּוילישע פרוי האָט מיר געוואשן וועש. כ'האָב עס געטון צוליב דעם, מען זאָל ווייסן, אז כ'האָב משפּחה אין ווארשע. אזוי איז געווען זיכערער. מיין באלעבאָס, יאן אָל־טשאַק, ווייסט נישט ביזן היינטיקן טאָג, אז איך בין א ייד. ס'איז דאָרט געווען נאָך א מיידל, וואָס האָט געפּאַשעט די קי. זי איז אויך געווען א יידישע. כ'האָב זי נישט געפרעגט, כדי זי זאָל נישט מורא האָבן, אָבער גלייך דערקענט. יינגלעך האָבן זי געטשעפּעט, האָב איך זיי איין מאָל גע־געבן אזעלכע פּעטש, אז זיי האָבן זי געלאָזט צו רו.

ביים ברודער פון מיין באלעבאָס אין שייער זענען אויך געווען באַ־האלטן יידן. זיי האָבן זיך פארנומען מיט סטאָלעריי, עפּעס געקלאפּט, בין איך געגאנגען זען און זיי דערקענט. זיי האָבן מורא געהאט, כ'זאָל זיי נישט ארויסגעבן, אָבער איך האָב זיי אויסגעזאָגט מיין סוד. מיין באלע־באָס האָט מיט מיר גערעדט זייער פאַרזיכטיק, ער זאָל זיך נישט ארויס־כאפּן מיט עפּעס. כ'האָב געשמייכלט און ס'איז מיר געווען פיינלעך, וואָס זיי האָבן פאר מיר מורא, אָבער איך האָב זיך נישט ארויסגעכאפּט מיט קיין וואָרט, אז איך וויים עפּעס.

א האלב יאָר שוין, ווי כ'האָב געבענקט אהיים. כ'האָב נישט גע־קאָנט עסן, נישט שלאָפן. גאנצע נעכט האָב איך געוויינט. איינמאָל האָב איך פארנומען מיינע זאכן און געפאָרן קיין ווארשע. כ'בין געגאנגען צו דער פירמע, אויף לאָדזשער גאס 20 און זיך דערוווּסט, אז דער ברודער לעבט. מ'האָט באזאָרגט פאר מיר א „פּזשעפּוסטקע" און כ'בין מיט אלע־מען ארייגעגאנגען אין געטאָ. דער ברודער איז געווען נאָך א קראנקהייט, אָפּגעשוואכט. ער האָט זיך צעוויינט, ווען ער האָט מיך דערזען.

פון דער משפּחה איז געווען בלויז דעם ברודערס פרוי, א יונגיטש־

קע. ס׳איז געווען אַזאַ טראַגישער מאָמענט, ווען מיר האָבן זיך געטראָפן. ס׳זענען פאָרגעקומען עטלעכע קליינע אַקציעס. דאָס איז געווען פרילינג 1943. מ׳האָט גערעדט, אַז די פּאַרטיי גרייט צו אַן אויפשטאַנד אין געטאָ. דער ברודער איז געגאַנגען צום אויפשטאַנד. בײַנאַכט איז ער געקומען אין אוניפאָרם מיט אַ רעוואָלווער. אין אַפּריל איז געקומען די גרויסע אויסזידלונג און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן דער אויפשטאַנד. הײַזער, גאַנצע גאַסן האָבן געברענט. דורך קאַנאַלן האָבן מיר געוואָלט גיין צום קליינעם געטאָ, צו דער פירמע טעבענס. די מלבושים האָבן אויף אונדז געברענט, אויף די קעפּ האָבן מיר אַרויפגעלייגט עמערס. פון גענשע־גאַס ביז לעשנאָ זענען מיר געגאַנגען אַ מעת־לעת. דער ברודער איז געגאַנגען מיט אונדז. ער האָט געזאָגט, אַז אַלץ איז פאַרפאַלן. אין קאַנאַל זענען געווען גרויסע שטשורעס, אַלטע, גראָע מיט בערד. זיי האָבן געפּישטשעט ווי משוגענע און זיך געוואָרפן אויף אונדז. איינעם האָבן זיי אָפּגעביסן אַן אויער. ווער ס׳האָט געהאַט געווער האָט אין זיי געשאָסן.

דריי וואָכן זענען מיר געווען בײַ טעבענסן, דערנאָך האָט מען אונדז אַלעמען גענומען אויפן אומשלאַגפּלאַץ.

דריי טעג און דריי נעכט זענען מיר דאָרט געשטאַנען און געוואַרט אויף אַ טראַנספּאָרט. די לאָטישן האָבן אונדז געשלאָגן און געפּייניקט, די דײַטשן האָבן געשריען און די ייִדישע פּאָליציי — אויך. פאַר וואַסער האָט מען געצאָלט מיט גאָלד, מענטשן זענען געשטאָרבן פון הונגער און דורשט.

מ׳האָט גענומען אויסשטעלן צום טראַנספּאָרט. פרויען און קינדער באַזונדער. דער ברודער האָט געוואָלט גיין צוזאַמען מיט מיר און זיך געמאַכט פאַר אַ לאַמען. מ׳האָט אונדז געברענגט קיין פּאָניאַטאָוו און ווי נאָר מיר זענען אַראָפּ פון וואַגאָן, האָט מען אונדז געהייסן צוריקגיין. מענטשן האָבן געוווסט, אַז מ׳פירט צום טויט. אויפן וועג איז מען אַרויסגעשפּרונגען. די וועכטער האָבן געשאָסן און זעלטן ווער איז ניצל געוואָרן. דאָס איז געווען אין מאַי 1943. מיר זענען אָנגעקומען אויף ליפּאָווע־גאַס (אין לובלין — נ. ג.). דאָרט איז געווען אַ לאַגער פון ייִדן — סאָוויעטישע געפאַנגענע. פון דאָרט צו פוס מיט אַ ס.ס.־שמירה קיין מײַדאַנעק.

אין מיידאנעק האָבן מיר באַקומען געשטרייפטע פּיזשאַמעס און נומערן. אַ גאַנצע נאַכט זענען מיר געשטאַנען אויף אַן אַרומגעצוימטן פּלאַץ. ס'האָט געגאָסן אַ רעגן — אַ שטראָף־רעגן, דאָרט איז אַלץ געווען אַ שטראָף. מיר זענען זיך געגאַנגען באָדן. מ'האָט גענומען פונאַנדער־טיילן: באַזונדער קינדער, פרויען, מענער. אַ טראַגישער מאָמענט — געוויין און יאָמער. אַז אַ משפחה האָט זיך נישט געוואָלט צעשיידן, האָט מען אויפן אָרט דערשאָסן. אין באָד האָט מען זיך געמוזט אויסטון נאַקעט. געשטאַנען אַ פּושקע אויף גאָלד, מ'האָט געזוכט צווישן די פינגער, אין מויל, אונטער די קני, אין אחור. נאַקעטע זענען מיר אַריין אין אַ זאַל. פאַר דער טיר איז געשטאַנען אַן עסעסאָוויעץ און געוויזן „לינקס"־„רעכטס". לינקס ד"ה גאַז, רעכטס — אין באָד. נאָכן באָדן האָט מען אונדז אָנגעטון אין די „פּאַשאַקעס" (געשטרייפטע פּיזשאַמעס) און צו 500 מאַן אין אַ בלאָק.

דער בלאָק־עלטסטער האָט פאַר אונדז געהאַלטן אַ „רעדע": „צי ווייסט איר, וואָס דאָס הייסט K.L.? איר מיינט אוודאי, אַז „קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער", ניין — דאָס הייסט „ק יי ן ל ע ב ן". איר ווילט דאָ אפשר לעבן? וועל איך אייך שוין ווייזן. ווער ס'וועט זיך פאַרשפּעטיקן צום אַפּעל, האָבן איבעריק ברויט, געלט אָדער אַ העמד אויף איבערצורבייטן, דער ווערט געהאַנגען. ווער ס'וועט אַ ליגן זאָגן, ווער ס'וועט זאָגן דעם אמת, ווער ס'וועט זיין אַ פאַמעלעכער — באַקומט די תליה". און אַזוי האָט ער נאָך לאַנג גערעדט.

אין לאַגער איז געווען שטראָף־אַרבעט, איינגאַנצן אַן אומנוציקע, אויסגראָבן און פאַרשיטן גריבער, איבערטראָגן שטיינער פון איין אָרט אויפן צווייטן און צוריק, מאַרשירן דעם גאַנצן טאָג אין רייען. קליינע יינגלעך האָבן מאַרשירט אין אַ קרייז אַ גאַנצן טאָג, ביי זון און רעגן.

מיין ברודער איז געגאַנגען אין דער מעלקעריי אין לובלין. דאָס איז געווען אַ גוט אָרט. געאַרבעט האָבן דאָ בלויז יונגע, געזונטע יאַטן. אויף יעדן איינעם איז אויסגעקומען איין עסעסמאַן. פון דאָרט האָט מען אָפט געקאָנט ברענגען עפּעס צום עסן.

אין לאַגער איז געווען אַ קליינער, דרייצן־יאָריקער ייד. אַלע האָבן אים געקענט אונטערן נאָמען באָבעק. ער האָט אויפגעהאַנגען זיינע איי־

גענע טאטע־מאמע און דערפאר האָט מען אים געמאכט פאר א „קאפאָ”.
ער האָט נאָכשפּיאָנירט און געמסרט. דער לאגער־עלטסטער איז געווען א
דייטשער באנדיט, וואָס איז שוין צוועלף יאָר געזעסן אין תפיסות.

דעם ברודער האָט מען צוגענומען, ווייל ער האָט געגעסן ווייס ברויט.
מ׳האָט אים געשלאָגן מיט רימענס איבערן קאָפּ.

פון א לובלינער „פלאצוווקע” איז אנטלאָפן א ייד. דערפאר האָט
מען געזאָלט אויפהענגען פינף יידן. א גאנצן טאָג האָט מען געבויט די
תליה און ביים אָוונט־אפעל האָט מען געזאָלט הענגען. כ׳האָב אזוי גע־
ציטערט פארן ברודער, אז כ׳בין געווען אָן באוווסטזיין. אלע האָבן גע־
זאָלט זיך צוקוקן, ווי מ׳וועט הענגען.

ס׳איז געקומען די „פלאצוווקע” — 69 מאן. מ׳האָט זיי געהייסן
אלעמען זיך נאקעט אויסטון. ס׳איז געקומען א באפעל נישט הענגען, נאָר
שלאָגן.

יעדער האָט באקומען 50 שמיץ. זיי האָבן זיך געלייגט אויף דער
באנק. צום שלאָגן האָט מען גענומען אלע קאפּאָס פון 5 פעלדער (מײ־
דאנעק איז געווען געטיילט אין פעלדער — נ. ג.). ביי יעדן איינעם האָבן
זיך אוועקגעשטעלט צוויי קאפּאָס פון ביידע זייטן און געשמיסן. אזוי ווי
קאָוואליעס אין דער קוזשניע. מענטשן האָבן געחלשט; האָט מען זיי באַ־
גאָסן מיט וואסער און ווייטער געשלאָגן. אין מיידאנעק האָט מען נאָך
א געוויסער צייט געהאט שווארצע אחורים פון שלאָגן. האָט מען באגע־
גנט אין בית־הכסא אָדער אין באָד איינעם מיט א ווייסן — האָט מען
געוווסט, אז דאָס איז א נייער.

מיין שוועגערין האָט געארבעט אין דער „גערטנעריי”. ווען כ׳האָב
זיך וועגן דעם דערוווסט, האָב איך זיך ארייגעדרייט אין א קאָמאנדע,
וואָס האָט געארבעט דערנעבן. ס׳איז נישט געווען פון די גרינגע זאכן
זיך צו זען. זי איז געקראָכן אויף דער ערד, אין בלאָטע, צו מיר, אָבער
סארא גליק דאָס איז געווען זיך צו זען, ארומנעמען זיך און א קוש געבן
איינער דעם אנדערן. זי האָט באקומען געשלאָגן, אָבער נאָך פון ווייטן
האָט זי מיר געפאָכעט מיט דער האנט און געלאכט, מאכנדיק דעם אָנ־
שטעל, אז ס׳טוט איר נישט וויי.

נ ח ג ר י ס

מ׳האָט מיך אויסגעוויילט אין 19טן בלאָק, ווו ס׳זענען געווען קראַנ־קע און קינדער. דאָרט זענען כסדר געווען סעלעקציעס צום גאַז. ביינאַכט האָט מען צוגענומען דרייצן מענטשן, אַלטע און יינגלעך, און אויפגעהאַנ־גען אויף די דראָטן. איך האָב געוווסט, אַז פון דאַנען פירט דער וועג מייד נער נאָר צום גאַז. וואָס ס׳איז מיטן ברודער — האָב איך נישט געוווסט. כ׳האָב געהערט, אַז מען שיקט ארוים ערגעץ אויף ארבעט, האָב איך איי־בערגעקויפט דעם וועכטער און אנטלאָפן פון דעם בלאָק. כ׳האָב זיך אָנ־געשלאָסן אָן דער גרופּע, וואָס איז געווען באַשטימט אָפּצופאָרן.

מיר זענען געפאָרן קיין סקארזשיסקא־קאַמיעננאַ. דאָס איז געווען אַן ארבעטס־לאַגער, שמוץ, שווערע ארבעט, אָבער מער פרייהייט. כ׳האָב געארבעט ווי א הידראוליקער ביי דער צענטראַלער באַהייצונג פון אַמו־ניציע־פאַבריק. אונדזער גרופּע האָט געהאַט בעסער עסן, אַנדערע האָבן שרעקלעך געהונגערט. איין ברויט אויף צען מאַן. מיר האָבן פון אונדזער ברויט געגעבן צוואַנציק לאָבן פאַר די פרויען.

זומער 1944 האָט מען אונדז —א גרופּע פון 500 מאַן— געטריבן אויף צוויי חדשים קיין סולעיאָוו. דאָ האָבן מיר כסדר געגראָבן גריבער. א טאָג־נאָרמע האָט באַטראָפן: 10 מעטער די לענג, 6 מעטער ברייט און 2.80 מעטער טיף. איין לאָבן ברויט אויף פינף מענטשן און א ליטער זופּ א טאָג. אין פעלד האָבן מיר טיילמאָל אויסגעגראָבן קאַרטאָפל און ביינאַכט זיי געקאָכט. וואַסער האָט געפעלט, האָבן מיר געשפּאָרט קאַווע און געקאָכט אין איר די קאַרטאָפליעס. מיר האָבן געארבעט צוועלף שעה א טאָג, פינף ק״מ האָט מען אונדז געטריבן אין א לויפשריט צו דער אר־בעט. מיר זענען געלאָפן אין זאַמד אָדער בלאָטע און אַזוי צעהיצטע האָבן מיר לויפנדיק געמוזט אדורכגיין א טייך ביזן פּאַס אין וואַסער. נאָך צוויי חדשים ארבעט האָט מען אונדז געשיקט קיין טשענסטאָכאָוו.

כ׳האָב דאָ געארבעט אין פאַבריק פון טאַנקען־דעטאַלן. זעקס חדשים ביז יאַנואַר 1945. אין יאַנואַר, ווען די סאָוויעטישע ארמיי איז שוין געווען אין שטאָט, אויף דער וואַרשעווער־גאַס, האָט מען אונדז אויפגעלאָדן אין פארמאַכטע וואַגאָנען.

מיר זענען געפאָרן פיר טעג און פיר נעכט. מיר האָבן באַקומען איין ברויט אויף צען מאַן. מיר זענען אָנגעקומען אין לאַגער בוכענוואַלד. דער

לאַגער האָט זיך געצויגן אויף 40 ק"מ. מיר זענען דאָ געווען דריי טעג, מ'האָט אונדז געגעבן נומערן און אָפּטראַנספּאָרטירט קיין שטראַספורט אין א זאַלץ־גרובן.

כ'האָב זיך אָנגעגעבן פאַר א ספּעציאַליסט פון צענטראַלער באַהייצונג. א הונגער איז דאָ געווען א מוראדיקער. מענטשן זענען געפאַלן פון הונגער און דערשעפּטקייט. מענטשן האָבן אָנגעהויבן אַנטלויפן, ווייל מ'האָט שוין געזען, אַז דער סוף איז נאָענט. אַז מ'האָט געכאַפּט אַזאַ אַנטלאָפענעם, האָט מען אים געהאָנגען א געשמידטן און די שיך איבער־געהאָנגען איבערן האַלדז, אונטער די פיס געלייגט ציגל, אַזוי ער זאָל זיי קוים באַרירן און שפּיציקע אייזנס אַריינגעהאַקט אין דער ערד, כדי ער זאָל זיך צעשטעכן די פיס, אויב ער וועט מיט זיי באַוועגן. אַזוי איז ער געשטאַנען 24 שעה און אויב ער איז געבליבן לעבן, האָט מען אים באַלד געגעבן א טאַטשקע מיט זאַמד, וועלכע ער האָט געמוזט שטופּן לויפנדיק, ביז ער איז געפאַלן.

דריי חדשים זענען מיר דאָ געווען. דערנאָך האָט מען עוואַקואירט. זעכציק ק"מ האָט מען אונדז געטריבן צו פוס. ווייטער האָב איך נישט געוואָלט גיין. מיט א פראַנצויז און א פּאָליאַק פון וואַרשע האָבן מיר זיך באַהאַלטן אונטער שטרוי אין א שייער. מ'האָט געמאַכט אַן אָבלאַווע און די דייטשע פּויערים האָבן אונדז געכאַפּט. דער פּויער האָט מיך צוגעבונדן צו זיין ביציקל און איז געפאָרן מיך איבערגעבן אין דער פּאָליציי און איך האָב געמוזט נאָכלויפן. מ'האָט אונדז געפירט פון איין קאָמענדאַטור צו דער צווייטער, ווייל ס'איז שוין קיין אָרדענונג נישט געווען. ביינאַכט בין איך מיטן פראַנצויז ווידער אַנטלאָפן און זיך באַהאַלטן אין בונקערס לעם ביטענפעלד. אויס הונגער בין איך אַליין געגאַנגען צו דער פּאָליציי מעלדן, אַז כ'בין א פּוילישער אַרבעטער און אַנטלאָפן פון אַמעריקאַנער פראָנט. מ'האָט מיך באַפרייט. אַן אַלטע דייטשקע האָט מיר געהאָלפן. זי האָט גע־זאָגט, אַז די אַמעריקאַנער זענען נישט ווייטער ווי 10 קילאָמעטער. ביי דער פרוי האָב איך געוואַרט, ביז די רוסישע זעלנער זענען געקומען און זיך געלאָזט צוריק קיין וואַרשע.

(פּראָט. נומ. 27. פּראָטאָקאָלירט: מ. מאַריאַנסקאַ).

.28

פון איין לאגער צום אנדערן

ראובן ראָזענבערג איז ביים אויסברוך פון דער מלחמה אלט געווען עלף יאָר. ער האָט געוווינט אין אַדאַמאָוו, לובלינער קרייז, איצט געפינט ער זיך אין קינדערהיים אין לובלין.

ווען די דייטשן האָבן אין יאָר 1939 פארנומען אדאמאָוו, צוזאמען מיטן גאנצן לובלינער קרייז, האָבן זיי אלעמען פארטריבן פון שטעטל און געוואָלט אונטערצינדן דאָס שטעטל. נאָר א דאנק די ביטעס פון די פאָלקס־דייטשן איז דערצו נישט געקומען. אין דער סביבה האָבן זיי אלץ פאר־ברענט, דערפער ווי וואָליא באָזשעצקא א״א. זיי האָבן געמאכט רעוויזיעס, געזוכט געווער און פוילישע זעלנער.

אין אדאמאָוו זענען געווען 2000 איינוווינער, פון וועלכע 250 יידן. אין גוט אָקזשעיא האָבן געוווינט די דייטשן. אויף יעדן האָבן זיי ארויפ־געלייגט א קאָנטריבוציע פון 10.000 זל. זיי האָבן צוגענומען מעבל, זאכן א״א״וו. פאר די קינדער איז קיין שול נישט געווען. אין יודענראט זענען געווען 12 מענטשן. אין 1940 זענען געקומען קיין אדאמאָוו עסעסאָווצעס נאָך א קאָנטינגענט. אין 1942 האָבן די יידן אָנגעהויבן צו קויפן געווער און אנטלויפן אין די וועלדער. דעם 20סטן אָקטאָבער 1942 איז געווען די „אויסזידלונג". אלע זענען אנטלאָפן אין וואלד, כדי צו קעמפן מיט די דייטשן. אפילו די יידישע מיליציאָנערן זענען אנטלאָפן. דרייסיק מענטשן זענען פארבליבן. דעם ערשטן טאָג האָבן די דייטשן מיט די אוקראינער ארומגערינגלט די שטאָט, ארויסגעטריבן די מענטשן אין גאס און פאר אבי וואָס געשאָסן. דער יודענראט האָט געזאָלט ווייזן די סכראָנעס, איז אָבער אליין אנטלאָפן אין וואלד. צוויי יידן, נישט פון יודענראט, האָבן זיך גע־מאָלדן פרייוויליק ארויסצוגעבן די סכראָנעס. זיי האָבן די אוקראינער שפע־טער אויך דערהרגעט.

אויך די פּאָליאקן האָבן ארויסגעגעבן יידן און געהאָלפן קעמפן מיט זיי אין די וועלדער. דאָס איז געווען א ליקווידיר־אקציע (פאר דעם איז שוין

געווען אַן אקציע, ווען א פּוילישע פרוי האָט צופעליק ארויסגערופן א שריפה, וואָס האָט ארומגעכאפּט גאַנץ אדאמאָוו; די פּאָליאקן האָבן חושד געווען די יידישע פּארטיזאַנען).

בעת דער ליקווידיר־אקציע איז מיר געלונגען צו אנטלויפן קיין דעמבלין. דאָ האָט מען מיך נישט געוואָלט נעמען (צו דער ארבעט — נ. ג.), כ׳האָב געמוזט אונטערקויפן דעם לייטער, א פּאָלקסדייטש. כ׳האָב געארבעט אויפן פליפּלאַץ, ביי דער פירמע ווערמאַן, שפּעטער שולץ. די ארבעט איז געווען א שווערע, ביי קאנאליזאציע, בעטאָן, אקאָרד־ארבעט. עס זענען געווען פאלן, ווען יינגלעך האָבן אונטערגעשטעלט די פיס אויף די רעלסן, כדי זיך פארוונדן און באקומען א באפרייאונג אויף עטלעכע טעג. די ארבעט איז געווען אומדערטרעגלעך.

פאר גנבענען קארטאָפליעס האָט מען צוויי יינגלעך דערהרגעט. מ׳האָט זיי אריינגעשלעפּט אין קעלער פון דער זשאַנדארמעריי און דאָרט האָבן זיי הינט צעביסן אויף טויט. דער ערגסטער זשאַנדאר האָט געהייסן פּעטערסאָן.

פרילינג 1943 האָבן 10 יידן, צווישן וועלכע ס׳זענען געווען צוויי מיליציאָנערן, צוגענבעט געווער פון די אעראָפּלאַנען און אנטלאָפן אין וואלד. מ׳האָט זיי לאַנג געזוכט, אָבער נישט געפונען. זיי האָבן זיך אָנגעזעצט אויף פּעטערסאָנען און ווען ער איז איינמאָל געפאָרן הינטערן שטאָט, האָבן זיי אים צוזאמען מיטן הונט געהרגעט. ביי צוויי אנדערע זשאַנדארן האָבן זיי צוגענומען דאָס געווער און נאקעטע אָפּגעלאָזט אין שטאָט אריין.

אין דעם צענטל זענען געווען פינף עלטערע מענטשן און פינף יינגערע. זיי האָבן נישט געוואָלט זיין צוזאמען און זיך פונאנדערגעטיילט. די יונגע האָבן גענומען ראבעווען ביי פּאָליאקן אוים נקמה. די א. ק. (פּוילישע פּארטיזאַנען — נ. ג.) האָט זיי ארומגערינגלט און אויסגעשאָכטן. די עלטערע לעבן. זייער קאָמענדאנט איז געווען לייבמאַן פון שטעטל ריקי.

ווען ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די אָפענסיווע (די סאָוויעטישע — נ. ג.) און די לובלינער עסעסאָווצעס זענען גענומען געוואָרן אין געפאנגענשאפט (יולי 1944), האָט דער אָבערסט (ד״ה קאָלאָנעל) פון דעם פליפּלאַץ אונדז

געוואָלט איבערלאָזן, נאָר דער יידישער לאַגער־פירער וועגנהאַרדט, וואָס האָט געהאַט א פּערזענלעכן פיינט, האָט געוואָלט אַנטלויפן מיט די דייטשן (דער שונא זיינער איז געווען מאיר האָלדיש. איינמאָל זענען געקומען עסעסלייט פון טשענסטאָכאָוו און האָבן פאַרלאַנגט 200 ארבעטער. וועגנהאַרד האָט אויסגעקליבן גנבים און אויך מאירן, וועלכער איז אַנטלאָפן און באַשלאָסן זיך נוקם צו זיין). וועגנהאַרדט האָט אָפּגעמאַכט מיטן באַן־סטאַנציע שעף פאַר 80.000 זל. און אונדזער פּראָוויאַנט (מיר פלעגן באַקומען מיטאַמאָל אויף צוויי חדשים), ער זאָל אונדז געבן וואַגאָנען צום אַנטלויפן.

אויסער פּראָוויאַנט פון עסעס האָבן מיר נאָך געהאַט אויך פון דער ווערמאַכט. מיר זענען געווען באַקענט ווי גוטע ארבעטער. פּריוואַטע פירמעס האָבן אונטערן דרוק פון קאָלאָנעל אונדז צוגעגעבן פּראָוויאַנט. דאָ איז געווען דער גענעראַל פלאַרער, ער איז געווען צופרידן פון אונדזער ארבעט און אונדז מכבד געווען מיט פּאַפּיראָסן.

לעצטנס האָבן מיר געארבעט צוזאַמען מיט די יונאַקעס. זיי פלעגן אונדז שלאָגן בשעת דער ארבעט. זיי זענען געווען 800 חברה. דער קאָלאָנעל פלעגט זיי שטראָפן פאַר באַוואַרפן אונדז מיט שטיינער און מעסערס. אויך אוזבעקן האָבן א געוויסע צייט מיט אונדז געארבעט און זיך גוט באַצויגן צו אונדז (דערנאָך זענען זיי אריינגעטראָטן אין דער ארמיי, געשוווירן טרייהייט די דייטשן, באַקומען גוט צו עסן און מונדירן).

פאַר דער עוואַקואַציע זענען 60 יינגלעך אַנטלאָפן (מיר האָבן געהאַט א שטאַבספעלדפעבעל, א שיכור. מיר האָבן אים גערופן „שנאַפּספעלדפעבעל"). די פּאָליאַקן האָבן זיי געכאַפּט און מיט העק דערמאָרדעט. וועגנהאַרדט האָט געזען, אז מ'אַנטלויפט, האָט ער אַלאַרמירט, מען זאָל שוין ארויספירן.

אין טשענסטאָכאָוו איז געווען א בייזער ווערקשוץ־לייטער און יידישע מיליץ. זיי האָבן ביי אונדז אַלץ צוגענומען. (ווען מיר זענען געווען אין בוכענוואַלד, האָבן מיר זיך מיט עטלעכע אָפּגערעכנט!)

דאָ זענען געווען צוויי ארבעטס־פּלעצער: די אייזנהוטע „ראַקאָוו" און „פּעלצערי" — אַן אַמוניציע־פאַבריק. עסן איז געווען שלעכטס, די

ארבעט — שווער, אָן אָנצוגן, כמעט נאקעט. די דעמבלינער האָט מען צע־טיילט. מיר זענען געווען 700.

געווען דאָ דריי באראקן, ארומגעשטעלט מיט ווערקשוצן, ארומגע־רינגלט מיט דראָטן. אויף איין שטרויזאק זענען געשלאָפן צוויי מענטשן. אין איין באראק 200־250 מאן. שמוציק, לייז.

צו וועש וואשן און אויפרוימען זענען געווען 15 פרויען. קינדער ביז 12 יאָר זענען געווען צוויי.

מיר האָבן געארבעט ביי אייזן, אין צוויי שיכטן, ביים טראנספּאָרט — אין דריי.

איינער פון די פּאָרארבעטער, א דייטשער ייד היינריך פון בערלין, פלעגט מסרן יידן פאר דער ווערקשוץ.

(אין בוכענוואלד האָט מען אים אויפן סמך פון אן אורטייל געטויט. דעם אורטייל האָט אויסגעפירט גוסטאוו פון לעמבערג. ער האָט געאר־בעט אין „געשטאַפּאָ" ווי א מאָנטער און שפּיאָנירט אויף א באפעל פון דער קאָמוניסטישער פּארטיי. מ'האָט אים געשיקט ווי א פּאָליטישן קיין בוכענוואלד. ווי א בלאָק־עלטסטער האָט ער געהאט ברייטע רעכט. אז מ'האָט זיך אים באקלאָגט אויף עמעצן, וואָס איז געווען א שלעכטער מי־ליציאָנער, קאפּאָ אאַ"וו און זיך נישט גוט באצויגן צו יידן, האָט ער אויס־געפירט א פסק־דין. די דייטשן פלעגן זיך דאָ נישט אריינמישן.)

די ארבעט ביים לאָדן אייזן, סמאָלע, קוילן, קאָקס איז געווען זייער א שווערע. היינריך פלעגט נאָך פארגרעסערן די נאָרמעס פון ווערקשוץ־לייטער. גוסטאוו האָט אים אויפגעפּאָדערט אין בוכענוואלד, ער זאָל זיך אין משך פון צוויי טעג אליין אויפהענגען. היינריך האָט נישט געפאָלגט. גוסטאוו האָט אים אריינגעלייגט קלעפּ און אנדערע האָבן אים „צוגעענ־דיקט".

זעענדיק, אז פון קראשניק און אנדערע ערטער פאָרן מענטשן קיין אָשוויענטשים, האָט מען גענומען אנטלויפן פון ראקאָוו. פּאָליאקן פלעגן כאפּן די אנטלאָפענע און צוריקברענגען צו די ווערקשוצן. לעצטנס האָט מען נישט געשאָסן, נאָר אריינגעזעצט אין תפיסה, ווו א סך האָבן זיך אָפּ־געראטעוועט אין טשענסטאָכאָוו.

ביי דער ארבעט זענען געווען שווערע צופאלן. מענטשן זענען פון הונגער אדער מידקייט איינגעשלאפן און די מאשינען פלעגן אפרייסן הענט אדער פיס. דריי יידן האבן זיך אויסבאהאלטן אויף דער טעריטאריע פון פאבריק, אין א סכראן. איינער פון די ארבעטנדיקע פלעגט זיי דערלאנגען עסן. איינער פון די אויסבאהאלטענע האט געהאט א פרוי אויף פעלצערי. ביי איר האט מען געפונען א בריוו פון מאן. דורך פייניקונגען האט מען ארויסבאקומען פון דעם, וואס האט דערלאנגט עסן, ווו זיי געפינען זיך און ארעסטירט (די אויסזידלונג איז געווען א שרעקלעכע אין טשענסטאכאוו, מ׳האט אויפגעריסן הייזער מיט די פארבונקערטע מענטשן).

אין טשענסטאכאוו האבן מיר גערופן דעם ווערקשוץ־לייטער „געצל״ און זיך אזוי געווארנט פאר זיין אנקומען. ער האט נישט פארשטאנען, אין וואס עס גייט, האט אבער זיך שטארק געבייזערט.

אין דעמבלין זענען יידן געווען פורמאנעס. זיי האבן געפירט ווער־מאכט־לייט קיין טשענסטאכאוו. אין וועג האבן זיי לעגיטימירט עסעסאוו־צעס און א חוץ בלעכלעך „באולייטונג״ האבן זיי קיין דאקומענטן נישט געהאט. זיי האבן זיך געמוזט מודה זיין, אז זיי זענען יידן. די עסעסאוו־צעס האבן זיי דערמארדעט.

פון ראקאוו האט מען אלעמען ארויסגעפירט קיין בוכענוואלד, אין „ווארטע״ (ביים טייך ווארטע) און אין פעלצערי זענען די מענטשן אי־בערגעבליבן. דריי טעג זענען מיר געפארן, פארשפארטע אין די וואגאנען און שטרענג געהיט דורך די ווערקשוצן. מיר האבן נישט געוווסט, אז מיט דריי שעה שפעטער האבן די סאוויעטן פארנומען טשענסטאכאוו.

בוכענוואלד איז געווען א לאגער פאר פאליטישע. די „העפטלינגס״ האבן זיך צו אונדז באצויגן פריינדלעך. אין שייכות מיט דער אפענסיווע זענען אהער אנגעקומען אלע מאל נייע טראנספארטן. אכציק טויזנט פער־זאן. דא זענען געווען מענטשן שוין עלף יאר.

בוכענוואלד — דאס זענען געמויערטע הייזלעך, גערטנדלעך אין וואלד. די קיך האט נישט געקאנט אניאגן. מ׳איז דורכגעגאנגען א קאראנ־טין, ס׳איז געווען שטארק ענג (אכט מענטשן אויף צוויי שטרויזעק). דא איז געווען א פאבריק פון V1, איז זי באמבארדירט געווארן דורך די

ענגלענדער און אמעריקאנער אזוי, אז ס'איז קיין זכר נישט געבליבן, זי האָט אויפגעהערט צו ארבעטן.

נאָך דריי וואָכן קאראנטין איז דער טראנספּאָרט צעטיילט געוואָרן אין באראקן און אנדערע לאגערס.

זייגער זעקס אינדערפרי האָט מען אלעמען געוועקט, אנדערע זענען אויפגעשטאנען זייגער פינף, כדי פריער באקומען די קאווע. נאָכן וואשן זיך, זייגער 7 — פרישטיק: ברויט און קאווע, זייגער צען — מיטאָג, זייגער צוויי — קאווע, זייגער ניין — שלאָפן.

מ'האָט נישט געטאָרט פּאָליטיקירן. מיר זענען אין בוכענוואלד געווען אין קליינע בלאָקן. מיר האָבן באקומען זעקס איינשפּריצונגען קעגן קראנקייטן. אין די ביוראָס זענען געזעסן העפּטלינגס, די אויפזיכט האָבן געהאט די עסעסאָווצעס, אָבער זיי האָבן זיך נישט שטארק ארייגעמישט. ענגלענדער, יוגאָסלאוון א"א האָבן באקומען פּעקלעך פון רויטן קרייץ, יידן — נישט.

אזוי איז געווען בעתן קאראנטין.

מיר זענען געגאנגען ארבעטן. פיר אינדערפרי האָבן מיר געמוזט אויפשטיין, גיין צו דער סטאציע צוויי ק"מ און שפּעטער מיט א זייטן־ליניע צען ק"מ קיין ווייטער. מיר האָבן געארבעט פון ניין ביז פיר. געווען אָפּטע אפּעלן. איין ברויט אויף פינף מאן און א זופּ. צוויי מאָל א וואָך ווורשט. מיר האָבן געארבעט ביים אָפּרוימען די חורבות נאָכן באָמבארדירן. יעדן טאָג זענען געווען לופט־אטאקעס. מיר האָבן ארויסגעשלעפּט דייטשע פּגרים פון די קעלערס. מיר האָבן געוווינט צוזאמען מיט אויסלענדער און א סך דייטשע „פּאָליטישע". מ'האָט זיי באהאנדלט ווי יידן. אין לאגער איז געווען א קינאָ, א קאסינאָ. מיר האָבן געצאָלט מיט ספּעציעלע מארקעס, וואָס מיר האָבן באקומען אין ביוראָ, נישט מיט געלט. מ'האָט געקאָנט קויפן ביר.

ס'איז געווען ריין. צוויי מאָל א וואָך איז געווען א קאָנטראָל און א דעזינפעקציע. אויפן ספּאָרט־פּלאץ האָבן עלטערע מענטשן פון די גרויסע בלאָקן געשפּילט פוטבאָל. צוליב דוחק אין אָרט האָט מען געשטעלט פּאלאטקעס. אוממעגלעך געווען צו אנטלויפן. צווישן די לאגעריסטן זענען

געווען חברישע באציאונגען. מ'האָט זיך גערופן „קאָלעגע", „חבר", דאָס וואָרט „הער" איז פארשוווּנדן פון אונדזער שפּראַך. בלויז מענער.

אין בוכענוואַלד איז געווען א שול פאַר ס. ס. און פאַר הינט. דרייַ־פּאַכיקע דראָטן, טורעמס, א קאַנאַל. רעפלעקטאָרן האָבן באַלויכטן יעדן אַנקומענדיקן צוג. ביים אַפּעל פּלעגט אַן עסעסמאַן ציילן, צי ס'פעלט נישט עמעצער.

די יידישע „מאכט"־אָרגאנען זענען געווען: דער בלאָק־עלטסטער, צען מענטשן פון לאַגער־ראַט און דער לאַגער־עלטסטער. צוויי מאָל טעגלעך האָבן מיר געהערט ראַדיאָ. גוסטאַוו האָט גערופן צו א סאָלידאַריש און קאָלעקטיוו לעבן. ס'איז געווען דערלויבט צו נעמען עסנוואַרג פון די צע־שמעטערטע הייזער. זאַכן — נישט, ס'האָט געדראָט טויט־שטראָף. גוס־טאַוו האָט געזאָגט, אַז מיטן עסן זאָל מען זיך טיילן. ער האָט צונויפגע־נומען קינדער פון 10־16 יאָר און געזאָרגט פאַר זיי און אויך עטלעכע יינגלעך ביז 18 יאָר, וועלכע האָבן אויסגעפירט זיינע אורטיילן. גוסטאַוו איז געווען א באַקאַנטע פיגור. אין זיין בלאָק זענען געווען בלויז יידן. ער האָט געטראָגן א פּוילישן מיליטערישן מונדיר.

אין אַן אָפּענעם קוילן־וואַגאָן האָט מען געבראַכט א טראַנספּאָרט פון אָשוויענטשים. געווען 1.100 פאַרפרוירענע, חוץ האַלב געפרוירענע קאַליקעס. אין בוכענוואַלד איז קיין קרעמאַטאָריע *) נישט געווען, נאָר אַן אויוון צו ברענען מתים.

געבראַכט אהער האָט מען מענטשן פון אַלע לאַגערס, ווו דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט. שפּעטער האָט מען אונדז איבערגעפירט קיין פּליס־בערג, 30 ק"מ פון לייפּציג. דאָ זענען געווען 1.100 מענטשן, מיר זענען געקומען 400, פּאָליאַקן, פראַנצויזן, רוסן. דער ק. ל. פון ס. ס. איז געווען אַן אמתער גיהנום. דאָ איז געווען די אַמוניציע־פאַבריק „פאַנצערפאַוסט". אויף פיר העפטלינגען — איין עסעסמאַן. יעדן טאָג זענען אומגעקומען 15 מענטשן, „חוץ געשטאָרבענע אויף א „נאַטירלעכן" אופן. מ'איז גע־פאַלן ביי דער אַרבעט. צו דער אַרבעט איז מען געלאָפן. אַן אַרבעט פון

---

*) געמיינט אוודאי א גאַז־קאַמער.

20 מענטשן האָבן געמאכט 10. געאַרבעט האָט מען פון זעקס פרי ביז זיבן אָוונט. זעלבסטמאָרדן זענען געווען אויפן טאָג־אָרדענונג. אין משך פון צוויי וואָכן זענען אומגעקומען 500 מאַן. שמוץ, אָן וואסער, צוויי טעג אָן ווארעמס, אָן א באָד, אָן וועש. פאר גנבענען קארטאָפל־שאָלעכץ — 25 שמיץ. גערופן האָט מען אונדז: ראסען־באַנדע, קאָמוניסטן, קאדעטן, זייפענזעקע, פארברעכער, באָלשעוויסטן.

א טאָפּלטע פּאָרציע האָבן מיר גערופן „אָרגאַניזאַציע". די פּאָליאַקן, וואָס האָבן געאַרבעט אויף דער פריי, פלעגן ברענגען בורעקעס און אויס־בייטן אויף ברויט. דער אָבערשארפירער, מיט איין האנט (מיר האָבן אים גערופן „לאפּקא"), האָט געזאָגט, אז ער וועט אַלע אויסמאָרדן.

צוליב דער שלימזלדיקייט אויף די פּראָנטן האָט מען אונדז כסדר אונטערגעיאָגט מיטן פּארטיק מאכן די פאבריק און כסדר געשלאָגן. דעם ערשטן פעברואר האָט די פאבריק געזאָלט געלאָזט ווערן אין גאנג און דערווייל איז זי באָמבארדירט געוואָרן. זיי האָבן זיך אין אונדז נוקם גע־ווען. אין משך פון איין טאָג האָבן מיר געמוזט פארריכטן די שאָדנס פון א באָמבארדירונג. ס'איז געווען א פיזישע אוממעגלעכקייט. זיי האָבן אונדז געשלאָגן מכות רצח.

פּלוצלינג, ווען די אמעריקאנער האָבן זיך דערנענטערט, איז אָנגע־קומען א באפעל נישט מאָרדן, אָבער די עסעס־פּיאָנירן האָבן זיך מיט דעם ווייניק וואָס גערעכנט. די ס. ס.־קיך האָט אונדז כסדר באגנבעט.

ענדלעך האָט מען געלאָזט די פאבריק. ביים אָנפילן די „פּאנצער־פאוסט" דארף מען האָבן פּיקרין און טראָטיל — סמען. נאָך עטלעכע וואָכן ארבעט פאלט מען איין אויף די לונגען און די פיס. מיר האָבן געאַרבעט אָן גאַז־מאסקעס און ספּעציעלע מלבושים. אויסגעוויילט צו דער ארבעט האָט מען יונגע. די עסעסאָווצעס פלעגן ממיתן ביי דער ארבעט און דערנאָך האָבן אויסגעפעלט ארבעטער. אויך ביי די אַפּעלן האָבן אויס־געפעלט מענטשן. שעהן־לאנג פלעגן מיר שטיין אויף די אַפּעלן אין רעגן. אין דער לעצטער וואָך זענען די ס. ס. פּיאָנירן אַפּגעפאָרן. דעם לאגער האָבן איבערגענומען ציווילע מייסטערס. ס'איז געוואָרן א ביסל בעסער. די ארעסטירטע בלאָק־עלטסטע דייטשן האָבן נישט געמוזט זיין אויף די

אַפּעלן. בעת די אַפּעלן פלעגן זיי גיין אין אונדזער קיך און גנבענען פּראָדוקטן. זיי פלעגן אפילו מאָרדן, כדי זיך צוחנפענען דעם אָבערשאַר־פירער. מיר האָבן געאַרבעט ביי באַן־ליניעס, שאָסייען און שטיינגרובנס, אָן אָפּרו און אָן באַשטימטע שעהן. די לעצטע פינף טעג זענען מיר געווען אָן אויפזיכט און אָן אַרבעט. עס זענען געווען כסדר לופט־אַטאַקעס. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַזאָרגן זיך מיט עסנוואַרג אויף אַ געוויסער צייט. מיר האָבן געהאַט דעם שליסל פון בורעקעס־מאַגאַזין. מיר האָבן אַרויסגענומען צוויי עמערס מיט בורעקעס. דער לאַגער־שוץ, אַן אוקראַינער, האָט געכאַפּט דאָס יינגל מיט די בורעקעס. דאָס יינגל האָט געזאָגט, אַז אַן איטאַליענער האָט אים געגעבן. מ׳האָט דאָס יינגל פאַרמשפּט צום טויט דורך הענגען, נאָר צוליבן פאַרבאָט צו הרגענען האָט עס זיך אויסגעלאָזט צו 300 שמיץ.

צומאָרגנס האָט מען אונדז איינוואַגאָנירט און געפירט אָן אַ ציל, אָן עסן און טרינקען. אין די וואַגאָנען האָט אונדז געשטיקט דער טראָטיל, וועלכער איז געלעגן פון פריער און מ׳האָט אים נישט אינגאַנצן אויסגערייניקט. 17 טעג זענען מיר געפאָרן. די ערשטע דריי טעג האָט מען אונדז גאָרנישט נישט געגעבן צום עסן, שפּעטער 100 גראַם ברויט יעדן צווייטן טאָג. מיר זענען געפאָרן קיין קעמניץ, דאָרט האָט מען צוגעטשעפּעט אַ פּרוויען־טראַנספּאָרט. מענטשן זענען כסדר געשטאָרבן. די עסעסלייט האָבן אונדז געטרייסט, אַז מיר פאָרן אויף „הימעלקאָמאַנדאָ”. יעדן צווייטן טאָג האָבן זיי געעפנט אַ ביסל די וואַגאָנען, כדי מיר זאָלן אינגאַנצן נישט דערשטיקט ווערן.

פון 1500 מענטשן זענען קיין מאַטהאַוזען אָנגעקומען 400. די ס. ס. פלעגן שיסן אין די וואַגאָנען. מיר זענען כסדר געווען אין אַ מרחק פון 30 ק״מ פון פראָנט. די ס. ס., וואָס האָבן נישט געוואָלט גיין אויפן פראָנט, האָבן געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז זיי מוזן אונדז היטן.

זיי האָבן אונדז געפירט צו אַ פאַמעלעכן מאַרטירער טויט. זיי האָבן אונדז געבראַכט אין די סודעטן, קיין טשעכיע. די טשעכן זענען געשטאַנען אויף דער סטאַנציע און אונדז געבראַנגט עסן. די ס. ס. האָבן נישט דערלאָזט און אַליין צוגענומען. איין טאָג, ווען ס׳זענען געווען 80 מתים, האָבן זיי געגומען יידן צו גראָבן גריבער. ס׳איז געקומען אַ טשעך און געזאָגט,

אז ער וועט נישט לאָזן אויף זיין פעלד באַגראָבן אומשולדיקע מענטשן. די עסעסאָווצעס האָבן נאָכגעגעבן, האָבן אים אָבער געצוווּנגען איינצו־שפּאַנען זיין פערד אין וואָגן און אָפּפירן די מתים אויפן בית עולם. דאָ האָבן זיי אָבער נישט באַוויזן צו באַגראָבן, ווייל דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט.

מיר זענען אַנטלאָפן אין דער ריכטונג פון עסטרייך. אַ שרעקלעכער הונגער. געזונטע מענטשן זענען אַנטלאָפן, האָט מען זיי געכאַפּט און געשאָסן...

ווען מיר זענען געקומען קיין מאַטהאַוזען, האָבן 50 מענטשן נישט געקאָנט אַרויסגיין פון די וואַגאָנען. מ׳האָט זיי דערשאָסן. צום לאַגער איז געווען דריי קילאָמעטער. ס׳זענען דערגאַנגען 320 מענטשן. מיר זענען נעגאַנגען צום פּלאַץ פאַר דער קרעמאַטאָריע. מ׳האָט געזאָגט, אַז אין באָד, אָבער מיר האָבן געמיינט, אַז צום טויט. דעם זעלבן טאָג, פאַר אונדז, איז געווען אַ טראַנספּאָרט פון 1500 פרויען. האָט עס געדאַרפט דויערן דריי טעג. אויף דער צייט האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין אַ בלאָק. פון באָד האָט מען אונדז געטריבן נאַקעטע, מענער און פרויען צוזאַמען, אַ קילאָ־מעטער ביז צום בלאָק. אין דרויסן האָט מען מיט כעמישן בלייפעדער אויף דער ברוסט אָנגעשריבן אַ נומער.

מיר האָבן געוואַרט אויפן גאַזירן. מ׳האָט אונדז געשוירן און ראַ־זירט, אַלץ אויפן רעגן. ביינאַכט, פינף אין איין בעט. אַ ליטער זופּ און אַכט דעקאַ ברויט — דאָס האָט געהייסן אַ שפּיטאָל. מיר זענען געלעגן אויף ברעטער אָן שטרויזעק. מיר האָבן געגעסן פעל פון פערדישע פיס, רוי פלייש פון טויטע מענטשן.

צומאָרגנס זענען די עסעסאָווצעס נישט געבליבן. דעם לאַגער האָט איבערגענומען דער פאָלקסשטורם.

די יידן האָט מען באַהאַנדלט צום ערגסטן, נאָר מ׳האָט אונדז נישט גאַזירט. מיר זענען געווען אין באַזונדערע בלאָקן — געטאָ.

דריי טעג פאַרן קאַפּיטולירן האָט מען פאַרניכטעט די גאַזדערן. די בלאָק־עלטסטע האָבן זיך דערוווּסט, און כדי נישט אַרויסצורופן אַ בהלה, האָבן זיי אָנגעהויבן צו דעמאָנטירן.

נ ח   ג ר י ס

ווען די אמעריקאנער זענען געקומען, האָבן זיי געטראָפן 2000 טויטע. מיר זענען געלעגן האלב לעבעדיקע, אָן כוחות.

(פּראָטאָקאָל נומער 639)

.29

„ס'איז געפערלעך געווען קראַנק צו זיין"

צוויי ברידער יאַקובאָוויטש, וויטאָלד (געב. 1928) און יאַן (געב. 1932) פון קראָקע האָבן אויף זייערע הענט אויסגעקריצט די לאַגער־נומערן A18116 און A18118. עס איז זעלטן, אַז אין „יענער" צייט זאָלן צוויי ברידער, פון וועלכע דער יינגערער איז נאָך געווען אַ קינד, בלייבן צוזאַמען. עס איז דאָ געווען אַ קייט פון צופעליקייטן, אפשר מזל אויך, אָבער דער עיקר האָט דאָ געשפּילט אַ ראָליע די משפחה־געפילן, וואָס זענען פון דורות איינגעפלאַנצט געוואָרן אין יידישן קינד און געפינען אַן אָפּשפּיגלונג אין יידישער טראַדיציע, שטייגער, ליטעראַטור.

דער פאַשיסטישער כוח האָט זיך אין דעם פּרט אַרויסגעוויזן שוואַכער פאַר אַ קליין יידיש יינגל, וואָס סימבאָליזירט דעם דורותדיקן קיום פון יידישן פאָלק.

אין סעפּטעמבער 1939 איז דער טאַטע געגאַנגען אין דער אַרמיי און איז אומגעקומען קיין רומעניע. מיר ביידע מיט דער מאַמען זענען אַנטלאָפן און ווי אַלע „פּליכטלינגע" געגאַנגען אויף מזרח און אַנגעקומען קיין בעלזש. אין נאָוועמבער האָבן מיר זיך אומגעקערט קיין קראָקע. דעם 15טן נאָוועמבער האָבן אונדז די דייטשן פאַרטריבן פון דער דירה און געלאָזט מיטנעמען בלויז פּערזענלעכע וועש. אַלץ איבעריקע, ווי מעבל, בעטגעוואַנד אאַ"וו, איז געבליבן אין דער דירה, וואָס ס'האָט פאַרנומען אַן אָפּטיילונג פון דערנערונגס־אַמט.

אַ גאַנץ יאָר, ביזן 8טן דעצעמבער 1940, האָבן מיר געוווינט ביי אונדזערע קרובים אויף קראַשינסקי אַליי. דעם 9טן האָבן מיר זיך גע־

דאַרפט מעלדן צו א זאמל־פונקט, זענען מיר מיט א טאָג פריער אַפּגעפּאָרן קיין ניעפּאָלאָמיץ. ס'איז אונדז נישט אַפּגעגאַנגען גלאַטיק. אויפן שיף האָט אונדז געכאַפּט די געשטאַפּאָ און נאָר א דאַנק אונדזער פלינקייט און דעם מוט פון דער מאַמען האָט זיך אונדז איינגעגעבן ארויסצודרייען און מיטן באַן זיך דערלאַנגען צום ציל.

אין ניעפּאָלאָמיץ איז אדורך רואיק א גאַנץ יאָר. מאַטעריעל האָט אונדז געהאָלפן דעם טאַטנס ברודער, די מאַמע האָט אביסל פארקויפט זאַכן. מיר האָבן זיך געלערנט פּריוואַט. קיין ארישע חברים האָבן מיר נישט געהאַט, אָבער זיך אויך נישט אָנגעשטויסן אויף א שטאַרקן אַנטיסעמי־טיזם. מ'האָט אונדז גיכער אויסגעמיטן.

סוף 1941 האָט זיך דער טאַטע, נאָך לאַנגע וואָגלענישן, דערלאַנגט קיין באָכניע און אונדז אהין געגומען. אין באָכניע האָט זיך קאָנצענטרירט א גרעסערע צאָל יידן אין די א. ג. „שטעטישע ווערקשטעטע", ווו אין ערשטער ריי האָט מען זיך פאַרנומען מיט שניידעריי, און ה. ק. פּ. (הערעס קראַפטפּאַהר פּאַרק). אהער הויפּטזעכלעך האָבן זיך צומיינסטן געשאַרט מענטשן, צוליב דער זיכערקייט און גוטע באַדינגונגען. איינער פון אונדז, דער יינגערער, איז געגאַנגען אין א יידישן קינדער־קלוב, דער עלטערער האָט געאַרבעט ווי א סטאָליער אין ה. ק. פּ.

די ערשטע אקציע איז פאָרגעקומען סוף סעפּטעמבער 1942. די טראַנספּאָרטן זענען געגאַנגען אויף מזרח —קיין בעלזשיץ—, אלטע און קראַנקע פון שפּיטאָל האָט מען ארויסגעפירט קיין באָנטשקאָוו הינטער באָכניע און דאָרט געשאָסן. פון 5000 מענטשן זענען געבליבן אָפיציעל 400, אין ה. ק. פּ. 300 און די איבעריקע: דער יודענראַט, אָרדנונגס־דינסט און אַנדערע, וואָס האָבן זיך צוגעטשעפּעט. בעת דער דאָזיקער אקציע האָבן מיר זיך געוואָלט אויסבאַהאַלטן אין א בונקער, אָבער מיר האָבן דאָס נישט אָרגאַניזירט און אויסבאַהאַלטן האָט זיך בלויז דער עלטערער ווּיטאָלד, אלע איבעריקע זענען געווען אין דער קאַזאַרמע, פון וואַנען מ'האָט אויפגעלאָדן מענטשן אין די וואַגאָנען. צוויי טעג זענען מיר געשטאַנען אויפן פּלאַץ און ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן צו אַנטלויפן, ערשט דורך א וואַכמייסטער פון דער ה. ק. פּ. האָט אונדז דער פעטער ארויסגעקראָגן.

אין א חודש שפּעטער איז געווען אַן אקציע אויף נישט ארבעטנדיקע.

אין משך פון דער צייט האָבן זיך אָנגעזאמלט געגוג נייע מענטשן: איינע זענען ארוים פון די באהעלטענישן, אנדערע זענען אָנגעקומען פון דעמ־ביצע און בזשעסקאָ. אין משך פון יאָר האָט מען די געטאָ פארביטן אין אַן ארבעטס־לאגער. קאָמענדאנט איז געוואָרן אָבערשארפירער מילער און א צווייטער, געבעל, א באוווסטער מערדער.

סוף אָקטאָבער 1943 איז געווען די לעצטע אקציע. 900 עסעסאָווצעס און 600 זשאנדארן האָבן אינדערפרי ארומגעשטעלט דעם לאגער. די געטאָ „ב" — די נישט ארבעטנדיקע — האָט מען געפירט קיין אָשוויענטשים, מ'האָט געכאפט מענטשן, וואָס האָבן זיך באהאלטן, אנטלאָפן אָדער אנטקעגנגעשטעלט, אויך קינדער און זקנים, וואָס האָבן זיך ביז איצט אויסבאהאלטן און אויסגעשאָסן אין א זייטיק געסל און שפעטער פארברענט אויפן זאלצבארג אין דריי הילצערנע הייזלעך. צוזאמען, א 300 מאַן אָדער מער.

די מענטשן פון געטאָ „א" — די ארבעטנדיקע — האָט מען טראנספּאָרטירט קיין שעבניע אין לאגער. מיר זענען מיט די עלטערן געבליבן אין דער ליקווידיר־גרופּע פון 250 מאַן. פון די האָט מען נאָך איבערגעלאָזט 100 מאן און מיר זענען אין א גרופּע פון 150 פּערזאָן געשיקט געוואָרן קיין שעבניע אונטער יאסלע — דאָס איז געווען דעם 27סטן אָקטאָבער 1943.

אין שעבניע זענען מיר געווען אכט טעג. דעם 9טן נאָוועמבער איז דאָרט געווען אַן אקציע. 2.650 מענטשן, אויך אונדזערע עלטערן, האָט מען געשיקט קיין אָשוויענטשים. ווען מ'האָט געמאָלדן, אז ס'וועט זיין אַן אַפּעל, האָבן אלע געוווּסט, אז אָדער מ'וועט שיסן אָדער ארויסשיקן. אזוי ווי זקנים און קינדער האָט מען סיי ווי געשאָסן, האָט דער טאטע יאנעקן באהאלטן ביים טאָפּעצירער אונטער א בארג קישנס און איבערבעטן, ווו ער איז געזעסן א טאָג און א נאכט. דערווייל האָט מען די עלטערן טראנספּאָרטירט. דער עלטערער ברודער, וויטאָלד, איז ארויפגעשטעלט געוואָרן אויף דער ליסטע פון 120 מאַן, וואָס זענען געווען באשטימט צו פאָרן אין לאגער קיין פּוסטקאָוו ביי דעמביצע. צום גליק האָט דער יידישער לאַגער־קאָמענדאנט אונדז צוזאמען פארשריבן אויף דער רשימה אָנגעבנדיק,

אז וויטאָלד איז אלט 18 יאָר און יאנעק 15, הגם מיר זענען דעמאָלט אלט געווען 15 און 11 יאָר.

דעם 6טן נאָוועמבער זענען אָנגעקומען אויטאָס און מיר זענען געפאָרן קיין פּוסטקאָוו, שוין אָן די עלטערן, אָבער, צו אונדזער מזל צוזאַמען.

אין פּוסטקאָוו זענען מיר געווען מער ווי אכט חדשים, ביזן 26סטן יולי 1944. דער לאַגער איז מיט פּירפאכיקע דראָטן געווען צעטיילט אויף צוויי: א פּוילישן און א יידישן טייל. יידן איז געווען 600 — בלויז מענער. צוויי מאָל האָט מען אוועקגעשיקט צו 100 מענטשן, אזוי, אז ביי דער ליקווידאציע זענען געווען 400 מאַן. דעמאָלט זענען שוין קיין שיסונגען אין גרעסערן פאָרמאט נישט געווען, נאָר מענטשן, יידן און פּאָליאַקן, וואָס זענען געווען פארשפּארט אין בונקערס אויף דער פּוילישער זייט, האָט מען געהאָנגען אויף די טעלעגראַפישע סלופּעס און דערנאָך פארברענט אין דער קליינער קרעמאַטאָריע אויפן בערגל הינטערן לאַגער. פון אונדז זענען צוויי געזעסן אין בונקער: איינער ראפ דערפאר, ווייל ער האָט דעם וועכטער פארקויפט א פּאָר זוילן און דער צווייטער שניצער, ווייל ער האָט זיך געברענגט א ביסל טאבאק פון דרויסן, וווּ ער האָט געארבעט ביי באַראַקן-בוי. ראפּ האָט זיך אליין אויפגעהאָנגען אין בונקער, ווייל ער האָט מורא געהאט, אז ביים פּייניקן אים וועט ער ארויסגעבן די מענטשן, וואָס האָבן אים געגעבן די זוילן. ביידן האָט מען פארברענט. מיר האָבן דעם אויוון נישט געזען, ווייל ער איז געווען אין וועלדל, נאָר דעם רויך, בעת מ'האָט געברענט די מענטשן.

די ערשטע פיר חדשים איז דאָס עסן געווען זייער שלעכט: 250 גראם ברויט, 10 גר. מארגארין און צוויי זופּן — וואסער מיט ברוקווע און בלעטער פון בורעקעס. שפּעטער האָט מען פארטאָפּלט די פּאָרציע און אין זופּ האָט מען געקאָנט געפינען קאשע אָדער קארטאָפליעס. מיר האָבן געארבעט אין פּוסטקאָוו, ווי סטאָליערעס. ס'זענען נאָך געווען אנדערע ווארשטאטן: בערשטלעריי, טאפּיצירעריי, בלעכעריי, קוישן-פלעכטעריי, שניידעריי, שוסטעריי, רימעריי, לאַקירעריי, שלאָסעריי, א פאָטאָגראַפישער אטעליע („בילדשטעללע") און אויטאָמעכאנישער ווארשטאט („אוטאָהאָף"). די דייטשן האָבן גערופן דעם לאַגער „היידעלאַגער" — א מדבר-לאַגער. א ס. ס. פאָרמאציע (טרופּפּען-איבונגספּלאץ) האָט דאָ סטאציאָנירט.

נישט איינמאָל האָבן מיר געזען עקזעקוציעס אין פּוילישן לאַגער. איינמאָל האָט מען אויפגעהאָנגען אויף א טעלעגראַפן־סטאָלב א מענטשן, וואָס איז אנטלאָפן און מ׳האָט אים געכאַפּט. דריי מאָל האָט מען אים געהאָנגען. איינמאָל האָט זיך איבערגעריסן דער שטריק, דאָס צווייטע מאָל האָט זיך אָפּגעריסן דער האָק, ערשט צום דריטן מאָל האָט מען אים געהאָנגען. מיר האָבן אויך געזען, ווי מען שלאָגט. מיר האָבן מיט די פּאָליאקן קיין משא־מגע נישט געהאַט. פאַר דערנענטערן זיך צו יענעם טייל לאַגער האָט געדראָט טויט־שטראָף.

אין יולי 1944 האָבן מיר זיך דערוווּסט, אז דער פראָנט דערנענטערט זיך און אז די סאָוויעטן זענען אונטער ריישע (זשעשאָוו). די ידיעות האָבן מיר געהאַט דורך אונדזערע קאַפּאָס, וואָס האָבן גערעדט מיט די דייטשן און אמאָל מיט די פּוילישע קאַפּאָס. מ׳האָט אָנגעהויבן פאַרפּאַקן די מאַשינען. אין די לעצטע טעג האָט מען געלאָזט אין גאַנג א קליין ביינוול־פאַבריקל, אָבער אינדערעמתן האָט עס געאַרבעט בלויז איין טאָג און אויסגעאַרבעט אזוי פיל ביינוול, וויפל מ׳האָט באַדאַרפט צו פאַרפּאַקן די זאַכן. די מאַשינען דעמאָנטירן האָבן די דייטשן נישט באַוויזן, ווייל זיי זענען געווען איינגעבעטאָנירט.

דעם 26סטן יולי האָט מען אונדז אויסגעשטעלט אין קאָלאָנעס, געגעבן צו צוויי לאַבנס ברויט און פאַרלאָדן אין פינף וואַגאָנען אויף דער סטאַנציע פּוסטקאָוו. ס׳איז געווען זייער היים און מענטשן האָבן געחלשט פון געשטיקעניש און דורשט.

מיר האָבן נישט געוווּסט, וווּהין מיר פאָרן. די עסעסאָווצעס האָבן געזאָגט, אז קיין בערלין און דאָ זענען מיר נאָך צוויי מעת־לעת אָנגעקומען קיין אָשוויענטשים. גלייך האָט מען אונדז צוגעפירט צו דער „טויט־ראַמפּע" ביי דער גאַז־קאַמער. מיר האָבן אַלע געזאָלט גיין צום גאַז. אָבער אונדזער לאַגער־פירער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר אונדז און באַוויזן בריוו פון ס. ס. גענעראַל־מאַיאָר, אז מיר דאַרפן גיין צו דער אַרבעט. מיר האָבן געוווּסט, אז ער קעמפט פאַר אונדז, נישט צוליב זיין גוט האַרץ, נאָר ווייל ער וויל פאַרבלייבן מיט אונדז, כדי נישט צו גיין אויפן פראָנט. אונדז האָט נאָך געראַטעוועט דער אומשטאַנד, וואָס די גאַז־קאַמער האָט געאַרבעט

מיט דער גאַנצער פּאַרע, מ'האָט געברענגט אַ טראַנספּאָרט פון אונגאַרן און פאַר אונדז איז קיין אָרט נישט געווען. מ'האָט אונדז געשיקט קיין בירקענאַו און דאָרט אויסגעלאָדן. דער גאַנצער טראַנספּאָרט איז געגאַנגען אין אַ גרויסער האַלע, וווּ מ'האָט זיך אונדז געהייסן אויסטון און געלאָזט מיטנעמען בלויז שיך, אַ פּאַס אָדער שלייקעס און ברויט. וואָס ס'דערוואַרט אונדז הינטער דער טיר, האָבן מיר נישט געוווּסט. מיר האָבן זיך שוין אַזוי פיל געהאַט אָנגעהערט וועגן די גאַז־קאַמערן, אַז מיר האָבן שוין נישט געוווּסט, צי גייען מיר זיך באמת באָדן, צי פירט מען אונדז אין גאַז־קאַמער. אָבער ס'איז געווען אַ באָד. דערנאָך האָט מען אונדז אָפּגעשוירן, געגעבן ציווילע קליידער מיט רויטע לאַמפּאַסן. נאָך בעתן שערן איז אָנגעקומען אַ באַפעל זיך אָפּצוהאַלטן, ווייל דער ענין איז נאָך נישט קלאָר.

מיר האָבן געוווּסט, אַז דאָ גייט אין אונדזער לעבן און ס'קאָן נאָך קומען אַ טויט־אורטייל. צום סוף האָט מען אונדז געלאָזט צום בלאָק אויף קאַראַנטין. אין משך פון צוויי טעג האָט אונדז אַ דאָקטאָר צוויי מאָל אויסגעהערט און צוויי מענטשן, ווי אומפּעאיקע צו אַרבעט אוועקגעשטעלט אָן אַ זייט. דערנאָך זענען מיר נאָכאַמאָל געגאַנגען אין באָד זאַל, וווּ מ'האָט אונדז געגעבן „פּאַשאַקעס" — געשטרייפטע פּיזשאַמעס — און אויסטאַ־טואירט נומערן.

דעם זעלבן טאָג, דעם 29סטן יולי 1944, האָט מען אונדז אויסגע־שטעלט אויפן אַפּעל־פּלאַץ און צוגעטיילט צו אַ גרופּע יידן פון לובלין. מיר געדענקען נישט די צאָל, אָבער ביי אַ 1000 מענטשן זענען מיר גע־ווען. מ'האָט אונדז אויפגעלאָדן אויף אויטאָס און אַ טייל איז געפאָרן קיין יאַווישאָוויץ און מיר מיט אַ צווייטער גרופּע קיין גליוויץ.

דאָ זענען נאָך קיין מענטשן נישט געווען, נאָר בעטאָן־באַראַקן, אַרומגערינגלטע מיט עלעקטריזירטע דראָטן. דאָ האָבן מיר געאַרבעט, דער עלטערער ווייטער ווי אַ סטאָליאַר און דער יינגערער, ווי אַ שיק־יינגל.

קיין הונגער איז דאָ נישט געווען. מיר האָבן באַקומען אַ האַלבע קילאָ ברויט, צוויי זופּן און יאַנעק פלעגט נאָך באַקומען אַ צוגאָב פון דער ס. ס. קיך און מיר פלעגן זיך מיט דעם טיילן.

דאָס איז געווען גליוויץ III — אַ פאַבריק פון באָמבעס און מינעס. ס'האָבן געאַרבעט צוזאַמען יידן, פּאָליאַקן, אונגאַרן, פראַנצויזן און סלאָ־

וואקן. קיין ספּעציעלע עקזעקוציעס זענען אין די צייטן נישט געווען, נאָר קלעפּ און שטראָף־ספּאָרטן. צ״ב, פאַר נישט שיין פאַרבעטן א געלעגער האָט מען געמוזט „פּאַלן״־„אויפשטיין״ אָדער אומבאַוועגלעך שטיין צוויי שעה מיטן פּנים צו דער וואַנט. יעדן טאָג זענען געווען רעוויזיעס. מ׳האָט ביי זיך נישט געטאָרט האָבן גאָרנישט, נישט קיין נאָז טיכל, נישט קיין שטיקל פּאַפּיר, ברויט אא״וו. די קעשענעס האָבן געדאַרפט זיין פּוסטע, אויב נישט האָט מען באַקומען געשלאָגן מיט א גומי־שטעקן.

מיר זענען די גאַנצע צייט געווען געזונט, איבעריקנס האָבן מיר זיך באַמיט נישט צו קרענקען, ווייל ס׳איז געפערלעך געווען קראַנק צו זיין. מיר האָבן געוווּסט, אז ווען דער לאַגער־פירער דערוויסט זיך וועגן עמע־צנס דרייטעגיקער קראַנקהייט, שיקט ער אים קיין בירקענאַו און דאָרט האַלט מען אים שוין אויס... אין גאַז־קאַמער. מיר ביידע האָבן זיך גע־וואַשן ווינטער אין גאַס מיט קאַלט וואַסער ביזן פּאַס אַזוי לאַנג, ביז דאָס וואַסער אין די רערן איז נישט פאַרפרוירן געוואָרן.

אין גליוויץ II איז קאָמענדאַנט געווען האַופּטשאַרפירער שפּיקער, זיין פאַרטרעטער אונטערשאַרפירער מאָרריץ און ראַפּאָרטפירער זאַהאַראָד־ני, א רומענער. ער איז געווען דער ערגסטער, האָט זיך אויפגעפירט ווי א משוגענער, אָדער ער האָט אַלץ געגעבן אָדער פאַר אבי וואָס האָט ער זיך געזידלט און געשלאָגן. קאָמענדאַנטן פון בלאָקן זענען געווען דייטשן, קרימינעלע פאַרברעכער מיט גרינע דריי עקן: קאַני קיימלינג, קורט וואָלף און ווילי וויים. דאָס זענען געווען פּראָפעסיאָנעלע מערדער, וואָס האָבן אַמיינסטן געשלאָגן. קיימלינג איז געווען א לאָמער און האָט באַנוצט זיין שטעקן צום אָנשפּאַרן זיך און שלאָגן. ער פלעגט שלאָגן מיטן שטעקן אי־בערן קאָפּ, וויים — מיט דער האַנט איבערן פּנים און וואָלף — מיט דער פויסט אונטער דער באָרד.

אין יאַנואַר האָבן מיר געוווּסט, אז ס׳האָט זיך אָנגעהויבן די סאָ־וויעטישע אָפענסיווע, ווייל ס׳זענען געקומען מייסטערס — ספּעציאַליסטן פון באָמבעס און מינעס פון זשעלענעוואָסקיס פאַבריק אין קראָקע. איינער פון זיי האָט געבראַנגט א בריוו און באַלד צוריקגעפאָרן. ער האָט עס דער־ציילט, אז די סאָוויעטן זענען הינטער קראָקע.

דעם 19טן יאַנואַר 1945 איז דער גאַנצער באַגאַזש פֿון די ס. ס. לייט אויפֿגעלאָדן געוואָרן אויף האַנט־וועגעלעך, אונדז האָט מען אויס־געשטעלט אין קאָלאָנעס און אָנגעזאָגט, אַז מיר גייען ווייטער אויף מערב, אין פֿאַל פֿון אַנטלויפֿן וועט מען נאָכשיסן, און מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אויף וורעצלאַוו, שטופּנדיק פֿאַר זיך די וועגעלעך.

מיר זענען אַרויס זייגער פֿיר פֿאַרטאָג, כדי נישט אַרויסצורופֿן אַ בהלה אין שטאָט. מיט אַן איין שעהקן איבעררייס אויף מיטאָג זענען מיר געגאַנגען ביז 10 אָוונט. מיר זענען דערגאַנגען צו אַ שטעטל איידעלסדאָרף, צי עפּעס ענלעכס, גענוי געדענקען מיר נישט. דאָרט איז געווען אַ ציוויל־לאַגער און מיר זענען פֿאַרבליבן ביז אינדערפֿרי אין אַ באַראַק. מיר זענען געווען פֿון גליוויץ 600 מענטשן. צומאָרגנס זענען מיר ווייטער געגאַנגען און מיר זענען דערגאַנגען נאָך מיטאָג צו דער אָדער. דורך אַ הילצערנער בריק האָבן נישט געקאָנט פֿאַר אַמאָל דורכגיין מער ווי 50 מענטשן. דער־מאָלס איז אָנגעקומען אויף אַ מאָטאָציקל אַן עסעסאָוויעץ, עפּעס געשמועסט מיט אונדזער קאָמענדאַנט און דערנאָך, ווענדנדיק זיך צו אונדז געמאָלדן, אַז מ׳האָט די סאָוויעטן פֿאַרטריבן אויף 100 ק״מ הינטער קראָקע און אַז מיר וועלן אויף אַן אומוועג אַריבערגיין די אָדער און זיך לאָזן צוריק קיין גליוויץ. די זעלבע נאַכט נאָך זענען מיר אַריבער דעם טייך און אָנ־געקומען אין לאַגער בלעכהאַמער. דאָרט האָבן מיר געזאָלט זיך אָפּרוען דעם זונטיק און צוריקגיין. דערווייל איז זייגער פֿינף פֿרי געוואָרן אַ בהלה. מ׳האָט געזאָגט, אַז די סאָוויעטישע אַרמיי איז אַ שעה גאַנג פֿון דאַנען. 100 מאַן האָבן זיך געלאָזט גיין מיט די וועגעלעך פֿון די ס. ס. אויף מערב, די איבעריקע זענען פֿאַרבליבן.

ס׳זענען דאָ געווען מענטשן פֿון פֿאַרשידענע לאַגערס: יאַוואָזשנאָ, גליוויץ I, III, IV. געווען אַ צעטומלעניש און קיינער האָט נישט גע־ווּוסט, וואָס צו טון. די דייטשן האָבן פֿאַרמאַכט דעם טויער, איין עסעס־מאַן האָט געזאָגט, מיר זאָלן אַנטלויפֿן, ווייל מ׳וועט אויפֿרייסן דעם לאַ־גער. מ׳האָט אויפֿגעריסן דעם טויער און גענומען לויפֿן. אויפֿן וועג האָבן מיר באַגעגנט פֿירן אויף אויטאָס דערשאָסענע אין „פּאַשאַקעס", דאָס זענען געווען די, וואָס זענען אַנטלאָפֿן. איין טייל האָט זיך דערשראָקן

און איז געגאַנגען מיט די דייטשן אויף מערב. מיר זענען מיט א גרופּע פון 40 מאַן אַנטלאָפן אין וואַלד.

צומאָרגנס זענען געקומען עסעסלייט, ס'איז געווען מאַנטיק, האָבן באַזעצט דעם לאַגער און פון די טורעמלעך האָבן זיי גענומען שיסן און וואַרפן גראַנאַטן. מענטשן, וואָס איז געלונגען צו אַנטלויפן, האָבן דער־ציילט, אַז ס'איז געווען אַ מוראַדיקע שחיטה. כמעט אַלע זענען אומגע־קומען.

דינסטיק פרי זענען מיר אַלע פּערציק אַרויס פון וואַלד. ס'איז אונדז געווען אַלץ איינס און מיר האָבן זיך געלאָזט אויף מזרח, קיין גליוויץ. אונטערוועגנס האָט אונדז קיינער נישט געטשעפּעט, די דייטשן זענען גע־לאָפן ווי צעטומלטע, ערשט פאַר גליוויץ האָט אונדז פאַרהאַלטן אַן עסע־סאָוויעץ. מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר האָבן אַ באַפעל צו גיין אין לאַ־גער. ער האָט אונדז געגלויבט און מיר זענען ווידער געווען אין אונדזער לאַגער. דאָ האָבן אונדז אויפגענומען די ווערקשוצן, שלעזיער, וועלכע האָבן שוין אָראָפּגענומען די מונדירן און אַוועקגעוואָרפן דאָס געווער.

צוויי טעג זענען מיר געווען אונטערן פייער פון דער סאָוויעטישער אַרטילעריע, וועלכע האָט איבער אונדזערע קעפּ באַשאָסן די שטאָט. דאָס האָט אונדז אָבער נישט איבערגעשראָקן, און כאָטש די ווענט האָבן געציטערט, זענען מיר רואיק געלעגן אויף די נאַרעס. ווען די שיסעריי איז געוואָרן שטילער, זענען מיר אַרויס אין שטאָט. מיר האָבן באַגעגנט די ערשטע סאָוויעטישע פּאַטראָלן. די זעלנער האָבן אונדז געהייסן אַריינגיין אין די דייטשע הייזער זיך איבערטון. אין די וווינונגען זענען געווען בלויז פרויען און קינדער. מיר האָבן זיך איבערגעטון און געלאָזט אין וועג.

דער וועג איז נאָך נישט געווען אינגאַנצן פריי, האָבן מיר זיך גע־מוזט צוריקציען אויף מערב. צו פוס זענען מיר שפּעטער דערגאַנגען קיין טשענסטאָכאָוו נאָך צוויי וואָכן און פון דאָרט, צוביסלעך מיט דער באַן, קיין קראָקע. אין טשענסטאָכאָוו איז זיך אונדזער גרופּע צעפאַלן און בלויז זאַלבעצוויי זענען מיר געקומען קיין קראָקע דעם 4טן פעברואַר 1945. פון 19טן יאַנואַר האָבן מיר געמאַכט צו פוס 400 ק"מ.

אין קראָקע זענען מיר פריער געגאַנגען אין אונדזער אַלטער דירה.

דערנאָך צום פעטער. אָבער אין ערגעץ קיינעם נישט געטראָפן. מיר וואַרטן, אפשר וועלן די עלטערן קומען פון „רייך״?

ד. תפיסות

.30

אמאַן געט ביי דער ארבעט

אין יאָר, ווען היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, 1933, איז אין בערלין געבוירן געוואָרן א מיידעלע לואיזע גרינער. איר פאָטער שטאַמט פון עסטרייך, די מוטער — פון קראָקע. דער גורל האָט געוואָלט, אז לואיזע זאָל אירע יונגע יאָרן האָבן צו ליידן פון היטלעריזם און צום סוף איבערלעבן אירע תלינים, סיי היטלערן, סיי דעם הענקער פון קראָקעווער און טאַרנאָווער יידן, אמאָן געט, וועלכער איז נאָך דער באפרייאונג ארעסטירט געוואָרן אין דייטשלאנד און פארמשפט געוואָרן אין קראָקע צום טויט.

אין אָנהייב איז אין בערלין געווען זייער גוט. איך בין געגאנגען אין א יידישער שול. שפּעטער האָט מען אָנגעהויבן צו קאָנפיסקירן די יידישע הייזער און געשעפטן. מיר האָבן ליקווידירט אָונדזערע געשעפטן און ארויסגעפאָרן קיין פוילן, צוערשט איך מיטן טאַטן און שפּעטער די מאַמע. מיר האָבן געברענגט א וואַגאָן מיט זאכן, וועלכע זענען אָבער אין קראָקע באָמבארדירט געוואָרן.

מיר זענען געווען אין יערוסליוו (יאראָסלאוו). איינמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און דערזען דייטשע טאנקען אין מארק. כ׳האָב נישט געוווּסט, אז ס׳איז געווען מלחמה, ווייל איך בין ערשט זעקס יאָר אלט געווען.

נאָך א וואָך צייט איז ארוים א באפעל, אז אין משך פון א האַלבער שעה דארפן אלע יידן פארלאָזן יערוסליוו.

די מאַמע האָט אָנגעטון א טיכל אויפן קאָפּ, זי זאָל אויסזען ווי א פּויערטע, מיך אויך אזוי אָנגעטון און מיר זענען געגאנגען צום באַן, כדי

צו פֿאָרן צוזאַמען מיט פּאָליאַקן. מיר האָבן איבערגעלאָזט אַלע זאַכן, נאָר מיטגענומען אַ וואַליזע. ביים אַריינגאַנג אין וואַגאָן איז געשטאַנען אַ דייטש מיט אַ רעוואָלווער און יעדן איינעם געפֿרעגט: „ביסט דו יודע?"

מיר זענען אַריין אין וואַגאָן און זיבן טעג געפֿאָרן נאָר מיט וואַסער און ברויט. כסדר זענען געקומען דייטשן און געזוכט יידן. ביי אונדז אין וואַגאָן האָבן זיי איין יידישע פֿרוי געפֿונען. מיר האָבן געזאָלט פֿאָרן קיין קראָקע, נאָר אַזוי ווי מ'האָט שוין אָנגעהויבן טייטן אויף אונדז, אַז מיר זענען יידישע, זענען מיר אַראָפּ אין טאַרנאָוו.

דאָרט האָבן מיר פֿאַרברענגט אַ טאָג און מיט אַ דראָזשקע געפֿאָרן קיין קראָקע. מיר האָבן געוווינט ביי דער באַבען. פֿון טאַטן איז געקומען אַ ידיעה, אַז ער איז אין לעמבערג. שפּעטער איז אַרויס אַ באַפֿעל, יידן זאָלן טראָגן אָפּצייכענונגען און טאָרן נישט פֿאָרן מיטן באַן אָדער טראַמוויי. שפּעטער איז געקומען די „אויסזידלונג". די מאַמע האָט באַקומען אַ פֿאַראָרדענונג זיך צו מעלדן צו דער „אויסזידלונג". זי איז נישט געגאַנגען. ווען ס'זענען געקומען פּוילישע פּאָליציאַנטן נאָך איר, האָט זי זיך באַהאַלטן הינטער אַ שאַפֿע. דעמאָלס האָט מען נאָך נישט אַזוי שטאַרק געזוכט.

מ'האָט אונדז געהייסן זיך איבערקלייבן אין געטאָ. די מאַמע האָט באַקומען אַרבעט אין „אָפּטימאַ" (שאָקאָלאַד־פֿאַבריק — נ. ג.). ווען ס'איז געווען די אַקציע, האָט די מאַמע נישט געקאָנט קריגן קיין שטעמפּל און האָט איבערגעקויפֿט אַ פּוילישן פּאָליציאַנט ביים טויער און ער האָט זי אַרויסגעלאָזט. די מאַמע איז געפֿאָרן קיין וויעליטשקע. מיך האָט זי באַהאַלטן צווישן קאַרטאָפֿל אין קעלער. אַ טאָג בין איך געווען דאָרט. דער פֿעטער האָט פֿאַר 16.000 זלאָטי געקויפֿט צוויי שטעמפּלען ביי די דייטשן. נאָך דער אַקציע האָט זיך די מאַמע צוריקגעקערט.

מ'האָט פֿאַרקלענערט די געטאָ און מיר האָבן זיך איבערגעקליבן. און ווידער איז געווען אַן אַקציע. ס'איז געווען אַ סעגרעגאַציע, מ'האָט דעמאָלס יעדן צענטן געשאָסן. די מאַמע איז געגאַנגען צו דער סעגרעגאַציע און איך מיט דער מומען האָבן זיך באַהאַלטן אין קאַנאַל. געלאָפֿן זענען דאָרט שטשורעס און מייז. מיר זענען געזעסן אויף אַ ברעטל. אַ טאָג זענען

מיר דאַ געזעסן. אין דער אַקציע האָט מען צוגענומען אַלע קינדער, וואָס מ'האָט געטראָפן.

איינמאָל האָט מיך אַ דייטש געזען אין גאַס און גענומען די ביקס מיך צו שיסן, אָבער איך בין אַנטלאָפן.

מ'האָט אויפגעשטעלט באַראַקן און אַריבערגעפירט אַהין מענטשן, אָבער נאָר אַרבעטנדיקע. דעמאָלס בין איך געגאַנגען צום קאָמיסאַר פון געטאָ, גוטטער, אים געזאָגט, אַז די מאַמע איז אין די באַראַקן און אַז איך בין אַלט דרייצן יאָר (אַלט געווען בין איך צען יאָר) און כ'וויל באַקומען אַרבעט. איך האָב באַקומען אַרבעט אין דער „פּאַפּיר־געמיינשאַפט". כ'האָב געמאַכט קאָפּערטעס, פון 6 פרי ביז 4 נ. מ. האָב איך געמוזט מאַכן 1000 שטיק. כ'האָב געמוזט טראָגן אַן אָפּצייכענונג און אַ בלעכל מיט אַ נומער און אַ לאַטע „צ" (ציוויל). איין חודש האָב איך געאַרבעט. אין פאַבריק האָט מען מיך געשיצט, ווען געט פלעגט קומען, האָט מען מיר אונטער־געלייגט פּאַפּיר אויפן שטול, כ'זאָל אויסזען העכער.

איינמאָל איז געקומען אַ הער און געזאָגט: „כ'האָב געהערט, אַז די פערטיגס (דער נאָמען פון מיין באַבע) האָבן באַקומען אַמעריקאַנער פּאַפּירן". איך בין געגאַנגען צום דאָקטאָר, געמאָלדן, אַז כ'האָב קאָפּווייטיק און געגאַנגען צו דער באַבען. אָבער פאַר אונדז זענען נאָך קיין פּאַ־פּירן נישט געווען. כ'האָב זיך געמוזט אויפן צווייטן טאָג אומקערן צו דער אַרבעט. נאָך פיר טעג האָבן מיר באַקומען פּאַפּירן, די מאַמע, די מו־מע, צוזאַמען ניין פּערזאָן. מיר האָבן שוין געקאָנט אַרומגיין אָן אָן אָפּ־צייכענונג און די מאַמע האָט געזוכט אַ דירה אויף דער „אַרישער זייט". ס'איז שווער געווען צו געפינען. איינמאָל איז געקומען אַ הער און גע־זאָגט, אַז די געטאָ איז אַרומגערינגלט, אַז די אַרבעטנדיקע דאַרפן זיך מעלדן אין די באַראַקן און אויסלענדער — אין אָ. ד. (אָרדענונגס־דינסט).

מענטשן האָבן אָנגעהויבן קומען צו אונדז, מיר זאָלן צונעמען זיי־ערע קינדער, אָבער מיר האָבן נישט געקאָנט און די מומע האָט אַפילו געמוזט איבערלאָזן איר פּלימעניק, ווייל מ'האָט איר נישט דערלויבט אים מיטצונעמען. יעדער האָט גענומען זיין וואַליזע און מיר זענען געגאַנגען אין אָ. ד. אויפן וועג איז געווען פיל פּעקלעך און קינדער, עופּהלעך — אַ געוויין און געשריי.

געט איז צוגעקומען צו אונדז (געווען זעקס פערזאָן און דריי קינ־דער), אויפגעהויבן די בייטש און אויסגערופן: „אַלע קינדער צוריק". די מאמע האָט געזאָגט, אז מיר זענען אויסלענדער און ער האָט א געשריי געטון:

„ווייטער געהען!". ארום און ארום שאָסן. די דייטשן האָבן גע־שמיסן מיט די בייטשן, כ'האָב שרעקלעך מורא געהאט.

אין אָ. ד. זענען מיר געווען אין זאַל, וווּ ס'האָבן זיך געפונען א צוואנציק אויסלענדער. מענטשן האָבן זיך געריסן אין אָ. ד., כדי זיך אויסבאהאַלטן. געקומען א דייטשע קאָנטראָל און געמאכט א סעלעקציע: אונגארן, רומענער און טשעכאָסלאָוואקן האָט מען ארויסגעשיקט. אונדז, זיבן מענטשן, האָט מען פארשלאָסן אין א צעלע, די מענער באזונדער. א באקענטער פון אָ. ד. האָט אונדז געטראָגן מיטאָגן. אויף צוויי שעה האָט מען אונדז ארויסגעלאָזט אויפן הויף.

איינמאָל זענען געקומען אַלע דייטשן פון דער פארוואלטונג און זיך געהייסן אָפּגעבן אַלע פּאַפּירן. ס'איז געווען א סעלעקציע, ווער עס דארף גיין אין די באראקן און ווער — בלייבן. דערווייל זענען די אוקראַינער אריין אין אונדזערע צעלעס און אַלע צוגענומען. צוויי שעה זענען מיר געשטאנען אויפן פראָסט, דערנאָך האָט מען אונדז צוריקגעלאָזט אין די קאמערן.

נאָך דריי וואָכן איז געקומען געט און געפרעגט: „צי האָט איר אמתע פּאַפּירן? וויפל האָט איר פאר זיי באצאָלט?" אוועק נאָך א וואָך און מיר האָבן געזאָלט ווערן באפרייט. מיר האָבן זיך באזעצט אין דארף לאגיעווי־ניקי. נאָך דריי וואָכן האָבן אונדז די פּאָליציאנטן פארנומען אויף מאָנ־טעלופּיך (א תפיסה אין קראָקע — נ. ג.).

ווידער האָט מען אונדז פארשלאָסן אין א קאמער, די פענסטער פארהאקט מיט אייזן אזוי, אז ס'איז קוים געווען עטוואָס לופט און כמעט אינגאנצן פינסטער. די ווענט פארשריבענע: „אין אויספלוג פון זאקאָפּאַנע קיין אָשוויענטשים צום טויט", „דער און דער פאָרט אין די אומבאקענט־קייט — מוטער, זיי געזונט". אַלע אויפשריפטן פון דעם מין.

צומאָרגנס האָט מען אונדז איבערגעפירט אין א קאמער, וווּ ס'זענען געווען אנדערע אויסלענדער. מ'האָט אונדז בכלל נישט געלאָזט ארויסגיין.

מ׳האָט אונדז געגעבן אויף פרישטיק און אָוונטברויט קאַווע, אויף מי־טאָג — א זופ, 300 גראם ברויט א טאָג און 20 גראם פוטער און א לעפל מאַרמעלאַד אויף א וואָך. דורך דער וואַנט האָבן מיר געהערט פאַרהערן, צי עמעצער איז נישט קיין יידיש קינד. בייַנאַכט שרעקלעכע געשרייען אין הויף, מ׳האָט געהייסן די אַרעסטירטע קריכן אויפן קאָקס און מוראַדיק געשלאָגן. אַן אוקראַינער האָט באַמערקט, אַז מיר קוקן, האָט ער געלאָזט פאַרקלעפּן די שפּאַרונע.

אָנפאַנג יולי 1943 האָט מען אונדז געשיקט אין לאַגער אין בערגען בעלזען.

(פּראָט. נומ. 837. פּראָטאָקאָלירט: אי. לאַוער, פון דער היסטאָרישער קאָמיסיע אין קראָקע).

.31

אין צוועלף תפיסות

ביזן מאָמענט פון אַרעסטירן האָט יואל ליטמאַן, א שניידערס א זון פון קאָזשעניץ, שוין אויך געהאַט עפּעס מיטגעמאַכט. ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן, געאַרבעט ביי פּויערים, איז געווען גע־מסרט, געטריבן פון אָרט צו אָרט, באַנדיטן האָבן דערשאָסן זיין ברודער און צום סוף אים אַליין אַרויסגעגעבן צו די דייטשע זשאַנדאַרן.

אַזוי איז ער אַריינגעפאַלן אין תפיסה.

ער האָט זיך אַן עצה געגעבן ווי ער האָט געקאָנט, שלעכט איז אָבער געווען, ווען „מיר האָבן נישט געוווסט ווי אַזוי זיך צופּאַסן צו די דאָרטיקע אומשטענדן, צ״ב אין האַמאָל. אַזוי ווי יואל איז אין משך פון א קורצער צייט געווען אין איבער א צענדליק תפיסות, איז באמת אים שווער געווען זיך צו אָריענ־טירן אין די נייע באַדינגונגען און דעריבער האָט ער אַזוי פיל געליטן.

נח גרים

כאראקטעריסטיש אין דעם פּראָטאָקאָל זענען די „פּארווייּ
לונגען" פון ארעסטאנטן און דער תפיסה־פּאָלקלאָר.
פון דעם פּראָטאָקאָל לאָזן מיר דורך דעם אָנהייב און פאר־
עפנטלעכן בלויז דעם טייל, וואָס איז נוגע די תפיסות.

די יידן, וואָס זענען צוזאמען מיט מיר געזעסן, האָבן געבעטן, מ'זאָל מיך נישט שלאָגן, ווייל איך בין א שוואכער. ביי דער ארבעט פלעגן די ארעסטירטע ווארפן אויף מיר לעדער, ווען כ'בין געגאנגען אין אָפּטריט, האָט מען מיך געוואָלט הרגענען. אזוי ווי די געטאָ אין ראדאָם האָט מען ליקווידירט נאָך דעם 5טן נאָוועמבער 1943, האָט דער קאָמענדאנט זיך באמיט, אז יידן זאָלן באקומען פעקלעך פון פוילישן רויטן קרייץ. איך איינער האָב קיין פעקלעך נישט באקומען, אָבער אנדערע האָבן זיך מיט מיר געטיילט. אין א פעקל איז געווען: צוויי קילאָ ברויט, אָנגעשניטענע מיט פוטער, איין קילאָ געקאָכטע קאשע, אייער, ציבעלע, קנאָבל. אזא פעקל האָט דער רויטער קרייץ צוגעשיקט יעדע וואָך.

צוזאמען מיט מיר איז געזעסן א קריגס־געפאנגענער, ווען אן אוקראינער האָט געהאט באשולדיקט, אז ער האָט אראָפּגעשאָסן א דייטשן פליער און אים פארפייניקט. צוויי יאָר איז ער שוין געזעסן. מ'האָט אים שוין געזאָלט שיסן, נאָר ער האָט געברענגט עדות און דער ענין איז אָפּ־געלייגט געוואָרן. אן אנדערער האָט באקומען זעקס יאָר ווייל ער האָט געהאט „ארישע" פאפירן. ער האָט זיך פארענטפערט, אז ער האָט נישט געוווסט וועגן פארבאָט צו פארלאָזן די געטאָ. דער פּראָקוראָר האָט גע־פאָדערט טויט־שטראָף, די ריכטער זענען מסכים געווען אָפּצולייגן דעם ענין. אן אנדערער ווידער איז געזעסן פאר וועלן שווארצן די אונגארישע גרענעץ.

אלע האָבן געארבעט פאר דער פירמע „באטא", ביי לעדער, געמאכט שיך און הילצערנע טרעפּקעס. מיך האָט מען דערפאר נישט געהרגעט, ווייל כ'האָב נאָך געהאט אן ענין אין „זאָנדערגעריכט". צום גליק בין איך נישט אריינגעפאלן אין די געשטאפּאָ. מ'האָט מיך באדארפט האָבן פארן משפּט פון ארעסטירטע באנדיטן. דער משפּט איז געווען באשטימט אויפן 23סטן דעצעמבער 1943. א יאָר בין איך געזעסן אין ראדאָם. דעם 8טן יולי 1944

האָט מען מיך ארויסגעפירט. לעצטנס איז די צאָל ארעסטירטע געווען 600. ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט, האָט מען אלע ארויסגעלאָזט. א טייל האָט מען געשיקט קיין אָשוויענטשים, 12 — געהרגעט אויפן אָרט, צווישן זיי איינעם פון מיין ענין. מיך און נאָך צוויי יידן האָט מען טראנס־פּאָרטירט קיין טשענסטאָכאָוו. דעם גרעסטן באנדיט האָט מען באפרייט. אונדז האָט מען פארלאָדן אין וואגאָנען פאר סחורה, געגעבן צו קילאָ ברויט, 100 גראם שפּעק. באגלייט האָבן אונדז אכט פּוילישע פּאָליציאנטן, דריי פּוילישע תפיסה־וועכטער און איין דייטשער זשאנדאר. אין וועג האָבן זיי אונדז מוראדיק געשלאָגן.

אין טשענסטאָכאָוו בין איך געווען אין איין קאמער מיט עלף פּאָ־ליאקן, וועלכע האָבן מיך שיקאנירט און געשלאָגן. אַ אוקראאינישער וואכ־מאן האָט מיך פארטיידיקט, ווייל ער האָט פיינט געהאט די פּאָליאקן און ווייל כ׳האָב גוט געארבעט. ער פלעגט מיר בסוד געבן פעקלעך פון רויטן קרייץ. איך האָב געמאכט פּאסיקלעך צו די הילצערנע שיך, 35 פּאָר א טאָג.

אין טשענסטאָכאָוו איז אויך געווען א פּוילישע פּאָליציי. כ׳האָב זיך דערוווּסט, אז ס׳זיצן נאָך עלף יידן פאר אנטלויפן פון געטאָ און שנייַ־דערס, וואָס האָבן געארבעט פאר דער געשטאַפּאָ.

מיר האָבן דאָ באקומען 250 גראם ברויט א טאָג, א האלבן ליטער זופּ. די יידן פלעגן מיר שיקן דורכן וועכטער ווייס ברויט און אייער. דריי מאָל אין טאָג האָט מען אונדז דערלויבט צו גיין אין אָפּטריט. געשלאָפן זענען מיר אויף שטרוי־זעק אויפן דיל. די קאמער איז געווען א פינסטערע. מיר זענען אויפגעשטאנען זייגער זעקס, זייגער זיבן איז געווען דער אפּעל. מיר פלעגן באקומען א צווייטן מיטאָג פון רויטן קרייץ: קאשע מיט ארבעס אָדער קארטאָפליעס. איינמאָל, ווען איך בין זייגער זיבן אָוונט געגאנגען אין אָפּטריט, האָבן מיך ראדאָמער פּאָליאקן געוואָלט ממיתן, נאָר א ייד האָט מיך פארטיידיקט.

נאָך א וואָך צייט, דעם 16טן יולי, האָט מען מיך פארקאָוועט אין קייטן און געפירט צום באן. מיר זענען געפאָרן מיט א פערזאָנען־צוג. מיר זענען געווען 80 פּאָליאקן און דריי ראדאָמער יידן. די גאנצע צייט האָבן מיר געמוזט שטיין און נישט געטאָרט צוגיין צום פענסטער. דער מער־סטער טייל פּאָליאקן איז געזעסן פאר האנדל און גנבה.

נ ח   ג ר י ס

מיר זענען געקומען קיין ווראָצלאוו. מיר זענען געלעגן אויף אַן אַס־פאַלט־דיל אין אַ קעלער, 80 מאַן אין איין קאַמער. אויף אונטערברויט האָבן מיר באַקומען 100 גראַם ברויט און קאַווע, אינדערפרי 150 גראַם ברויט מיט אַ האַלבן ליטער זופּ. די פענסטער זענען געווען פאַרמאַסקירטע, אין קעלער איז געווען זייער דושנע. די דייטשע וועכטער האָבן אונדז שטאַרק געפּייניקט, די פּאָליאַקן האָבן געציטערט פאַר זיי. פאַר באַגריסן נישט לויט אַלע כּללים פלעגן זיי שלאָגן און נישט געבן קיין מיטאָג. נאָר איין מאָל אַ טאָג האָט מען געמעגט גיין אין אָפּטריט.

דעם 23סטן אויגוסט 1944 האָט מען אונדז אויסגעטיילט קאַווע, 500 גראַם ברויט, פאַרקאָוועט אין קייטן און אַ 200 מאַן געפירט צום באַן. דאָ האָט מען אונדז אַריינגעזעצט צו 12 מאַן אין אַ קאַמער פון וואַגאָן־תּפיסה. שעהן לאַנג זענען מיר געשטאַנען אויף סטאַנציעס אין דער זון. אין די קאַמערן איז געווען שרעקלעך ענג און דושנע. זייער פיל האָבן געחלשט. מ׳האָט זיי אויף אַ פּאָר מינוט אַרויסגעטראָגן אין קאָרידאָר און צוריק אַריינגעטראָגן. ווען דער צוג האָט גערירט פון אָרט, בין איך צו צום פענסטער און אויסגעהאַקט אַ שויב. דערפאַר האָב איך שפּעטער באַקומען שמיץ אָנשטאַט ברויט, אָבער אַ דאַנק דעם האָבן מיר זיך אָפּגעראַטעוועט פון דערשטיקט צו ווערן. אַזוי זענען מיר דערפאָרן ביז ליפּציג.

די שטאָט איז געווען באָמבאַרדירט, קיין סטאַנציע איז בכלל נישט געווען. מ׳האָט אונדז געפירט אין אַ קאַמער.

ס׳איז געווען פאַרווערט צו רעדן. פאַר רעדן האָט מען נישט געגעבן קיין ברויט. אַזוי ווי די תּפיסה איז געווען פאַרניכטעט, האָט מען אונדז אַריינגעזעצט אין הילצערנע באַראַקן, צו 50 מאַן אין אַ באַראַק. ס׳איז געווען אויף דערשטיקט צו ווערן. צומאָרגנס האָט מען אונדז אויסגעבאָדן און געשמידט אין קייטן. מיר זענען געווען זייער שטרענג באַוואַכט. צו יעדע דריי פּאָר האָט מען צוגעשטעלט אַ וועכטער מיט אַ ביקס. צומאָרגנס זענען מיר געגאַנגען צום באַן (אַ 200 מאַן) און געפאָרן קיין דעסאַו.

דאָס איז אַ קליין שטעטל. מ׳האָט אונדז אַריינגעזעצט אין אַ שייער. דאָ זענען מיר געזעסן ברווחקדיק, אָבער צוויי טעג אָן עסן. שפּעטער האָבן מיר באַקומען 100 גראַם ברויט און אַ שטיקל ברויט מיט מאַרמעלאַד.

אחוץ די וואכלייט איז אויך געקומען די דייטשע קרימינאַל־פּאָליציי. מ׳האָט גענומען קאָנטראָלירן די רשימה. מ׳האָט מיך געפרעגט, צי איך בין א פּאָליאַק. איך האָב געענטפערט, אז איך בין פון פּוילן. אזוי ארום האָב איך קיין ליגן נישט געזאָגט און אויסגעמיטן צו זאָגן דעם אמת. צום גליק האָבן די פּאָליאַקן נישט פארשטאנען קיין דייטש.

די פּאָליאַקן האָבן זיך צו מיר גוט באַצויגן, באַדויערט, וואָס איך בין אַזא קליינער. זיי האָבן נישט געוווּסט, אז איך בין א ייד.

דאָ האָט געהערשט א שטרענגע דיסציפּלין. ווען מיר זענען געגאַנגען נאָך מיטאָג און באַגעגנט א וואכמאַן, האָבן מיר זיך געמוזט אויסדרייען צו דער וואַנט און נישט קוקן אויף אים. די אָרדענונג האָט אָפּגעהיט א וואכמאַן, וועמען מיר האָבן גערופן „דזשאַד" (אַלטער). דער עלטסטער פון קאַמער, וועמען מיר האָבן אויסגעוויילט, פלעגט מעלדן, אז אַלץ אין קאַמער איז אין אָרדענונג.

יעדער תּפיסהניק פלעגט זיך מעלדן: „אונטערזוכונגסגעפאַנגענער דער און דער באַשטראָפט דערפאַר און דערפאַר..."

דעם אָבעראַינספּעקטאָר האָבן מיר א נאָמען געגעבן „רעקס", ווייל ער איז ענלעך געווען צו זיין בולדאָג „רעקס".

איינער פון די תּפיסהניקעס האָט געהאַט דעם אמט פון א קאַלפאַקטאָר. ער האָט געהאַלטן אין אָרדענונג דעם קאָרידאָר, געטיילט מיטאָגן און געווען א מין „קאַפּאָ". א טייל פון זיי איז געווען פיל ערגער פון די וועכטער, פאַר א שטויבל פלעגן זיי שלאָגן. ברוּיט האָט אין אונדזער לשון געהייסן א „פיידקע", אויף זופּ האָבן מיר געזאָגט, אז דאָס וואַסער גייט, פּעקלעך האָבן געהייסן — וואַלוועקעס. יעדן ניי־געקומענעם האָבן מיר איינגעאָרדנט א „פּראָקוראָר". ווען אַלע זענען געשלאָפן, די פענסטער זענען געווען אין גאַנצן פאַרשטעלט, האָט דער, וואָס האָט געשפּילט דעם פּראָקוראָר, אַרויפגעלייגט אויפן קאָפּ א קאָץ, א שטיוול מיט כאָליעוועס צוגעלייגט צום מויל, זיך געשטעלט ביי דער טיר און מיט א פאַרענדערטער שטימע, ווייל דורך דער כאָליעווע, האָט ער אזוי ווי פון יענער זייט טיר גערופן דעם „גרינעם". ער ווידער איז שוין געווען צוגעגרייט, דורך די חברים, אז דער פּראָקוראָר דאַרף קומען און האָט זיך געפרייט, אז

מ'וועט אים אפשר באפרייען. דער פּראָקוראָר האָט געהייסן דעם קרבן אַרונטערקריכן אונטערן טיש, כדי ער זאָל גאָרנישט מערקן, אז דער „פּראָקוראָר" איז א תפיסהניק און געפינט זיך אין קאמער, נישט הינטער דער טיר.

ס'איז געפאלן די פראגע: „סארא בירגער ביסטו?". „אַן אונגאַרישער". „א ליגן". „ניין, הער פּראָקוראָר!"

„פאר שטראָף טרינק אוים די שאָל וואסער!" — זאָגט דער פּראָקוראָר און פרעגט ווייטער:

„צי האָסטו געהאט א כלה?"

— ניין" — ענטפערט דער תפיסהניק.

—„ א ליגן", איך ווייס, אז דו האָסט געהאט א כלה. צי ווילסטו אהיים פאָרן?"

— „יאָ".

— „כ'האָב געהערט, אז ביסט זיך שלעכט באגאנגען מיט מענטשן, האָסט זיי געשלאָגן" — זאָגט דער „פּראָקוראָר".

דער „קרבן" בעט זיך, מ'זאָל נישט לאכן, „ווייל דער הער פּראָקוראָר וועט אייך שלאָגן".

צום סוף זאָגט דער פּראָקוראָר: „וועסט באפרייט ווערן, מעלד זיך מאָרגן צום וואך־עלטסטן!"

דער עלטסטער האָט אָפּגעחוזקט און אים געהייסן לויפן מיט דער שיסל ארום דעם פּלאַץ און זינגען אונגארישע לידער.

עפּעס א וואונדערלעכער צופאל: מ'האָט דעם „נייעם" טאקע צומאָרגנס באפרייט און געשיקט קיין סקארזשיסקאָ.

אין אונדזער זשארגאָן האָט א רעצידיוויסט געהייסן „רעצידיוואַ", א זשאנדאר — „פסח", א וועכטער — דזשאד. איין שלעכטן וועכטער האָט מען גערופן „דער רויטער אָלעש", א צווייטן — „דער פעטער מיטן בעזעם". אויף היטלערן האָט מען געזאָגט „צוויי צווייערלייע — א פירער" אָדער „היטלמאכער". די יידישע פּאָליציי זענען געווען — יאמניקעס, ווייל זיי האָבן זיך אונטערגעלעקט (געחנפעט). די פּוילישע וואכלייט פלעגן זידלען מיט ווערטער: גנבים, „פּיעראָני."

די נעמען פון די פוילישע וועכטער פון ראדאָם זענען: קראשניצקי, יאנאָדזשינסקי, מאָנעלא, באָקענקאָ (אוקראאינער), מאלעצקי.

דעסאו איז אריבער אונטערן שוץ פון דער דייטשער פּאָליציי. די פּוילישע וועכטער האָט מען איבערגעפירט קיין וורָאצלאוו.

ווידער לייענט מען די רשימה. די פּאָליציאנטן, אין שטאָלענע קאסקן אויף די קעפּ. זיי האָבן נישט חושד געווען, אז צווישן די ארעסטירטע זאָל זיך געפינען א ייד. ס'איז געקומען צום נאָמען ליטמאן:

„וואס, איין יודע איסט נאָך היר?" — האָט איינער אויסגעשריען. ער האָט מיר געוואָלט א קאָפּע טון, נאָר כ'בין אנטלאָפן.

ווען מ'האָט אונדז געפירט צום באן, האָט מען אויף מיר געהאלטן אָן אויג און געזאָגט: „די יידן מוז מען אויסראָטן". זיי האָבן מיך גע־שלאָגן, זיך געטשעפּעט, אז איך גיי שלעכט. מ'האָט אונדז געבראַכט קיין מאגדעבורג אין א וואגאָן־תפיסה, צו 15 מאן אין א קאבינע.

א שווערע תפיסה דאָ געווען, טאָפּלטע קראטעס. אויף א גאנצן טאָג האָט מען אונדז געגעבן 150 גראם ברויט, אין קאָרידאָר האָט מען אונדז אויסגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואנט און אזוי זענען מיר געשטאנען דריי שעה. דערנאָך האָט מען אונדז אריינגעשפּארט 200 מאן אין א קאמער. און באלד האָט מען אונדז געפירט קיין האנאָווער און דאָ צע־טיילט: 80 מאן אין געריכט־תפיסה, 120 אין א פּאָליצייאישער. אין דער ערשטער איז דאָס עסן געווען נישט שלעכט: 400 גראם ברויט. מ'האָט נישט געוווסט, אז איך בין א ייד.

אין דער פּאָליציי־תפיסה האָט מען געגעבן בלויז 200 גראם ברויט. יעדער „דזשאד" האָט געהאט א גומי־שטעקן צום שלאָגן. א תפיסהניק האָט געמוזט שטיין אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער וואנט, אז נישט האָט מען געקראָגן קלעפּ.

מיר זענען געפאלן פון די פיס אויס הונגער. זופּ איז געווען וואסער מיט קרויט, אינדערפרי א ביסל קאווע, אין אָוונט — גאָרנישט.

דעם 29סטן אויגוסט האָט מען אונדז איבערגעפירט קיין האמ־מעלן. יידן באזונדער. זייגערלעך און אנדערע זאכן האָט מען צוגענומען אין מאגאזין אריין. מיר זענען געלעגן אויף שטרוי אין א קאָרידאָר. פון

דאָנען האָט מען אונדז אַריינגעפירט צו דריי אין אַ קאַמער. מיר האָבן נישט געוווּסט, ווי אַזוי זיך צופּאַסן צו יענער אָרדענונג. דער קאַלפּאַקטאָר האָט געהייסן רייבן דעם אַספּאַלט־דיל, ער זאָל גלאַנצן, די שיסל מיטן טעפּל אויסגלאַנצן מיט אַ ציגל. מיר האָבן נישט געוווּסט, ווי מען טוט עס. ס'איז געקומען דער וועכטער „טיגער", פעסטגעשטעלט, אַז ס'איז נישט, ווי עס דאַרף צו זיין און אונדז געשלאָגן.

איך בין געזעסן מיט איין דייטשן ציגיינער און איין פּאָליטישן דייטש. דערנאָך האָט מען מיך אַריינגעזעצט אין אַ באַזונדערער קאַמער. דעם גאַנצן טאָג האָב איך געקלעפּט בייטלען. ביים אַרויסגיין שפּאַצירן האָט אַ יעדער געמוזט שטיין ביי דער טיר פון זיין קאַמער מיטן פּנים צו דער וואַנט. אַ וועכטער האָט מען געמוזט באַגריסן אויסדרייענדיק צו אים דעם קאָפּ. בעתן שפּאַציר אין הויף האָבן מיר געמוזט לויפן ביז מ'איז געפאַלן פון די כּוחות. אַזוי ווי איך בין געווען שרעקלעך אויסגעמאַטערט, האָב איך געבעטן דעם וועכטער „מאָפּס", אַז איך זאָל מעגן אין דער צייט אויפראַמען דעם הויף. נאָך לאַנגע שהיות האָט ער מיר דערלויבט.

הגם זיי האָבן געוווּסט, אַז איך בין אַ ייד, האָבן זיי זיך צו מיר „ליטיש" באַצויגן. זיי האָבן מיר אָנגעטון אַ מגן־דוד, אַלע זאָלן וויסן, אַז איך בין אַ ייד.

דער וואַכמאַן פּלעגט אונדז דערלאַנגען איבערן פּנים און כּסדר בודק זיין, צי די נעצן און קראַטעס אין די פענסטער זענען גאַנץ. פאַר אַ שלעכט צוגעדעקט בעט — איבערן פּנים. די באַציאונג צו פּאָליאַקן און דייטשן איז געווען די זעלבע, צו יידן אַן ערגערע.

צוואַנציק מינוט אין טאָג אַ שפּאַציר, זייגער 7 אַפּעל, דערנאָך פרישטיק, קלעפּן בייטלען אין קאַמער, זייגער צוועלף — מיטאָג: קאַשע, קאַרטאָפל, אַרבעס. זייגער זיבן אָוונטברויט: 200 גראַם ברויט, 50 גראַם מאַרמעלאַד. די טאָג־נאָרמע האָט אויסגעמאַכט 300 בייטלען. דער קאַלפּאַקטאָר, אויך אַ תּפיסהניק, האָט געהאַט צו מאַכן 150 בייטלען. איך פּלעג געוויינלעך מאַכן אויך זיין חלק און דערפאַר באַקומען מער זופּ.

אַמאָל פּלעגט מען אונדז אַריינברענגען פּראָפּאַגאַנדע־בראָשורן: סאַטירעס אויף טשערטשילן, טשעמבערלענען, פאַרגעטערונג פון דער דייטשער אַרמיי, טראָפּייען, צוגענומענע ביי ענגלענדער אא"וו.

אין דער צווייטער קאמער איז געלעגן א פּאָליאַק, א בלינדער. דער „טיגער" פלעגט אים שלאָגן מיט דער גומי, ווייל ער האָט נישט פאַר־שטאַנען, וואָס מ'רעדט צו אים.

איך האָב געהאט רעוומאטיזם אין די פיס און נישט געקאָנט לויפן. „מאָפּס", דער 80-יאָריקער וועכטער, האָט נישט געקאָנט גיין, אָבער שמייסן פלעגט ער. ווער ס'איז צוגעגאנגען צו אים און נישט אראָפּגענו־מען דאָס היטל — האָט געקראָגן.

די קראַנקע פלעגן מוזן לויפן אין קליינעם קאָרידאָר, די געזונטע — אין גרויסן. ער האָט מיך נישט געוואָלט באפרייען, כאָטש כ'האָב געהאט רעוומאטיזם און זיך שלעכט געפילט. א דאָקטאָר — אויך א תפיסהניק, א פּאָליטישער, האָט מיך נישט געוואָלט באפרייען זאָגנדיק: „אַלע יודען שווינדעלן".

יעדע צוויי וואָכן האָבן מיר געהאט נייע וועכטער.

אין אפּריל 1945, ווען דער פראָנט האָט זיך דערנענטערט, האָט מען אונדז געהייסן ארויסגיין אויפן הויף. מ'האָט צוגענומען אלע אונדזערע זאכן און זיך געהייסן צוריקקערן אין די קאמערן.

מיר האָבן איבערגעלעבט אַן איבערפלי פון ענגלישע עראָפּלאַנען. מיר האָבן יעדן טאָג דערוואַרט אַן עוואקואציע. די שויבן פון די קאמערן זענען ארויסגעפאלן. די וועכטער האָבן נישט דערלויבט ארויסצוגיין שפּאַ־צירן, זיי זענען געווען מלא חימה און געשלאָגן אָן א פאַרוואָס.

א טייל האָט זיך געטרייסט, אז מיר וועלן גיין א היים.

צומאָרגנס האָבן כמעט אלע דייטשן באקומען אַן אמנעסטיע. פון 1000 פאַרשפּאַרטע זענען מיר געבליבן 400.

דעם 2טן אפּריל האָט מען אונדז פאַרזאמלט אין הויף, געגעבן 400 גראַם ברויט אויף 2 טעג. מיר האָבן געזאָלט פאָרן קיין האמבורג. נאָך זעקס טעג זענען מיר אָנגעקומען קיין שווערין. דאָס ברויט האָבן מיר באלד אויפגעגעסן און זעקס טעג האָבן מיר געהונגערט. די דייטשן האָבן אריינגעשליידערט א פּאָר רויע קאַרטאָפליעס אין די וואַגאָנען. אין משך פון די זעקס טעג זענען געשטאָרבן 220 מענטשן. אין שווערין האָבן די שטאַרקסטע געחלשט פאַר הונגער. מיר האָבן באקומען צו 200 גראַם

ברויט און מיט דעם פאַרפאָרן קיין ביצאָוו. א האַלבן טאָג זענען מיר געזעסן אויף דער סטאַנציע אָן ברויט. 100 מענטשן זענען געווען קראַנק, 80 האָבן זיך קוים געשלעפּט אויף די פיס. אין דריי שעה האָבן מיר געמאַכט דריי קילאָמעטער. קראַנקע האָט מען געפירט אויף וועגענער. מ'האָט אונדז איינגעזעצט אין א פאַרקראַטעוועטן תפיסה־באַראַק.

3/4 ליטער זופּ האָבן מיר באַקומען. אַלע זענען מיר געווען פאַרשמאַכט פון הונגער, שמוציק; מ'האָט אונדז נישט געלאָזט זיך באָדן.

מיין מגן־דוד האָב איך אראָפּגעריסן און מ'האָט נישט געוווּסט, צי איך בין א ייד. דער וועכטער האָט מיר געגעבן צו צערעוועון זיינע זאַכן און דערפאַר געגעבן א צווייט שטיקל ברויט. ער האָט נישט געוואָלט, איך זאָל צערעוועון אין באַראַק, ווייל דאָרט זענען געווען לייז, האָב איך עס געטון אין הויף. כ'האָב באַקומען נאָך טאָפּלטע זופּן. דאָס האָט באַמערקט א תפיסהניק און געמסרט, אז איך בין א ייד. מ'האָט אָנגעהויבן פרעגן, ווו איז מיין מגן־דוד. איך האָב זיך פאַרענטפערט, אז ס'איז מיר פאַרלוירן געגאַנגען דאָס אַלטע רעקל און כ'האָב באַקומען א נייס. כ'האָב אויך געזאָגט, אז איך בין א האַלבער ייד. דער וועכטער האָט אין כעס געשריען: „דו לויגסט!" (ביסט א ליגנער). ווייסנדיק, אז אין ביצאָוו זענען די פאַפּירן אונדזערע נישטאָ, האָב איך אים געזאָגט, ער זאָל נאָכקוקן. דער וועכטער האָט מיך אָבער געדראָט, אז אויב איך וועל נישט אויסזאָגן דעם אמת, ווו דער מגן־דוד איז, וועט ער מיך אריינזעצן אין פינסטערן שטראָף־קאַמער. דאָרט האָט מען באַקומען נאָר ברויט מיט וואַסער.

דער פראָנט האָט זיך טאַקע גענענטערט, אָבער מיר האָבן געדענקט, וואָס היטלער האָט געזאָגט, אז אויב ער וועט אפילו זייגער 12 פאַרשפּילן, וועט ער פינף מינוט פאַר דעם אויסמאָרדן אַלע יידן, און כ'האָב מיט א פּאָליאַק באַשלאָסן צו אַנטלויפן.

דער פּאָליאַק האָט אָנגעהויבן צו מאַכן א לאָך אין באַראַק. דער קאַלעפאַקטאָר, א דייטש, האָט באַמערקט און ארויסגעגעבן דעם פּאָליאַק, וועלכער האָט באַקומען א פינסטערע קאַמער.

איך האָב ווייטער געטראַכט וועגן אַנטלויפן. דאָ איז שלעכט געווען

מיט עסן: 180 גר. ברויט, 3/4 ליטער זופּ (וואסער מיט ריבן, אָן זאַלץ). מיר האָבן נישט געארבעט און מ׳האָט אונדז זייער שטרענג געהיט.

פון יאנואר ביז מאי זענען מיר געווען נישט געבאָדענע און נישט געביטן אין דער צייט די וועש.

דעם 2טן מאי האָבן מיר זיך דערוווסט, אז היטלער לעבט נישט.

ס׳האָט געהערשט א דעזיינטעריע (120 קרבנות), מיר זענען געווען אָן דאָקטוירים, נאָר קוילן־פּראָשקעס האָבן מיר געהאט. געלעגן זענען מיר אויף שטרוי אין אן אמאָליקער שטאָל. דאָ זענען געווען פּאָליאַקן, טשעכן, דייטשן, היטלעריסטן, וואָס זענען געזעסן פאר גנבות. זיי האָבן מיר כסדר געדראָט: אזוי פיל דייטשן לעבן נישט און דער ייד דארף לעבן — א טויט אים. אָבער זיי האָבן נישט געוואגט.

פאר הונגער האָבן מיר געגעסן רויע קראָפּיווע און גראָז. די דייטשן האָבן דאָס פארווערט, מורא האָבנדיק פאר אַן עפּידעמיע. ווען מ׳האָט אונדז צום סוף באפרייט, זענען ניינציק געלעגן קראנק און דרייסיק האָט מען געמוזט פירן, ווייל מיט אייגענע כוחות זענען זיי נישט אימשטאנד געווען צו גיין, אזוי אויסגעשעפּטש זענען זיי געווען.

(פּראָטאָקאָל נומער 617. פּראָטאָקאָלירט: בלאנקא לעווין, פון דער היסט. קאָמיסיע אין לובלין).

נעמען פון שטעט און שטעטלעך

וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם בוך

אדראמאָוו — 248, 249.
אָטוואָצק — 38.
איידעלסדאָרף — 265.
אָסטראָוויעץ — 146.
ארגענאָו — 225.
אָשוויענטשים — 11, 80, 82, 140, 146, 165, 197, 222, 227, 232, 233, 236, 251, 254, 260, 262, 270, 273.

באָכניע — 259.
באָנטשקאָוו — 259.
באָריסלאָוו — 151, 159, 163.
בארקי וויעלקיע — 174, 176.
בוכענוואלד — 239, 246, 250, 251, 252, 253, 254.
בוטשאטש (ביטשוטש) — 173, 174, 175, 176, 177, 178.
בולדורי — 172.
בזשוכאָוויץ — 190.
בזשעסקאָ — 260.
ביאַליסטאָק — 80, 81, 82, 226.
בידגאָשטש — 226.
ביצאָוו — 280.
בירקענאו — 204, 208, 222, 232, 263, 264.
ביטענפעלד — 247.
בלעכהאמער — 265.
בעלזשיץ — 57, 142, 150, 153, 168, 174, 183, 187, 190, 191, 198, 259.
בענדין — 137.
בערגען־בעלזען — 34, 271.
בערלין — 251, 267.
בערעסטעטשקאָ — 172.
בראָד — 166, 167, 168, 169, 172.
ברינניץ — 234, 236.
ברינליץ — 231.

גאָלדבערג — 223.
גליוויץ — 263, 264, 265, 266.
גראָכאָוו — 89, 90.
גראָכאָוויעץ — 79.
גראָס־ראָזען — 197, 231.

דאכאו — 206, 208, 213.
דאכנאָוו — 98.
דובנע — 172.
דעמביצע — 260.
דעמבלין — 249, 252.
דעסאו — 274, 277.
דערעזשיצע — 157.
דראָהאָביטש — 102, 151, 163.
דרעווניצע — 88.

האמבורג — 279.
האמאָל — 271, 277.
האנאָווער — 277.
האָראָדענקע — 148, 150, 179, 180, 181, 182, 185.

וואָדאָוויצע — 92.
וואָלא באָזשעסקא — 248.
ווארשע — 34, 40, 48, 51, 89, 95, 109, 110, 120, 126, 131, 132, 203, 215, 239, 242, 247.
וויטאנאָוויצע — 92.
וויטשורקי — 123, 124.
ווילנע — 14.
וויעליטשקע — 248.
וולאָצלאוועק — 49.
ווראָצלאוו — 265, 274, 277.

זאבלאָטשע — 231.
זאטשזשעביע — 329.
זאלוזשע — 97.
זאלווין — 95.
זאקאָפּאנע — 270.
זאקסענהאוזען — 197.
זבאראזש — 56, 178.
זלאָטשאָוו — 200.
זעלאָוו — 17.
זשאָלקיעוו — 190, 191.
זשעלאנקא — 132.
זשעשאָוו (ריישע) — 172.

טאטארי — 75.
טארנאָוו — 267, 268.
טארנאָפּאָל — 174.
טלוסטע — 148, 150, 182, 183, 184.
טערעזיענשטאט — 81.
טראווניקי — 203.
טשאָרטקאָוו — 184.

טשענסטאָכאָוו — 47, 51, 239, 246, 250, 252, 266, 273.
טשערנאָוויץ — 185.
יאגעלניצע — 185.

יאוואָזשנא — 265.
יאווישאָוויץ — 263.
יאסלאָ — 160.
יאראָסלאוו — 172, 267.

כאָזשאָוו — 80, 126, 130, 138, 201.
כזשאנאָוו — 227.
כעלם — 237, 258.

לאגיעווניקי — 270.
לאָדזש — 18, 25, 32, 40, 49, 52, 88, 178, 203, 204, 205, 214, 215, 223.
לאנגענבילאו (ביעליאווא) — 228, 229.
לאנצוט — 104.
לובלין — 13, 75, 82, 103, 125, 215, 243, 244, 245, 248, 263.
ליובאטשאָוו — 97, 98, 100, 101.
ליסאוויעץ — 185.
לייפּציג — 274.
לעמבערג — 101, 104, 141, 143, 164, 175, 178, 183, 186, 191, 214, 220, 251, 268.

מאגדעבורג — 277.
מאטהאוזען — 256.
מאידאנעק — 13, 58, 203, 218, 238, 239, 243, 244, 245.
מאלהאָף — 223.

נאָוואָגרודעק — 85.
ניעפּאָלאָמיץ — 259.

סאנדאָמיעזש — 172.
סאסאָוו — 168, 170.
סאָסנאָוויעץ — 226.
סוליעיאָוו — 246.
סוויזש — 199.
סטאניסלאוואָוו — 181, 185.
סעמאקאָוויעץ — 149.
סערניק — 85.
סקארזשיסקא קאמיעננא — 87, 238, 276.

באָדלאָווא — 96.
פּאָנאר — 14, 15, 16.
פּאָניאטאָוו — 243.
פּויזן — 20, 205, 207, 208, 223.
פּוסטקאָוו — 260, 261, 262.
פּזשיפּקאָוו — 242.
פּזשעוואָרסק — 172.
פּזשעמישל — 77, 78, 79, 133.
פּזשעמישליאני — 198.
פּלאָשאָוו — 161, 230, 232, 234, 236.
פּרוזשאנע — 69.

פאָלווארקי — 167.
פליסבערג — 254.

קאָוונע — 104, 105.
קאטאָוויץ — 86.
קאָזשעניץ — 271.

קאָלאָמיי — 150, 181, 182.
קאמינקע — 82, 83.
קאָנסקע — 205.
קאראָלאָווקא — 184, 185.
קוראוויצע — 199.
קעמניץ — 256.
קראָקע — 34, 86, 92, 151, 172, 185, 194, 195, 223, 226, 229, 231, 234, 258, 264, 265, 266, 267, 268.
קראשטשענק — 199.
קראשניק — 251.

ראדאָם — 272, 277.
ראדזיעכאָוו — 172.
ראווא־רוסקא — 97.
ראָוונע — 84.
ראווענסבריק — 223.
ראקאָוו — 251, 252.
ריקי — 249.
רייסקא — 222, 223.
רעיאָוויעץ — 238.

שאולים — 224.
שווערין — 279.
שטוטהאָף — 224, 225, 226.
שטעטין — 223.
שטראספורט — 247.
שעבניע — 260.

פרעסע שטימען וועגן:

דאָס פּוילישע יידנטום

ביבער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

אהרן צייטלין שרייבט וועגן מ. נודעלמאַנס בוך „געלעכטער דורך טרערן" („מאָרגן־זשורנאַל", ניו־יאָרק, דעם 27סטן אַפּריל 1947):

„ווי אומגלויבלעך עס זאָל נישט זיין, ווי אויסטערליש עס זאָל נישט קלינגען, — שרייבט מ. נודעלמאַן אין זיין ניי־דערשינען בוך „געלעכטער דורך טרערן", — איז עס דאָך א פאַקט, אַז אין די שווערסטע טעג, וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט אין די געטאָס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן, איז ביי א גרויסן טייל יידן דער חוש פאַר הומאָר נישט פאַרשוונדן. פאַרקערט, דווקא אין די חושכדיקע טעג, אין די טעג פון אַקציעס און כאַפּערייען, אין מאָמענטן, ווען דער מלאך־המות איז שוין געשטאַנען אויף דער שוועל און פון לעבן ביזן טויט איז געווען נישט מער ווי איין שריט, — דווקא דעמאָלט האָבן א גלייכווערטל, א וויץ, א זאָגעכץ אויפגעהייטערט און געווירקט ווי אַן איינשפּריצונג. עס האָט געשטאַרקט דעם אָפּטימיזם"...

נודעלמאַנס „געלעכטער דורך טרערן" איז שוין דאָס צענטע בוך אין דער אויסגעצייכנטער סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס דער צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע גיט אַרויס אונטער דער רעדאַקציע פון זיין אַקטיוון, פּעאיקן און ענערגישן פּרעזידענט, מיין פריינט און רעדאַקציע־קאָלעגע פון וואַרשע נאָך — מאַרק טורקאָוו. טורקאָוו און דער פאַרבאַנד טוען א גרויסע אַרבעט. די ביכער פון דעם פאַרלאַג האָבן א בלייבעוודיקע היסטאָריש־דאָקומענטאַרישע חשיבות. דאָס זענען ווערק אָדער וועגן חורבן פּוילן, אָדער וועגן תקופות אין לעבן פון פּוילישן יידנטום (פון פּראָפעסאָר באַלאַבאַנס „יידן־שטאָט לובלין". דורך אלחנן צייטלינס „אין א ליטעראַרישער שטוב" ביז ז. סעגאַלאָוויטשעס "טלאָמאַצקע 13"). און אויב איך שטעל זיך דאָ אָפּ גראַד אויף נודעלמאַנס בוך, איז עס דערפאַר, ווייל עס ווילט זיך זאָגן א פּאָר ווערטער וועגן ענין געטאָ־אָפּטימיזם.

„יידן האָבן אין געטאָ אויך געלאַכט", — אַזוי הייסט דער פּעליעטאָן, וואָס פון אים האָב איך ציטירט די אויבן־געבראַכטע פאַרזאַצן. מ. נודעלמאַן, וואָס דער שרייבער פון די שורות האָט מיט אים יאָרנלאַנג געאַרבעט ביי איין רעדאַקציע־טיש אין וואַרשע (ווו נעמט מען יענע יאָרן?), איז א הומאָריסט און ער האָט א סך געשריבן סיי פאַר דער פּרעסע, סיי פאַר דער יידישער קליין־קונסט־עסטראַדע. איז ער א גוטער עדות פאַר דעם גאַלגען־הומאָר פונעם געטאָ און נישט נאָר פונעם געטאָ אַליין. ער האָט זיך אַליין געבראָטן אין דעם גיהנום פון די לעצטע יאָרן און ער אַליין איז געוואָרן דער גאַלגען־הומאָריסט פון דעם נאָך־מלחמהדיקן, נאָך־חורבנדיקן פּוילישן ייד.

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום טראגישן הומאָר פון די מלחמה און געטאָ־יאָרן. נודעלמאַן דערציילט אונדז, צווישן אנדערע זאכן, אז „עס איז געווען א ספּעציעלע קאטעגאָריע נקמה־וויצן". און נודעלמאַן טייטשט עס אויס: „יידן זענען געווען אומבאהאָלפן צו נעמען נקמה מיט געווער אין די הענט, — האָט מען אויסגעלאָדן די נקמה מיט וויץ־געווער. אויב נישט מיט גראנאטן, האָט מען מיט וויצן געוואָלט אוועקלייגן דעם דייטש אויף ביידע לאָפּאטקעס".

אָט דאָ קום איך צום עיקר פון דעם, וואָס עס ווילט זיך מיר זאָגן וועגן יענעם אָפּטימיזם אונזערן, וואָס אי עס איז דאָ אין אים גרויסקייט, אי ער איז, —לאָמיר זאָגן אָפן, — א שטיק פון אונדזער נאַציאָנאלן אומגליק.

אין וואַרשעווער געטאָ האָט מען, ווי נודעלמאַן דערציילט אונדז, געזונגען לידער (ער באמערקט: „פארשטייט זיך, שטרענג געהיים") וועגן היטלערס קומענדיקער מפּלה. אָט איז א ציטאטע פון אזא ליד:

„מיר וועלן צוזאמען נאָך —

אָרעם ביי אָרעם — אם ירצה השם טאנצן אויף דייטשישע קברים".

אָט אזוי האָט מען זיך געטרייסט מיט פּאַסיוון בטחון. ערשט דער אקטיווער צוגאנג פון די אויפשטאנד־העלדן האָט געוויזן, וואָס דאָס הייסט, ווען מען לעבט זיך נישט אויס — ווען מען לעבט זיך נישט אויס אין נקמה־וויצן (ווי מ. נודעלמאַן באצייכנט אזוי ריכטיק און שארף א ספּעציעלע קאטעגאָריע פונעם געטאָ־הומאָר), נאָר מען טוט טאקע אלץ צו גראָבן קברים פארן שונא בפּועל־ממש און ווען מען באצאָלט דעם שרץ־טמא בפּועל ממש פארן אומשולדיקן בלוט פון קינדער, ברידער, שוועסטער, עלטערן.

די העלדן פון וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאנד האָבן מיט זייערע מעשים ליקווידירט די נקמה־וויצן. זיי האָבן נישט נקמה גענומען מיט א וויץ און מיט א ווונטש, כידוע.

פירט עס ארויף אויפן געדאנק, אז אונדזער נאציאָנאלער אָפּטימיזם מוז ווערן אקטיוו. פּאסיווער גלות־אָפּטימיזם פארגרעסערט נאָר אונדזער בראָך. היטלערס ארבעט ווערט פאָרגעזעצט אויף פארשידענע אופנים און מען מוז ראטעווען די

שארית־ישראל. אפילו יענע יידן, וואָס זענען איצט פּאסיוו־בטחונדיק און מיינען, אז זיי זענען זיכער און באוואָרנט, זענען נישט באוואָרנט און נישט זיכער. א ייד איז קיינמאָל —קיינמאָל און אין ערגעץ— נישט באוואָרנט, און דערפאר שטעקט נאָך אויך איצט א סכנה אין יענעם בטחון, וואָס זינגט שטילערהייט, אז דער שונא זאָל נישט דערהערן: „מיר וועלן צוזאמען נאָך אָרעם ביי אָרעם אם ירצה השם טאנצן אויף שונאימס קברים". ראטעווען קען אונדז נאָר א בטחון, וואָס ווערט אויסגעדריקט נישט אין פארלאָזן זיך אויף נסים („אין סומכין על הנס"), נאָר אין מעשים

פון רעטונג און ווידערשטאנד, אין מעשים פון אמתן קאמף. מיר ווילן מער נישט לאכן אין געטאָם — מיר ווילן נישט לאכן מיט בלוט — מיר ווילן לאכן פון שונאים ווי פרייע מענטשן פון א פריי פאָלק און מיר ווילן נישט יוצא זיין נישט מיט נקמה־וויצן און נישט מיט נקמה־ליטעראטור.

מיר האָבן היינט א צווייטן, א נייעם סאָרט בטחון — אַן אקטיוון. איך האָב עס אמאָל געשריבן און איך חזר עס איבער: ס'האָט געפּלאַצט די צוויי טויזנט יעריקע געדולד. דאָס מיינט — מיט אנדערע ווערטער — אז עס האָט געפּלאַצט דער ערשטער סאָרט בטחון: דער פּאסיווער.

מיר האָבן פּאָרט עפּעס געלערנט פון מאידאנעק.

די, וואָס ווילן אויך פון מאידאנעק נישט לערנען, פארשטייען נישט, אז זיי מאכן מעגלעך — ווייטערדיקע מאידאנעקס...

ווענן אַלע ענינים, וואָס האָבן א שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" זיך ווענדן:

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina
Pueyrredón 667 Buenos Aires

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
20סטן מאי 1947 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ אַ ן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47-7752 - בוענאָס איירעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 20 de Mayo de 1947 en los
Talleres Gráficos HEUMAN,
Pasteur 333. Tel. 47-7752 - Bs. Aires